This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

6 1985

היימלאַנד

באם אייביקן פײַער

קוק זיך אײַן אינעם אייביקן פײַער
ווי עס וויכערט, ווי ס'ווערט גאָר ניט מיד.
אַלץ אין לעבן, וואָס ליב איז און טײַער,
אזוי ליכטיק צעשײַנט זיך דערמיט:

סײַ דאָס היימלאנד, וואָס גאנץ איז געבליבן
און דעם בלוטיקן סוינע פאריאָגט,
סײַ דײַן אייגענע היים, סײַ דײַן ליבע,
סײַ די שײַן פונעם הײַנטיקן טאָג.

ווי עס וויגט זיך דאָס פײַער, ווי ס'וויכערט,
ווי עס רײַסט זיך — אָט פליט עס אוועק...

עס איז גאָרניט פארגעסן. ביסט זיכער:
דאָ הייבט אָן זיך דער אייביקער וועג.

ס'בליצט סײַ טרויער, סײַ פרייד אין די פלאמען,
און די שטילקײַט דאָ קיינער פאראט.
ס'פאלט א הייליקע טרער פון דער מאמען
אפן קייווער, ווו ס'רוט איר סאָלדאט.

שטייט די אייביקײַט דאָ באם צוקאָפּנס,
באם צופוסנס די אייביקײַט אויך.
דער געלײַטערטער רום פון ניצאָכן
אינעם פײַער דעם אייביקן לויכט.

בוזי מילער

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״
מאָסקווע

6
יוני
1985

אינהאַלט

צום 800־יאָריקן יובילײ פונעם גענ׳אלן רוסישן עפּאָס. **דאָס געזאַנג וועגן איגאָרס כאַ׳ל** 3

פובליציסטיק. **אלעקסאנדער ניעמאָוו. נײַן טעג אין מײַ** 16

סאָלאָמאָן ווערכאָווסקי. אומשטערבלעכקײַט . 21

שמועל גאָרדאָן. יאָרשים (ראָמאַן. פאָרזעצונג) . . 30

באָריס מאַגילנער. צום זון (לידער) 81

יעכיעל שרײַבמאַן. אוזבעקיסטאַן־42 און אנד. דער־ציילונגען 83

לעוו בערינסקי. מיט צעעפנטע אויגן (לידער) . . 104

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. **מוישע נאַדיר** (1885 — 1943). **צווייערליי מאָראַלן און אנד. דערציילונגען** . . 109

אלטער קאַציזנע (1885—1941). **אוילעם־האַטויע** . 119

נײַע איבערזעצונגען. **געאָרגי גוליא. וואָס עס האָבן מיר דערציילט מײַנע פרײַנט** (סקיצעס) 134

ליטעראַטור־קריטיק, ביבליאָגראַפיע, פראַגן פון קונסט.

זאַלמען ליבינזאָן. דיכטונג פון מוט און וויי . 146

פובליציסטיק. **גריגאָרי באָנדאַרעווסקי. דער עמעס וועגן די געהיימע פאַרבינדונגען פון פּשא מיטן קריגערישן ייִסראָעל** 156

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 170

פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש 171

רעזיומע (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (**שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר**),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
א. טווערסקאָי,
נאַטע לוריע, ב. מאַגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער,
י. שוסטער (**פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר**). י. שרײַבמאַן

דאָס געזאַנג וועגן איגאָרס כאַיִל

צי וואָלט ניט רעכט געווען אונדז,
ברידער,
אָנהייבן מיט אַלטע ווערטער
פון געשיכטעס העלדישע,
וועגן כאַיִל וועגן איגאָרס, —
איגאָר סוויאַטאָסלאַוויטשעס?

און זיך אָנהייבן זאָל דאָס געזאַנג
לויט געשעענעס פון אונדזער צײַט
און ניט לויט אויסדאַכט פון באַיאַנען.

באַיאַן דער וואַרזעער —
האָט ער עמעצן געוואָלט שאַפן א געזאַנג,
איז מיט געדאַנק
צעשפּרייט זיך איבער בוים,
ווי א גרויער וואָלף איבער דער ערד,
ווי א זילבער־אָדלער אונטער וואָלקן,
און דערמאָנט,
און דערציילט
וועגן קריגן פאַרצײַטיקע.

ארויסגעלאָזט דאַן
פלינקע סאָקאָלן צען
אף א טשערעדע שוואַנען,
און וועלכן דעריאָגט —
דער פאַרויס האָט א ליד געזונגען:
דעם אַלטן יאַראָסלאַוו,
דעם מוטיקן מסטיסלאַוו,
וואָס האָט פאַרשניטן רעדעדיען
פאַר די מאַכנעס די קאָסאָגער,
דעם שיינעם ראָמאַן סוויאַטאָסלאַוויטשן.

באַיאַן אָבער,
ברידער,
ניט צען סאָקאָלן
פלעגט ארויסלאָזן
אף א טשערעדע שוואַנען,
נאָר די קלוגע פינגער זײַנע
אָן די לעבעדיקע סטרונעס אָנגערירט —
און אַליין די סטרונעס האָבן
די פירשטן
ליבגעזאַנג
געזונגען.

איז לאָמיר, ברידער,
אָט די געשיכטע אָנהייבן
פון אַמאָליקן וולאַדימירן
ביז איצטערדיקן איגאָרן,
וואָס האָט דעם סייכל אָנגעגורט
מיט פעסטקײַט זײַנער,

און אויסגעשלײַפֿט זײַן האַרץ
מיט מוטיקײַט;
מיט קריגערישן גײַסט זיך אַנגענומען
און אוועקגעפֿירט זײַן העלדיש כאַיל
קעגן לאַנד דעם פּאָלאָוועצער,
פֿאַרן לאַנד דעם רוסישן.

האָט דעמאָלט א קוק געטאָן איגאָר
אַף דער ליכטיקער זון
און דערזען:
פֿון איר איז מיט כוישעך
זײַן כאַיל דאָס גאַנצע פֿאַרדעקט.
האָט איגאָר צו זײַן דרוזשינע געזאָגט:
„ברידער און דרוזשינע!
בעסער שוין דערהאַרגעט זײַן,
איידער אונדז געפֿאַנגען זײַן.
איז געזעצט זיך, ברידער,
אַף אונדזערע הייסע פֿערד,
און לאָמיר א קוק טאָן
דעם בלויען דאָן!”

דעם געדאַנק באַם פֿירשט
האָט צעהיצט א פֿאַרלאַנג,
דעם צייכן האָט אים פֿאַרנעפּלט
די גלוסט
צו פֿאַרזוכן דעם גרויסן דאָן.

„איך וויל, —
האָט איגאָר געזאָגט, —
איבערברעכן מײַן שפּיז
בא דעם ראַנד פֿונעם פֿעלד פּאָלאָוועצער.
איך וויל מיט אײַך, רוסן,
אָדער לייגן מײַן קאָפּ,
אָדער אָנטרינקען זיך מיטן העלם
פֿון דאָן”.

אָ, באַיאַן,
סאָלאָווי פֿאַרצײַטיקער,
אַט ווען דו
יענע שלאַכטן
באַזינגסט,
שפּרינגענדיק, סאָלאָווי,
איבערן געדאַנקען-בוים,
שוועבנדיק מיטן פֿאַרשטאַנד
אַזש אונטער די וואָלקנס,
פֿאַרפֿלעכטנדיק אין רום
ביידע פּעדעם —
פֿון פֿאַרגאַנגענעם
און פֿונעם איצטיקן;
נישטערנדיק אַף די שטעגן פֿון טראַיאַנען
אריבער פֿעלדער
און אַף בערג, —
וואָלט מען זינגען

אַט אזוי דאָס געזאַנג
אויף איגאָרן,
אָליעגס אייניקל:

„ניט קיין שטורעם
האָט פֿאַרטראָגן סאָקאָלן
הינטער פֿעלדער ברייטע.
קראָען לויפֿן שאַרעסווײַז
צו דעם דאָן דעם גרויסן”.

אָדער עפּשער גאָר אזוי
אים באַדאַרף באַזינגען,
אָ, דו, וואַרזעער באַיאַן,
קינדס קינד פֿון וועלעסן:
„הינטער סולאַ הירזשען פֿערד,
ס'קלינגט דער רום אין קיִעוו,
טרומייטן שאַלן אין נאָווגאָראָד,
פֿאָנען שטייען אין פּוטיוול.
איגאָר וואַרט אַף ווסעוואָלאָדן,
אַף זײַן ליבן ברודער”.

און געזאָגט האָט אים
דער גוואַר דער הייסער ווסעוואָלאָד:
„ביסט איין ברודער,
ביסט איין ליכטיקע שײַן
בא מיר, איגאָר!
ביידע זײַנען מיר
פֿון סוויאַטאָסלאַוס געבוירן!

זאָטל, ברודער, אָן
דײַנע הייסע פֿערד,
און מײַנע שטייען גרייט
אָנגעזאָטלטע לעם קורסק
נאָך פֿון פֿריִער.

און מײַנע — די קורסקער —
זײַנען קריגער געניטע,
אונטער טרומייטן
מע האָט זיי געוויקלט;
אונטער די העלמען
געוויגט און געכאָוועט;
פֿון די שפּיץ-שפּיזן
מע האָט זיי געהאָדעוועט.
זיי קענען די וועגן,
זיי ווייסן די טאָלן,
זיי האלטן די בויגנס
גרייט אָנגעצויגן,
און אָפֿן בא זיי איז
פֿון פֿײַלן די שייד.
די שווערדן — געשלײַפֿטע,
און זיי אליין שפּרינגען,
ווי די גרויע וועלף אין פֿעלד,

זוכנדיק ערע
פאר זיך
און רום
פארן פירשט".

ארײַן איז פירשט איגאָר
אין דער גאָלדענער סטרעמענע דאָן
און אוועקגעלאָזט זיך
איבער פעלד איבער פרײַען.
די זון איז מיט כוישעך
דעם וועג אים פארלאָפן.
די נאכט מיט געקרעכץ פון געוויטער
געוועקט האָט די פייגל...
פון כײַעס א ווילדער געפײַף!
פון שפיץ בוים שרײַט דער דיוו,
ער גיט צו וויסן
דער ערד, דער פרעמדער,
די וואָלגע און דעם לאנד באם יאם,
דעם לאנד, וואָס בא סולא דעם טײַך,
און סוראָזש
און קאָרסון
און דיר —
טמוטאָראקאנער געץ!

און די פאָלאָווצעס
מיט וועגן, ניט באטראָטענע,
אוועקגעלאָפן זײַנען
צו דעם דאָן דעם גרויסן.
די וועגענער אין האלבער נאכט —
זיי ליארעמען,
ווי שוואנען אָנגעשראָקענע.
איגאָר זײַנע קריגער פירט צום דאָן.
און די פייגלען אף די דעמבעס
פאשען שוין זײַן אומגליק;
וועלף איבער די יארן
וואָיען — גאָר אן איימע.
מיט געשריי די אָדלערס רופן
כײַעס אף די ביינער.
פוקסן בילן אף די רויטע פאנצערס.
אָ, מײַן רוסיש לאנד!
דו ביסט שוין הינטערן קורגאן.

לאנג די נאכט אין כוישעך,
באגינען-שײַן האָט זיך צעפלאמט.
א נעפל באדעקט האָט די פעלדער,
אנשלאָפן געוואָרן
פון סאָלאָוויי דאָס געזאנג.
דערוואכט האָט געפילדער פון קראָען.
די רוסן
מיט רויטע פאנצער-שילדן
פארצוימט האָבן ריזיקע פעלדער,
זוכנדיק ערע
פאר זיך
און רום
פארן פירשט.

אום פרײַטיק פון סאמע באגינען
צעטראָגן זיי האָבן די אומריינע
די פאָלאָווצער כאיאָלעס;
איבער פעלדער זיך צעשאָטן, ווי פײַלן,
און יאָגן גענומען
די שיינע פאָלאָווצער מיידן,
און מיט זיי אויך גאָלד און בראָקאטן
און טײַערע סאמעטן.
מיט דעקעס, מיט מאנטלען און פעלצן
און בגאָדים אלערליי פאָלאָווצער
גענומען בריקן שפרייטן
איבער בלאָטעס און זומפיקע ערטער.

רויט — די פאָן,
ווײַס — דער פלאג,
צונטער-רויט דאָס העלצל,
און דאָס זילבער-הענטל פון דער שפיז —
פארן דרייסטן סוויאטאָסלאוויטשן!

דרעמלט אײַן אין פעלד
אָליעגס גיבוירים-נעסט,
ווײַט איז זי פארפלויגן.
אף דער וועלט איז זי געבוירן
ניט אף לײַדן קריוודעס
פון קיין סאָקאָל,
פון קיין שפארבער,
און אוודע ניט פון דיר,
שווארצער ראָב, —
פאָלאָווטשאנער אומריינער!

גזא אנטלויפט, ווי א גרויער וואָלף,
און קאָנטשאק נאָך אים,
צו דעם דאָן דעם גרויסן.

און אף מאָרגן באגינען צוטאָגנס —
א בלוטיקער מאָרגנשטערן
האָט אָנגעזאָגט ליכט.
פינצטערע כמארעס גייען פון יאם.
זיי ווילן פארדעקן פיר זונען,
און ס'צאפלען אין זיי בלויע בליצן.
ס'וועט זײַן דאָ א דונער א גרויסער!
מיט פײַלן וועט רעגענען
פון דאָן פונעם גרויסן.
און דאָ וועלן שפיזן זיך ברעכן,
און דאָ וועלן שווערדן זיך טעמפן
אָן די העלמען די פאָלאָווצער,
אף קאיאל דעם טײַך,
בא דעם דאָן דעם גרויסן.
אָ, מײַן רוסיש לאנד!
דו ביסט שוין הינטערן קורגאן!

און ווינטן,
אייניקלעך סטריבאָגס,
ווייען פון יאם מיט פײַלן
אף איגאָרס העלדישן כאַיל.
עס הודעט די ערד,
טײַכן שטראָמען צעשוימט,
שטויב באדעקט אלע פעלדער,
ס׳רוישן די פענער,
די פּאָלאָווצעס גייען
פון דאָן
און פון יאם, —
פון ארום און ארום
דאָס רוסישע כאַיל באלאגערט.

טײַוולשע זין —
מיט געפילדער
זיי האָבן פארצוימט די פעלדער.
און די מוטיקע רוסן פארצוימט האָבן
מיט רויטע פאנצער-שילדן.

היציקער ווסעוואָלאָד!
דו שטייסט אין געראנגל,
שפּריצסט אף די קריגער מיט פײַלן,
דו קנאלסט אָן די העלמען
מיט שווערדן שטאָלענע!
ווּ נאָר דו, גיבער, באווײַזסט זיך
מיט שײַן פון דײַן גאָלדענעם העלם,
דאָרט לייגן זיך אומריינע קעפּ
פּאָלאָווצער;
מיט סאבליעס מיט שארפע צעבראָקט ווערן
העלמען אָווארער
פון דיר,
היציקער ווסעוואָלאָד!

האָט א ווערט א וווּנד, ברידער,
פאר דעם, וואָס פארגעסן האָט
אי קאָוועד, אי לעבן,
אי די שטאָט זײַנע טשערניגאָוו,
דעם פאָטערס גאָלדענעם טיש,
און פון זײַן מילדער, געגארטער
און שיינער גלעבאָוונע
די ליבע און צארטקײַט?

געווען צײַטן טראָיאנער,
פארגאנגען די יאָרן פון יאראָסלאוון,
געווען קריגן אָליעגס —
אָליעג סוויאטאָסלאָוויטשעס.
יענער אָליעג
מיט שווערד האָט מערידעס געשמידט,
מיט פײַלן געזייט איבער ערד.
אז ער טרעט ארײַן
אין דער גאָלדענער סטרעמענע
אין טמוטאָראקאן — דער שטאָט,
דערהערט דעם געקלאנג

דער גרויסער, אמאָליקער,
יאראָסלאווס זון — ווסעוואָלאָד.
און וולאדימיר אין טשערניגאָוו
יעדן אינדערפרי
זיך די אויערן פארשטאָפּט.

און באָריס וויאטשעסלאוויטשן
האָט זײַן גאדלעס צום מישפּעט געשטעלט;
אים — דעם יונגן פירשט, דעם מוטיקן,
דאָס גרינע פעלד,
ווי טאכריכים אויסגעשפרייט, —
פאר דער אוולע אָליעגס.

און פון זעלבן טײַך קאיאל
האָט סוויאטאָפּאָלק אוועקגעוויגט
דעם פאָטער זײַנעם
צווישן אונגערישע רײַטער-פערד
צו דער הייליקער סאָפיע —
קיין קיעוו.

אזוי געווען איז דאן
פאר אָליעג גאָריסלאוויטשן.
מע האָט קריג געזייט,
און קריג איז אופגעגאן.
אומגעקומען זײַנען דאזשבאָגס קינדער;
מערידעס פירשטלעכע
האָבן מענטשן די יאָרן פארקירצט.

אף דער רוסישער ערד דאן
פלעגן אקערער
זיך איבערופן זעלטן.
נאָר דערפאר די ראָבן
האָבן אָפט געקארקעט,
טיילנדיק זיך מיט נעווײלעס.
און אף זייער לאָשן
גערעדט האָבן די קראָען,
פליענדיק מיט כיישעק אף א מאָלצײַט.

ס׳איז געווען אין יענעם קריג
און אין יענע שלאכטן, —
נאָר אזא מין שלאכט
איז ניט געהערט געווען.

פון גאנצפרי ביז אָוונט,
פון אָוונט ביז באגינען
פליִען פײַלן שארפע,
סאבליעס קנאלן אָן די העלמען,
שפּיזן קראכן שטאָלענע
אפן פעלד דעם פרעמדן
אינעם לאנד דעם פּאָלאָווצער.

און די שווארצע ערד אונטער די טלאָען
איז פארזייט געווען מיט ביינער

און מיט בלוט באגאָסן. —
מיט טרויער איז דאָס אופגעגאנגען
אויף דער רוסישער ערד.

וואָס רוישט מיר דאָרט,
וואָס קלינגט מיר דאָרט —
פון דער ווײַט גאנצפרי
נאָך פארן מאָרגנשטערן?
דאָ פארקערעוועט איגאָר זײַן כאַיל:
אים טוט באנג
זײַן ליבער ברודער וסעוואָלאָד.

זיך געשלאָגן א טאָג,
זיך געשלאָגן א צווייטן,
און צו האלב-טאָג אפן דריטן
זײַנען איגאָרס פאָנען געפאלן.
דאָ האָבן די ברידער זיך צעשידן
אפן ברעג פון האסטיקן קאיאל;
דאָ האָט שוין קיין בלוטיקער ווײַן
ניט געקלעקט.
דאָ האָבן די מוטיקע רוסן
דעם מאָלצײַט פארענדיקט:
אָנגעשיקערט די מעכוטאָנים,
און אליין זיך אויסגעלייגט
פאר דער ערד דער רוסישער.

נייגן זיך די גראָזן פאר ראכמאָנעס,
און דער בוים מיט טרויער
האָט צו דר'ערד זיך אָנגעבויגן.

יאָ, ברידער,
ניט קיין פריילעכע צײַט איז געקומען —
ס'האָט די וויסטע ערד
צוגעדעקט דאָס כאַיל.
ס'האָט א קריוודע געטראָפן די מאכנעס
פון דאזשבאָגס קינדער;
ווי א יונגפרוי, איז זי אופגעטראָטן
אויף דער טראָיאנער ערד.
מיט די שוואנען-פליגל א פליעסק געטאָן
אפן בלויען יאם —
באם דאָן,
און מיטן פליעסק אירן
פאריאָגט די פעטע צײַטן.
אופגעהערט האָבן די פירשטן
פירן קריג קעגן די אומריינע.
ווײַל געזאָגט האָבן
א ברודער צו א ברודער:
„דאָס איז מײַנס!
און יענץ איז אויכעט מײַנס!"
און די פירשטן האָבן
וועגן קליינס: „דאָס איז גרויס" —
גענומען זאָגן.
און אליין אויף זייער קאָפּ
געטאָן מערידעס שמידן.

און די אומריינע
פון אלע זײַטן
האָבן אָנגעהויבן קומען מיט ניצחוינעס
אפן לאנד דעם רוסישן.

אָ, ווײַט פארפלויגן ביסטו, סאָקאָל,
פייגלען יאָגנדיק,
צום יאם.
און דאָס דרייסטע כאַיל איגאָרס
וועט ניט אופשטיין מער!

ס'האָבן קלאָגערנס
זיך צעווײנט נאָך אים,
און א יאָמער האָט צעגאָסן זיך
איבער דער רוסישער ערד,
און עס שיט מיט פײַערדיקן פעך
פונעם פלאמענדיקן האָרן.

פרויען רוסישע האָבן זיך צעיאָמערט,
קלאָגנדיק:
„ניט באשערט שוין אונדז
אונדזערע געליבטע מענער
ניט מיטן געדאנק באדענקען,
מיטן זינען ניט באזינען,
מיט די אויגן ניט דערזען,
און מיט גאָלד און מיט זילבער
ניט באצירן זיך שוין קיינמאָל".

און צעטרויערט האָט זיך, ברידער,
קיִעוו אין זײַן צאר
און טשערניגאָוו אין זײַן אומגליק;
און צעגאָסן האָט זיך אומעט
איבער לאנד דעם רוסישן,
און דער טרויער שטראָמט געדיכט
איבערן רוסישן לאנד.
און די פירשטן
אליין אויף זייער קאָפּ
געשמידט האָבן מערידעס;
און די אומריינע
גענישטערט האָבן,
ווי די זיגער,
איבער ערד דער רוסישער,
און זיי האָבן צינש
אופגעמאָנט:
פון יעדער הויף —
א וועווריק.

אָט אזוי האָבן די צוויי
דרייסטע סוויאטאָסלאַווס זין
ווידער אופגעוועקט דאָס בייז,
וואָס קוים אײַנגעשלעפערט האָט
זייער פאָטער סוויאטאָסלאַוו, —
דער גרויזאמער און גרויסער פירשט
דער קיִעווער.

ער האָט מוירע אָנגעוואָרפּן
אַף די אומריינע
מיט זײַן כאַל מעכטיקן
און מיט די שווערדן שטאָלענע;
ער האָט אָנגעגריפן
אַפן לאַנד דעם פּאָלאָוועצער;
אײַנגעטאָפּטשעט דאָרטן
בערג און טאָלן;
אופגעברויזט דאָרט
אָזערעס און טײַכן;
אויסגעטריקנט שטראָמען און זומפּן.
און דעם אומריינעם קאָביאַק
פונעם ברעגלאַנד בא דעם יאַם,
מיט די אײַזערנע און גרויסע
מאַכנעס פּאָלאָוועצער,
ארויסגעריסן, ווי א וויכער, —
און געפאַלן צו דער ערד
איז קאָביאַק אין קיִעוו,
אין דער גרידניצע בא סוויאַטאָסלאַוון.

ווענעדיגער און דײַטשן,
און גריכן און מאָראַווער, —
אַלע זיי דאָ זינגען
לויבגעזאַנג סוויאַטאָסלאַוון,
ווארפן פאַר פירשט איגאָרן,
וואָס האָט אַזא פאַרמעגן
רוסיש גאָלד אַראָפּגעלאָזט
אַפן דנאָ פון קאַיאַל —
דעם טײַך דעם פּאָלאָוועצער.

דאָ האָט פירשט איגאָר
זיך ארויסגעזעצט
פון זײַן גאָלדן זאָטל
און אריבער אין א זאָטל
א קנעכטישן.

טרויערן די ווענט פון די שטעט, —
אָפּגעטאָן האָט זיך פון זיי
די פרייִלעכקײַט.

סוויאַטאָסלאַוון האָט א בייזער כאָלעם
געכאָלעמט זיך אין קיִעוו אַף די בערג.
„יענע נאכט, — האָט ער געזאָגט, —
פון סאמע אָוונט,
האָט מען מיך אָנגעטאָן
אין טאכריכים שווארצע
אַף א טיסן-בעט.
אָנגעשעפּט פאַר מיר
בלויען ווײַן מיט גאַל צעמישטן,
און פון פוסטע פײַלן-טאשן

פון די אומרייִנע פּאַלאַווצעס
מיר געשאָטן
גרויסע פּערל אַף דער ברוסט
און געקעכלט מיך.
אָן אַ באַלקן זײַנען שוין די ברעטער
אין מײַן טורעם
דעם גאָלדן-דאַכיקן,
אַ גאַנצע נאַכט, פון סאַמע אָוונט,
סיווע ראָבן
האָבן זיך צעקאַרקעט
אין די נידערן,
אין זומפּ פאַרוואַקסענעם באַם טײַך,
און אַוועקגעטראָגן זיך צום יאַם״.

און געזאָגט האָבן צום פירשט די באָיאַרן:
„ס׳האָט דער טרויער, פירשט,
דעם סייכל אונדז געפאַנגען, —
דאָס זײַנען דאָך
צוויי סאָקאָלן
פונעם פאָטערס גאָלדענעם טיש
אַראָפּגעפלויגן
אַף אײַנעמען
די שטאָט טמוטאָראַקאַן,
אָדער אָנטרינקען זיך מיטן העלם
פון דאָן.

האָט מען יענע סאָקאָלן
שוין די פליגל אָפּגעהאַקט
מיט די שווערדן פון די אומרייִנע,
און מיט פּענטעס אײַזערנע
זיי אַליין געפּענטעט.
געווען איז פינצטער יענער טאָג.
צוויי זונען פאַרגאַנגען,
ביידע פלאַמענדיקע זײַלן
אויסגעלאָשן;
און מיט זיי די יונגע צוויי לעוואָנעס —
אָליעג און סוויאַטאָסלאַוו —
האָבן זיך אין כוישעך אײַנגעהילט
און אין יאַם פאַרזונקען,
און אַף גרויסער כוצפּע
דערמוטיקט די סאָנים.

אפן טײַך קאַיאַל
האָט די פינצטערניש די שײַן פאַרשטעלט.
און איבער דער רוסישער ערד
האָבן זיך פאַרשפּרייט די פּאַלאָווצעס,
ווי אַ נעסט פון לעמפּערטן.

און די כאַרפּע האָט שוין
פאַרדעקט דעם רום.
און די נויט האָט שוין

צוגעשטיקט דעם ווילן,
און דער דיוו איז שוין
אַף דער ערד אַראָפּ,
און די גאָטישע שיינע מיידן
האָבן זיך צעזונגען
אפן ברעג פון בלויען יאַם,
קלינגענדיק מיט רוסיש גאָלד,
זיי באַזינגען בוסן — זײַנע צײַטן,
זיי רימען שארוקאנס נעקאָמע.
און מיר — די דרוזשינע —
נאָך פרייליכקייט
מיר לעכצן".

דאן האָט דער גרויסער סוויאַטאָסלאַוו
געלאָזט פאַלן
א גאָלדן וואָרט,
מיט טרערן אויסגעמישט,
און געזאָגט:
„אָ, איר, קינדער מײַנע,
איגאָר און וסעוואָלאָד,
צו פרי האָט איר אָנגעהויבן
די פּאָלאָווצער ערד
מיט די שווערדן רייצן,
רום פאר זיך צו זוכן.
ניט מיט רום זי בײַגעקומען,
ניט מיט רום פארגאָסן
דאָס אומריינע בלוט.
די דרייסטע הערצער אײַערע —
אין הארטן שטאָל פארקאָוועט,
אין העלדישקײַט פארהארטעוועט, —
איז וואָס זשע האָט איר אָפּגעטאָן
מײַן זילבער-גרויען קאָפּ!

אז איך זע שוין ניט די מאכט
פון מײַן מעכטיקן און רײַכן
ברודער סוויאַטאָסלאַוון
מיט זײַן כאַיל דעם פילצאָליקן
און מיט די באָיארעס די טשערניגאָווער,
מיט די הארן און די בארג-לײַט,
מיט די שלעגער און די טרעטער,
מיט די שרײַער,
מיט די פּירער זייערע —

אָט די אַלע, וואָס אָן פאנצערס —
מיט מעסערס אין די כאַליעוועס,
מיט קריגערישן ליארעם
באַזיגן די כאַיאַלעס,
קלינגענדיק מיט רום
פון די עלטערזיידעס.

אָבער איר האָט געזאָגט:
„אליין מיר באַשטייען,
דעם קינפטיקן רום
נאָר מירן פארכאַפּן
און מיטן אַמאָליקן
נאָר מירן זיך טיילן".
איז דען א וווּנדער, ברידער,
אז אַלט זאָל ייִנגער ווערן?
ווען דער סאָקאָל בליאַקעוועט,
דאן יאָגט ער הויך די פייגל, —
ער וועט זײַן נעסט צו רויב ניט לאָזן.
נאָר שלעכט איז דאָס:
פון די פירשטן זע איך ניט קיין הילף פאר זיך.
מיטן רוקן האָט די צײַט זיך אויסגעקערט.
לעבן רימאָוו דאָרט — מע שרײַט
אונטער שווערדן פּאָלאָווצער.
און וואָלאָדימיר — א פארוווּנדעטער,
וויי און ווינד דעם זון פון גלעבן"...

אָ, דו גרויסער פירשט
וסעוואָלאָד,
פארוואָס טוסטו ניט קיין טראכט
קומען פון דער ווײַט צו פליִען
דעם פאָטערס גאָלדענעם טיש
צו פארהיטן?
ביסט בעקויעך דאָך
די וואָלגע
מיט די וועסלעס צעשפּריצן,
און דעם דאָן
מיט די העלמען אויסשעפּן,
אָט, ווען דו וואָלסט דאָ זײַן,
וואָלט א געפאנגענע
געקאָסט א נאָגאַטע,
און א שקלאַף
וואָלט א רעזאַן
געקאָסט.

קענסט דאָך אויך איבער יאַבאַשע
מיט לעבעדיקע פײַלן שיסן, —
מיט די געוואַגטע זין פון גלעבן.

דו, הייסער ריוריק,
און דו, דאַווידו!
צי ניט אײַערע
העלמען גאָלדענע
זײַנען איבער בלוט געשוואומען?
צי ניט אײַערע דרוזשינעס העלדישע
רעווען, ווי די אויראָקסן,
מיט שארפער שווערד פארוווּנדעטע
אַף א פעלד א פרעמדן?

טרעט אַרײַן איר, הארן,
אין די גאָלדענע סטרעמענעס
פאר דער קריוודע
פון דער צײַט אָט דער,

פארן לאַנד דעם רוסישן,
פאַר די ווונדן איגאָרס —
דעם געוואַגטן סוויאַטאָסלאַוויטשן.

גאַליטשער אָסמאָמיסל יאַראָסלאַוו,
דו זיצסט הויך
בא דײַן טיש
דעם גאָלד־געשמידטן,
דו שפּאַרסט אונטער
די בערג די אונגאַרער
מיט דײַנע כאַיאָלעס
אין אײַזן געפּאַנצערטע;
האָסט דעם קיניג דעם וועג פאַרצאַמט;
באַם דונײַ פאַרשלאָסן דעם טויער;
וואַרפסט מאַכנעס אַריבער די וואָלקנס;
דײַן מישפּעט גרייכט
ביזן דונײַ;
עס שטראָמט איבער ערדן דײַן שטורעם;
דו עפנסט דעם טויער קיין קיִעוו;
פון דײַן פאָטערס טיש דעם גאָלדענעם
דו טוסט שיסן אין סולטאַנען
הינטער ווײַטע לענדער.
שיס אין קאָנטשאַקן, מײַן האַר,
דעם אומרייִנעם סוינע דערשיס!
פאַר דעם לאַנד דעם רוסישן,
פאַר די ווונדן איגאָרס —
דעם געוואַגטן סוויאַטאָסלאַוויטשן.

און דו, דרייסטער ראָמאַן,
און דו, מסטיסלאַוו, —
דער מוטיקער געדאַנק
טראָגט אײַער גײַסט אַף העלדישקײַט,
איר שווימט הויך אין שלאַכט
מיט געוואַגטקײַט אײַערער,
ווי עס שוועבט א סאָקאָל אַף די ווינטן,
ווען ער וויל א פויגל
אין פלינקײַט זײַנער
בײַקומען.
איר פאַרמאָגט דאָך פּאַנצערס אײַזערנע
אונטער די העלמען
די לאַטײַנישע.
ס'האָט פון זיי געפּלאַצט די ערד,
און פיל לענדער פײַנטלעכע:
די ליטע,
די יאַטוויאַגע,
די דערעמעלע,
די פּאָלאָווצעס
האָבן געוואָרפן די שפּיזן
און געבויגן די קעפּ
אונטער יענע שווערדן שטאָלענע.

אָבער איצטער, פירשט,
פאַרלאָשן איז פאַר איגאָרן
פון דער זון די שײַן.
ניט פון ווילטיק האָט דער בוים
די בלעטער אָפּגעשאָטן.
בא סולאַ און בא ראָס דעם טײַך
האָט מען שוין די שטעט צעטיילט,
און דאָס דרייסטע איגאָרס כאַיל
וועט ניט אופשטיין מער.
אָ, פירשט,
דער דאָן דיך פאָדערט
און ער רופט די פירשטן צו ניצאָכן,
בלויז די זין אָליעגס,
די דרייסטע פירשטן,
גייען שוין אין שלאַכט.

אינגוואַר און וסעוואָלאָד,
און איר,
אַלע דרײַ מסטיסלאַוויטשעס!
איר, זעקס פליגל
פון א נעסט א ווילן!
ניט מיט גורל פון ניצאָכן
האָט איר שטעט דעראָבערט.
צו וואָס זשע טויגן אײַך
די העלמען אײַערע
די גאָלדענע
און די שפּיזן אײַערע
די פּוילישע
און די פּאַנצערס?
נעמט, פאַרצוימט אין פעלד דעם טויער
מיט די שאַרפע פײַלן אײַערע
פאַר דעם לאַנד דעם רוסישן,
פאַר די ווונדן איגאָרס —
דעם געוואַגטן סוויאַטאָסלאַוויטשן.

עס לויפט דאָך שוין ניט מער די סולאַ
מיט שטראָמען מיט זילבערנע
צו פּערעיאַסלאַוו דער שטאָט.
און דווינאַ דער טײַך
דורך זומפּן פליסט
צו די בייזע פּאָלאָווצעס
אונטער פרייד־געשרייען
פון די אומרייִנע.

אײַן איזיאַסלאַוו בלויז,
וואַסילקאָס זון,
האָט א קלונג געטאָן
מיט זײַנע שאַרפע שווערדן
אָן די העלמען די ליטווישע.
צוגעשניטן רום
דעם זיידן זײַנעם
וסעסלאַוון.
און אַליין
אונטער דעם רויטן פּאַנצער דאָן

אפן בלוטיקן גראָז
געפאַלן א פאַרשניטענער
פון די ליטווישע שווערדן.
און אף זײַן טויטן-בעט
אזוי געזאָגט:
„דײַן דרוזשינע, פירשט,
האָבן פייגל מיט די פליגלען צוגעדעקט,
און איר בלוט
האָבן כײַעס אויסגעלעקט".
ניט געווען דערבײַ
ניט דער ברודער בריאַטשיסלאַוו,
ניט דער צווייטער — ווסעוואָלאָד.
איינזאם האָט ער אויסגעהויכט
זײַן פּערלדיקן אָטעם
פונעם דרייסטן גוף
דורכן גאָלדענעם האַלדזבאַנד.
קלינגען קוילעס אומעטיק.
ס'האָט די פרייד זיך אָפּגעטאָן.
טרומייטן שאַלן האָראָדנער.

אָ, יאַראָסלאַוו,
און איר אַלע, ווסעסלאַווס אייניקלעך,
נייגט אראָפּ אצינד
די פאַנען אײַערע,
און שטעקט אַרײַן אין דר'ערד
די אויסגעקאַרבטע שווערדן,
ווײַל איר זײַט אַרויסגעפאַלן שוין
פונעם זיידנס רום.
איר מיט אײַערע מערידעס
האָט גענומען ברענגען
אָט די אומריינע
אף דער ערד דער רוסישער,
אף ווסעסלאַווס פאַרמעגן.
איבער אײַער קריג
געקומען איז דאָך אומרעכט
פונעם לאַנד דעם פּאָלאָווצער.

אפן זיבעטן דאָר פון טראַיאַנען
האָט ווסעסלאַוו געוואָרפן גורל
וועגן מיידל זײַן געליבטן.
ער האָט קונציק
אָנגעשפּאַרט זיך אָן זײַן פערד,
און א שפּרונג געטאָן
צו דער שטאָט צו קיִעוו,
אָנגערירט מיט זײַן גאָלדענער רוט
אָן דעם גאָלדענעם טראָן
דעם קיִעווער.

און דערנאָך פון דאָרט אוועק,
ווי א כײַע בייז.
און אינמיטן נאכט — פון בעלגאָראָד —
האָט אים בלויער נעפל אײַנגעהילט;
און גאנצפרי
האָט ער שוין מיט די האַק א קלונג געטאָן
און צעעפנט די טויערן
פון נאָווגאָראָד,
און צעקלאַפּט דעם רום
פון יאַראָסלאַוון, —
ביז נעמיגע פון דודוטקע,
ווי א וואָלף,
געשפּרונגען.
בא נעמיגע
שפּרייט מען קעפּ, ווי סנאָפּעס,
און מע דרעשט
מיט דרעשערס שטאָלענע,
אפן טויק מע לייגט דאָס לעבן,
פונעם גוף
מע ווייעט די נעשאָמע.
די ברעגן
די בלוטיקע
פון דער נעמיגע
ניט מיט שעפע
זײַנען דאָ פאַרזייט געווען,
נאָר מיט ביינער פאַרזייט
פון רוסישע זין.

פירשט ווסעסלאַוו —
ער האָט לײַט געמישפּעט,
פירשטן שטעט געטיילט,
און אַליין אין נאכט,
ווי א וואָלף, געגנישטערט.
פון קיִעוו ער דערנישטערט האָט
ביז האָנענקריי
צו טמוטאָראַקאַן.

דעם גרויסן כאָרס,
ווי א וואָלף,
איז ער דעם וועג פאַרלאָפן.

אים — ווסעסלאַוון,
אז מע פלעגט אין פּאָלאָצק
צו דער מאָרגן-טפילע
א קלונג טאָן אין די גלעקער
בא דער הייליקער סאָפיע,
האָט ער אין קיִעוו
די קלינגערײַ געהערט.
און כאָטש ער האָט פאַרמאָגט
א קלוגן גײַסט
אינעם גוף געוואגטן,
נאָר צאָרעס האָט ער אָפט געהאַט.

אים האָט דאָס באָיאַן,
דער כאָכעם און דער וואָרזעער,
נאָך פון לאַנג
אזא מין שפּריכווערטל געזאָגט:
„קיין שום כיטרער,

קיין שום פלינקער,
קיין שום פויגל פלינקער —
גאָטס מישפּעט וועט ניט אויסמײַדן".

אָ! וויינען וועט די רוסישע ערד,
דערמאָנענדיק די צײַטן די אַמאָליקע
און די פירשטן די אַמאָליקע!
אַט דעם אַלטן וולאַדימירן
האָט מען ניט געקאָנט דאָך צושמידן
צו די בערג די קיִעווער.
זײַנע פּענער זײַנען איצט אַריבער:
איינע — צו ריוריקן,
די אַנדערע — צו דאַווידן,
נאָר זיי פלאַטערן צעשיידט.

שפּיזן זינגען.

און אַף דונײַ —
יאַראָסלאַוונעס שטים
דאָרט לאָזט זיך הערן,
שרײַט באַגינען,
ווי אַן עלנטע קוקאַווע:
„פליִען, — זאָגט זי, — כ'וועל ווי א קוקאַווע,
איבערן דונײַ,
איך וועל אײַנטונקען דעם ביבער-אַרבל
אין קאַיאַל דעם טײַך.
איך וועל אָפּווישן דעם פירשט
די וווּנדן זײַנע
די בלוטיקע
אַף זײַן מעכטיק לײַב".

יאַראָסלאַוונע וויינט באַגינען
אין פּוטיוול אַף דער וואַנט,
קלאַגנדיק:
„אָ, ווינט, דו שטורעמווינט,
צו וואָס, אָ, האַר מײַנער,
אַזוי האַסטיק בלאָזסטו?
צו וואָס יאָגסטו
אַף די גרינגע פליגל דײַנע
דעם סוינעס פײַלן
אַף די קריגער פון מײַן ליבן?
ווייניק דיר געווען
אין דער הייך
אונטער די וואָלקנס וויען,
וויגן שיפן אַף די בלויע יאַמען?
צו וואָס, אָ, האַר מײַנער,
האָסטו מײַן פריילעכקייט
איבער סטעפּ צעוויִעט?"

יאַראָסלאַוונע וויינט באַגינען
אין דער שטאָט פּוטיוול אַף דער וואַנט,
קלאַגנדיק:
„אָ, דניעפּער דו רומפולער!
האָסט שטיינערנע בערג דורכגעשלאָגן

דורך דער פּאָלאָוועצער ערד,
האָסט געוויגט אַף זיך
סוויאַטאָסלאַווס שיפן
ביזן לאַגער פון קאָביאַקן!
דו וויג צו, מײַן האַר,
מײַן געליבטן צו מיר,
אַז איך זאָל צו אים ניט דאַרפן
שיקן מײַנע טרערן
אַפן יאַם באַגינען".
יאַראָסלאַוונע וויינט באַגינען
אין פּוטיוול אַף דער וואַנט,
קלאַגנדיק:
„אָ, דו ליכטיקע,
און דרײַ מאָל ליכטיקע זון!
ביסט פאַר אַלעמען
אי וואַרעם, אי שיין.
איז צו וואָס זשע, האַר מײַנער,
האָסטו פאַרשפּרייט
דײַנע הייסע שטראַלן
אַף די קריגער פון מײַן ליבן?
און אין פעלד אין טרוקענעם
די בויגנס זיי מיט דאָרשט פאַרשרומפּן,
די פײַלן-שייד — מיט היץ פאַרשטאָפּט?"

דער יאַם האָט צעבראַוזט זיך
אין האַלב-נאַכט,
עס שטײַגן די וויכערס מיט נעפּלען.
פירשט איגאָרן
גאָט ווײַזט אַ וועג
פונעם לאַנד דעם פּאָלאָוועצער
צו דעם לאַנד דעם רוסישן,
צו זײַן פאָטערס גאָלדענעם טיש.
פאַרלאָשן דער שטערן פון אָוונט.
איגאָר שלאָפט,
איגאָר וואַכט,
איגאָר מעסט אין געדאַנק
אַלע סטעפּעס
פון דאָן פונעם גרויסן
ביזן קליינעם דאָניעץ.

צום פערד האָט אין האַלב-נאַכט
אַ פײַף געטאָן אָוולור
אַף יענער זײַט טײַך, —
גיט אַ סימען דעם פירשט,
און פירשט איגאָר פאַרשווינדט.
אַ רוף — אַ געשריי.
ס'האָט די ערד זיך צעהילכט,
צערווישט זיך דאָס גראָז,
און ס'האָבן געטאָן זיך אַ וואַקל
די פּאָלאָוועצער געצעלטן.
און פירשט איגאָר, —
ווי אַ האַרמל, —
אַ שפּרונג צום אָטשערעט
און, ווי אַ פויגל

גאָלדן-אויגל
אָפּן וואַסער,
א וואַרף געטאָן זיך אָפּן פערד,
און פון אים אַראָפּגעשפּרונגען
ווי א ווײַסער וואָלף,
און אַוועקגעלאָזט זיך
צו די לאַנקעס
פונעם טײַך דאָניעץ;
און אַוועקגעפלויגן, ווי א סאָקאָל
הינטער נעפּלען,
גענדז און שוואַנען שלאָגנדיק
אי צו אָנבײַסן,
אי צו וואַרמעס,
אי צו וועטשערע.

און אַז איגאָר, ווי א סאָקאָל פליט,
לויפט דאַן אָוולור, ווי א וואָלף,
און ער טרייסלט אָפּ מיט זיך
דעם טוי דעם קילן.
שוין פאַרמאַטערט האָבן זיי
די פערד די הייסע זייערע.

האָט געזאָגט דער דאָניעץ:
„פירשט איגאָר!
ניט ווייניק ליב דיר קומט,
און קאָנטשאַקן האַרצווייטעק,
און דער ערד דער רוסישער —
פריילעכקײַט".

האָט איגאָר געזאָגט:
„אָ, דאָניעץ!
דיר קומט אויך ניט ווייניק ליב,
דיר — וואָס האָסט געוויגט
דעם פירשט אָף דײַנע כוואַליעס,
וואָס דו האָסט פאַר אים
גרינע גראָז געשפּרייט
אָף די זילבער-ברעגן דײַנע.
האָסט אים אָנגעטאָן
אין נעפּלען וואַרעמע
אונטער שאָטנס פון די גרינע ביימער.
האָסט אים אָפּגעהיט,
ווי א פויגל
גאָלדן-אויגל
אָפּן וואַסער,
ווי די מעוועס אָף די שטראָמען,
ווי די שוואַרצע ענטלעך אָף די ווינטן.

וועסט ניט זאָגן דאָס
וועגן טײַך סטוגנא.
ער האָט א שטראָם א בייזן.
ער פאַרשלינגט אין זיך פרעמדע טײַכן
און צעשמעטערט סטרוגעס
צווישן קוסטעס.
ער האָט אויך פאַרן פירשט,
פאַרן יונגן ראָסטיסלאַוון,
דעם דניעפּער פאַרשלאָסן.
אָפּן ברעג דעם פינצטערן
באַוויינט די מוטער ראָסטיסלאַוואָוס
דעם יונגן פירשט
ראָסטיסלאַוון.

די קווייטן האָבן אומעטיק
די קעפּ אַראָפּגעלאָזט,
און דער בוים — מיט טרויער
האָט צו דר'ערד זיך אָנגעבויגן.
ניט סאָראָקעס
האָבן זיך צעגראַגערט;
נאָך די שפּורן איגאָרס
פאָרן גזא מיט קאָנטשאַקן.
ראָבן האָבן ניט געקאַרקעט דאַן,
קראָען — שטיל געבליבן,
סאָראָקעס — ניט געגראַגערט,
זיך געדראַפּעט בלויז איבער צווײַגן.
פּיקהעלצן מיט טוקערײַ
דעם וועג צום טײַך באַווײַזן,
און מיט לידער פריילעכע
זאָגט אָן טאָג דער סאָלאָוויי.

האָט א זאָג געטאָן צו קאָנטשאַקן גזא:
„אויב דער סאָקאָל פליט שוין צו זײַן נעסט,
איז דערשיסן לאָמיר דעם סאָקאָליק
מיט די פײַלן אונדזערע די באַגילדעטע".

האָט אַזוי געזאָגט קאָנטשאַק צו גזא:
„אויב דער סאָקאָל פליט שוין צו זײַן נעסט,
איז פאַרפּענטעט לאָמיר דעם סאָקאָליק
מיט א שיין-פײַן מיידל".

האָט אַזוי געזאָגט צו קאָנטשאַקן גזא:
„אויב מיר וועלן אים פאַרפּענטען
מיט א שיין-פײַן מיידל,
וועלן מיר ניט האָבן דאַן
ניט דעם סאָקאָליק,
ניט דאָס שיינע-פײַנע מיידל,
און פייגלען וועלן אָנהייבן אונדז שלאָגן
אינעם פעלד אין פּאָלאָוועצער".

האָט אַזוי געזאָגט באָיאַן
וועגן סוויאַטאָסלאַווס מילכאָמעס,
ער, דער זינגער פון דער אַלטער צײַט, —
יאַראָסלאַווס און אָלעגס צײַט,
דער פירשטלעכער:

„שווער איז דאָך דיר, קאָפּ,
אָן די פּלייצעס זײַן.

נאַר ווי ביטער איז דיר, גוף,
אָן א קאָפּ,
און דער רוסישער ערד —
אָן איגאָרן.

הויך אין הימל
שײַנט די זון,
און פירשט איגאָר —
אױף דער רוסישער ערד.
מיידלעך זינגען
אױפן דונײַ,
שטימען שוועבן
איבער יאַם
ביז צו קיעוו.
איגאָר פאָרט
איבער באָריטשעוו
צו דער מוטער
דער הייליקער
דער פּיראָגאָשטשער.

לענדער קוועלן,
שטעט זיך פרייען.

אָפּגעזונגען דאָס געזאַנג
פאַר די אַלטע פירשטן —
לאָמיר זינגען נאָכדעם
אויך פאַר די יונגע.
רום
צו איגאָר סוויאַטאָסלאַוויטשן,
צום געוואַגטן ווסעוואָלאָדן
און וולאַדימירן — איגאָרס זון.
א געזונט אין אײַך —
איר, פירשטן און דרוזשינע,
איר, וואָס גייט אין שלאַכטן
פאַר די קריסטן
קעגן כּאַל אומרײַנע.

רום
די פירשטן
און דער דרוזשינע —
רום!"

איבערגעזעצט — ארן קושניראָוו
האָלץ־גראַווירן — וו. פאַוואָרסקי

אױף די שפּורן פֿון געשעענישן

נײַן טעג אין מײַ

אומפֿאַרגעסלעכע זײַנען די ערשטע מײַ־טעג פֿון 1945. עס גייט צום סאָף די צווייטע וועלט־מילכאָמע. זי האָט געדויערט 2194 טעג און נעכט און האָט אומגעבראַכט פּופֿציק מיליאָן מענטשן, פֿאַרשאַפֿט שאָדן אויף פֿיר טריליאָן דאָלאַרן.

די מילכאָמע אַגאָניזירט. דער אָנהייב מײַ 1945 איז פֿול מיט געשעענישן, לאָמיר זיי „אַ בלעטער טאָן".

1 מײַ.

בערלין איז אונדזוערער. פֿינקטלעכער — קימאַט אונדזוערער. באַם פֿײַנט אין די הענט זײַנען געבליבן בלויז טירגאַרטען און דער רעגירונגס־קוואַרטאַל, ווו עס דיסלאָצירן זיך די אימפּערישע קאַנצעליאַריע און דער בונקער פֿון היטלערס סטאַווקע. ביזן בונקער זײַנען געבליבן געציילטע מעטער...

דער רײַכסלײַטער פֿון דער נאַציסטישער פּאַרטיי מאַרטין באָרמאַן פֿאַרשרײַבט אין זײַן טאָגבוך: „די אימפּערישע קאַנצעליאַריע איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין רויִנען"...

דרײַ אַזייגער מיט 50 מינוט פֿאַרטאָג.

אויפֿן קאָמאַנדע־פּונקט פֿון דער 8־טער גוואַרדייִשער אַרמיי האָט מען געבראַכט צו פֿירן דעם שעף פֿונעם גענעראַל־שטאַב פֿון דעם דײַטשישן יאַבאָשע־מיליטער, דעם אינפֿאַנטעריע־גענעראַל קרעבס. ער האָט דערקלערט, אַז מע האָט אים באַפֿולמעכטיקט אײַנצושטעלן אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיט דער אויבערקאָמאַנדשאַפֿט פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי אויף צו פֿירן אונטערהאַנדלונגען וועגן וואָפֿנשטילשטאַנד.

פֿיר אַזייגער פֿאַרטאָג. וועגן דעם טיילט מען מיט דעם מאַרשאַל זשוקאָוו. דער גענעראַל קרעבס אינפֿאָרמירט אויך וועגן היטלערס זעלבסטמאָרד. ער באַשטעטיקט, אַז דער זעלבסטמאָרד איז פֿאָרגעקומען דעם 30 אַפּרעל 15 אַזייגער מיט 50 מינוט. קרעבס האָט געבראַכט געבעלסעס אַ בריוו, אַדרעסירט דער סאָוועטישער רעגירונג: „איך האָב באַפֿולמעכטיקט באָרמאַנען אײַנשטעלן אַ פֿאַרבינדונג מיטן פֿירער פֿונעם סאָוועטישן פֿאָלק. די דאָזיקע פֿאַרבינדונג איז נייטיק, כּדי דורכפֿירן פֿרידלעכע אונטערהאַנדלונגען צווישן די מעלוכעס, וועלכע האָבן געליטן די גרעסטע פֿאַרלוסטן. געבעלס".

צו געבעלסעס בריוו איז געווען בײַגעלייגט היטלערס צוואָע מיט אַ צעטל פֿון דער נײַער אימפּערישער רעגירונג. אויף דער צוואָע איז געשטאַנען היטלערס כסימע, אַ באַפֿעסטיקטע מיט אונטערשריפֿטן פֿון איידעס, דאַטירט איז די צוואָע געווען: 29 אַפּרעל 1945.

4 אַזייגער פֿאַרטאָג.

זשוקאָוו האָט אָנגעקלונגען סטאַלינען אויף דער דאַטשע.

— ווו איז היטלערס קערפּער? — האָט געפֿרעגט סטאַלין.

— דער גענעראַל קרעבס האָט אינפֿאָרמירט, אַז מע האָט אים פֿאַרברענט אויף אַ שײַטער.

— גיט איבער סאָקאָלאָווסקין (דער מאַרשאַל סאָקאָלאָווסקי איז געווען דער באַפֿולמעכטיקטער אויף צו פֿירן אונטערהאַנדלונגען. — רעד.), אַז קיין שום אונטערהאַנדלונגען, כּוץ פֿולשטענדיקער קאַפּיטולאַציע, זאָל ער ניט פֿירן נישט מיט קרעבסן, נישט מיט אַנדערע היטלעראָווצעס. אויב עס וועט ניט זײַן קיין אויסערגעוויינלעכס, קלינגט ניט ביז אינדערפֿרי. כ'וויל זיך אַ ביסל אָפּרוען. הײַנט איז בײַ אונדז אַ פּאַראַד לכּבֿוד דעם ערשטן מײַ...

א גאַנצע נאַכט האָבן געבעלס און באַרמאַן געוואַרט אויף קרעבסן. פון זייער בונקער האָט מען קיינעם ניט אַרויסגעלאָזט, קעדיי די יעדיעס וועגן היטלערס טויט זאָל ניט דערגיין צו דער אַרמיי.

ניין אַזייגער מיט 30 מינוט. קרעבס האָט זיך אומגעקערט אין בונקער, געבראַכט דעם באַשלוס פון דער סאָוועטישער קאָמאַנדשאַפט: „ביז 10 אַזייגער אינדערפרי וועט ניט זיין קיין האַסקאַמע אויף פולשטענדיקער קאַפּיטולאַציע — הייבן זיך אָן די קריגס־אָפּעראַציעס".

צו דער אָנגעוויזענער צייט איז קיין ענטפער פון געבעלסן און באַרמאַנען ניט אָנגעקומען.

צען אַזייגער אינדערפרי. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער פייער אויף מאָסקווע.

צען אַזייגער מיט 40 מינוט. אונדזער מיליטער זעצט פאָר דעם אָנגריף אין צענטער פון בערלין.

אַכצן אַזייגער מיט 30 מינוט. עס הייבט זיך אָן דער לעצטער שטורעם. אין דער זעלבער צייט האָפט מען אין בונקער, אַז עס וועט זיך איינגעבן דורכרייסן אונדזער פאַרשלאָסענע קייט. דאָס איז געווען די לעצטע האָפענונג פון די באַלאַגערטע פאַשיסטן.

צוויי און צוואַנציק אַזייגער. דער קאָמאַנדאַרם פון דער דריטער שלאַג־אַרמיי, גענעראַל קוזנעצאָוו ראַפּאָרטירט זשוקאָוון:

— אין סעקטאָר פון דער 52־טער גוואַרדייִשער דיוויזיע האָט זיך דורכגעריסן אַ גרופּע פייַנטלעכע טאַנקען, אַן ערך 20 מאַשינען, וועלכע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום צאָפן־מערעווידיקן ראַנד פון דער שטאָט.

קאָן זיין, עמעצער פּרוּווט אַנטלויפן פון בערלין. מעגלעך, אַז די טאַנקען פירן אַרויס היטלערן, געבעלסן, באַרמאַנען...

אין אונדזערע מיליטער־טיילן איז געמאָלדן געוואָרן אַן אַליאַרם. דער באַפעל: פאַרניכטן די טאַנקען!

2 מײַ.

פאַרטאָג זיינען די פאַשיסטישע טאַנקען אָפּגעזוכט געוואָרן ניט ווייט פון בערלין. פאַרניכטעט האָט מען זיי גאַנץ שנעל. אַ טייל — פאַרברענט, אַ טייל — צעשמעטערט. צווישן די דערהאַרגעטע עקיפּאַזשן זיינען קיין הויפּט־היטלעראָוצעס ניט געווען. די, וואָס זיינען געבליבן אין די פאַרברענטע טאַנקען, איז אוממעגלעך געווען צו דערקענען...

די סאָוועטישע קאָמאַנדשאַפט האָט דעמאָלט ניט געוווּסט, אַז געבעלס איז נאָך היטלערס זעלבסטמאָרד געוואָרן דער רייכסקאַנצלער, און ער האָט באַפוילן איינעם פון די עסעסאָווצעס, ער זאָל מאַכן אַ סאָף מיט אים און מיט זיין ווייַב. דאָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן מיט אַ שאָס אין נאַקן.

„דער גרויסער דריטער רייַך" איז געגאַנגען צו גרונט.

איינס אַזייגער מיט 50 מינוט.

די ראַדיאָסטאַנציע פונעם שטאַב פון דער בערלינער פאַרטיידיקונג האָט עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט אין דער דייַטשישער און רוסישער שפּראַכן: „מיר שיקן אַרויס אונדזערע פּאַרלאַמענטיאָרן אויף דער בריק ביסמאַרקשטראַסע. מיר מאַכן אַ סאָף צו דער מילכאָמע".

אין דער זעלבער צייט איז פונעם קרעמל איבערגעגעבן געוואָרן אַ מיטיילונג: „פאַרזענלעך און געהיים פונעם פּרעמיער י. סטאַלין דעם הער טרומען. אייַער ווענדונג, אין וועלכער איר דריקט אויס די איינשטימונג מיט דער ווענדונג פונעם פּרעמיער־מיניסטער הער אָ. טשערטשיל בענוגייע דער פּראָצעדור, וועלכע דאַרף אָנגענומען ווערן בייס דער אָקופּאַציע פון דייַטשלאַנד און עסטרייַך, האָב איך באַקומען דעם 28 אַפּרעל.

איך דאַרף זאָגן, אַז די אויבער־הויפּט־קאָמאַנדשאַפט האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז בעשאַס די באַגעגענישן פון די סאָוועטישע כאַיאָלעס מיטן מיליטער פון די פאַרבינדעטע גרויסמאַכטן דאַרף די סאָוועטישע קאָמאַנדשאַפט טייקעף איינשטעלן אַ פאַרבינדונג מיט דער קאָמאַנדשאַפט פון די אַמעריקאַנישע אָדער ענגלישע מיליטער־קויכעס, קעדיי זיי זאָלן לויט אַ צונויפגערעדטקייט צווישן זיך 1) באַשטימען די צייטווייליקע טאַקטישע פאַנאַנדערגרענעצונגס־ליניע און 2) אָנעמען מאָסמיטלען אויף צו דערשטיקן אין די ראַמען פון זייערע פאַנאַנדערגרענעצונגס־ליניעס אַ באַליביקן ווידערשטאַנד פון די דייַטשישע מיליטער־טיילן".

דרייַ אַזייגער באַנאַכט. די פאַשיסטישע אָנפירער ראַטענהובער, באַרמאַן און נאַומאַן, וועלכע זיינען מיט עטלעכע שאָ צוריק אַנטלאָפן פונעם בונקער, באַווייַזן זיך לעבן דער בריק

איבערן טײַך שפּרעע. אין דער זעלבער צײַט פּרוּוון עטלעכע זעניט-באַטאַרייעס פון דעם פײַנט זיך דורכרײַסן דורך אָט דער בריק. ראַטענהובער באַווײַזט איבערלויפן אַפן צווייטן ברעג. באַרמאַן און נאַומאַן זײַנען, זעט אויס, דערהאַרגעט געוואָרן. באַרמאַנס טויט איז בלויז איינע פון די ווערסיעס. קיין אומשטרײַטבאַרע דערווײַזן וועגן דעם זײַנען ניטאָ.

שפּעטער, אַפן נירנבערגער פּראָצעס, האָט די פּאַרטיידיקונגס-אַדוואָקאַטור פּאַרגענומען אַ פּרוּוו צו באַשטעטיקן דעם אומקום פונעם שעף פון דער היטלערישער פּאַרטיי-קאַנצעלאַריע און מיט דעם ניט דערלאָזן דאָס ווײַטערדיקע זוכן אים. אַלס איידעס ווערט אַרויסגעשטעלט היטלערס פּערזענלעכער שאָפער עריך קעמפּקע, וועלכער איז קלוימערשט דעם 2 מײַ 1945 בײַגעווען, בייס באַרמאַן איז אומגעקומען. נאָר קעמפּקעס גוויִעס-איידעס אַפן פאַרהער זײַנען געווען פאַרפּלאָנטערטע, אומקלאָרע, און דעריבער האָבן זיי ניט געקאָנט אופגענומען ווערן אַלס באַגלייבטע. אַפן נירנבערגער פּראָצעס האָט מען באַרמאַנען געמישפּעט הינטער-אויגיק און פאַרורטיילט צום טויט.

זעקס אַזייגער מיט 30 מינוט.

אין סעקטאָר פון דער 47-טער גוואַרדייישער דיוויזיע האָט זיך איבערגעגעבן אין געפאַנגענשאַפט דער קאָמאַנדיר פון דעם 50-טן טאַנקען-קאָרפּוס גענעראַל ווײַדלינג. אַפן פאַרלויפיקן פאַרהער האָט ער מיטגעטיילט, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק האָט אים היטלער פּערזענלעך נאָמינירט אַלס קאָמאַנדיר פון דער פאַרטיידיקונג פון בערלין.

דער גענעראַל ווײַדלינג איז גלײַך מאַסקים געווען אָפּצוגעבן זײַן מיליטער אַ באַפעל אָפּצושטעלן דעם ווידערשטאַנד. אָט וואָס פאַר אַ באַפעל ער האָט אונטערגעשריבן: „דעם 30 אַפּרעל האָט דער פירער זיך גענומען דאָס לעבן און אַזוי־אַרום איבערגעלאָזט אונדז, ווער עס האָט אים געשוווירן טרײַשאַפט, אַף אייגענעם באַראַט. לויטן פירערס באַפעל, האָבן מיר, די דײַטשישע כאַיאַלעס, זיך געדאַרפט נאָך ראַנגלען פאַר בערלין, ניט געקוקט דערויף, וואָס עס זײַנען אויסגעשעפּט די קריגס-רעזערוון, און טראָץ דער אומגעבונג, וועלכע מאַכט אומזיניק אונדזער ווײַטערדיקן ווידערשטאַנד.

איך באַפעל: טייקף אָפּשטעלן דעם ווידערשטאַנד. כסימע: ווײַדלינג, אַרטילעריע-גענעראַל, געוועזענער קאָמאַנדיר פון דער שוץ-זאָנע פון בערלין”.

פופצן אַזייגער באַטאָג.

די רעשטן פונעם בערלינער גאַרניזאָן, 70 טויזנט מענטשן, האָבן זיך איבערגעגעבן אין געפאַנגענשאַפט. בערלין איז אײַנגאַנצן אין אונדזערע הענט.

דער זיג האָט געלויכטן אַף די פּענעמער פון די סאָלדאַטן. לעבן רייכסטאַג, וועסטענד, כאַלענזעיע האָבן געהילכט רוסישע לידער. ס'איז שוין געווען קלאָר, אַז עס קומט אָן דער סאָף צו די שווערע איבערפּרוּוון, וועלכע האָבן זיך געצויגן פיר לאַנגע יאָר.

אָבער...

3 מײַ.

ס'ווערן פאַרגעזעצט די קריגס-אָפּעראַציעס אַפן קורליאַנדישן האַלב-אינדזל. אַפן אינדזל באָרנהאָלם. די גרופּע אַרמייען „צענטער” — העכער אַ מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזנט סאָלדאַטן — האָט דאָס געווער ניט אוועקגעלייגט.

אין אָט דעם טאָג זײַנען אומגעקומען מער ווי טויזנט סאָוועטישע סאָלדאַטן און אָפּיצערן.

4 מײַ.

אַכצן אַזייגער מיט 30 מינוט.

עס איז אונטערגעשריבן געוואָרן אַן אַקט וועגן דער קאַפּיטוליאַציע פון אַלע דײַטשישע באַוואָפנטע קויכעס אין האָלאַנד, אין צאָפן-מײַרעוו-דײַטשלאַנד, אין שלעזוויג-האָלשטיין און אין דענעמאַרק. די קאַפּיטוליאַציע האָט אופגענומען דער אויבער-קאָמאַנדיר פונעם מיליטער פון די פאַרבינדעטע.

אַף מאָרגן איז איבערגעגעבן געוואָרן אַן אויסשליסלעך געהיימע דירעקטיוו פונעם שטאַב פון דער ווערמאַכט-קאָמאַנדשאַפט: „אוועקלייגנדיק דאָס געווער אין צאָפן-מײַרעוו-דײַטשלאַנד, דענעמאַרק און האָלאַנד, נעמען מיר אין אַכט דאָס, וואָס דער קאַמף קעגן די מײַרעוודיקע מעלוכעס האָט פאַרלאָרן דעם זין. אַף מיזרעך אָבער ווערט דער קריג פאַרגעזעצט”...

5 מײַ.

דער ערשטער, צווייטער און פערטער אוקראַינישע פראָנטן גרייטן זיך צום אנטשיידענעם קלאַפּ איבער דער גרופּע „צענטער", וועלכע דיסלאָצירט זיך אין טשעכאָסלאָוואַקײַע. אין אלע מיליטער-טיילן זײַנען דורכגעפירט געוואָרן מיטינגען. „דער זיג איז נאָענט, זייער נאָענט, אָבער די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, וועלכע ליגט אף אונדז, איז גרויס"... באנאכט האָט זיך אונדזער כאָר געלאָזט אין מאַרש.

6 מײַ.

אכט אזייגער מיט 30 מינוט.

עס אטאַקירט אונדזער אוואַנגאַרד. הונדערט פופציק טאַנקען גרײַפן אָן אפן קעגנער.

אין דער זעלבער צײַט פרווון זיך די דײַטשן דערשטיקן דעם אופשטאַנד פון די טשעכישע פאַטריאָטן אין פּראָג. אין קעלער פונעם באַלאַגערטן מיצאַד די היטלעראָווצעס מויער פון דער פּראָגער ראַדיאָ האָט דער טשעכאָסלאָוואַקישער דיקטאָר איבערגעכאַזערט אין עפיר א סאַך מאָל אף דער רוסישער שפּראַך א רוף נאָך הילף. די לאַגע איז געווען א קריטישע: ביכדיי ראַטעווען די באַפעלקערונג פון פּראָג האָט מען געדאַרפט, ניט געקוקט אף די פאַרלוסטן, דורכגיין עטלעכע הונדערט קילאָמעטער, דורכרײַסנדיק גוט פאַרפעסטיקטע פײַנטלעכע פּאָזיציעס.

7 מײַ.

15 מינוט אף איינס באַנאכט.

דער פאַשיסטישער גענעראַל-פעלקאָווניק יאָדל, דער שטאַב-שעף פון אלע דײַטשישע באוואָפנטע קויכעס, היטלערס געוועזענער מיליטערישער אייצעגעבער, לייגט פאָר די פאַרבליבענע היטלערישע אָנפירער, מע זאָל אים באפולמעכטיקן אונטערצושרײַבן א פולשטענדיקע קאַפיטוליאַציע אף אלע פראָנטן. אין דער סטאַווקע פונעם דײַטשישן גראָס-אדמיראַל דעניץ, וועלכער איז אין מײַ כוידעש 1945 געווען דער רייכסקאַנצלער פון דער גויסעסדיקער פאַשיסטישער מעלוכע, האָט מען יאָדלען די געהעריקע באפולמעכטיקונגען געגעבן. דאָס איז פאָרגעקומען איינס אזייגער מיט 30 מינוט באנאכט. אין פינף מינוט ארום איז איבערגעגעבן געוואָרן א פאַראָרדענונג דעם איבערקאָמאַנדיר פונעם דײַטשישן מיליטער אפן מײַרעוודיקן און דאָרעם-מײַרעוודיקן פראָנט דעם פעלדמאַרשאַל קעסעלרינג, ווי אויך די גענעראַלן שערנער, רענדוליטש און לער, זיי זאָלן אמשנעלסטן אָפפירן פונעם מײַרעוו-פראָנט אף מײַרעוו אלץ, וואָס עס איז נאָר מעגלעך. אויב צוליב דעם וועט זײַן נייטיק זיך דורכרײַסן דורך די סאָוועטישע ליניעס, זאָל עס קיין מעניע ניט זײַן.

צוויי אזייגער מיט 41 מינוט.

אין ריימס האָט יאָדל זיך אונטערגעשריבן אף דעם פאַרלויפיקן פּראָטאָקאָל וועגן דער קאַפיטוליאַציע פון די דײַטשישע באוואָפנטע קויכעס.

„געהיימע און פערזענלעכע בריוו-ווענדונג פונעם פּרעמיער י. וו. סטאַלין דעם פּרעזידענט הער טרומען. אײַער בריוו-ווענדונג פונעם 7 מײַ אין שײַכעס מיט דער קאַפיטוליאַציע פון דײַטשלאַנד האָב איך באקומען.

די איבערקאָמאַנדשאַפט פון דער רויטער ארמיי איז ניט זיכער, אז דער באַפעל פון דער דײַטשישער קאָמאַנדשאַפט וועגן דער פולשטענדיקער קאַפיטוליאַציע וועט אויסגעפילט ווערן מיצאַד די דײַטשישע כאַיאָלעס אפן מיזרעך-פראָנט. דעריבער דריקן מיר אויס א כשאַד, אז אויב די סאָוועטישע רעגירונג וועט הײַנט מעלדן וועגן דער קאַפיטוליאַציע פון דײַטשלאַנד, קאָנען מיר ארײַנפאַלן אין אן אומאָנגענעמער לאַגע און ארײַנפירן אין א טאָעס די עפנטלעכע מיינונג פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. מע דאַרף נעמען אין אכט, אז דער ווידערשטאַנד פון דעם דײַטשישן מיליטער אפן מיזרעך-פראָנט ווערט ניט אָפּגעשוואַכט און, ווי עס זאָגן איידעס די ראַדיאָ-איבערכאַפּונגען, מעלדעט אָפן א באַדײַטנדיקע גרופּע דײַטשישע כאַיאָלעס וועגן איר קאַוואָנע פאָרצוזעצן דעם ווידערשטאַנד און ניט אונטערוואַרפן זיך דעם גראָס-אדמיראַל דעניצעס באַפעל וועגן דער קאַפיטוליאַציע.

דעריבער וואָלט די קאָמאַנדשאַפט פון דער סאָוועטישער ארמיי געוואָלט אויסוואַרטן ביז מאָמענט, ווען עס וועט ארײַן אין קראַפט די קאַפיטוליאַציע פון דעם דײַטשישן מיליטער און אזויאַרום אָפּלייגן די מעלדונג פון די רעגירונגען וועגן דער קאַפיטוליאַציע אפן 9-טן מײַ, זיבן אזייגער אפדערנאכט לויט דער מאָסקווער צײַט".

זיבן אזייגער אפדערנאכט.

ביז פּראָג איז געבליבן 150 קילאָמעטער.

8 מײַ.

פּאַרטאָג איז קײן בערלין געקומען צו פֿליִען דער שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם אויסערן־מיניסטער פֿון פּססר ווישינסקי. ער האָט געבראַכט די נײטיקע דאָקומענטירונג וועגן דער קאַפּיטולאַציע פֿון דײַטשלאַנד און געמאָלדן דעם באַשטאַנד פֿון די פֿאַרשטײער פֿון דער איבערקאָמאַנדשאַפֿט אױף דער צערעמאָניע פֿון כאַסמענען די קאַפּיטולאַציע.

לויט דער אָנווײַזונג פֿון דער קאָמאַנדשאַפֿט פֿונעם פֿראָנט האָט נאָך דער צערעמאָניע געדאַרפֿט זײַן אַ פֿײַערלעכער מיטיק. עס איז ספּעציעל באַשטימט געוואָרן, אַז דער וואַרמעס וועט געגרײט ווערן פֿון סאָוועטישע נאַציאָנאַלע מײַכאָלים. דער שעף־פּאָוואַר האָט פֿאַרגע־לײגט אַ פֿאָלגנדע מעניו: רוסישער קרויט־סופּ, אוקראַינישער אינדיק, אוראַלער געפֿילטער קוכן, גרוזינישער שאַשליק, באַליק...

דער מאָלצײַט איז געווען אָנגעמערקט אױף 15 אזייגער.

פּופֿצן אזייגער.

דער מיטיק איז צוגעגרייט, אָבער מע מוז אים אָפּלײגן — די צערעמאָניע פֿון דער קאַפּיטולאַציע־אונטערכאַסמענונג האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן. ס׳ווערן פֿאַרגעזעצט די אונטערהאַנדלונגען צווישן מאָסקווע, לאָנדאָן און וואַשינגטאָן וועגן דער פּראָצעדור פֿון דער צערעמאָניע.

סאַמע טאָג.

דאָס סאָוועטישע מיליטער איז אַרויס צו דער שטאָט פּראָג.

„דעם מאַרשאַל סטאַלין, פֿונעם פּרעזידענט. איצט, ווען דאָס סאָוועטיש־ענגליש־אַמע־ריקאַנישע מיליטער האָט געצװוּנגען די אַרמייען פֿון די אַגרעסאָרן צו פֿולשטענדיקער קאַ־פּיטולאַציע, וויל איך איבערגעבן אײַך און דורך אײַערע העראָישע אַרמייען אַ הייסע באַ־גריסונג פֿון אונדזער פֿאָלק און פֿון זײַן רעגירונג. מיר שעצן הויך דעם גלענצנדיקן צו־שטײַער, וועלכן דער מעכטיקער סאָוועטנפֿאַרבאַנד האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער זאַך פֿון ציוויליזאַציע און פֿרײַהײַט... האַרי ס. טרומען".

צוועלף אזייגער באַנאַכט.

אין זאַל, ווו עס דאַרף פֿאָרקומען די צערעמאָניע פֿון כאַסמענען דעם אַקט פֿון דער קאַפּיטולאַציע, גייען אַרײַן: די פֿאַרשטייער פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד: זשוקאָוו, ווישינסקי, טע־לעגין. דער אוויאַציע־מאַרשאַל פֿון גרויסבריטאַניע טעדער, דער קאָמאַנדיר פֿון די אַמערי־קאַנישע סטראַטעגישע לופֿט־קרעפֿטן ספּאַאַטס, דער הויפּט־קאָמאַנדיר פֿון דער פֿראַנצויזי־שער אַרמיי דעלאַטר דע טאַסיני.

מע לײַענט פֿאַר די דאָקומענטן, וועלכע באַפֿולמעכטיקן די בײַוועזנדיקע דעלעגאַטן פֿון דעם פֿאַרבינדעטן מיליטער. דערנאָך מעלדעט זשוקאָוו:

— פֿירט אַרײַן די דײַטשישע דעלעגאַציע.

עס גייען אַרײַן קייטעל, פֿרידענבורג, שטומפּף און זייערע אַדיוטאַנטן.

באַם צענטראַלן טיש הייבט מען אָן כאַסמענען די דאָקומענטן. עס שרײַבן זיי אונטער זשוקאָוו, טעדער, ספּאַאַטס, דעלאַטר דע טאַסיני.

בעשאַס זיי שרײַבן אונטער די דאָקומענטן ווערט קייטעלס פּאָנעם שטאַרק פֿאַרפּינצ־טערט. וואַרטנדיק אױף דער רעגע, ווען עס וועט אָנקומען זײַן ריי אונטערצוכאַסמענען, זיצט ער אומבאַוועגלעך, האַלטנדיק זיך גלײַך. אַ הויכער אָפֿיצער, וועלכער שטייט הינטער זײַן פֿאָטעל, וויינט. קייטעל האַלט ניט אויס, ציט אויס אָפּן טיש די הענט און פֿאַרפֿרעסט זיי אין פֿויסטן.

אין דער רעגע זאָגט זשוקאָוו:

— דער דײַטשישער דעלעגאַציע ווערט פֿאָרגעלייגט כאַסמענען דעם אַקט וועגן דער פֿולשטענדיקער קאַפּיטולאַציע.

ווען דער לעצטער פֿון די דרײַ דײַטשן שרײַבט זיך אונטער, מעלדעט זשוקאָוו:

— די דײַטשישע דעלעגאַציע קאָן פֿאַרלאָזן דעם זאַל...

דער זייגער באַווײַזט 43 מינוט אױף איינס, דעם 9 מײַ.

9 מײַ.

קאַיאַר האָבן זיך די סאָוועטישע טאַנקען אַרײַנגעריסן אין פּראָג.

די מילכאָמע איז געענדיקט. איבער אייראָפּע צעבליט זיך די ערשטע פֿרידלעכע וועסנע.

די פּובליקאַציע האָט צוגעגרייט

אַלעקסאַנדער ניעמאָוו

אומשטערבלעכקייט

„פאַרשטעלט מיט זײַן קערפּער די אַמ־בראַזור פון א פײַנטלעכן דזאָט". אזעלכע לאַקאָנישע מיטיילונגען לייענען מיר אין די סוואָדקעס פון דער סאָווינפאָרמביוראָ, אין די שלאַכט-ראַפּאָרטן.

דער העלדנטאַט פון אלעקסאַנדער מאַטראָסאָוון, דעם גוואַרדיע-סאָלדאַט פונעם 254-טן גוואַרדייִשן שיסער-פּאָלק פון דער 56-טער גוואַרדייִשער שיסער-דיוויזיע, איז באַקאַנט אין דער גאַנצער וועלט. אין א פּראָסטיקן אינדערפרי דעם 23 פעווראַל 1943 האָט בײַם א פאַרביטערטער שלאַכט מיט די פאַשיסטן פאַרן דאָרף טשערנושקי א פײַנטלעכער קוילנוואַרפער צוגעדריקט אונדזערע סאָלדאַטן צו דער ערד. דרײַ אווטאָמאַטלער האָבן דאָך געפּויזעט פאָרויס, נאָר די דײַטשן האָבן צוגעגעבן פײַער, און אָט איז שוין איינער טויט, און צוויי זײַנען פאַרווונדעט. דאַן האָבן זיך א וואָרף געטאָן צום דזאָט נאָך דרײַ געוואַגטע רויטאַרמייער. און ווידער איז דער שניי באַפאַרבט מיט בלוט.

צום פאַרשטאָלטענעם דזאָט האָט זיך אַוועקגעלאָזט דער נײַנצניאָריקער סאָלדאַט אלעקסאַנדער מאַטראָסאָוו. ער האָט א שלײַדער געטאָן צוויי גראַנאַטעס. באַם דזאָט האָבן אופגעבליצט אופרײַסן, נאָר דאָס פײַער האָט ניט אופגעהערט. פּלוצעם האָט זיך אלעקסאַנדער מאַטראָסאָוו בליצשנעל אופגעהויבן פונעם ווייכן שניי, האַסטיק זיך א וואָרף געטאָן צום דזאָט און מיט דער ברוסט פאַרהאַקט די אַמבראַזור.

ביז הײַנט עקזיסטירט דער פּאָלק, אין וועלכן ס'איז באַגאַנגען זײַן אומשטערבלעכן העלדנטאַט אלעקסאַנדער מאַטראָסאָוו. יעדן טאָג אפן אָוונטיקן אַפּעל רופט אויס דער סטאַרשינאַ:

— העלד פונעם ראַטנפאַרבאַנד גוואַרדיע-סאָלדאַט אלעקסאַנדער מאַטראָסאָוו!

— אומגעקומען מיט א העלדנטויט אין די שלאַכטן מיט די דײַטשישע פאַרכאַפּער, — ענטפערט דער סאָלדאַט, וואָס שטייט אפן רעכטן פלאַנג.

אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָבן העכער 330 סאָלדאַטן, סערזשאַנטן, מאַטראָסן, אָפיצערן, פּאָליט-טוער און פּאַרטיזאַנער, אזוי ווי מאַטראָסאָוו, פאַרשטאָפּט מיטן אייגענעם קערפּער דעם סוינעס דזאָט. 138 פון זיי זײַנען געוואָרן העלדן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. נאָך ביז אלעקסאַנדער מאַטראָסאָוון זײַנען העכער 70 קריגער

פון דער סאָוועטישער ארמיי באַגאַנגען אַט
דעם אַקט פון העראָישער זעלבסטאָפּפּערונג.

דער ערשטער איז אזא העלדנטאַט באַ-
גאַנגען דעם 24 אווגוסט 1941 לעם נאָווגאָ-
ראַד דער יינגערער פּאָליטרוק פון א טאַנקען-
ראָטע פונעם 125-טן טאַנקען-פּאָלק פון דער
28-טער טאַנקען-דיוויזיע אַלעקסאַנדער קאָנ-
סטאַנטינאָוויטש פּאַנקראַטאָוו. אין דער באַווי-
נונגס-ליסטע ווערט געזאָגט: „בייסן אַנגריף
אפן קירילאָווער מאַנאַסטיר האָט זיך די ראָטע
שנעל איבערגעוואָרפן איבערן טייך און גע-
נומען אַטאַקירן. דער פּיינט האָט געעפנט א
שטאַרק פייער. א קוילנוואַרפער פון לינקס
האָט ניט געגעבן די מעגלעכקייט אריינצו-
דרינגען אין דעם סוינעס פּאָזיציעס. דאַן האָט
פּאַנקראַטאָוו זיך געוואָרפן אפן קוילנוואַרפער,
און די ראָטע האָט באַקומען א מעגלעכקייט
פאַרזעצן דעם אַנגריף".

אין שווערע שלאַכטן, פאַרטיידיקנדיק
יעדן שפּאַן פונעם סאָציאַליסטישן היימלאַנד
און באַפרייענדיק פונעם פאַשיזם די פעלקער
פון אייראָפּע, האָט די סאָוועטישע ארמיי אַנט-
פּלעקט די אומצעשטערבאַרע אייניקייט פון
דעם פילנאַציאָנאַלן סאָוועטישן פאָלק. מאַט-
ראָסאָווס העלדנטאַט זיינען באַגאַנגען קריגער
פון העכער צוואַנציק נאַציאָנאַליטעטן: דער
אוקראַינער, סערזשאַנט נאָסוליא ניקאָליי וואַ-
סיליעוויטש — דעם 20 יאַנואַר 1945 אין
דער שלאַכט פאַר דער שטאָט קאָלאָ (פּוילן);
דער ווייסרוס, סערזשאַנט אוורамקאָוו פּראָ-
קאָפּי איוואַנאָוויטש — דעם 22 יאַנואַר 1944
באַם דאָרף אַשמאַרי (פּסקאָווער געגנט); דער
אוזבעק רוסטעמאָוו טאַשטעמיר, א סאָלדאַט —
דעם 12 אווגוסט 1943 אין דער שלאַכט פאַרן
דאָרף באַריסאָווקא (סמאָלענסקער געגנט);
דער קאַזאַך בייַמאַגאַמבעטאָוו סולטאַן בירזשאַ-
נאָוויטש, אַן עלטערער סערזשאַנט — דעם 25
יולי 1943 אין ראַיאָן פון די סיניאַווסקער הייכן
הינטער לענינגראַד; דער גרוזינער מייסוראַד-
זע געאָרגי וואַסיליעוויטש, א סאָלדאַט — דעם
9 אָקטיאַבער 1943 אין דער שלאַכט פאַרן
דאָרף גלושעץ (האָמלער געגנט). ער איז, צום
גליק, געבליבן לעבן; דער קירגיז טולעבער-
דיעוו טשאָלנאָבייַ, א סאָלדאַט — דעם 6 אוו-
גוסט 1942 אין דער שלאַכט פאַר דער הייך
ליסאַיאַ גאָרא באַם דאָרף סעליאוואַיע (וואָ-
ראָנעזשער געגנט); דער טאַדזשיק ערדזשע-
גיטאָוו טויטשי, א סאָלדאַט — דעם 5 אָקטיאַ-
בער 1943 צאָפּן-מייַרעוודיקער פונעם דאָרף
סמערדין (לענינגראַדער געגנט); דער אַרמענער
אוועטיסיאַן אונאַן מקרטיטשעוויטש, אַן על-
טערער סערזשאַנט — דעם 16 סענטיאַבער
1943 הינטער נאָוואָראָסייסק; דער אַזערבייַד-
זשאַנער אַסאַדאָוו גערייַ ליאַטיף-אָגלי, גוואַר-
דיע-סערזשאַנט — דעם 6 אָקטיאַבער 1944
אין דער שלאַכט פאַר דער שטאָט מאַרגאַט
(רומעניע); דער מאָלדאַוואַן סאָלטיס אי-
וואַן סידאָראָוויטש, א סאָלדאַט — דעם 11
פעווראַל 1945 אין דער שלאַכט פאַרן דאָרף
לויזענטאַל (דייַטשלאַנד); דער עסטאָנער לאַאַר
יאָסיף יאָסיפּאָוויטש, א גוואַרדיע יינגערער
סערזשאַנט — דעם 7 אווגוסט 1943 אין דער
שלאַכט פאַרן כוטער לענינסקי (קראַסנאָדאַ-
רער געגנט); דער אוואַרער מוסאַיעוו סאַאַדול
איסאַיעוויטש, א סערזשאַנט — דעם 23 נאָיאַ-
בער 1943 אין דער שלאַכט פאַר דער הייך
71,3 לעבן דאָרף גלאַזאָווקא (קרימער געגנט);
דער באַשקיר גייַבאַידולין מינגאַלי כייבולאָ-
וויטש, א גוואַרדיע-לייטענאַנט — דעם 8
מאַרט 1944 אין דער שלאַכט פאַר באַפרייען
דאָס דאָרף דודטשאַני (כערסאָנער געגנט);
דער ייִד בעלינסקי יעפים סעמיאָנאָוויטש, א
לייטענאַנט — אין דער נאַכט פון 15 אפן 16
דעקאַבער 1944 אין ראַיאָן פונעם יישעוו בו-
דעלקעמען (פאַרשטאָט פון דער שטאָט קליי-
פּעדאַ, ליטווישע ססר); דער מאַריער פּראַכאָ-
ראָוו זינאָן פיליפּאָוויטש, א גוואַרדיע-לייטע-
נאַנט — דעם 19 סענטיאַבער 1944 אין דער
שלאַכט פאַר דער הייך בעזימיאַני באַם דאָרף
כאַדאַם (טראַנסילוואַניע); דער טאַטער גאַ-
פּיאַטולין גאַזינור גאַפּיאַטלאָוויטש, א סער-
זשאַנט — דעם 14 יאַנואַר 1944 אין דער
שלאַכט פאַרן דאָרף אָסיטשטשי (פּסקאָווער
געגנט); דער אודמורט קוליקאָוו אַלעקסיי
אַלעקסאַנדראָוויטש, א געהילף פונעם וזוואָד-
קאָמאַנדיר — דעם 22 סענטיאַבער 1943 אין
דער שלאַכט פאַרן דאָרף סאָלאָשינאָ (סמאָ-
לענסקער געגנט).

אַלע זיינען זיי באַלוינט געוואָרן מיטן
טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד. אייניקע
זיינען אויך אף אייביק פאַרצכנט אין די
צעטלען פון די מיליטער-טיילן.

איצט וועלן מיר דערציילן וועגן פיר
יידן, וואָס זיינען באַגאַנגען דעם לעגענדאַרן
העלדנטאַט — געמאַכט דעם לעצטן שפּאַן
אין לעבן, דעם שפּאַן אין דער אומשטערבלעכ-
קייט.

אין 1918 איז אין קיעוו אין דער מיש-
פּאָכע פון אַן אַרבעטער געבוירן געוואָרן אַב-
ראַם איסאַקאָוויטש לעווין. די מוטער, ריטע
דאַווידאָוונאַ, איז געווען א נייטערן. איסאַק
מאָיסייעוויטש, אַן אַנטיילנעמער פונעם ביר-
גערקריג און פון דער פּאַטערלענדישער מיל-
כאָמע, האָט דערציילט:

„מיין זון האָט אין 1937 פאַרענדיקט די
47-טע מאָסקווער שול. ער האָט זיך גוט גע-

לערנט, געווען פאַרכאַפּט מיט מוזיק, מיט ספּאָרט, זייער א סאך געלייענט. ניקאָלײַ אָסטראָווסקיס ראָמאַן „וויאַזוי האָט זיך פאַר־הארטעוועט שטאָל" איז געווען זײַן האַנטבוך. מיט גרויס כיישעק האָט ער אָנטיילגענומען אין טעאַטער פאַר אַרבעטער-יוגנט באַם זאַ־וואָד. איינמאָל האָט ער געבראַכט צוויי אײַנ־לאַדונגען און געזאָגט: „טאַטע, דיך מיט דער מאַמען לאַדט מען אײַן אַף אַן אָוונט אין קול־טור-פּאַלאַץ, אָט זײַנען די בילעטן..."

יענעם אָוונט געדענק איך גוט ביז הײַנט, ער איז דורכגעגאַנגען זייער אינטערעסאַנט. ס'האָט מיך דערפרייט, וואָס די ראָל פון פּא־וועל קאָרטשאַגינען האָט געשפּילט אבראַם. אָט אַזוי איז געוואַקסן און זיך דערצויגן מײַן זון. אַגעוו, אַלע מײַנע זײַנען ניט געווען עפּעס אַזעלכע אויסערגעוויינלעכע: די דאָזי־קע אייגנשאַפטן האָבן פאַרמאָגט א סאך יוגנט־לעכע פון זײַן צײַט"...

געענדיקט די שול, איז אבראַם לעווין אָנ־געקומען אין מאָסקווער אווטאָמעכאַנישן טעכ־ניקום לויטן פאַך פון אווטאָמאָבילן-מאָנטאַזש. דעם 3 יולי 1941 האָט ער פאַרטיידיקט דעם דיפּלאָם. די טעמע איז געווען א גאַנץ טשי־קאַווע: „וועגן פאַנאַנדעראַרבעטן א פּראָיעקט פון א פּראָדוציר-פּלאַץ פאַר מאָנטירן רעדוק־טאָרס צו דער הינטער-אַקס פונעם אווטאָמאָ־ביל „זיס-6", קעדיי אַרויסלאָזן 50 טויזנט אוו־טאָמאָבילן א יאָר".

נאָך דער מילכאָמע, ווען די מישפּאָכע לעווין האָט געוווינט אין מאָסקווע אין וועש־ניאַקי, האָט אבראַם לעווינס מוטער, שוין אַן עלטערע פרוי מיט טיף-אײַנגעפאַלענע אויגן, שטיל וויינענדיק, דערציילט דעם פאַראַנט־וואָרטלעכן סעקרעטאַר פון דער צײַטונג „מאָסקאָווסקי אווטאָזאַוואָד", אַלעקסאַנדער נאָוויקאָוון וועגן איר זון.

— גלײַך נאָכן פאַרענדיקן דעם טעכני־קום האָט מען אים געשיקט אַרבעטן אַף אַן אווטאָזאַוואָד. ס'איז געווען מילכאָמע-צײַט. אַהיים פלעגט ער קומען זעלטן, אָפטער פון אַלץ האָט ער גענעכטיקט אַפן זאַוואָד. אַרבעט איז געווען זייער א סאך. נאָר איינמאָל איז ער געקומען אַהיים אין אָוונט און גלײַך פון דער שוועל געמאָלדן: „איך גיי אוועק אַפן פראָנט. איך האָב זיך שוין פאַרשריבן פרײַוויי־ליק אין דער אָפּאָלטשעניע". איסאַק מאָיסייע־וויטש האָט דערווידערט, אַז ער האָט א בראָ־ניר-שײַן און איז נייטיק דעם זאַוואָד. אַף דעם האָט מײַן זון געענטפערט דעם פאָטער: „זאָג מיר, ווער וועט פאַרטיידיקן מאָסקווע, אונד־זער היים, אויב יעדערער וועט דאָ אָפּזיצן מיט זײַן בראָניר-שײַן? ווער וועט פאַר מיר און פאַר דיר זיך שלאָגן מיטן סוינע און פאַרטיי־

אבראַם לעווין

דיקן דאָס פאָטערלאַנד?". מיר האָבן געמוזט מאַסקים זײַן, ער איז געווען גערעכט. באַגלייט דעם זון אין ארמיי, האָט זיך מײַן מאַן אויך אָפּגעזאָגט פון זײַן בראָניר-שײַן. ער האָט אָנ־געשריבן א מעלדונג אין ראַיוואָיענקאָמאַט און איז אוועק אַפן פראָנט.

ריטע דאַווידאָווונע הייבט זיך פאַמעלעך אויף און, ניט אויסווישנדיק די טרערן, ברענגט זי דעם זונס דאָקומענטן, פאָטאָגראַפיעס, אויסשניטן פון צײַטונגען.

אין לעצטן בריוו אַהיים האָט אבראַם גע־שריבן: „מאַמע, ס'וועט דורכגיין א צײַט, און דו וועסט פאַרשטיין, אַז איך האָב געטאָן ריכ־טיק. יאָ, דו וועסט אומבאַדינגט זאָגן, אַז דײַן זון האָט געהאַנדלט ערלעך. איך בין יונג, גע־זונט און מײַן אָרט איז דאָ. אין אונדזער ארמיי זײַנען אַזעלכע, ווי איך, מיליאָנען. און אַף אונדז, ווי אויך אַף אונדזערע טאַטעס און ברי־דער, ליגט דער כויוו צו פאַרטיידיקן די דעראָבע־רונגען פון אונדזער פאָלק. פאַרשטייט זיך, אַז מיר מוזן פאַרגיסן אונדזער בלוט און אַפילע, אויב מע דאַרף, אָפּגעבן דאָס לעבן, קעדיי אויסראָטן איין מאָל פאַר אַלע מאָל דעם פאַ־שיזם. דער בלוטיקער סוינע, וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן אַף אונדזער ערד, דאַרף ווערן פאַרניכטעט. איך גרייט זיך איצט אויספילן א וויכטיקע אויפגאַבע פון אונדזער קאָמאַנדשאַפט. ס'קאָן טרעפן, איך זאָל זיך ניט אומקערן א לעבעדיקער. איך גיי אַהין, קעדיי זיכערן דעם אָנגריף פון מײַנע כאַווײרים. איך גיי צוליב מײַן פאָלק, צוליב אונדזער זיג, צוליב דעם שענסטן און בעסטן, וואָס דער מענטש האָט. וויין ניט, מאַמע, זאָל קיינער ניט וויינען".

אין פעברואַל 1942 זײַנען געגאַנגען פאַרביטערטע שלאַכטן מיט די פאַשיסטן אַפן קאַלינינער פראָנט. דער 881-טער שיסער-פּאַלק אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פונעם מאַיאָר באָנדאַרענקאָ האָט אין מעשעך פון צוויי מעסלעס באַפרײַט פינף יישובֿים און פאַנאַנדערגעוויקלט אַן אָנגריף אַף דעם שטאַרק-באַפעסטיקטן דאָרף כאָלמעץ. אין דער שלאַכט האָט א קוילנווארפער פון א פארמאַסקירטן דזאָט מיט א שטארק פײַער פונעם פלאַנג אָפּגעשטעלט אונדזערע טײלן.

אין אָט דעם שווערן מאָמענט האָט דער קאָמיוגיסט אבראַם לעווין, ארויסרײַסנדיק זיך פאָריס אונטער דעם האָגל פון בלײַ, א שלײַדער געטאָן עטלעכע גראַנאַטעס אין דער פײַנטלעכער אמבראַזור. דער קוילנווארפער האָט אָבער ניט אופגעהערט צו שיסן. דאַן האָט לעווין פויזענדיק זיך דערנעענטערט צום דזאָט. אין איין אויגנבליק אופגעשטעלט זיך אַף די פיס און מיטן קערפער פארהאַקט די אמבראַזור. דער פײַנטלעכער קוילנווארפער איז אַנשטומט געוואָרן. איגיכן האָט איבערן דאָרף געפלאַטערט א רויטע פאָן. דאָס האָט געטראָפן אין עטלעכע טעג נאָך דעם, ווי ער האָט אָנגעשריבן זײַן לעצטן בריוו דער מאַמען.

...דאָס סאָוועטישע מיליטער האָט ווי א מעכטיקע לאווינע אָנגעגריפן אַף אַלע פראָנטן. איגיכן זײַנען באַפרײַט געוואָרן פון די דײַטשישע אָקופּאַנטן גאַנץ ווײַסרוסלאַנד און בײַבאַלטיק. אין אָנדענק פון אבראַם איסאַקאָוויטש לעווין איז אוועקגעשטעלט געוואָרן א דענקמאָל-אָבעליסק אַפן אָרט, ווו ער איז באַגאַנגען דעם העלדנטאַט. אין דער שול פונעם דאָרף כאָלמעץ טראָגט א פּיאָנערישער אָטריאַד דעם נאָמען „אבראַם לעווין".

אין מוזיי פון דער שטאָט קאַלינין ווערן אָפּגעהיט דער אָרדען „פאַטערלענדישע מילכאָמע פון דער 1-טער שטופע", מיט וועלכן לעווין איז באַלוינט געוואָרן נאָכן טויט, זײַן דיפּלאָם וועגן פארענדיקן דעם אווטאָמעכאַנישן טעכניקום און אַנדערע דאָקומענטן, וועלכע דערציילן וועגן דעם העלד. אין מוזיי פון שלאַכט-רום פון דער באַלוינטער מיטן סוּוואָראָוו-אָרדען, צוויי מאָל רויטפאָניקער 158-טער שיסער-דיוויזיע, אינעם מוזיי פון ארבעטס- און שלאַכט-רום פון דעם מאָסקווער אווטאָזאַוואָד אַף ליכאַטשאָווס נאָמען, אין דעם מאָסקווער אווטאָמעכאַנישן טעכניקום און אין דער מאָסקווער שול נומ. 48 זײַנען אויסגעשטעלט עקספּאָזיציעס, געווידמעט דעם מאַטראָסאָוועץ אבראַם לעווין.

אין 1984 האָט מען לעווינס נאָמען צוגעאייגנט דעם פּיאָנערישן אָטריאַד פון דעם 6-טן קלאַס פון דער שול נומ. 48.

טעוויע רײַז

דעם 16 אָקטיאַבער 1944 האָט דאָס מיליטער פונעם 3-טן ווײַסרוסישן פראָנט אָנגעהויבן די גומבינענער אָפּעראַציע, שטעלנדיק זיך א ציל — ארײַנדרינגען אין מיזרעך-פרײַסן.

אַף מאָרגן, דעם 17 אָקטיאַבער, פאַרטאָג, איז דער 45-טער שיסער-פּאָלק פון דער 17-טער גווארדייִשער שיסער-דיוויזיע ארויס אַף דער גרענעץ פון מיזרעך-פרײַסן אין ראַיאָן פון דער שטאָט גומבינען (הײַנט הייסט זי גוסיעוו). דער קעגניבערדיקער ברעג איז געווען שטארק באַפעסטיקט. בעשאַס די שלאַכטן באַם איבערגיין די גרענעץ האָט איבערגעכאַזערט אַלעקסאַנדער מאַטראָסאָווס העלדנטאַט און איז געבליבן לעבן טעוויע כאַימאָוויטש רײַז, א סערזשאַנט, קאָמאַנדיר פון אַן אָפּטייל-לונג און קאָמסאָרג פון דער צווייטער ראָטע פונעם 3-טן באַטאַליאָן פון דעם 45-טן גווארדייִשן שיסער-פּאָלק.

אָט וואָס עס דערציילט טעוויע רײַז אַליין:

„די פײַער-ליניע איז געגאַנגען דורכן טײַך שערוואַנט. דער קעגניבערדיקער ברעג איז געווען שטארק פארפעסטיקט. אונדזער באַטאַליאָן אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פונעם קאַפּיטאַן סטאָצענקאָ האָט פאָרסירט דעם טײַך און פארבונדן א שלאַכט אַף יענעם ברעג. פּלוצעם האָט פון א פארמאַסקירטן בעטאָנירטן בונקער אונדז באַשאָסן א קוילנווארפער און צוגעדריקט אונדז צו דער ערד. דער באַטאַליאָן-קאָמאַנדיר האָט מיר באַפוילן נעמען א גרופּע סאָלדאַטן און פארניכטן דעם בונקער. מיר האָבן אים פארוואָרפן מיט גראַנאַטעס, נאָר די פּאַטראָנעס האָבן זיך בא אונדז געענ-

דיקט, און בלויז צוויי קוילנוואַרפערס זײַנען אנשוויגן געוואָרן. דער דריטער האָט אָן אויפהער געשאָסן. מאַכאַנקאָ און יאַקאָוולעוו ליגן שוין טויט אפן שניי. מיר האָט ניט אויפגעהערט צו בויערן דער געדאנק: דער באפעל איז ניט אויסגעפילט, די כאַווײרים קומען אום, מע דאַרף עפּעס טאָן... ס'איז דאָ נאָר איין אויסוועג: איך האָב זיך דערנעענטערט צו דער עפענונג, פונוואַנען ס'האָט געשטעפּט דער קוילנוואַרפער, זיך האסטיק אויפגעהויבן און מיט זיך פאַרשטעלט די אמבראַזור. ווײַטער האָב איך שוין גאָרנישט ניט געפילט...״

דער באַטאַליאָן האָט זיך א ריס געטאָן פאָרויס מיט א מעכטיקן „הורא״. דער בונקער האָט געשוויגן. די סאַניטאַרן האָבן באַמערקט, אז דער קאָמסאָרג עטעמט. מע האָט אים איבערגעבונדן די וווּנדן און אָפּגעפירט אין פעלד-שפּיטאָל. אין דער באַלוינונג-ליסטע פאַרן 20 אָקטיאַבער 1944 איז פאַרשריבן, אז „דעם 17 אָקטיאַבער 1944 אין דער שלאַכט באַם פאָרסירן דעם טײַך שערוואַנט אינעם ראַיאָן פון דעם דאָרף גאָבערעזשקין (מיזרעך־פּרײַסן), האָט דער כאַווער רײַז מיט זײַן אָפּטיילונג, באַווײַזנדיק א מוסטער פאַר די איבעריקע קריגער פונעם באַטאַליאָן, דער ערשטער פאָרסירט דעם טײַך, גויווער געוועזן דרײַ פאַרטיידיקונגס-ליניעס פון דעם סוינע און אײַנגענומען א וויכטיקע הייך. אין שלאַכט פאַר א הייך דעם 18 אָקטיאַבער 1944 האָט דער כאַווער רײַז אונטער א שטאַרקן פײַער פונעם סוינע זיך דרייסט געלאָזט פּויזען, קעדיי צו פאַרניכטן א פאַשיסטישן דאָט, פון וועלכן ס'האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן א פײַער אָף אונדזער פּעכאָטע, ניט לאָזנדיק, זי זאָל זיך באַוועגן פאָרויס. רײַז האָט מיט זײַן קערפּער פאַרשטעלט די אמבראַזור און מיט דעם דערמעגלעכט אונדזער זיגרײַכן אָנגריף. דער כאַווער רײַז האָט באַקומען 18 קוילן-וווּנדן״.

לויטן באַפעל פונעם קאָמאַנדיר פון דער גוואַרדייִשער שיסער-דיוויזיע איז ער באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען פון רום 3-טע שטופע.

נאָך דער מילכאָמע האָט ט. רײַז געאַרבעט אין א וויסנשאַפטלעך-פאָרשערישן אינסטיטוט פון ווירוס-פּרעפּאַראַטן. ער איז געווען א ליבלינג בא די מאָסקווער אײַנוווינער. נאָך זײַנע אַרויסטרעטונגען אין דער טעלעוויזיע פלעגט מען אים אין גאַס האַרציק באַגריסן. די צײַטונגען פלעגן אָפט שרײַבן וועגן זײַן העלדנמוט.

ער איז געבוירן געוואָרן אין 1920 אין דער שטאָט קרעמענעץ, טערנאָפּאָלער געגנט.

דעם 21 אַפּרעל 1982 איז ער נאָך א לאַנגדויערנדיקער קראַנקײַט געשטאָרבן.

יעפים בעלינסקי

יעפים בעלינסקי האָט געלעבט צוזאַמען מיט זײַן מאַמען מיט א ייִנגערן ברודערל און מיט א שוועסטער אין טײַגע-ייִשעוו סאָוורודניק, ווו מע פלעגט אַרויסבאַקומען גאָלד. וועגן יעפימס שול-יאָרן דערציילט זײַנער א כאַווער פון דער קינדהײַט, איצט א שלאָסער אין א מאָסקווער אווטאָמאָביל-אונטערנעמונג, איוואַן פּאַוולאָוויטש זיריאַנאָוו:

„ניט קיין הויכער, א שוואַרצינקער, איז יעפים געוועזן דער ליבלינג באַם קלאַס. ניין, דאָס איז ניט געוועזן קיין געפּעסטעט ייִנגעלע, נאָר א דרייסטער, מוטיקער און זעלבשטענדיקער לויטן כאַראַקטער. פלײַסיק לערנענדיק מאַטעמאַטיק, פיזיק, ליטעראַטור, ביִאָלאָגיע, איז ער געוועזן פון די בעסטע שילער. אין קלאַס פלעגט מען שפּאַסן, אז יעפים איז אַזא פעיִקער, ווײַל ער טראָגט אַן אַלציינע פאַמיליע מיט דעם „לײַדנשאַפטלעכן וויסאַריאָן״ בעלינסקי, דעם גרויסן רוסישן קריטיקער און רעוואָליוציאָנער. אָף דעם האָט יעפים, שמייכלענדיק, געענפערט: „קאָן זײַן, אז איבער דעם״...

אין 1943 יאָר האָט מען יעפים בעלינסקין גענומען אין אַרמיי. נאָכן פאַרענדיקן די קיִעווער אַרטילעריע-שול איז ער אָנגעקומען דעם 13 דעקאַבער 1943 אין 133-טן אַרטילעריע-פּאָלק פון דער 32-טער שיסער-דיוויזיע. אין סאָף מײַ 1944 איז די דיוויזיע אָנגעקומען אפן צווייטן ווײַסרוסישן פראָנט און פאַרנומען די פאַרטיידיקונגס-ליניע אָף דעם

טײַך פּראַניא (װײַסרוסלאַנד), אין ראַיאָן פֿון דער שטאָט טשאַוסי.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פֿאַרביטערטע שלאַכטן. עס איז פֿאַרגעשטאַנען צו פֿאַרסירן דעם דאָזיקן טײַך. איבער די לײַכטע בריקלעך, וואָס די סאַפּיאָרן האָבן איבערגעוואָרפֿן בײַנאַכט, האָבן די פּעכאָטינצעס זיך א ריס געטאָן פֿאָרויס אױפֿן קעגנבערדיקן ברעג... אין דער סאַמע ערשטער שלאַכט האָט יעפּים בעלינסקי באַוויזן זײַן געוואגטקײַט. א פֿאַשיסטישער סנאַריאַד האָט צעשפּאַלטן דאָס בריקל, איבער וועלכן ס'האָבן געדאַרפֿט דורכגײן די סאָלדאַטן. יעפּים און דער אויסשפּירער גרישע קאַסיאַנאָוו האָבן זיך אונטער א שטורמיש פֿײַער געוואָרפֿן אין וואַסער און מיט טעלעפֿאָן־דראָטן צונױפֿגעבונדן און פֿאַרפֿעסטיקט דאָס בריקל, גלײַך האָבן זיך די זעלנער א לאָז געטאָן צום פֿײַנטלעכן ברעג. אין דער שלאַכט איז יעפּים שווער פֿאַרווונדעט געוואָרן.

בעלינסקיס בריוו אַהיים דעם 29 יולי 1944.

„...איך האָב אײַך שוין געשריבן, מײַנע ליבע, אַז דעם 23 יוני 1944, 12 אַזייגער בין איך פֿאַרווונדעט געוואָרן און אַרײַנגעפֿאַלן אין האָספּיטאַל. איך אײַל זיך צו מעלדן, אַז ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, זײַנען די ווונדן מײַנע עפּעס גאָר נישטיקע. א שפּליטער האָט געטראָפֿן אין פֿוס און אין קאָפּ, נאָר די ביינער און דאָס פּאָנעם זײַנען גאַנץ געבליבן. אַזוי אַז די טעג פֿאַר איך ווידער אױפֿן פֿראָנט זיך שלאָגן אין מײַן מיליטער־טייל. איר מעגט שרײַבן אױפֿן אַלטן אַדרעס. וועגן די דערפֿאָלגן פֿון אונדזער מיליטער אין דעם באַפֿרײַטן ווײַסרוסלאַנד לייענט איר, פֿאַרשטייט זיך. איר קאָנט שטאָלץ זײַן מיט דעם, וואָס אַן אָנטיילנעמער אין די שלאַכטן איז אײַער פֿימקע. שרײַבט, מײַנע טײַערע, וועגן אײַער געזונט. גריסט מײַנע באַקאַנטע און די לערער. איך קוש אײַך אַלעמען שטאַרק".

די קאָמאַנדשאַפֿט האָט הויך אָפּגעשאַצט זײַן העלדנטאַט און אים באַלױנט מיטן אָרדען פֿון דער פּאַטריאָטישער מילכאָמע II שטופֿע. נאָך דער דאָזיקער שלאַכט איז ער געוואָרן א קאָמוניסט.

דעם האָספּיטאַל האָט ער פֿאַרלאָזט פֿאַר דער צײַט, די ווונדן זײַנען נאָך ניט אינגאַנצן פֿאַרהיילט געוואָרן. דורכגעמאַכט א לאַנגן וועג, האָט ער דעריאָגט זײַן מיליטער־טייל. ער איז ווידער געוואָרן קאָמאַנדיר פֿון דעם זעלבן וזוואָד אין דער 5־טער באַטאַרייע.

אין איינער פֿון די שלאַכטן איז פֿאַרווונדעט געוואָרן דער קאָמאַנדיר פֿון דער באַטאַרייע, און בעלינסקי האָט דרייסט גענומען די קאָמאַנדשאַפֿט אױף זיך.

פֿאַר פּערזענלעכן מוט און דרייסטקײַט האָט די קאָמאַנדשאַפֿט באַלױנט דעם לייטענאַנט בעלינסקי מיטן אָרדען פֿון דעם רויטן שטערן. דאָס איז געווען זײַן צווייטע באַלוינונג.

אין איינעם פֿון זײַנע ווײַטערדיקע בריוו האָט ער געשריבן:

„א גרוס פֿון מיזרעך־פּרײַסן! זײַט געגריסט, מײַנע טײַערע!

...ערשט מיט עטלעכע שאָ צוריק האָב איך זיך אומגעקערט פֿון אַן אויסשפּירונג צו זיך אין דער באַטאַרייע. איך האָב געהאַט א שווער שטיקל אַרבעט. מע האָט גערעכנט, אַז איך בין געווויס אומגעקומען. מײַן פֿרײַנט אַנאַטאָלי זאַלאָזני האָט אַפֿילע מיטגעטיילט נאַטאַשען וועגן מײַן אומקום. א מאָלאַדיעץ, וואָס ער האָט ניט באַוויזן וועגן דעם צו וויסן געבן אײַך. נאָר, ווי איר זעט, בין איך לעבעדיק.

...צו מיר אין זעמליאַנקע קומען פֿרײַנט און באַגריסן מיך מיט דעם, וואָס די שלאַכט־אױפֿגאַבע האָב איך אויסגעפֿילט און זיך בעשאָלעם אומגעקערט. נאָר זיי שטערן מיר שרײַבן און טראַכטן. גריסט אַלע באַקאַנטע און פֿרײַנט. איך קוש אײַך אַלעמען שטאַרק. אײַער זון און ברודער יעפּים".

(קיין דאַטע איז אױף דעם בריוו ניטאָ).

בעשאַס די שלאַכטן פֿאַר באַפֿרײַען קלײַפּעדאַ איז געווען דרינגענד נויטווענדיק דורכפֿירן אַן אויסשפּירונג און נעמען א „צונג". די דאָזיקע אױפֿגאַבע האָבן אויסגעפֿילט די אויסשפּירער פֿונעם אַרטילערישן פּאָלק.

די לאַקאָנישע שורעס פֿון דער רעליאַציע דערציילן אָט וואָס:

„דעם 16 דעקאַבער 1944 4 אַזייגער באַנאַכט האָט דער לייטענאַנט בעלינסקי מיט א גרופּע אויסשפּירער זיך דורכגעשלײַכט אין דער טיף פֿון דער דײַטשישער פֿאַרטיידיקונגס־ליניע. בעשאַס דער שלאַכט צו פֿאַרכאַפּן א געפֿאַנגענעם האָט ער אַרויסגעוויזן א מוסטער פֿון העלדנמוט און העראָיזם, טרײַהײַט דעם סאָציאַליסטישן פֿאָטערלאַנד.

זײַענדיק אָפּגעריסן פֿון דער הויפּט־גרופּע, האָט ער דרייסט אָנגענומען א שלאַכט איינער אַליין מיט אַכט פֿאַשיסטן. ווען א פֿײַנטלעכער קוילנוואַרפֿער האָט געעפֿנט א פֿײַער איבער דער הויפּט־גרופּע, וועלכע האָט זיך געפֿונען אױף אַן אָפֿענעם פּלאַץ און דער אומפֿאַרמײַדלעכער טויט האָט געדראָט דער גאַנצער גרופּע, האָט בעלינסקי זיך מיט מעסירעסנעפֿעש געוואָרפֿן פֿאָרויס איבערן מינען־

פעלד צום פײַנטלעכן דזאָט. א פארוווּנדעטער, האָט ער געשלײַדערט גראנאטעס אין דער פאשיסטישער אמבראזור, — דער קוילנווארפער איז אנשווײַגן געוואָרן. נאָר א צווייטער קוילנווארפער האָט גלײַך אָנגעהויבן שטעפּן. בלײַבנדיק אָן שיס-מאטעריאלן, האָט זיך יעפים בעלינסקי א וואָרף געטאָן אויף דער אמבראזור און זי פארשטעלט מיט זײַן קערפּער. בעלינסקיס גרופּע איז אוועק אין אן אטאקע, קעדיי נעקאָמע צו נעמען פאר זייער אומגעקומענעם קאָמאנדיר. זי האָט פארכאפּט א געפאנגענעם און אויסגעפילט די אויפגאבע".

אין א קורצער צײַט נאָך בעלינסקיס אומקום האָט זײַן מוטער באקומען א בריוו פון מיכאיל איוואנאָוויטש קאלינינען:

„כאַשעווע יעליזאַוועטע יעפימאָוונא!

לויט דער מיטיילונג פון דער קאָמאנדשאפט איז אײַער זון בעלינסקי יעפים סעמיאָנאָוויטש אומגעקומען אין שלאכט פארן סאָוועטישן היימלאנד מיט א העלדנטויט.

פאר דעם העלדנטאט, וואָס ער איז באגאנגען אין קאמף מיט די דײַטשישע אָקופאנטן, האָט דער פרעזידיום פון אויבער-סאָוועט פון פססר, לויטן אוקאז פארן 24 מארט 1945, צוגעייגנט אײַער זון יעפים סעמיאָנאָוויטש בעלינסקין די העכסטע אויסצייכענונג — דעם טיטל העלד פון סאָוועטנפארבאנד. איך שיק אײַך די גראמאָטע פונעם פרעזידיום פון אויבער-סאָוועט פון פססר וועגן צוייגענען אײַער זון דעם טיטל העלד פון סאָוועטנפארבאנד. זאָל זי זײַן אן אָנדענק וועגן אײַער זון דעם העלד, וואָס זײַן העלדנטאט וועט קיינמאָל ניט פארגעסן אונדזער פאָלק".

א בריוו צו דער מוטער האָבן געשריבן די קאָמיוגיסטן פון דער מיליטער-טייל, וווּ עס האָט געדינט יעפים.

„פילגעשעצטע יעליזאַוועטע יעפימאָוונא!

...אײַער זון און אונדזער שלאכט-כאַווער, יעפים סעמיאָנאָוויטש, א הייסער קאָמיוגיסט, איז געפאלן מיט א העלדנטויט. מיט דער פרײַז פון זײַן לעבן האָט ער אויסגעפילט די שלאכט-אויפגאבע.

דעם 16 דעקאבער האָבן זיך פארזאמלט די קאָמיוגיסטן פון דער מיליטער-טייל צו באגלייטן זייער יונגן קאָמאנדיר (ער איז דאָך אינגאנצן אלט געווען 19 יאָר) אין לעצטן וועג. אפן קייווער לעם דענקמאָל האָבן די מיידלעך ארופגעלייגט א קראנץ, מע האָט אים מעקאבער געווען מיט מיליטערישער באערונג ניט ווײַט פונעם יאם-ברעג (1-טער קילאָמעטער) צווישן ברידער-קוואָרים. בייס מע האָט אראָפּגעלאָזט דעם אָרן אין קייווער, האָבן די הארמאטן געגעבן פינף מעכטיקע זאלפן. דאָס האָבן די ארטילעריסטן אָפּגעגעבן דעם געזעגענונגס-סאליוט זייער שלאכט-כאַווער.

די קאָמיוגיסטן פון אונדזער מיליטער-טייל האָבן מיך באופטראגט אָנצושרײַבן אײַך א בריוו מיט ווארעמקײַט און ליבע.

באם קייווער פון אײַער זון דעם העלד האָבן זיי געגעבן א שוווע צו זײַן אזעלכע דרייסטע קעמפער, ווי ער.

יעליזאַוועטע יעפימאָוונא! מיר איז שווער צו שרײַבן דעם דאָזיקן בריוו. אײַער זון איז געווען מײַן כאַווער, מײַן גוטער פרײַנט. איך האָב אײַך ניט געוואָלט מעצאער זײַן. נאָר בעסער איז דער ביטערער עמעס, איידער א בארויִקנדיקער ליגן.

אויך פאר אונדז איז עס א גרויסער בראָך, שווער איבערצוטראָגן, די מילכאָמע פאָדערט קאָרבאָנעס. עס קאָן טרעפן, אז א סאך פון אונדז וועלן זיך עפשער אויך ניט אומקערן אהיים. נאָר מיר וועלן זיך ביזן סאָף שלאָגן מיטן סוינע פאר דעם קאָוועד פון אונדזער היימלאנד, פאר דער פרײַהײַט פון אונדזער פאָלק. מיר וועלן נעקאָמע נעמען פאר אײַער זון, פאר אײַער גרויסן צאר, פאר אײַערע טרערן.

אין אָט דעם קאמף וועלן מיר שטענדיק געדענקען דאָס ליכטיקע געשטאלט פון אײַער זון, דעם באליבטן מיטגליד פון אונדזער קאָמיוגישער מישפּאָכע, דעם צוויי מאָל אָרדענטרעגער לייטענאנט בעלינסקי.

אין נאָמען פונעם לייטענאנט בעלינסקיס שלאכט-כאַווירים, קאָמיוגיסטן-אקטיוויסטן, פארנייג איך זיך פאר אײַך און גריס אײַך הערצלעך.

קאָמסאָרג פון דער מיליטער-טייל לייטענאנט שאלקאָוניקאָוו".

מיר ברענגען נאָך צוויי בריוו.

„זײַט געגריסט, ליבע יעליזאַוועטע יעפימאָוונא!

איך באגריס אײַך מיטן גרויסן זיג!

טײַערע יעליזאַוועטע יעפימאָוונא! ס'איז ניטאָ צווישן אונדז דער לעבנסלוסטיקער יאַט, ניטאָ אונדזער כאַווער און פרײַנט, אונדזער שלאכט-העלד פימע בעלינסקי. איך ווייס, אז אײַער אָנגעוויטיקט מוטערלעך הארץ באגיסט זיך מיט בלוט. ס'פילן זיך אָן מיט ביטערע טרערן אײַערע אויסגעוויינטע אויגן. נאָר טײַערע יעליזאַוועטע יעפימאָוונא, גורל — איז גורל. דער מילכאָמע-גורל איז שווער און אומבארעכמאָנעסדיק. אײַער פימע איז געפאלן ווי א העלד. ער האָט אָפּגעגעבן פארן היימלאנד זײַן יונג לעבן, אזוי ווי מײַן באליבטער ברודערקע גאשא...

פרעגט, ווער האָט עס ניט געקענט פימע בעלינסקין און גאשע דוראקאָוון? אונדזער

פֿאָלק וועט זיי קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן! אַלע אײַנוווינער פֿון סעווערא-יעניסייסק טרויערן וועגן זיי, ווי וועגן העלדן פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע.

איצט געפֿין איך זיך אף א פֿרעמדער ערד, ווײַט פֿון מײַן היימלאַנד. איך ווייס, אַז איר, יעליזאַוועטע יעפֿימאָוונא, וועט זיך אומבאַדינגט טרעפֿן מיט מײַן מאַמען, און איר וועט זיך ביידע ביטער אויסוויינען וועגן אײַערע געפֿאַלענע ליבע זין. צו אײַך וועט נאָך אויך קומען סאַשע גאָריונאָווס מוטער מיט דעם זעלבן בראָך, וועלכער לאָזט זיך ניט טרייסטן.

ענדיקנדיק מײַן בריוו, ווילט זיך אויסשרײַען אפֿן גאַנצן קאָל: ס'וועלן דורכגיין יאָרן, נאָר די הייסע שלאַכטן פֿאַר אונדזער גליק וועלן בלײַבן אין זיקאָרן! דער ליכטיקער אָנדענק וועגן אײַך, טײַערער ברודערקע גאָשע, הארציקע פֿרײַנט פֿימע און סאַשע וועט אף אייביק שײַנען אין אונדזערע נעשאָמעס. אַנטשולדיקט, יעליזאַוועטע יעפֿימאָוונא, וואָס איך האָב אײַך באַאומרויִקט מיט דעם דאָזיקן בריוו. איך ווינטש אײַך געזונט אף לאַנגע לאַנגע יאָרן! מיט הייסן גרוס — גאָשעס ברודער דוראַקאָוו וואַסילי.

טשעכאָסלאָוואַקיע,
דעם 17 מײַ 1945 יאָר".

„זײַט געגריסט, טײַערע יעליזאַוועטע יעפֿימאָוונא!

פֿונעם גאַנצן הארצן באַגריס איך אײַך מיטן צווייגעוועזענעם אײַער זון דעם הויכן טיטל העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד. ס'איז נאַטירלעך, וואָס מיט זײַן נאָמען גרויסט זיך דער גאַנצער קאָמיוג, דאָס גאַנצע לאַנד, וועלכן ער איז טרײַ געבליבן ביזן סאָף פֿון זײַן לעבן. דאָס גרויסע פֿאָטערלאַנד אונדזערס איז אײַך דאַנקבאַר פֿאַר דעם, וואָס איר, כאַשעווע יעליזאַוועטע יעפֿימאָוונא, האָט דערצויגן אײַער זון אַזוי, אַז ער איז פֿון יונגווײַז אָן געווען א פֿלאַמיקער פּאַטריאָט, א העלד פֿון זײַן היימלאַנד.

זאָל פֿאַר אײַך זײַן א טרייסט דאָס, וואָס אַזעלכע, ווי יעפֿים, האָבן מיט זייער בלוט געראַטעוועט דאָס פֿאָלק פֿון קנעכטשאַפֿט, דערנידעריקונג און האָבן מיט זייער העלדנמוט באַדעקט מיט אייביקן רום זייער פֿאָטערלאַנד.

איך שטאָלציר מיט דעם, וואָס איך בין געווען יעפֿימס א שול-כאַווער. זײַן ליכטיק געשטאַלט טראָג איך אין מײַן הארצן.

איך בין איצט געזונט. די שפּורן פֿון דער קאָנטוזיע, וואָס איך האָב באַקומען הינטער בערלין, זײַנען קימאַט אינגאַנצן איבערגעגאַנגען. איך האָב זיך געשלאָגן אַזוי, אַז כ'זאָל ניט פֿאַרשעמען דעם קאָוועד פֿון א סיביריאַק. באַלוינט בין איך מיט אָרדענס פֿון רויטן שטערן, פֿון דער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע I שטופֿע און מיט עטלעכע מעדאַלן. אף דעם ענדיק איך, איך אײַל זיך אף א קאָמיוגישער פֿאַרזאַמלונג. אף אַזעלכע העלדנטאַטן, וועלכן ס'איז באַגאַנגען יעפֿים, דערציִען זיך אונדזערע קאָמיוגיסטן.

מיט ליבע פֿון א זון צו אײַך — אַנאַטאָלי.
15 יול 1945"

די פּײַן פֿון א מוטער לאָזט זיך ניט אויסמעסטן, ניטאָ פֿאַר דער מאַמען קיין טרייסט. און פֿונדעסטוועגן האָט די ייִדישע פֿרוי געפֿונען אין זיך קויעך ניט צו פֿאַרשליסן זיך אין אירע לײַדן. זי שרײַבט אָן א בריוו, וועלכן מיר ברענגען דאָ, גענומען פֿון א פֿראָנט-צײַטונג. די גענויע דאַטע, ווען דער בריוו איז אָנגעשריבן געוואָרן, איז ניט באַוווּסט. ס'האָט זיך פֿאַרהיט בלויז אַן אויסשניט פֿון א צײַטונג.

„שטאַרקער שלאָגט דעם סוינע!

א בריוו פֿון דעם אָפּיצער בעלינסקיס מוטער צו די קאָמיוגיסטן-אַרטילעריסטן.

טײַערע מײַנע!

איך בעט אײַך ניט אויסטײַטשן קרום מײַן לאַנג שווײַגן. איך ענטפֿער אף אײַער בריוו, וואָס איז פֿול מיט הארציקײַט און מיטגעפֿיל צו מיר און אופֿריכטיקער ליבע און קאָוועד צו מײַן אומפֿאַרגעסלעכן זון.

דעם 18 יאַנוואַר האָב איך באַקומען די שרעקלעכע יעדיִע וועגן מײַן פֿימעס טויט. זייער שווער לעב איך איבער דעם בראָך. מיטן סייכל פֿאַרשטיי איך עס, — נאָר מײַן צעוויייטיקט ליבנדיק הארץ פֿון א מוטער קאָן ניט שאָלעם מאַכן מיטן שרעקלעכן פֿאַרלוסט. פֿאַרגעסן עס קאָן דאָס הארץ, נאָר ווען ס'וועט אופֿהערן קלאַפּן. אָבער ניט וועגן זיך און ניט וועגן מײַן גרויסן בראָך וויל איך איצט ריידן, נאָר וועגן אים, וועגן מײַן ליבן זון, וועגן אײַער שלאַכט-פֿרײַנט, וואָס האָט שרעקלאָז אָפּגעגעבן זײַן לעבן פֿארן היימלאַנד צוליב דעם זיג איבערן סוינע. „מיט דער פּרײַז פֿון זײַן לעבן האָט ער אויסגעפֿילט די שלאַכט-אופֿגאַבע" — שרײַבט איר אין אײַער בריוו. יאָ! אָט אף דעם האָט דער סוינע ניט אויסגערעכנט, אָנפֿאַלנדיק אף אונדז. ער האָט אַלעמען געמאָסטן אף זײַן מאָס, ניט פֿאַרשטייענדיק אַזאַ פּאָשעטן עמעס, אַז ס'איז אוממעגלעך צו באַזיגן אַזאַ פֿאָלק, אַזאַ פּאַרטיי, וועלכע איז פֿעיִק צו דערוועקן גרענעצלאָזע טרײַהײַט צום פֿאָטערלאַנד. ס'איז אוממעגלעך צו באַזיגן א לאַנד, אין וועלכן די שול, די עלטערן דערציִען אַזעלכע פּאַטריאָטן, און די אַרמיי — אַזעלכע קריגער.

איך שרײַב דעם בריוו באַנאַכט, קעדיי מײַן זיבניאָריק ייִנגעלע באַריע זאָל ניט זען מײַנע טרערן. איך שרײַב און וויין, און איך שעם זיך ניט פאַר מײַנע טרערן, דערמאָנענדיק זיך אין מײַן עלטערן זון, אין מײַן ווילן, האַרציקן זון, וואָס האָט אַזוי הייס ליב געהאַט דאָס לעבן, וואָס ער האָט ניט דערלעבט צו זײַן צוואַנציקסטן פרילינג, צו פײַערן דעם טאָג פון דעם נאָענטן זיג.

אײַך, מײַנע טײַערע, דריק איך אויס מײַן מוטערלעכן דאַנק פאַר דעם, וואָס איר האָט געבראַכט זײַן קערפּער אין דער לײַבלעכער פאַר אים מישפּאָכע — אין זײַן שלאַכט-טייל, אָפּצוגעבן אים דעם לעצטן כּיווד.

זײַט געזונט, מײַנע טײַערע, שטאַרקער שלאָגט דעם פאַרהאַסטן סוינע. נעמט אומבעראַכמאָנעסדיק נעקאָמע פאַרן בלוט און פאַר די טרערן פון די סאָוועטישע מענטשן, פאַרן טויט פון מײַן ליבן זון און אײַער כאַווער!

מיט האַרציקן גרוס, בעלינסקאַיאַ יע. יע.".

יעליזאַוועטע יעפימאָוונע האָט געלעבט אין דער שטאָט מיאַס, טשעליאַבינסקער געגנט, אַף סאַטקינסקער גאַס, נומ. 1.

אין דער שטאָט בירעבידזשאַן שטייט א גראַניטענער דענקמאָל דעם העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד יויסעף בומאַגין. וועמ פון די בירעבידזשאַנער אײַנוווינער ווייסט ניט אָט דעם לעגענדאַרן נאָמען?

ער איז געבוירן געוואָרן אין 1907 אין שטעטל האַראַדאָק, לעם וויטעבסק אין אַרבעטער-מישפּאָכע. צו 25 יאָר איז בומאַגין געוואָרן א מיטגליד פון אַלקפּ(ב). אין 1937 קומט ער לויטן רוף פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אַפן ווײַטן מיזרעך אין דער שטאָט בירעבידזשאַן. ער אַרבעט אַפן וועגענער-זאַוואָד (איצט „דאַלסעלמאַש").

אין גרויזאַמען 1941 איז בומאַגין מיט א גרופּע אַרבעטער אוועק אַפן פראָנט. ער נעמט אָנטייל אין פיל שלאַכט-אָפּעראַציעס.

דעם 24 אַפּרעל 1945 האָט די 6-טע אַרמיי געפירט אָנגעשטרענגטע שלאַכטן אַף צו פאַרניכטן דעם אַרומגערינגלטן גאַרניזאָן אין דער שטאָט ברעסלאַו (וואָראָצלאַוו), וועלכער האָט געציילט פערציק טויזנט סאָלדאַטן און אָפיצערן. אין אָט דעם טאָג האָט דער 369-טער שיסער-פּאָלק פון דער 135-טער שיסער-דיוויזיע אָפּגערייניקט פון די פאַשיסטן דעם קוואַרטאַל, וועלכער איז געווען באַצייכנט אַף דער קאַרטע מיטן נומער 142. דער סוינע האָט מיט אַלע קויכעס זיך פאַרטיידיקט. דער אָפיצער בומאַגין האָט אונטער א שטורמיש פײַער פונעם פײַנט אַרויסגערוקט און פאַרמאַסקירט זײַן קוילנוואַרפער און מיט אים פאַרניכטעט ביז צוואַנציק היטלעראָוצעס. די

יויסעף בומאַגין

לאַגע האָט זיך אָבער פאַרשוועריקט. צוויי דײַטשישע קוילנוואַרפערס, פאַרמאַסקירטע אין די רויִנען פון א הויז, האָבן ניט געלאָזט אויפהייבן דעם קאָפּ. בומאַגין האָט אָנגעהויבן פאַרוואַרפן די פײַנטלעכע פײַער-פּונקטן מיט גראַנאַטעס. איין פאַשיסטישער קוילנוואַרפער האָט אָבער פאַרגעזעצט צו שפּײַען מיט פײַער און ניט געלאָזט אונדזערע קריגער זיך אויפהייבן אין אַטאַקע. יויסעף בומאַגין האָט אָפּגעזוכט די צווייטע פײַער-שטראָמענדיקע אַמבראַזור אין א קעלער-שטוב און זי פאַרשטעלט מיט זײַן קערפּער.

א הילכיקער „הוראַ" האָט אויפגעטרייסלט די לופט און זיך א טראָג געטאָן אַלץ ווײַטער און ווײַטער. די קריגער פון דעם 369-טן שיסער-פּאָלק האָבן פאַרניכטעט דעם סוינע אין דער אַרומגערינגלטער פעסטונג. אין זעלבן טאָג האָט דאָס מיליטער פונעם 1-טן אוקראַינישן פראָנט פאַרנומען אין דאָרעם-טייל פון בערלין די ראַיאָנען מאַריענדאָרף, לאַנקאָוויץ, אַסדאָרף, שטאַבסדאָרף און זיך פאַרייניקט מיטן מיליטער פונעם 1-טן ווײַסרוסישן פראָנט, וואָס האָט פאַרסירט דעם טײַך דאַמע, דאָרעם-מיזרעכדיקער פון בערלין. אַף דער דרעזדענער ריכטונג האָט אונדזער מיליטער גענומען די שטאָט גראָסענהײַן.

ביזן גרויסן זיג איבערן פאַשיזם זײַנען געבליבן פערצן טעג...

סאָלאָמאָן ווערכאָווסקי,
מיטגליד פון דער קאָמיסיע פאַר פאַרייביקן דעם אָנדענק פון די געפאַלענע שלאַכטלײַט באַם סאָוועטישן קאָמיטעט פון מילכאָמע-וועטעראַנען.

שמועל גאָרדאָן

יאָרשים

(ראָמאַן)

14

גיכער פון אַלץ איז עס בא אים געווען א געפיל פון ראַכמאָנעס.

נאָר ניט דאָס איז דאָך ניַילע אויסן געווען, פאַרפירנדיק מיט אים אָט דעם מאָדנעם אומגעריכטן געשפּרעך. זי פאַרשטייט דען ניט, אַז ווען ער זאָל פון ראַכמאָנעס און מיטלײַד אפילע אײַנגיין ווערן איר מאַן, איז עס ניט אף לאַנג. אין א יאָר צי צוויי אַרום וועט ער זי פאַרלאָזן. שימען פילט אָבער, אַז ווען ניַילע זאָל אים מאָרגן זאָגן זיך אַרויסקלײַבן פון איר דירע, וועט ער שוין ניט קאָנען, און ער וואָלט עס געדאַרפט. זיכער געדאַרפט... צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ער, אייגנטלעך, דערפילט אין דער גאַנצער מאָס, וואָס עס איז אַזוינס א פרוי, און מיט אָט דער פרויִשקײַט אירער ציט זי אים צו זיך אַלץ שטאַרקער צו. זי האָט עס אין אים באַמערקט און אַנטדעקט פריִער, ווי ער אַליין האָט דאָס אין זיך דערפילט, און דערפאַר, אפּאָנעם, אים געוואָרנט, ער זאָל זיך אין איר איבעריקס שטאַרק ניט פאַרליבן, ווײַל די ליבע צום לײַב וועגט צומאָל אַריבער אַלדאָס איבעריקע...

די שטילקײַט האָט אָנגעהאַלטן א לענגערע צײַט. ניַילע האָט ווי פאַרגעסן אין אים, און פונקט ער זאָל איר וועלן דערמאָנען וועגן זיך, איז ער צוגעפאַלן צו איר יונגער, הויכער ברוסט און געזעטיקט אין זיך זײַן אויסגעהונגערטע מאַנצבלשע בענקשאַפט.

— איך האָב אים זייער ליב געהאַט. — ניַילע האָט איצט אַליין שוין פאַרהאַלטן שימענען בא איר ברוסט, ניט געוואָלט, קענטיק, ער זאָל קוקן אף איר. דאָס וואָלט איר געשטערט אים ענטפערן, ווער איז געווען דער, וועלכער האָט זי אַזוי שרעקלעך באַשטראָפט. שימען איז דער ערשטער, וועמען זי דערציילט וועגן דעם, ווײַל פון אים קאָן זי ניט און טאָר עס ניט אויסבאַהאַלטן, אַנדערש וועט ער מאָרגן און אַלע ווײַטערדיקע טעג קוקן אף איר און טראַכטן וועגן איר, ווי אין דער ערשטער נאַכט, ווען זי האָט אים פאַרהאַלטן בא זיך אין צימער. — ער איז ניט אַזאַ שיינער, ווי דו, אין וועמען א יונג מיידל קאָן זיך גלײַך פאַרליבן, אָבער זי וועט, מיסטאַמע, קיינמאָל ניט זײַן גליקלעך. בא אַזאַ ליבע וועט די לייד שטענדיק אַריבערוועגן די פרייד. און ווייסט, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, גלײַכער געניסן פון אַזאַ ליבע, איידער פון א ליבע אָן לייד און פרייד. איך האָב גענאָסן אי פון דעם, אי פון דעם, אָבער גאָר אין אַן אַנדער זין... בייס כ׳האָב זיך באַקאַנט מיט מײַן מאַן, בין איך געווען אפן דריטן קורס פון דער קאָנסערוואַטאָריע. כ׳האָב זי ניט פאַרענדיקט, ווײַל אינגיכן נאָך אונדזער כאַסענע האָט מען אַמעטן, אַזוי רופט מען מײַן מאַן, געשיקט אף א לענגערער צײַט קיין אויסלאַנד אין א וויסנשאַפטלעכער קאָמאַנדירונג און ער האָט מיך מיטגענומען מיט זיך. צוליב דעם בין איך געווען געניַיט וואַרפן דאָס לערנען. נאָר ס׳פאַרדריסט מיר ניט. קיין גרויסע פּיִאַניסטן וואָלט פון מיר אַלצייַנס ניט געוואָרן.

פאָרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד”, נומ. 11, 12, 1984.

— פונוואנען ווייסטו?

— איך בין ניט פון די, וועלכע ווילן זיך אליין נארן. — ניַילע האָט אים אוועקגעלייגט איר ווארעמע דלאָניע אפן מויל, ער זאָל זי ניט איבערשלאָגן. — אמעט האָט מיך אויך זייער ליב געהאט, און כאָטש ער האָט געוווסט, אז דאָס, וואָס ער פארלאנגט פון מיר, קאָן אומברענגען אונדזער ליבע, דאָך האָט ער עס ניט אויסבאהאלטן און מיר געזאָגט וועגן דעם פאר דער כאַסענע. ער וויל ניט, האָט ער מיר געזאָגט, אז בא אונדז זאָלן זיַין קינדער. פאר-וואָס? פארוועז? ער האָט דערזוף געהאט אָן א שיר ענטפערס. דערביַי האָט ער געבראכט פאר א ביַישפיל עטלעכע זיַינע באקאנטע. אלע זיַינען כאַסענע-געהאטע, און בא קיינעם פון זיי זיַינען ניטאָ קיין קינדער. איך בין איַינגעגאנגען דערוף, וויַיל איך בין געווען נאָך זייער יונג און ניט פארשטאנען, וואָס באטיַיט אזוינס פאר א פרוי. סאָפּקאָלסאָף האָב איך געקאָנט זיך דערנאָך אָפּזאָגן פונעם וואָרט, וואָס כ'האָב געגעבן, צי אין לעצטן פאַל זיך פאנאנדער-גיין מיט אים און כאַסענע האָבן פאר א צווייטן. איך בין אויך ניט געווען קיין גאָר גרויסע שיינהיַיט, אָבער כ'האָב ניט געהערט צו די, וועלכע נייטיקן זיך, מע זאָל זיי צוזוכן א כאָסן.

— דו נייטיקסט זיך ניט אויך איצט נאָך אין דעם.

ניַילע, גליַיך זי וואָלט ערשט איצט באמערקט איר אנטבלויזטע נאקעטקיַיט, האָט ארופ-געצויגן ביזן האלדז די לײַכטע קאָלדרע און, איבערכאפנדיק אָפּט דעם אָטעם, פאָרגעזעצט:

— איך האָב אים אָבער זייער ליב געהאט, אז מיר זאָל ווען-ניט-איז קומען אזוינס אפן געדאנק. מיַין ליבע צו אמעטן האָט אלץ איבערגעוווגן. און אזוי האָבן מיר אָפּגעלעבט קימאט פופצן רויִקע יאָר. מיר געדענקט זיך ניט, אז צווישן אונדז זאָל זיך ווען-ניט-איז געווען פארפירן אָן ערנסטער בארויגעז. מיַין ליבע צו אים האָט מיך געמאכט, ווי מע זאָגט אין אזעלכע פאלן, בלינד און טויב. געווען ציַיטן, ווען ער פלעגט אוועקפאָרן אין אָן עקספעדיציע אָף צוויי-דריַי כאָדאָשים. נאָר ער איז שטענדיק געווען רויִק, זיכער אין מיר, און איך אויך אין אים. מיטן געדאנק, אז בא אונדז וועלן ניט זיַין קיין קינדער, האָב איך זיך שוין לאנג צווויפגעלעבט און אופגעהערט זיך פּיַיניקן...

„און מיטאמאָל". שימען האָט שיר ניט אונטערגעזאָגט עס ניַילען, דערפילנדיק אין איר אנשטילט ווערן, אז זי ווייסט ניט, וויאזוי איבערגיין פונעם פאָריקן צום וויַיטערדיקן. נאָר ניַילע איז ניט אָנגעקומען ניט צו דעם „מיטאמאָל" און ניט צו דעם „פּלוצעם", מיט וועלכע מע באנוצט זיך אין ענלעכע פאלן באם דערציילן. ניַילע האָט בלויז שווערער ארויסגעבראכט די ווערטער:

— מיט א כאָדאָשים אָנדערהאלבן צוריק איז מיַין מאן אוועקגעפאָרן אָף א גאנץ יאָר, מעגלעך אפילע, אז אָף לענגער, אין זייער א וויַיטער עקספּעדיציע. צוקליַיבנדיק נאָך זיַין אָפּפאָרן דעם קאבינעט, דעם צימער, ווו דו וווינסט, האָב איך צווישן די אָנגעוואָרפענע פּא-פּירן אפן טישל דערזען א בריוו... א בריוו צו זיַין טעכטערל אָליע. ער האָט, וויַיזט אויס, אין גרויס איַילעניש פארגעסן אים אָפּשיקן, כאָטש קיין צעשטרייטער מענטש איז ער ניט. אלנפאלס ניט אָף אזויפיל, אז ער זאָל זיַין אזוי ניט פאָרזיכטיק.

— א טאָכטער?

ווען שימען זאָל דאָס געווען ארויסברענגען א סאך העכער, וואָלט עס צו ניַילען אלציינס ניט דערגאנגען. אים איז געוואָרן אומהיימלעך פונעם אופגעבליצטן פּיַיערל אין אירע אויגן.

— דער צופעליק געפונענער בריוו האָט ווי א שטורעם זיך אריַינגעריסן אין מיר און דאָרט אלץ איבערגעקערט, אלץ אין מיר צעשלייַדערט און צעשטערט, אָנגעטאָן אזוינס, אז איך האָב זיך פאר זיך אליין דערשראָקן. דאָס, וואָס מיט מיר איז דעמלט געשען, איז ניט איבערצוגעבן... וויפל ביכער האָב איך דורכגעלייענט, וויפל סימפאָניעס זיך אָנגעהערט וועגן ליבע, אייפערזוכט, וועגן דער געהיימנישקיַיט פון דער מענטשלעכער נעשאָמע, נאָר דערוויַיל האָט זיך מיר נאָך ניט באגעגנט דער, ווער עס זאָל מיר קאָנען דערקלערן, וואָס איז עס אזוינס, געבן צו פארשטיין, וואָס קומט פּאָר אזעלכעס אינעם מענטשן, אז דאָס זאָל אים קאָנען דערהייבן ביז דער העכסטער הייך, אראָפּשליַידערן אין דער טיפסטער טיף, מאכן אים גרויס און קליינלעך, וויַיט-זעענדיק און בלינד. מיך האָט די פּיַינפולע אייפערזוכט ניט געמאכט קליינלעך און בלינד. זי איז שרעקלעך, סאקאָנעסדיק, אָבער זי גייט דורך.

— אין לעבן גייט אלץ דורך.

— ניין, ניט אלץ, — האָט ניַילע אים איבערגעשלאָגן און אומבאמערקט פאר זיך אליין ווידער אריבער מיט אים אָף „איר": — איך פארשטיי איַיך. איר ווילט זאָגן, אז מיַין מאן איז ניט קיין אויסנאם, אז סע באגעגנט זיך ביכלאל זעלטן דער מאנצבל, וועלכער איז דאָס גאנצע לעבן טריַי זיַין פרוי און די פרוי זיַינע אים, און אז אלע ווייסן עס, נאָר מע מאכט צו אָף דעם די אויגן. מעגלעך, אז ס'איז ווירקלעך אזוי. מיר איז ביז איצט ניט אויסגעקומען זיך דערוף

פאַרטראַכטן. אין מיר האָט געבושעוועט אַן אַנדער פילאָסאָפיע, די פיין פון אַ פרוי, בא וועמען מע האָט אָפּגענומען די גרעסטע פרייד אירע אין לעבן — זיין אַ מאַמע — בייס די פרייד פון זיין אַ טאַטע האָט ער בא זיך ניט אָפּגענומען!.. כ'ווייס ניט, קאָן זיין, אַז איך האָב ניט געדאַרפט צופאָרן אַהין. אָפן קאָנווערט איז אָבער געווען אָנגעשריבן מיט זיין האַנט דער אַדרעס, און איך האָב ניט געקאָנט זיך בייקומען.

און ווידער, אומבאַמערקט פאַר זיך, איז זי איבערגעגאַנגען מיט שימענען אויף „דו":

— צו וואָס דערציייל איך דיר אַזוי גענוי? ווייל אָן דעם קאָנסטו אַנדערש אויפנעמען דאָס אַלץ, וואָס צווישן מיר מיט דיר איז זיך פאַרלאָפן... ניט וויכטיק ווי און וויאַזוי האָב איך זיך דאָרט מיט זיי באַגעגנט, מיט דער מוטער און מיט זייער טעכטערל. כ'האָב זיך, פאַר־שטענדלעך, אַרויסגעגעבן ניט פאַר מיין מאַנס אַ קרויווע צי אַ נאָענטע באַקאַנטע, נאָר פאַר אַ מענטשן, וואָס אַרבעט מיט אים צוזאַמען אין איין אַנשטאַלט. ווייסנדיק, אַז איך קליייב זיך פאָרן אַהער אין קאָמאַנדירונג, האָט ער מיך געבעטן איבערגעבן זיי פון אים אַ לעבעדיקן גרוס. קיין ליבע צווישן אַליעס מוטער און מיין מאַן איז ניט געווען. זיי האָבן זיך צופעליק באַגעגנט מיט אַ יאָר ניין צוריק, ווען ער איז דאָרט געווען אין אַ קאָמאַנדירונג. זי האָט דאַן געאַרבעט אין האָטעל, וווּ מיין מאַן איז איינגעשטאַנען. אַמעט האָט זיך איר ניט דערקלערט אין ליבע, ווען זי האָט אין איינעם אַן אָוונט זיך פאַרהאַלטן בא אים אין נומער. זי האָט גע־וווּסט, אַז ער האָט אַ פרוי און אַז ער האָט ניט מיט איר קיין קינדער. פאַרוואָס? ניט זי האָט אים געפרעגט, ניט ער האָט איר געזאָגט, נאָר ווען אַמעט האָט זיך דערוווּסט, אַז זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן, האָט ער ניט דערווידערט, אַז זי זאָל האָבן אַ קינד. און אַז די פאַ־מיליע באַם קינד זאָל זיין סאַמעדינאַוו. נאָר וועגן דעם דאַרף די פרוי זיינע, איך הייסט עס, ניט וויסן, פאַר איר דאַרף דאָס אַלץ פאַרבלייבן אַ סאָד. זי האָט אים פאַרזיכערט, אַז איך וועל זיך פון איר דערפון קיינמאָל ניט דערוויסן. פון מיר אָבער, וועלכע האָט זיך אַרויסגע־געבן פאַר זיינער אַ מיטאַרבעטערן, האָט זי ניט וואָס אויסצובאַהאַלטן, ווייבאַלד איך ווייס עס אַלץ.

די לעוואָנע איז אָפּגעגאַנגען פונעם פענצטער. צוזאַמען מיט איר איז פאַרשווונדן פו־נעם צימער די געלבלעך־בלויע שיין פון די אָנגעצונדענע ליכט אין די בילדער.

— ניין, דער מענטש וועט קיינמאָל ניט באַנעמען, וואָס קומט מיט אים פאָר, ווען עס צעבושעוועט זיך אין אים דער שטורעם. שווערער פון אַלץ איז פאַרשטיין זיך אַליין. — ניילע האָט זיך אַרופגערוקט העכער אויפן קישן, ס'זאָל איר זיין לייכטער צו עטעמען. — איצט זעט מיר אויס גוואַלדיק ווילד דאָס אַלץ, וואָס עס איז זיך מיט מיר פאַרלאָפן אינעם אָוונט, ווען כ'האָב זיך אומגעקערט פון דאָרט אַהיים. מיך האָט באַהערשט אַ פאַרלאַנג אים אַפּצאַלן מיטן זעלבן. ס'איז מיר געווען אַלציינס מיט וועמען. יאָ, אַלציינס. איך האָב באַצייטנס געקויפט צוויי בילעטן אויפן לעצטן סעאַנס אין קינאָ. ווי נאָר די קאַסע האָט אויסגעפאַרקויפט אַלע בילעטן און זיך צוגעמאַכט, האָב איך זיך געלאָזט אַנטקעגן דעם שטראָם מענטשן, וואָס האָט געיילט אַהין. ווען צווישן די, ווער ס'האָט זיך נאָכגעפרעגט, צי האָב איך ניט קיין איבעריקן בילעט, זאָלסטו געווען דעמלט זיין, וואָלט איך, מיסטאָמע, דיר אים אָפּגעגעבן. ניין. דיר אויך ניט. כ'האָב דאַן אַליין ניט געוווּסט, אויף וועמען וואַרט איך, וועמען זוך איך. כ'האָב בלויז געוווּסט, אַז דער, וועמען איך וועל אָפּטרעטן דעם בילעט, וועט זיין אַ מאַנצבל, און אַז כ'וועל זיך ניט ווערן, אויב ער וועט מיך נאָכדעם פאַרבעטן צו זיך. כ'וועל, ווי אַ בלינדע, זיך לאָזן פון אים פירן. און עפּשער... עפּשער וועל איך אים פאַרבעטן צו זיך. אַלץ האָט געקאָנט מיט מיר דעמלט פאַסירן. אַ שטורעם, אַז ער רייסט זיך צו דיר אַריין, קלייבט ער זיך ניט פאַנאַנדער, ער צעשטערט און צעטרעט אַלץ אויפן וועג. באַהיט דיך גאָט פון דעם. בא מיר האָבן זיך ערגעץ פאַרוואָלגערט די צוויי בילעטן. ניט איך האָב זיי פאַרקויפט, ניט איך בין געגאַנגען. נאָר דער פאַרלאַנג אָפּצאַלן דעם מאַן מיטן זעלבן איז פון מיר ניט אָפּ־געטראָטן. ער האָט מיך פאַרפאָלגט, ניט אָפּגעשטאַנען, געפּאַדערט. דו ביסט ניט געווען דער ערשטער, וועמען איך האָב געשיקט אַ פּאָסטקאַרטל, ווען כ'האָב איבערגעלייענט אין דער אָוונט־צייטונג די מעלדונגען, אַז ער זוכט אַ ווױנונג. דו ביסט אויך ניט געווען דער איינצי־קער, צו וועמען איך האָב זיך אפריער גוט צוגעקוקט, צי זאָל איך צו אים צוגיין, צי ניט. דו ביסט אָבער דער איינציקער, צו וועמען איך בין צוגעגאַנגען, אָפּגעשטעלט דיך שוין בא דער סאַמע טיר. ס'איז אפּאָנעם געווען אַ באַשערטע זאַך. צי דו גלייבסט ניט אין אַזעלכע זאַכן?

— אַ קאָמיוגיסט קאָן אין דעם ניט גלייבן.

— איך בין אין דער יוגנט אויך געווען אין קאָמיוג, פונדעסטוועגן גלייב איך אין דעם. איידער איך בין צו דיר צוגעגאַנגען, האָב איך זיך אפריער גוט צוגעקוקט. כ'האָב דערפילט,

מיר איז שווער זיך אַלֿיין עס געבן צו פאַרשטיין, אַז אויב מיר איז נאָך באַשערט צו זײַן אַ מוטער, וועט דער פאָטער פון מײַן קינד זײַן דו.

— וואָס? — פון אומגעריכטקײַט האָט שימען זיך אופגעזעצט.

— שרעק זיך ניט. דיר דראָעט גאָרניט. איין ביטע האָב איך בלֿויז צו דיר: אויב מיר איז באַשערט נאָך דאָס גלֿיק צו ווערן אַ מוטער, זאָלֿסטו ניט אַנטפּלֿעקן דעם קינד, ווער עס איז זײַן עמעסער טאַטע. איך שווער דיר, ווען ס׳וועט קומען די געהעריקע צײַט, וועלֿ איך עס אים אַלֿיין אַנטפּלֿעקן.

— נו, און פונעם מאַן?

— פונעם מאַן? — נײַלֿע האָט איבערגעפרעגט, ווי זי וואָלֿט מיטאַמאָלֿ פאַרגעסן, אַז זי האָט אַ מאַן.

— פון אים קאָנסטו דאָך אַזוינס ניט אויסבאַהאַלֿטן.

— מיר גייט ניט אָן, וויאַזוי וועט ער דאָס אופנעמען. איך בין אַלֿנפאַלֿס גרייט צו אַלֿץ... איך קלֿער ניט, אַז ער זאָלֿ איבער דעם זיך גטען מיט מיר. כ׳קען אים ניט פון נעכטן. ער האָט מיך זייער לֿיב. ער וועט זיך מיט מיר ניט פאַנאַנדערגיין.

— און אויב...

— איך נייטיק זיך ניט אין זײַן הילֿף, אַז איך זאָלֿ דאַרפן פאַר דעם מוירע האָבן.

— נאָר אויב ער וועט זיך מיט דיר פאָרט פאַנאַנדערגיין?..

— וועסטו דעמלֿט פאַר מיר כאַסענע האָבן, ווילֿסטו זאָגן? קינד דו איינער, — און זי האָט אופן גאַנצן קאָלֿ זיך צעלֿאַכט. — מיר איז זיבן און דרײַסיק יאָר. פאַרשטייסט? דאָס זיבן-און-דרײַסיקסטע יאָר, און דו ביסט נאָך אייגנטלֿעך, קאָן מען זאָגן, אַ יונג באָכערלֿ, כאָטש ביסט שוין אַ טאַטע. אין צוויי-דרײַ יאָר אַרום, אויב ניט פריִער, וואָלֿסטו פון מיר אַוועק.

— כ׳וואָלֿט פון דיר ניט אַוועק. כ׳האָב דיך לֿיב.

— נו, אָט. כ׳האָב דאָך דיך געוואָרנט, אַז דו זאָלֿסט זיך אין מיר ניט פאַרלֿיבן. — אַ גלֿיקלֿעכע דערפון, וואָס איר דערוואַרט, האָט נײַלֿע זיך צוגעדריקט צו אים און הייס געקושט.

אין אַ וואָכן דרײַ אַרום, שימען איז ערשט נאָר געקומען פון דער אַרבעט, ניט באַוויזן זיך נאָך איבערטאָן, האָט אָנגעקלֿאַפּט נײַלֿע.

באַ איר אַרײַנגיין איז מיטאַמאָלֿ ווי לֿיכטיקער געוואָרן אין צימער. ס׳ערשטע מאָלֿ פאַר דער גאַנצער צײַט, פון זינט ער האָט זיך אַרײַנגעצויגן אַהער, זעט ער זי אַזאַ. ער זאָלֿ ניט געוועזן וויסן אירע יאָרן, וואָלֿט ער זי אָנגענומען פאַר אַ פרוי פון זײַן עלֿטער, אויב ניט אַפילֿע ייִנגער. קיין קנייטש אופן מילֿדן מאַטעוון געזיכט. די גרויסע שוואַרצע אויגן לֿויכטן זיך באַ איר הײַנט מיט אַ מאָדנער אינערלֿעכער שײַן. דאָס ברוינע קלֿייד מיטן זילֿבערפאַר-ביקן שמאָלֿן רימענדלֿ אַרום דער טאַלֿיע מאַכט זי העכער, שלֿאַנקער. נײַלֿע האָט נאָך קיין איינציק וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט, נאָר שימען האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט אים צו זאָגן זייער וויכטיקס און אַז דאָס האָט אויך אַ שײַכעס צו אים. זי וואַרט אָבער, זעט אויס, ער זאָלֿ אַלֿיין זיך אָנשטויסן, פונוואַנען האָט זיך צו איר גענומען אָט די לֿײַכטקײַט, מיט וועלֿכער זי איז אַהער אַרײַן, דער גלֿיקלֿעך-שײַנענדיקער שמייכלֿ, די פאַרענדערטקײַט, וועלֿכע זי האָט אַלֿיין באַמערקט הײַנט אין זיך.

לֿאַנג וואַרטן, ביז שימען וועט זיך אָנשטויסן, איז נײַלֿען ניט אויסגעקומען.

— וואָס שטייסטו? — ער איז צוגעגאַנגען צו איר, זי פאָרזיכטיק אַרומגענומען, צאַרט אַ קוש געטאָן אין די וואַרעם-פײַכטלֿעכע לֿיפּן און זי אַוועקגעזעצט אופן ווייכן דיוואַן מיטן הויכן ווענטלֿ.

— הײַנט איז דער גלֿיקלֿעכסטער טאָג אין מײַן לֿעבן. — נײַלֿע האָט צוגעמאַכט די אויגן, נאָר ניט געקאָנט אײַנהאַלֿטן אין זיי די אָנגעלֿאָפענע טרערן. — דו קאָנסט עס ניט אַף אַזויפילֿ פאַרשטיין... בלֿויז אַ פרוי, אַזאַ ווי איך, קאָן דאָס באַנעמען...

— טײַערינקע, דאַרפסט איצט זײַן שטאַרק געהיט. כ׳וועלֿ דיך מער ניט לֿאָזן צוקלֿײַבן אין שטוב. איכ׳לֿ אַלֿיין צוקלֿײַבן, איך וועלֿ איצט אַלֿיין אַלֿצדינג טאָן.

— קאָכן קענסטו אויך? — אין אירע פינקלֿדיקע אויגן האָט זיך צוריקגעקערט דער גלֿיקלֿעך-שײַנענדיקער שמייכלֿ.

— אויב מע דאַרף...

— ווי איך זע, האָסטו צו אַלֿץ טאַלֿאַנט. נאָר וועגן מיר וועט דיר ניט אויסקומען זיך זאָרגן. דערווײַלֿ, אַלֿנפאַלֿס, איז נאָך אַף מיר גאָרניט צו באַמערקן.

— דו האָסט, טײַערינקע, אַ טאָעס. ס׳איז זייער צו באַמערקן.

— צי דען זעט זיך שוין אָן? — זי איז צוגעגאַנגען צו דעם וואַנט-שפּיגלֿ.

— האָסט מיך ניט פארשטאנען. כ׳האָב געוואָלט זאָגן, אז ס׳איז זייער צו באמערקן די געענדערטקייַט אין דיר, ביסט מיטאמאָל געוואָרן פיל ייִנגער, געוואָרן אינגאנצן א יונגע און זייער א שיינע. האָסט זיך אזוי צעבליט... — ער האָט זי גענומען אונטער דער האנט און אָפּגעפירט צוריק צום דיוואן. צוזעצנדיק זיך לעבן איר, האָט ער פארשעמט געפרעגט: — און וועמען וואָלסטו געוואָלט?

— מיר איז אלצייַנס. — זי האָט אוועקגעלייגט זייַן קאָפּ צו זיך אף די קני און פאנאנדערגעקעמט מיט די פינגער זייַנע ווייכע לאנגע האָר. — מיר ווילט זיך בלויז, אז מייַן קינד זאָל זייַן ענלעך אף דיר. מער וויל איך וועגן גאָרניט טראכטן. ווען ס׳וועט קומען די געהעריקע צייַט, וועל איך ארויסרופן צו זיך אהער די מאמע. זי וווינט אין באכטשיסארייַ.

— ווו פושקין איז געוועזן און אָנגעשריבן וועגן דעם פאָנטאן?

— קיין אנדער באכטשיסארייַ איז ניטאָ. איך וועל פון דער מאמען גאָרניט אויסבאהאלטן. זי וועט מיך פארשטיין. זי איז זייער א שטרענגע, אָבער א גוטע. מיר וואָלט זיך וועלן, דו זאָלסט זי זען. דו וועסט אָבער צו יענער צייַט שוין ניט זייַן הי.

— נו, איז וואָס, אויב איך וועל שוין דעמלט ניט וווינען בא דיר? איך קאָן דען ניט אריַינקומען? צי דער מאן דייַנער וועט צו יענער צייַט זיך האָבן אומגעקערט?

— ניין. וויניקער פון א יאָר וועט ער זיך דאָרט ניט פארהאלטן. אָבער דו וועסט א סאך פריִער שוין ניט זייַן קיין היגער. דו טאָרסט ניט און דארפסט ניט וווינען מיט מיר אין איין שטאָט. פארשטיי מיך, סעניע. — זי האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ זייַנעם פון אירע קני. — איך דארף זיך מיט דיר דורכריידן. וועגן דייַן צוקונפט. קוק ניט אף מיר מיט אזעלכע אויגן. איך קען דאָס לעבן א ביסל בעסער פון דיר. כוץ דעם, וואָס איך בין עלטער, און אף א סאך עלטער, בין איך דערצו דאָך א פרוי, און א פרוי קלייַבט זיך מער פאנאנדער. זי איז זעלבשטענדיקער.

דער געשפרעך, וואָס ניילע האָט פארפירט מיט אים, און דער טאָן אירער, ווי א לערערן מיט א שילער, האָט אויסגעזען שימענען ביז גאָר מאָדנע. ער האָט זי אָבער ניט אָפּגעשטעלט, ניט איבערגעשלאָגן.

— דו פארשטייסט אליין, אז פון הייַנט אָן ביסטו פאר מיר שוין ניט דער, וואָס נעכטן, — אירע אויגן האָבן זיך העלער צעשייַנט. — הייַנט האָב איך זיך דערוווּסט, אז כ׳וועל זייַן א מאמע.

קענטיק, זי האָט פון אים דערוואַרט, אנדערש וואָלט זי עס מיסטאמע ניט איבערגעכאזערט, אז ער זאָל איר געבן צו דערפילן, אז זי איז פאר אים אויך שוין ניט די, וואָס נעכטן. שימענען האָט אָפּגעהאלטן א נעם טאָן זי צו זיך אף די הענט און זיך א דריי טאָן מיט איר איבערן צימער די מאנצבלשע ווירדע. ער האָט מוירע געהאט, זי זאָל אין דעם ניט דערזען קיין ייִנגלשקייַט. פון אָט דער ניט-אנטשלאָסנקייַט זייַנער האָט שימען זיך פארלוירן און ניט א ריר זיך געטאָן פון אָרט.

נאָר ניילע, ווי זי וואָלט ניט באמערקט זייַן פארלוירנקייַט, האָט פאָרגעזעצט איר אָנגעהויבענעם געשפרעך:

— קוים אָבער ביסטו פאר מיר פון הייַנט אָן אן אנדערער, איז ווי קאָן איך ניט קלערן און זאָרגן וועגן דיר, ניט פארטראכטן זיך וועגן דייַן ווייַטערדיק לעבן? — און אָן קיין שום איבערגאנג זאכלעך געפרעגט: — פארוואָס גייסטו זיך ניט לערנען? דו קלערסט טאקע אפאנעמעסן פארבלייַבן דאָס גאנצע לעבן בלויז אן ארבעטער?

— דערווייַל ווייס איך ניט, כאָטש כ׳האָב מיט א פאָר יאָר צוריק געקלערט גיין לערנען, זיך אפילע געגרייט צו די עקזאמענעס, איצט איז אָבער אנדערש. מייַן איצטיקע ארבעט איז מיר זייער צום הארצן. איך האָב געטרוימט זייַן א טאָקער, — און ווי צוליב טאָן איר א זאָג געגעבן דערנאָך: — מיסטאמע וועל איך מיט דער צייַט אָנקומען ערגעץ לערנען.

— די צייַט, סעניעטשקע, שטייט ניט. אויב איך האָב ניט קיין טאָעס, איז דיר שוין ניט קיין אכצן און ניט קיין נייַנצן יאָר. דארפסט זיך צוייַלן. טאָרסט מער ניט אָפּציִען. אין קיין שום פאל טאָרסטו מער ניט אָפּלייגן. דייַגענען זיך, צי וועט מען דיך אָנעמען אין אינסטיטוט, ווען דו זאָלסט אפילע ניט אויסהאלטן אלע עקזאמענעס אף „העכסט באפרידיקט", דארפסטו, דאכט מיר, ניט. אי ביסט אליין אן ארבעטער, אי דו שטאמסט, ווי דו האָסט מיר געזאָגט, פון ארבעטער. און א קאָמיוגיסט ביסטו דאָך ניט פון נעכטן. פאר דיר זייַנען אָפּן אלע טירן. וואָס זשע האָט דיך ביז אהער אָפּגעהאלטן, פארשטיי איך ניט.

שימען האָט א קנייטש געטאָן דעם שטערן. פאר איר האָט דאָס געדארפט באטייַטן, אז ער פארשטייט עס אליין ניט, אָדער ער האָט ביז אהער זיך קיינמאָל דערוף ערנסט ניט

פאַרטראַכט. פאַר אים אָבער האָט עס באַטײַט, אַז אים איז פּאָשעט דערווידער אויסהערן פון נײַלען די זעלבע רייד, וועלכע ער האָט געהערט פונעם שווער, עמעס אין שײַכעס מיט גאָר עפּעס אַנדערש. פון דעם ווײַטערדיקן שמועס האָט שימען זיך אָנגעשטויסן, אַז נײַלע האָט זיך צו איר געשפּרעך מיט אים פון פריִער צוגעגרייט און דורכגעטראַכט.

— דיך ציט, פאַרשטיי איך, צו קונסט, צו ליטעראַטור. גאָט האָט דיך, ווי מע זאָגט עס, ניט באַאוולט. דו ביסט געבענטשט אי מיט שיינקײַט, אי מיט טאַלאַנט. כ'ווייס ניט, מעגלעך איך האָב אַ טאָעס, נאָר מיר גיט זיך אויס, סעניע, אַז דו ביסט ניט געגאַנגען זיך לערנען אין די דאָזיקע הויכשולן, ווײַל ביסט ניט איבעריקס זיכער אין זיך. און פאַר דעם, וועס גלייבט ניט אין זיך, איז אַוואַדע גלײַכער, ער זאָל ניט פּאַטערן אומזיסט קיין צײַט, נאָר פאַרנעמען זיך מיט עפּעס אַנדערש.

— אַשטייגער?

— מיט אַלץ אין דער וועלט, בלויז ניט מיט קונסט. פאַר קונסט איז טאַלאַנט אַליין נאָך ווייניק. אָן האָרעוואַניע, אָן שווערער האָרעוואַניע און אײַנגעשפּאַרטקײַט גיט זיך אין קונסט גאָרניט אײַן. איך האָב געזען, ווי שווער און אײַנגעשפּאַרט עס האָט געאַרבעט איבער יעדן בילד מײַן פאָטער. און ניט שטענדיק איז אים געלונגען אָנמאָלן אַזוי, ווי ער האָט געהאַט פאַרטראַכט. אין אַזעלכע פאַלן האָט ער פאַרניכטעט דאָס בילד, אַף וועלכן ער האָט געהאָרעוועט ניט איין כוידעש, און זיך געזעצט מאָלן פונסנײַ. צוליב דעם פּאָדערט זיך פון קינסטלער אויסער טאַלאַנט אויך אַ שטאַרקער ווילן און אַ טיפער גלויבן אין זיך. ווען דו שטייסט באַם טאָקער-ווערקשטעל, ווייסטו פאַרפריִער, אַז פאַר יעדער אָפּגעאַרבעטער שאָ וועט מען דיר באַצאָלן. אַ קינסטלער ווייסט ניט דערפון. אַ קינסטלער איז קיינמאָל ניט זיכער, אַז זײַן אַרבעט וועט זײַן באַצאָלט. געווען צײַטן, ווען מײַן טאַטע, זײַענדיק שוין אַן אָנגעזעענער מאָלער, האָט אין מעשעך פון אַ יאָר און מער קיין גראָשן ניט פאַרדינט. ווען די מאַמע זאָל ניט געווען אַרבעטן אין שול, זי איז אַ לערערן פון דער טאָטערישער שפּראַך און ליטעראַטור, וואָלטן מיר ניט איין טאָג געזעסן אָן אַ שטיקל ברויט. מײַן טאַטע וואָלט, פאַרשטייט זיך, געקאָנט פאַרדינען ניט בלויז אַף ברויט. צוליב דעם וואָלט ער אָבער אין אַזעלכע פאַלן זיך געדאַרפט אָפּזאָגן פון קונסט, ווערן אַ געוויינלעכער באַלמעלאָכע, און דאָס האָט מײַן טאַטע ניט געקאָנט. נו און דו וואָלסט געקאָנט?

— איך? — שימען איז ניט געווען גרייט גלײַך אַפן אָרט איר ענטפערן דערויף. אָפּגערופן האָט ער זיך גיכער פאַר אַלץ דערפאַר, נײַלע זאָל זען, אַז ער הערט זיך צו. נאָר אינעם טאָן, מיט וועלכן ער האָט זיך אָפּגערופן, האָט זיך געלאָזט פילן זײַן גרויסע פאַרוווּנדערונג: פונוואַנען קומט צו איר אַזאַ באַהאַוונטקײַט אין קונסט, אַזאַ לעבנס-דערפאַרונג?

— באַטראַכט זיך אַפריִער גוט, טײַערער, וועג פאַרפריִער אַלצדינג גוט אָפּ. זײַ ערלעך מיט זיך, ווײַל מער פון אַלעמען וועסטו דערנאָך דערפון לײַדן. אויב דו געפינסט, אַז וועסט ניט קאָנען זיך אָפּגעבן אַזוי דער קונסט, ניט דינען איר אַזוי טרײַ, ווי דאָס פּאָדערט זיך, איז גיב אָן דײַנע פּאַפּירן אין אַ טעכנישן אינסטיטוט. זײַן אַן אינזשעניער איז פאָרט לײַכטער. ער איז ניט אַף אַזויפיל פאַרנומען, און דערצו איז באַ אים אַ געזיכערט לעבן. ער איז שטענדיק אַף אַ געהאַלט, דאַרף ניט טראַכטן וועגן דעם שטיקל ברויט. אינעם טאָגטעגלעכן לעבן האָט עס זייער פיל צו זאָגן. ווען דער מענטש איז באַזאָרגט, דאַרף ניט קלערן, וויאַזוי דורכקומען דעם טאָג, קאָן ער נאָך דער אַרבעט זיך פאַרנעמען מיט וואָס ער וויל און וויפל ער וויל. ער קאָן אַף אַזאַ אויפן דערגרייכן צומאָל אין קונסט מער פון דעם, ווער ס'איז אָפּגעזעסן אַף דער סטודענטישער באַנק פיר-פינף יאָר. טשעכאָוו, ווי דו ווייסט, האָט צוערשט שטודירט מעדיצין און ניט ליטעראַטור, און דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר באָראָדין איז געווען אַ כימיקער.

ענלעכס האָט פריידין שוין פון עמעצן געהערט. נו יאָ. פון איסערן. פון דעם בוכהאַלטער איסער אָסקאַראָוויטשן. נאָך דער אַרבעט פלעגט ער זיך פאַרנעמען מיט סקולפּטור, געקלעפּט פון ליים פאַרשיידענע באַשעפענישן. צי האָט ניט נײַלע מיט איר צוריידן אים גיין זיך לערנען אַף אַן אינזשעניער, — איז שימענען דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, — נאָך עפּעס אַ מיין דערבײַ: ער זאָל זײַן באַזאָרגט, קעדיי קאָנען העלפן איר. אויסהאַלטן דאָס קינד, אויב ס'וועט זײַן אין דעם אַ נויט.

ווען נײַלע זאָל זיך אַפילע געווען אָנשטויסן, וועגן וואָס האָט שימען דאָ אָקאָרשט אַ קלער געטאָן, וואָלט עס איר סײַווי ניט אָפּגעשטעלט, זי זאָל פּאָרזעצן אים צוריידן, ברענגענדיק די גאַנצע צײַט פאַר אַ בײַשפּיל איר פאָטער:

— מײַן טאַטע האָט זיך ביכלאַל געהאַלטן באַ דעם, אַז שיר ניט יעדער איינער, וועס האָט צו טאָן מיט קונסט, דאַרף אויסער דעם האָבן אַוועלכן-ניט-איז פאַך אין דער האַנט,

ער זאָל אין א נויט קאָנען פאַרדינען אַף דער כּאַיונע. מײַן פֿאָטער, אַשטייגער, האָט פאַרענדיקט א לערער-אינסטיטוט. אין דער זעלבער שול, ווו מײַן מאַמע אונטעריכט ביז איצט נאָך, האָט ער אין א שווערער צײַט, ווען ס'האָט זיך אים ניט געאַרבעט, אונטעריכט מאַטעמאַטיק. מאָלן איז פאַר אים געווען צו א הייליקע זאַך, אַז ער זאָל עס פאַרוואַנדלען אין א זאַך פון כּאַיונע. קאָנסט מיך, פאַרשטייט זיך, פאָלגן אָדער ניט פאָלגן, נאָר איך ראָט דיר גיין זיך לערנען אין א טעכנישן אינסטיטוט. קיינער איז איצט אַזוי ניט אָנגענומען, ווי אַן אינזשעניער. און פאַרשטענדלעך, די צײַט איז איצט אַזאַ, כ'האָב אָבער מוירע, אַז דו האָסט מיסטאַמע שוין אַלץ פאַרגעסן. וויפל יאָר איז שוין דורך, ווי דו האָסט פאַרענדיקט די פּראָפטעכנישע שול?

אין שימענען האָט זיך מיטאַמאָל צעשפּילט דאָס פאַרשײַטע ייִנגל און ער האָט געגעבן הילכיק א זינג אַרויס פון זיך: „דער קוואַדראַט פון א באַליביקער זײַט אין א דרײַעק, וועלכער ליגט אַנטקעגן א שאַרף ווינקל, איז גלײַך צו דער סומע פון די קוואַדראַטן פון די אַנדערע צוויי זײַטן מינוס דעם געטאָפּלטן פּראָדוקט פון איינער פון די דאָזיקע צוויי זײַטן אַף איר אָפּשניט פונעם שפּיץ ווינקל ביז דער אַראָפּגעלאָזטער הייך". און אָנפילנדיק ווידער דעם צימער מיט זײַן קלינגעוודיק געלעכטער, האָט שימען פונסנײַ אַרויסגעזונגען: „די שטרעקע, וואָס עס מאַכט דורך א קערפּער באַם פאַלן, איז גלײַך צו דעם פּראָדוקט פון דער פאַרגיכערטקײַט געקייפּלט אַף דעם קוואַדראַט פון דער צײַט און געטיילט אַף צוויי". דערבײַ האָט ער אויפגעשריבן די ביידע פאָרמולעס אַף פּאַפּיר.

— ווי דו זעסט, האָב איך ניט אַלץ נאָך פאַרגעסן. עפּעס דערפון, וואָס כ'האָב געלערנט, האָט זיך פאַרהיט באַ מיר אין זיקאָרן.

נײַלע האָט געקוקט אַף אים מיט אויגן פון א מוטער אַף איר ליבלינג.

— באַ די עקזאַמענעס קען מען אָבער מיט עפּעס-וואָס ניט אָפּקומען. מע דאַרף זיך צו זיי ווי געהעריק צוגרייטן. באַ דיר אַפן זאַוואָד איז דאָך געוויס דאָ אַן אָוונט-שול. אָדער ווייסטו גאָר וואָס, קום אָן אַפן אַרבפאַק באַם היגן אוניווערסיטעט. מע וועט דיך אָנעמען אַפן לעצטן קורס.

— צו וואָס? אויב איך וועל באַשטימען זיך גיין לערנען אין א טעכנישן אינסטיטוט, וועל איך זיך אַליין צוגרייטן צו די אַרײַנטריט-עקזאַמענעס. מיר האָט זיך שטענדיק לײַכט געגעבן דאָס לערנען.

— דאַן איז נאָך בעסער. איך האָב דיר, דאַכט זיך, שוין איינמאָל געזאָגט, אָפּטמאָל טרעפט, אַז דער, וועמען עס גיט זיך אַלץ לײַכט אײַן, דער באַציט זיך צו אַלץ לײַכט און סאָפּקאָלסאָף פאַרשפּילט ער דערפון. — זי האָט זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין. — זע, שיר ניט פאַרגעסן. מיר גייען מיט דיר מאָרגן אַפן קאָנצערט פון דער טאָטערישער זינגערן פּראַ איסליאַמאָוואַ. צי דו ביסט מאָרגן פאַרנומען? — נײַלע האָט א קוק געטאָן אַף אים מיט אַזאַ מוטערלעכער איבערגעגעבנקײַט, אַז ווי שימען זאָל ניט געווען זײַן פאַרנומען מאָרגן, וואָלט ער איר אַלציינס געענטפערט, אַז ער איז פרײַ.

דאָס אייגענע, וואָס נײַלע האָט אין יענעם אָוונט, צוזעצנדיק זיך צו אים באַם ראָיאַל, א זאָג געטאָן, אַז די ייִדישע לידער, וועלכע ער שפּילט, דערמאָנען איר מיט עפּעס אין די טאָטערישע, וואָלט שימען געקאָנט איר עס זאָגן שוין אין סאַמע אָנהייב פונעם קאָנצערט פון דער זינגערן. אייניקע אירע לידער האָבן אים ווירקלעך דערמאָנט אין ייִדישע, אפילע אַף אַזויפיל, אַז ער האָט זיך ניט געניטיקט, נײַלע זאָל אים איבערדערציילן דעם אינהאַלט. זיי זײַנען אים אַזוי אויך געווען פאַרשטענדלעך. די ענלעכקײַט איז געווען ניט אין די ווערטער, נאָר אין דער מעלאָדיע. צומאָל אין דער פאַרטיפטער אומעטיקײַט, צומאָל אין דער צעשפּילטער פרייד.

ביידע, אי ער אי זי, האָבן, אומקערנדיק זיך פונעם קאָנצערט, געהאַלטן דעם גאַנצן וועג אין איבערזינגען פאַר זיך אין דער שטיל, קימאַט מיט צוגעמאַכטע ליפּן, איינע און די זעלבע לידער. זי — מיט די ווערטער, ער בלויז די מעלאָדיע, אַכטונג געבנדיק נאָך זיך, אַז ער זאָל זיי ניט אינגאַנצן פאַרייִדישן. בלויז דעמלט, ווען שימען איז געווען זיכער, אַז ער האָט אײַנגעכאַזערט די מעלאָדיעס און וועט קאָנען זיי אויסשפּילן אַפן ראָיאַל אַזוי, אַז נײַלע וועט ניט געפינען אין זײַן שפּילן קיין ניט-ריכטיקע טענער, האָט ער א ביסל פאַרגיכערט דעם גאַנג.

אויפזעצן זיך אַפן טראַמווײַ האָט שוין ניט געהאַט קיין זין. נאָך א דרײַ קוואַרטאַלן — און זיי וועלן זײַן אין שטוב. נאָר ווען אַפן נאָענטסטן ראָג האָט זיי אָנגעיאָגט א טראַמווײַ, האָט שימען, נײַלע זאָל ניט איבערקלערן, זי אָנגענומען פעסטער אונטער דער האַנט. זייערע פינגער האָבן זיך איבערגעפלאָכטן.

— וויפל יאָר, נײַלע שעווקעטאָוונע, וווינט איר שוין הי? — אַף דער גאס האָבן זיי זיך געווענדט איינער צום אנדערן אַף „איר", צומאָל אויך באם פּאַטערנאָמען, כאָטש ביידע האָבן געוווּסט, אַז די שכיינים שטויסן זיך סײַווי אָן, ווער קערן זיי זיך אָן צווישן זיך.

ס'האָט זי, אַפּאַנעם, פאַרוווּנדערט, וואָס עס איז אים פּלוצעם אײַנגעפאַלן איר פרעגן וועגן דעם. שימען האָט עס דערפילט אין איר ענטפער:

— בארעכנט. מיר איז געגאַנגען דאָס אכצנטע יאָר, בייס כ'האָב פאַרלאָזט באַכטשי-סאַרײַ און בין אָנגעקומען אין דער היגער קאָנסערוואַטאָריע. איצט גייט מיר, ווי איר ווייסט, דאָס זיבן-און-דרײַסיקסטע.

— קימאַט צוואַנציק יאָר, קומט אויס.

— מיר דאַכט, אַז מער.

— איין און צוואַנציק יאָר, אַז איר וווינט דאָ און האָט ניט פאַרגעסן די טאָטערישע שפּראַך?

— פאַרוואָס האָב איך זי געדאַרפט פאַרגעסן? ס'איז דאָך מײַן מוטערשפּראַך. אין דער קינדהייט האָב איך מערסטנטייל גערעדט בלויז אַף איר.

— איך האָב אין דער קינדהייט אויך גערעדט מערסטנטייל בלויז אַף יידיש. די פּראָפ-טעכנישע שול, ווו כ'האָב געלערנט, איז געווען אַ יידישע. איך פיל אָבער, אַז ס'וועלן דורכגיין אַ צוויי-דרײַ יאָר, און כ'וועל מיסטאָמע פאַרגעסן יידיש. אין דאָנבאַס אַף דער שאַכטע האָב איך קימאַט ניט געהאַט מיט וועמען צו ריידן אַף איר. דאָ האָב איך אויך ניט.

— פאַרוואָס? בא אונדז אין שטאָט וווינען ניט ווייניק יידן, גייט ארויס אין צענטער, וועט איר זען. אונדזערע אַלנפאַלס וועט איר באַגעגענען פיל ווייניקער.

— כ'ווייס. אָבער ניט אַלע קענען יידיש, און פאַראַן אַזעלכע, וועלכע קענען, — האָט פריידין, ווי ער זאָל זיך שעמען עס ארויסברענגען, שטיל געזאָגט, — נאָר ווילן ניט ריידן אַף יידיש.

— אָט דאָס פאַרשטיי איך אינגאַנצן ניט. צי דען זײַנען דאָ אַזעלכע?

— פאַראַן, איך קען אפילע אייניקע.

— איך האָב דערווײַל נאָך ניט באַגעגנט צווישן אונדזערע קיין איינעם, ווער ס'זאָל ניט קענען די אייגענע שפּראַך, צי אַזעלכע, ווער סע קען, נאָר באַהאַלט אויס. מײַן מאַן איז אַ היגער. ער איז דאָ געבוירן און אויסגעוואַקסן. קיין טאָטערישע שולן זײַנען דאָ ניטאָ, אַז ער זאָל געווען זיך דאָרט לערנען, און קיין גאסן און הויפן, ווי בא אונדז אין באַכטשיסאַרײַ, ווו מע הערט ריידן דורכויס טאָטעריש, זײַנען דאָ, ווי איר פאַרשטייט אַליין, אויך ניט פאַראַן. און פונדעסטוועגן קען מײַן מאַן טאָטעריש ניט ערגער, וואָלט איך געזאָגט, פון מיר. און ווי אנדערש? דער, ווער סע קען ניט זײַן מוטערשפּראַך, פאַרלירט דערפון אַ סאַך. שפּראַך איז די נעשאָמע פונעם פאָלק. כ'געדענק ניט, בא וועמען פון די גרויסע רוסישע שרײַבער האָב איך עס אויסגעלייענט, דאַכט מיר, אַז בא טורגענעוון. מײַן טאַטע האָט עס אָפט איבערגעכאַזערט. נאָר פונוואַנען האָט איר גענומען, אַז יידן ריידן ניט און ווילן ניט ריידן אַף זייער לאָשן? איר זײַט ווען-ניט-איז געווען אין קרים?

— דערווײַל איז מיר ניט אויסגעקומען.

— אָבער וועגן דעם, אַז אין קרים זײַנען דאָ יידישע דערפער האָט איר דאָך מיס-טאָמע געהערט? און אַלע ריידן דאָרט יידיש. מײַן פאָטער האָט מיך ניט לאַנג פאַר זײַן טויט מיטגענומען מיט זיך אהין. ער איז מיט זײַן מאָלברעט געווען אָן אָפטער גאסט אין די שכיינעסדיקע יידישע קאָלווירטן.

— וועגן דעם, אַז אין קרים זײַנען דאָ יידישע דערפער, האָב איך געהערט נאָך אינ-דערהיים. פון אונדזער שטאָט איז מען אויך געפאָרן אהין. ס'איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע ארבעטסלאָזיקייט. יאָ, — איז שימען זיך אַליין ארײַנגעפאַלן אינמיטן די רייד, — בא אײַך האָט זיך פאַרהיט די פּראָגראַם פונעם קאָנצערט? כ'וויל אַ קוק טאָן, וועמענס איז די ליד, וואָס דער מאָטיוו איז אַזוי ענלעך אַף אַ יידישן? און ווי ווי וווּנדערלעך פּערא איסליאַמאָוואַ האָט זי געזונגען.

אַף נײַלען, אַפּאַנעם, האָט די ליד ניט געמאַכט דעם זעלבן אײַנדרוק. שימען האָט עס דערפילט אין איר שווײַגן. און עפּשער האָט נײַלע זיך פאַרקלערט גאָר איבער עפּעס אנ-דערש און פאַרהערט, וואָס ער האָט איר געזאָגט. שימען האָט זי אָבער ניט איבערגעפרעגט.

15

אין אָנהייב פרילינג, ווען נײַלע איז שוין געווען אין די הויכע כאדאָשים, איז געקומען צו איר צו פאָרן די מוטער — א הויכע, דארע פרוי, האלב-מענערש געקליידט, אָפן אָדערדיקן אויסגעצויגענעם האלדז — עטלעכע בײַטשן פארשיידנפארביקע קארעלן. פון אונטער די אָנגעכמורעטע ברעמען האָבן ארויסגעקוקט א פאָר גרויסע, ווי בא דער טאָכטער, שווארצע אויגן. נאָר דער בליק בא איר איז געווען א שארפער און דורכדרינגלעכער. מיט עטלעכע טעג פאר איר קומען האָט שימען זיך אריבערגעצויגן אין אן אנדער דירע, אין א צימערל, וועלכן נײַלע האָט באצײַטנס פאר אים צוגעזוכט ניט ווײַט פון איר וווינונג.

שוין בא דער ערשטער באגעגעניש זײַנער מיט לעוויזען — אזוי האָט מען גערופן נײַלעס מוטער — האָט שימען דערפילט, אז זי איז ניט גערן אים זען. זי האָט זיך אופגעפירט ווי א טויב-שטומע, זיך ניט אָפּגערופן אף זײַן באגריסן זיך מיט איר. שימען האָט זיך ניט באליידיקט. מיסטאמע איז זי גערעכט, וואָס זי פירט זיך אוף מיט אים אזוי. זי איז א מאמע. דאָס הארץ דערלאָזט ניט, אז זי זאָל זיך אנדערש באציִען צו דעם, וואָס ס׳איז זיך אזוי באגאנגען מיט איר טאָכטער, כאָטש זי ווייסט, אז ער איז דאָ ניט שולדיק. נײַלע האָט פון אים ניט אויסבאהאלטן, אז זי האָט דער מוטער אלץ דערציילט.

סאָפקאָלסאָף האָט שימען צוליב געטאָן דער אלטער און אופגעהערט ארײַנקומען. ער האָט זיך באגעגנט מיט נײַלען נאָך דער ארבעט ערגעץ אין עק שטאָט.

ארומשפאצירנדיק מיט די שטילע זײַטיקע גאסן און געסלעך, האָבן זיי מער געשוויגן ווי גערעדט. אלץ איז געווען צווישן זיי אָפּגערעדט נאָך אין יענעם פארנאכט, ווען זי איז א גליקלעך-שײַנענדיקע ארײַן צו אים אין צימער מיט דער פריידיקער בסורע, אז בא איר וועט זײַן א קינד. און פונקט ווי זי האָט דעמלט ניט געוואָלט הערן דערפון, אז זי זאָל זיך צעגיין מיטן מאן און כאסענע האָבן פאר אים, פארן פאָטער פון זייער קינד, וועלכן זי דערווארט, האָט זי אויך איצט ניט געלאָזט אים פארפירן וועגן דעם א רייד. זי האָט פארלאנגט פון אים בלויז איינס: אויב זי איז אים ווירקלעך טײַער, ווי ער זאָגט, און וויל, זי זאָל זײַן גליקלעך, זאָל ער זיך צוריק אהער קיינמאָל ניט אומקערן. ער דארף פארפריִער וויסן, אז פונדאנען פאָרט ער אוועק אף שטענדיק, אנדערש וועט אויסקומען אוועקפאָרן איר. אפן זעלבן אדרעס, אף וועלכן זי האָט אים געשיקט דאָס קארטל, נאָכן אָפּדרוקן די מעלדונג אין דער אָוונט-צײַטונג, אז ער זוכט א צימער אָדער א ווינקל, זאָל ער איר אָנשרײַבן, צי איז ער אָנגעקומען אין אינסטיטוט. צו יענער צײַט וועט זי אים שוין קאָנען אָנזאָגן, וועמען האָט זי געבוירן, א ייִנגעלע צי א מיידעלע. אויב א טעכטערל, וועט זי עס אָנרופן זעקינע, אויב א ייִנגעלע — סערווארטשיק. מער קיין בריוו זאָל ער פון איר ניט דערווארטן, און זי פארווערט אים, ער זאָל איר שרײַבן. זי וועט זײַנע בריוו סײַווי ניט אָפּנעמען, און די פּאָטשט וועט זיי אים אומקערן אלע צוריק.

וועגן דעם, אז נײַלע וועט האלטן וואָרט און אנטפלעקן דעם קינד ווער איז זײַן עמעסער פאָטער, האָט שימען ניט געסאָפעקט. ער האָט אָבער באגלײַך מיט איר ניט געוווּסט, ווען וועט ער זיך קאָנען זען מיטן קינד. דאָס וועט ווײַזן די צײַט.

די דאָקומענטן אין מאָסקווער מאשינבוי-אינסטיטוט האָט פריידין אָפּגעשיקט צו דעם באשטימטן טערמין. ס׳איז אָבער אריבער א וואָך און נאָך א וואָך, אָט-אָט וועלן זיך אָנהייבן די ארײַנטריט-עקזאמענעס, און ער האָט נאָך אלץ ניט געקראָגן פונעם אינסטיטוט קיין ארויסרוף.

נײַלען האָט עס פארוווּנדערט מער נאָך ווי אים.

— ס׳קאָן ניט זײַן, אז מע זאָל דיך ניט דערלאָזן צו די עקזאמענעס. ניט אנדערש ווי ס׳האָט עפּעס פאסירט. מע דארף מער ניט ווארטן. פאָר אָן אן ארויסרוף.

איבער וועמענס שולד האָבן זיך פארלוירן זײַנע דאָקומענטן, איז געווען שוין ניט אזוי וויכטיק. ווײַל ווען זיי האָבן זיך ענדלעך אָפּגעזוכט אין דער קאנצעליאריע פונעם אינסטיטוט, זײַנען די עקזאמענעס דאָרט שוין געווען פארענדיקט. דער איינציקער טעכנישער אינסטיטוט, וווּ די עקזאמענעס האָבן זיך נאָך ניט אָנגעהויבן און מע האָט געקאָנט אָנגעבן אהין די פאפירן, איז געווען דער אווטאָמאָביל-וועג-אינסטיטוט.

אינעם זעלבן טאָג, ווען מע האָט ארויסגעהאנגען די צעטלען פון די נײַ-אָנגעקומענע סטודענטן און פריידין האָט דערזען צווישן זיי זײַן פאמיליע, האָט ער אָנגעשריבן נײַלען א לאנגן אויספירלעכן בריוו וועגן זײַן גרויסער בענקשאפט נאָך איר.

אין אַ כוידעש אַרום אַז ערעך האָט ער דערהאַלטן פון איר אַן ענטפער. אָנגעהויבן האָט זיך איר בריוו דערפון, אַז זי האָט געבוירן אַ ייִנגעלע, אַז דאָס ייִנגעלע איז ענלעך אַף אים, אַז זי האָט אים אָנגערופן סערוועריטשיק. צום סאַמע סאָף האָט זי אים געשריבן, אַז אַף דעם ענדיקט זיך זייער בריוו-אויסטויש, און זאָל ער ניט זאָרגן: ווען ס'וועט קומען די צייַט זיך צו זען, וועט זי אים געפינען, ווו ער זאָל זיך ניט האָבן פאַרקליבן.

מער קיין בריוו זייַנען פון נייַלען ניט געווען. דאָך האָט עס ניט אָפּגעהאַלטן פריי-דינען, ער זאָל איין מאָל, צוויי מאָל אַ וואָך זיך ניט אַראָפּכאַפּן אַפן פאָטשטאַמט אָנפרעגן זיך אינעם פענצטערל, ווו מע גיט אַרויס די קאָרעספּאָנדענץ „צום אַרויספאָדערן“, צי איז ניטאָ עפּעס פון זייַנטוועגן.

אין אָט די טעג, בייַס אײנער אַ לעקציע אין דער גרויסער אַודיטאָריע, האָט פלוצעם אָנגעכאַפּט שימענען אַזאַ שווערע נאָגנדיקע בענקשאַפט, אַז ער האָט ניט געקאָנט זיך בייַ-קומען און אָנגעשריבן נייַלען אַ בריוו. עטלעכע טעג האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אים. שימען האָט אַף קיין רעגע ניט פאַרגעסן, אַז ער האָט געגעבן נייַלען דאָס וואָרט מער איר ניט שרייַבן. זי וועט זיך אַף אים ניט באַליידיקן, אויב ער וועט איין מאָל ברעכן דאָס וואָרט. בלויז — איין-און-איינציק מאָל. אַזוי האָט ער איר אָנגעשריבן. שימען איז לאַנג געשטאַנען באַם פאָסטקעסטל מיטן פאַרכאַסמעטן בריוו, ביז ער האָט אים אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט.

ענדלעך האָט שימען זיך דערוואַרט דעם טאָג, ווען דאָס מיידל באַם פענצטערל האָט, אָנשטאָט אַ שאָקל טאָן הין און הער מיטן קאָפּ, אים דערלאַנגט אַ בריוו. פון פרייד האָט שימען אַפילע ניט אַ קוק געטאָן אַפן קאָנווערט און אים האַסטיק פאַנאַנדערגעכאַסמעט. אין דער ערשטער רעגע האָט ער ניט געקאָנט באַנעמען, וואָס עס קומט דאָ פאָר: ס'איז דאָך זייַן בריוו צו נייַלען. ער האָט אים אָבער העכער אַ כוידעש צוריק נאָך אַראָפּגעלאָזט אין פאָסטקעסטל, איז ווי קומט ער אַהער? בלויז דעמלט, ווען שימען האָט דערזען אַפן קאָנווערט נייַלעס אַדרעס, איבערגעקרייצט מיט צוויי גראָבע רויטע פאַסן, איז צו אים דערגאַנגען, אַז נייַלע איז פּאָשעט ניט געקומען אָפּנעמען דעם בריוו אָדער זי האָט זיך אָפּגעזאָגט אים נעמען, און די פּאָטשט האָט לויטן צוריק-אַדרעס אומגעקערט אים זייַן בריוו.

דאַכט זיך, אַז אין דער זעלבער מינוט, ווי ער האָט צעריסן דעם בריוו און אַרייַנגע-וואָרפן די צעפליקטע שטיקלעך אינעם דערבייַשטייענדיקן מיסט-קעסטל, האָט זיך אין אים אַ צעשפּיל געגעבן די יוגנט, ניט אייַנצוצאַמען זי מער. ער האָט אויפגעהערט פילן זיך עלטער פון די סאַמע ייִנגסטע אַפן קורס. מיט זייַן זאָרגלאָזיקייַט, שטיפערישקייַט, הילכיק קלינגעוודיקן געלעכטער האָט ער געקאָנט אָנגיין פאַר אַ באָכערל, וואָס איז אָקאָרשט אַראָפּ פון דער שול-באַנק און ניט באַוויזן נאָך דערווייַל ערנסט זיך וועגן עפּעס פאַרטראַכטן. ווען עמעצער זאָל אים אין אָט די דאָזיקע וויכערדיקע טעג אַ דערמאָן טאָן, אַז אים איז ניט קיין אַכצן-נייַנצן יאָר, אַז ער איז אַ טאַטע פון צוויי קינדער, וואָלט עס אים מיסטאַמע אויסגעזען מעשוגע ווילד. ניט צו גלייבן. נאָר אויסער אים אַליין האָט מער קיינער ניט געקאָנט שימענען דערמאָנען וועגן דעם.

די אויסגעניכטערטקייַט איז געקומען פונקט אַזוי אומגעריכט, ווי די פאַרשיקערטקייַט פון דער פולער פרייַהייַט, וועלכע ס'האָט מיט זיך געבראַכט דער צוריק אָנגעקומענער בריוו. די דאָזיקע ענדערונג אין אים האָבן די כאַווערים זייַנע פונעם קורס גלייַך באַמערקט. און ניט בלויז דערפאַר, ווייַל מע האָט אים איצט קימאַט ניט געזען זיך דורכשפּאַצירן מיט אַ מיידל, כאָטש געוווּנדערט האָט עס: ווי קומט, אַז דער שיינער, שטאַלטנער באָכער, ווער ס'איז שטענדיק געווען אַרומגערינגלט מיט מיידלעך, אַז אָט דער פּיִקער, גראַטענער סטודענט, אין וועמען ס'איז געוויס געווען פאַרליבט ניט איין סטודענטקע, זאָל פלוצעם זיי אַלעמען אויסמייַדן. מער אָבער פון אַלץ האָט אַרויסגערופן כידעש בייַ זייַנע כאַווײרים די שטאַרקע פאַרנומענקייַט זייַנע. אַלע האָבן געוווּסט, אַז אים גיט זיך לייַכט דאָס לערנען. פאַר-וואָס זשע איז בייַ קיינעם פון זיי נאָך די לימודים ניט געווען אַזוי ווייניק פרייַע צייַט, ווי בייַ אים? נאָך די לעקציעס האָט מען פריידינען זעלטן-ווען געקאָנט טרעפן אין צוזאַמענווויי-נונג. שטענדיק איז ער געווען מיט עפּעס פאַרנומען, שטענדיק ערגעץ געייַלט.

דאָס איז אָבער געווען ניט פון די סוידעס, וועלכע מע קאָן לאַנג אויסבאַהאַלטן. און ווי האָט ער געקאָנט אויסבאַהאַלטן אַזוינס, אויב אין דער אינסטיטוטישער פילטיראַזשקע זייַנען שוין אַ פּאָר מאָל געווען אָפּגעדרוקט זייַנע לידער און אין צימער בייַ אים אין דער צוזאַמענוווינונג זייַנען אַרויסגעהאַנגען עטלעכע זייַנע געמעלן. שימען האָט ניט געמאַכט קיין סאָד דערפון, אַז ער באַזוכט דעם ליטעראַרישן קרייַז באַם קאָמיוגישן זשורנאַל און

אַ מאָלערישע סטודיע. שימען האָט אויך ניט אויסבאַהאַלטן, אַז ווען ער זאָל האָבן מער פרײַע צײַט, וואָלט ער זיך אַ ביסל צוגעלערנט שפּילן אָף דער פּיאַנע אין דער אָוונטיקער מוזיקאַלער שול און אָנטיילגענומען אינעם סטודענטישן דראַמאַטישן קרײַזל באַם קלוב.

די כאַווײרים זײַנע — און געכאַווערט האָט זיך, אייגנטלעך, שימען מיט אַלעמען אָפן קורס — האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין: צו וואָס איז ער אָנגעקומען אין אַ טעכנישן אינסטיטוט, אויב אים ציט גאָר, ווי זיי זעען, צו קונסט און ליטעראַטור, און ער האָט דערוויזן, אַז בײַ אים איז דאָ דערצו טאַלאַנט. אייניקע זײַנע כאַווײרים האָבן אָפילע געהאַלטן, אַז ער איז זייער אַ באַגאַבטער. צוליב וואָס זשע פּטערט ער אומזיסט און אומנישט אי צײַט, אי מי אָף דעם, מיט וואָס ער וועט, ווי מע קאָן שוין איצט זיך אָנשטויסן, קיינמאָל אין לעבן זיך ניט פאַרנעמען, זיך קיינמאָל ניט באַנוצן מיטן דיפּלאָם פון אַן אינזשעניער? זיי זײַנען זיכער דערין. ער אָבער, פריידין, איז ניט אינגאַנצן אין דעם זיכער. עפשער דערנאָכדעם, ווען ער וועט זײַן אַן אינזשעניער און ניט דאַרפן טראַכטן, וויאַזוי דורכלעבן דעם טאָג און ס'וועט בײַ אים זײַן אַ שטענדיקער געזיכערטער געהאַלט, וועט ער זיך מער אָפּגעבן דערמיט, צו וואָס עס ליגט אים דאָס האַרץ, אָנהייבן מער גלייבן אין זיך, אין זײַנע שעפערישע קויכעס. דערווײַל פעלט אים אָט דער גלויבן אין זיך, און אָן דעם קאָן מען ניט ווערן קיין עכטער דיכטער, קיין עכטער מאָלער. אַזוי צי אַנדערש, נאָר נײַלע איז געווען גערעכט מיט איר צורײדן אים אָנקומען אין אַ טעכנישן אינסטיטוט. איר פאָטער אײַלימאָוו איז מיט דער צײַט געוואָרן אַן עכטער מאָלער ניט בלויז דערפאַר, ווײַל ער האָט געהאַט דערצו טאַלאַנט. ער האָט געקאָנט כאַדאָשימלאַנג אַרבעטן איבער אַ בילד, אָן אַ שיר מאָל איבערמאַכן, וואָרעם ער האָט ניט געדאַרפט קלערן וועגן פאַרדינסט. איידער אײַלימאָוו איז געוואָרן אַן אָנערקענטער קינסטלער, האָט ער געאַרבעט אין אַ שול, געווען אַ לערער און דערפון הויפּטזאַכלעך געלעבט. מעגלעך, שימענען איז ווידער געקומען דער זעלבער געדאַנק, וואָס דעמלט, אַז נײַלע האָט מיט איר צורײדן אים ווערן אַן אינזשעניער געהאַט דערבײַ אין זינען אויך דאָס קינד, וואָס זי האָט פון אים דערוואַרט. אין לעבן קאָן אַלץ פּאַסירן. ס'קאָן מיטאַמאָל טרעפן, אַז דאָס קינד זאָל זיך נייטיקן אין זײַן הילף. און ווי וועט ער קאָנען אים העלפן, אויב ער וועט ניט האָבן קיין געזיכערטן געהאַלט?

וועגן דעם, אַז אַזוינס קאָן געשען, האָט פריידין ניט פאַרגעסן די אַלע פיר יאָר, וואָס ער האָט זיך געלערנט. פאַר די אַלע פיר יאָר אָבער האָט ער ניט באַקומען פון נײַלען קיין איין בריוול, ניט אָפן אַדרעס פונעם אינסטיטוט, ניט אָפן אַדרעס פונעם פּאָטשטאַמט, וווּהין ער פלעגט פון צײַט צו צײַט זיך דאָך אַרײַנכאַפּן. דערפון האָט ער געקאָנט מאַכן אַן אויספיר, אַז נײַלע איז זיך מיטן מאַן ניט צעגאַנגען.

16

מיט אַ קנאַפּן האַלב יאָר פאַרן פאַרטיידיקן די דיפּלאָם־אַרבעט האָט שימען פריידין כאַסענע געהאַט.

קיינער פון זײַנע כאַווײרים האָט ניט געצווייפלט, אַז שימען האָט כאַסענע געהאַט פאַרן מאָסקווער מיידל נאַטאַליע זובאָווא בלויז דערפאַר, ווײַל ער איז געווען אין איר פאַרליבט און ניט ווי די צוויי אַנדערע דיפּלאָמניקעס פון זייער קורס, וועלכע האָבן כאַסענע געהאַט באַצײַטנס פאַר מאָסקווער מיידלעך, מע זאָל זיי נאָכן פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט ניט אַוועקשיקן ערגעץ, נאָר איבערלאָזן אַרבעטן אין דער הויפּט־שטאָט. פריידין האָט ניט געדאַרפט טראַכטן דערפון. ס'איז אַזוי אויך געווען פאַר אַלעמען קלאָר, אַז מע וועט אים איבערלאָזן אַרבעטן אין מאָסקווע, אויב ניט גופע אין פאַלקאָמאַט, איז אין גלאַווק. אויסער דעם, וואָס ער איז געווען איינער פון די בעסטע סטודענטן, האָט ער מער פון אַנדערע אָפן קורס געקענט דאָס לעבן. ער איז אָנגעקומען אין אינסטיטוט ניט פון דער שול־באַנק, נאָר פון אַ שאַכטע און פון אַ מעטאַלורגישן זאַוואָד. כאָטש צומאָל האָט ער זיך אויפגעפירט ווי אַ פאַרשײַט זאַרגלאָז יינגל. מע האָט ניט פאַרגעסן די געשיכטע, וויאַזוי ער האָט אינמיטן העלן טאָג געשפּאַנט איבער די באַלעבטע מאָסקווער גאַסן אין איינע טרוסן און טאַפּקעס. אָבער די זיך צעשפּילטע צומאָל אין אים יינגלשע פאַרשײַטקײַט האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, זי איז דורכגעגאַנגען, גאָרניט איבערלאָזנדיק דערפון אין אים.

זײַנע כאַווײרים זײַנען זיך ניט טויע געווען. שימען האָט ניט געהאַט קיין שום זײַטיקן מיין, כאַסענע האָבנדיק פאַר דער טאָכטער פונעם פאַרוואַלטער פון דער קאַפעדרע פון געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן ניקאָלײַ דמיטריעוויטש זובאָוון.

באַקענט זיך מיט איר האָט פֿריידין אַפֿן גרויסן ליטעראַרישן אָוונט אינעם סטודענ-
טישן קלוב, וווּ ער איז, לאַכלוטן אומדערוואַרט פֿאַר זיך, אויך אַרויסגעטראָטן. דער פּאָרזי-
צער פֿונעם אָוונט, אַ באַוווּסטער קאָמיוגישער דיכטער, איז מיט אַ שטיקל צײַט פֿאַר דעם
צופֿעליק בײַגעווען אַפֿן ליטעראַרישן קרײַז, בייס שימען האָט דאָרט פֿאָרגעלייענט פֿאַר די
פֿאַרזאַמלטע זײַנע לעצטע לידער. דערזען אַפֿן אָוונט פֿריידינען אינעם צושויער-זאַל, האָט
ער אים פֿאַרבעטן אַף דער בינע און אַפּילע אונטערגעזאָגט וואָס פֿאָרצולייענען. פֿון די
פֿינף לידער, וועלכע דער קאָמיוגישער דיכטער האָט דעמלט אָפּגעקליבן פֿאַרן יוגנטלעכן
זשורנאַל, האָט שימען געדענקט אַף אויסווייניק בלויז דרײַ פֿון זיי, און אַלע דרײַ זײַנען
וועגן די שאַכטעס. דאַכט זיך, אַז קיינעם האָט מען ניט אַפּלאָדירט אַזוי לאַנג און הילכיק
ווי אים, און צווישן די אָנטיילנעמער פֿונעם ליטעראַרישן אָוונט זײַנען געווען באַרימטע
פּאָעטן, פּראָזאַיִקער, דראַמאַטורגן. שימען האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די פֿאַרזאַמלטע האָבן אים
אַפּלאָדירט אַזוי שטורמיש ניט פֿאַר די דורכגעלייענטע לידער, נאָר ווײַל ער איז זייערער,
אַן אייגענער דיכטער.

נאָכן אָוונט איז צו אים צוגעגאַנגען אַ סטודענטקע, אַ מיטלוווּקסיק מיידל מיט קורץ
אונטערגעשאָרענע האָר און עטוואָס פֿאַרזשמורעטע אויגן אַפֿן מילדן קײַלעכיקן געזיכט.
זי האָט אים דערלאַנגט אַ ריין בלעטל פּאַפּיר, אָנגערופֿן איר נאָמען און די פֿאַמיליע און
געבעטן אַן אויטאָגראַף, די פֿאַמיליע פֿונעם מיידל איז אים געווען באַקאַנט.

— דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער קאַפֿעדרע פֿון געזעלשאַפֿטלעכע וויסנשאַפֿטן בײַ אונדז
אין אינסטיטוט ניקאָלײַ דמיטריִעוויטש זובאָוו קער זיך מיט אײַך צופֿעליק גאָרניט אָן? —
האָט שימען געפֿרעגט, אומקערנדיק דעם מיידל דאָס בלעטל פּאַפּיר מיט זײַן כּסימע.

— ניקאָלײַ דמיטריִעוויטש זובאָוו איז מײַן פֿאָטער.

קיין באַזונדערן אײַנדרוק אַף פֿריידינען האָט נאַטאַליע, ווי זי האָט זיך פֿאַר אים פֿאָר-
געשטעלט, דערמיט ניט געמאַכט, כאָטש זי האָט עס אַרויסגעבראַכט מיט שטאָלץ. ניקאָלײַ
דמיטריִעוויטש זובאָוו האָט זיך מיט גאָרניט אויסגעטיילט פֿון אַנדערע פֿאַרוואַלטערס פֿון די
קאַפֿעדרעס אין אינסטיטוט, אַז ער זאָל אים געווען באַזונדערס פֿאַרגעדענקען. בפֿרט,
אַז קיין לעקציעס בײַ זיי אַפֿן קורס האָט ער ניט געלייענט, אויסער אַ דרײַ-פֿיר מאָל, ווען
ער האָט פֿאַרביטן זייער שטענדיקן לעקטאָר. אַף וויפֿל פֿריידינען געדענקט זיך, האָט זובאָוו
געמאַכט אַן אײַנדרוק פֿון זייער אַן ערודירטן מענטשן. די לעקציעס זײַנען געווען אָנגעזע-
טיקט מיט אויסצוגן פֿון פֿאַרשיידענע קוועלן, און די אַלע אַרויסזאָגונגען האָט ער איבער-
געגעבן אַף אויסווייניק פּינקטלעך וואָרט אין וואָרט. געלייענט האָט ער זײַנע לעקציעס, ווי
ער זאָל זיי געווען אויסכאַזערן און דאַרף ניט נאָכפּאָלגן נאָך זיך, ניט מוירע האָבן, אַז ער
קאָן אין זיי עפּעס פֿאַרפֿעלן צי ניט זאָגן איבעריקס. אין יעדן אַרויסגעבראַכטן וואָרט זײַנס
האָט זיך געפֿילט אַ זיכערקײַט, ווי בײַ דעם, ווער סע טראָגט ניט די מינדסטע פֿאַראַנטוואָרט-
לעכקײַט פֿאַרן אַרויסגעזאָגטן, ווײַל קיין איין וואָרט דערפֿון איז ניט געווען זײַנס, ער האָט
בלויז איבערגעזאָגט יענעמס. ניקאָלײַ דמיטריִעוויטש האָט אַף אויסווייניק אַפּילע אָנגעוויזן,
וווּ און אַף וועלכע זײַטלעך קאָן מען געפֿינען די אַלע געבראַכטע אַרויסזאָגונגען זײַנע. די
סטודענטן איז קנאַפּ וואָס אָנגעגאַנגען וויאַזוי ער לייענט. זיי האָבן ניט דורכגעלאָזט זײַנע
לעקציעס, ווײַל מע האָט ביכלל ניט געטאָרט דורכלאָזן קיין לעקציעס, אָבער ניט דערפֿאַר,
ווײַל מע האָט זיך באַצויגן צו דעם דאָזיקן הומאַניטאַרן קעגנשטאַנד מיט דער זעלבער
ערנסטקײַט, ווי צו די טעכנישע. אייניקע סטודענטן האָבן סטאַם געהאַלטן, אַז אָן דעם
קעגנשטאַנד קאָן מען אויך זײַן אַן אינזשעניער.

פֿאַרן פֿאַרוואַלטער פֿון דער קאַפֿעדרע זײַנען די דאָזיקע שטימונגען בײַ אַ טייל סטו-
דענטן ניט געווען קיין נײַס. ער איז וועגן דעם אַרויסגעטראָטן אַף אַן אַלגעמיינער פֿאַר-
זאַמלונג. זובאָווס דאָזיקע רעדע האָט מיט די פֿילצאָליקע ציטאַטעס און פֿאָרמולירונגען
נאָך מער פֿאַרווונדערט שימענען: אַליין שוין דערמיט, וואָס ניקאָלײַ דמיטריִעוויטש האָט
געקאָנט אַזויפֿיל פֿאַרגעדענקען אַף אויסווייניק פֿונעם איבערגעלייענטן, האָט ער אַרויסגע-
רופֿן אָפּשײַ צו זיך. שימענען איז שווער געווען צו באַנעמען, וויאַזוי האָט ער, זובאָוו,
באַוויזן אַזויפֿיל דורכלייענען? ער איז דאָך ניט קיין גאָר אַלטער מאַן. ניט לאַנג צו-
ריק האָט מען געפּײַערט אַף דער קאַפֿעדרע זײַן פֿופֿציקיאָריקן יובילײ. ער זעט ניט אויס
ווי אַ מענטש, וועלכער איז טאָג און נאַכט געזעסן איבער ביכער. בײַ אים איז אַ גלאַט
פֿריש פּנים, טראָגט ניט קיין ברילן. ער איז בלויז עטוואָס הויקערדיק, אָבער ניט פֿונעם
לייענען.

נאַטאַליע האָט געהאַט ענלעכס מיטן פֿאָטער. נאָר אײַנגעפֿונען עס אין איר האָט שי-

מען שוין נאָך דעם, ווי זי האָט אים אַרויסגעזאָגט איר מיינונג וועגן זײַנע דורכגעלייענטע לידער און בכלל וועגן דעם אָוונט.

ניט מיט אַלע אירע באַמערקונגען וועגן דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור, באַזונדערס וועגן דער פּאָעזיע, האָט שימען אײַנגעשטימט. אים איז אָבער שווער געווען איר דער-ווידערן. ער איז ניט געווען אַזוי אָנגעלייענט און געבילדעט, אַז ער זאָל קענען אַזוי גרינט-לעך, ווי זי, אויסגעפינען און פאַרטײַטשן אין אַ ליד די אידיישקײַט. בײַ נאַטאַליען האָט זיך עס באַקומען פּאַשעט און לײַכט, ווי אין אַ געוויינלעכן אַריפמעטישן בײַשפּיל. די שווערסטע ליד האָט זי געקאָנט איבערדערציילן מיט אירע אייגענע ווערטער, דערבײַ פּינקט-לעך אָנווײַזן, ווו איז די אידיי און ווו איז די קינסטלערישקײַט. די לידער פון פּאָעטן, אומאָפּהענגיק דערפון, צי זײַנען זיי איר געפעלן צי ניין, האָט זי פאַרגעלייענט אַף אויס-ווייניק, ווי איר פאָטער די אויסצוגן פון די געזעלשאַפטקענטעניש ווערק.

שימענען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז נאַטאַליע האָט ניט צופעליק אים אָפּגעשטעלט, ער זאָל איר געבן אַן אויטאָגראַף און פאַרפירט אַ רייד וועגן דיכטונג. מיסטאָמע האָט זי וועגן אים פריער געהערט. מעגלעך אַפילע, אַז זיי קענען זיך פונדערווײַטן. עס געדענקט זיך אים אָבער ניט, אַז ער זאָל זי האָבן וואן-ניט-איז געזען. סײַדן אין קלוב. אַף די אָוונטן בײַ זיי קומען צומאָל סטודענטן אויך פון אַנדערע אינסטיטוטן. אַלנפאַלס, פאַר איר, דער טאָכטער פונעם דאָצענט פון דעם אויטאָוועג-אינסטיטוט, דער סטודענטן פונעם אוניווערסיטעט, איז די טיר פון זייער קלוב געוויס שטענדיק אָפן.

נאָך דער באַקאַנטשאַפט אַפן דאָזיקן אָוונט האָט שימען זי אַ פּאָר מאָל אײַנגעלאַדן אַף די אָרדנטלעכע פּאָעטישע פאַרלעזונגען אינעם ליטעראַרישן קרײַז. און ווען זיי האָבן זיך מער דערנעענטערט, געבראַכט זי צו פירן אין צוזאַמענווינונג ווײַזן זײַנע געמעלן. זי איז ניט געווען פון זיי אַנטציקט. אַלנפאַלס פיל ווייניקער ווי די כאַווירים פונעם צימער. אין זײַנע געמעלן, האָט זי אים געזאָגט, איז ניט דײַטלעך אויסגעדריקט דער אידיישער אינהאַלט, ווייניק העלע פאַרב אין זיי.

ווי פאַרנומען שימען איז ניט געווען, איז אָבער זעלטן אויסגעפאַלן אַן אָוונט, ער זאָל זיך ניט באַגעגענען מיט נאַטאַליען, און שטענדיק האָט זיך בײַ זיי געפונען וועגן וואָס צו ריידן. נאַטאַליע האָט ניט אויסבאַהאַלטן פון אים, אַז נאָכן פאַרענדיקן דעם אוני-ווערסיטעט וועט זי, מעגלעך, אָנקומען אין דער אַספּיראַנטור. שימען האָט וועגן גיין לערנען אין אַספּיראַנטור זיך קיינמאָל ניט פאַרטראַכט, כאָטש ווען ער זאָל דערצו שטרעבן, וואָלט ער מיסטאָמע עס דערגרייכט. ער קלײַבט זיך אָבער ניט אָפּזאָגן זיך אײַנגאַנצן דערפון, צו וואָס ס'האָט אים די גאַנצע צײַט געצויגן און הערט ניט אויף וועגן זיך צו דערמאָנען. צוליב פאַרווירקלעכן זײַן טרוים איז ער דאָך געגאַנגען זיך לערנען אַף אַן אינזשעניער. אים איז דערבײַ געווען אַפילע אַלצייניס, אין אוועלכן טעכנישן אינסטיטוט אָנקומען. נאַטאַליע וואָלט די ערשטע אים אָפּגערעדט מאַכן אַזאַ שריט, ווי גיין לערנען זיך אין אַספּיראַנטור, אַנדערש וואָלט זי דאָך אים ניט געראַטן אויך ווײַטער זיך פאַרנעמען מיט פּאָעזיע און מאָלערײַ און ניט פאַרזיכערט אים, אַז ער וועט מיט דער צײַט פיל דערגרייכן.

דער דאָזיקער גלויבן אירער אין אים האָט מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער דערנע-ענטערט שימענען צו איר.

אין איינעם פון אָט די טעג האָט שימען דערפילט, אַז ער איז אין איר פאַרליבט. ער איז געווען זיכער אין דעם, ווײַל ער האָט ניט געקאָנט זיך ענטפערן, פאַרוואָס האָט ער זי ליב געקראָגן. וועגן דעם, אַז פונקט ווי מע קאָן ניט באַנעמען, וואָס איז אַזוינס ליבע. אַזוי, קאָן מען זיך אויך ניט ענטפערן, פאַרוואָס האָט מען זיך פאַרליבט אין דער און ניט אין קיין אַנדערער, איז פאַראַן בײַ אים אַ ליד. און די דאָזיקע ליד האָט שימען אינעם זעלבן אָוונט, שפּאַצירנדיק אינעם איזמײַלאָווער פּאַרק, איר דורכגעלייענט.

פון דעם טאָג אָן האָט שימען שוין מער ניט פאַרגלײַכט נאַטאַליען מיט די פאַרליבטע מיידלעך אין אים, אויפגעהערט באַמערקן, אַז זיי זײַנען שענער און ייִנגער פון איר, ווי ער האָט דאָס זעלבע געהאַט אויפגעהערט באַמערקן אין טאַיעז, ווען אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז אין איר פאַרליבט. יאָ. אים האָט זיך עס אויסגעוויזן, ווײַל ער האָט געקאָנט ענטפערן, פאַרוואָס איז זי אים געפעלן. און וועגן נאַטאַליען קאָן ער עס, ווי אים דוכט, ניט זאָגן. און ער פרעגט זיך עס ניט.

נאָך דעם, ווי נאַטאַליע האָט אים געבראַכט צו פירן צו זיך אַהיים און באַקאַנט מיט אירע עלטערן, האָט דער פאַרוואַלטער פון דער קאַפעדרע ניקאָלײַ דמיטריִעוויטש זובאָוו, באַגעגענענדיק אין אינסטיטוט דעם סטודענט פריידינען, געקוקט שוין אַף אים ווי אַף אַן איידעם.

די כאַסענע — דערױף איז באַשטאַנען שימען — איז געװען אַ שטילע, אַ הײמישע, אָן זײַטיקע געסט און אָן די ניט נײטיקע מאַטאָנעס.

אינעם צימער פֿון דער צוזאַמענװױנונג, װו ס'האָט ביז דאַן געװױנט שימען, האָט זיך באַפרײַט אַ בעטל. שימען האָט זיך אַריבערגעקליבן צו נאַטאַליען אינעם אָפּגעזונדערטן צימער פֿון דער דרײַכאַדאַרימדיקער דירע. דערפֿאַר איז דער סעקרעטאַרשע פֿון דער הױז־פֿאַרװאַלטונג און דער סעקרעטאַרשע פֿון אינסטיטוט צוגעקומען אַרבעט: בײַטן נאַטאַליען דעם פּאַס און דעם סטודענטישן בילעט. קײנער האָט זי ניט צוגערעדט, נאָר אױך קײנער האָט איר ניט אָפּגערעדט ענדערן איר מײדלשן פֿאַמיליע־נאָמען אױף דעם מאַנס.

17

װי אַ מיטגליד פֿון דער קאָמיסיע איז ניקאָלײַ דמיטריִעװיטש זובאָװ בײַגעװען אױף דער זיצונג בײַם פֿאַנאַנדערטײלן אױף אַרבעט די אַרױסלאָזניקעס פֿונעם אױטאָמאָביל־װעג־אינסטיטוט און דער ערשטער אָנגעזאָגט דעם אײדעם די פֿרײדיקע בשׂורה, אַז אים װעט ניט אױסקומען פֿאַרלאָזן די הױפּט־שטאָט. ער בלײַבט אַרבעטן אינעם גלאַװק פֿונעם פֿאָל־קאָמאַט.

גאָר אינגאַנצן אומגעריכט איז פֿאַר שימענען די דאָזיקע נײַס ניט געװען. דער שװער האָט זי אָבער אים איבערגעגעבן אַזױ, אַז פֿרײדין זאָל זיך גלײַך אָנשטױסן, װעמען האָט ער דערפֿאַר צו פֿאַרדאַנקען. און שימען האָט אים באַדאַנקט, כאָטש ער האָט געװוּסט, אַז פֿון דעם שװערס בײַזײַן אױף דער זיצונג איז װײניק־װאָס געװען אָפּהענגיק. דער פֿאַרװאַלטער פֿון דער קאַפֿעדרע פֿון געזעלשאַפֿטלעכע װיסנשאַפֿטן האָט זיך שװאַך פֿאַנאַנדערגעקליבן אין טעכניק, אַז ער זאָל קאָנען אונטערזאָגן װער און װו גײט מער אונטער.

אינגאַנצן אומגעריכט אָבער איז געװען פֿאַר פֿרײדינען, װען מיט אַ פּאָר װאָכן פֿאַר דעם, װי ס'איז אים פֿאָרגעשטאַנען זיך צעשײדן מיטן הײמיש־געװאָרענעם אינסטיטוט, מיט זײַנע כאַװײרים, מיט װעמען ער האָט פֿיר יאָר צײַט זיך צוזאַמען געלערנט, האָט מען אים אַרױסגערופֿן אין דער פּאַרטײ־ביוראָ און געפֿרעגט: פֿאַרװאָס האָט ער בײַם אַרײַנטרעטן אין דער פּאַרטײ ניט אָנגעװיזן אין דער אַנקעטע, אַז ער איז אַ כאַסענעגעהאַט, אַז ער האָט אַ פֿרױ מיט אַ קינד, אױסבאַהאַלטן, אַז ער האָט זײ געװאָרפֿן און די אַלע יאָרן מיט גאָרניט געהאָלפֿן, גלײַך דאָס קינד איז ניט זײַנס?! און װיִאַזױ האָט ער עס כאַסענע געהאַט פֿאַר אַ צװײטער, ניט פֿאַנאַנדערגײענדיק זיך מיטן ערשטן װײַב?

בײַ שימענען האָט זיך ניט פֿאַרהיט קײן אײן בריװל כאַנעלעס. ער האָט אױך ניט פֿאַרהיט די קװיטאַנציעס פֿון די געלט־איבערװײַזן, װעלכע ער האָט איר געשיקט פֿון דאָנבאַס און זי האָט זײ אים אומגעקערט צוריק. בלױז אױפֿן װאָרט, אַז ער האָט אין דער אַנקעטע גאָרניט פֿאַרלײקנט, גאָרניט אױסבאַהאַלטן, װעט מען דאָך אים ניט גלײבן. און דאָס קאָן זיך ענדיקן דערמיט, אַז מע זאָל אים אַפֿילו אױסשליסן פֿון פּאַרטײ. מע װעט ניט קוקן דערױף, װאָס ער איז פֿון אַן אַרבעטער־מישפּאָכע און איז ביזן אָנקומען אין אינסטיטוט אַלײן געװען אַן אַרבעטער. פֿרײדין קאָן זיך ניט פֿאָרשטעלן, אַז ער, װער ס'איז פֿון דער פֿריִער קינדהײַט געװען אַ ספּאַרטאַקאָװעץ, אַ פּיִאָנער, פֿון דער פֿריִער יוגנט אַ קאָמיוגיסט, און זײַענדיק נאָך אַ קאָמיוגיסט שױן געװען אין דער פּאַרטײ, זאָל פּלוצעם בלײַבן אױסער אירע רײען. אַזױנס קאָן ער זיך ניט פֿאָרשטעלן.

פֿון דער אומגעריכטקײַט און פֿאַרלױרנקײַט איז שימענען אינגאַנצן אַרױס פֿון קאָפּ, אַז אין אַ שטיקל צײַט אַרום נאָכן אומקערן דעם צימער איז געװען בײַ אים אַ לאַנגער שמועס מיטן סעקרעטאַר פֿון קאָמיוגישן קעמערל. שימען האָט אים דעמלט אַלץ אױסגע־דערצײלט, באַװיזן כאַנעלעס לעצטן בריװ, די אומגעקערטע געלט־איבערװײַזן. שימען איז אָבער ניט זיכער, צי דער סעקרעטאַר פֿון זײער דעמלטיקן קאָמיוגישן קעמערל אַליאָשע קאָמאַראָװ איז איצט נאָך דאָרטן. אַליאָשע, װי פֿרײדינען געדענקט זיך, האָט זיך געגרײט פֿאָרן לערנען.

עטלעכע טעג פֿאַרן אַרױסלאָז־אָװנט האָט מען פֿרײדינען װידער אַרױסגערופֿן אין דער פּאַרטײ־ביוראָ. דאָס מאָל האָט מען אים פֿאָרגעבן בלױז אײן פֿראַגע: פֿאַרװאָס האָט ער זיך ניט געגעט מיט זײַן ערשטער פֿרױ, װיבאַלד ער האָט זיך געקליבן כאַסענע האָבן פֿאַר אַ צװײטער?

ניין. ער לייקנט ניט, אַז נאָך דעם, ווי ער האָט דערהאַלטן פֿון כאַנעלען איר לעצטן בריוו, האָט ער זיך געקליבן כאַסענע האָבן פֿאַר אַ צווייטער. און טאַקע שיִער ניט כאַסענע געהאַט דעמאָלט. יאָ. ניט געגעטערהייט. ניט ער האָט זיך דאָך אָפּגעזאָגט פֿון כאַנעלען, נאָר זי פֿון אים. און קוים אַזוי, איז ער געווען זיכער, אַז זי האָט דאָרט אָנגעגעבן אַף אַ געט. מעגלעך, אַז כאַנעלע צי גופֿא דער זאַגס, האָט אים צוגעשיקט דעם געט. ער איז שוין אָבער דעמאָלט ניט געווען אין דאָנבאַס, און קיינער באַ זיי אַף דער שאַכטע האָט ניט געוווּסט, וווּהין איז ער פֿון דאָרט אוועקגעפֿאָרן.

צולעצט, ווען פֿריידין האָט אויך אַף דעם גענוי געענטפֿערט, האָט ער פֿונדעסטוועגן אַ פֿרעג געטאָן באַם סעקרעטאַר, ווער האָט אַרייַנגעשיקט דאָס דאָזיקע בייזוויליקע בריוול.

— ס'איז דען ניט אַלצייַנס ווער? — דער סעקרעטאַר האָט צוגעמאַכט די פּאַפּקע און מיט אַ לייַכט געמיט, ווי דאָס איז געווען צו זען, דערלאַנגט שימענען די האַנט: — ניט וויכטיק, ווער ס'האָט אָנגעשריבן. וויכטיק איז דאָס, וואָס איז דאָרט אָנגעשריבן, און דאָס האָבן מיר אויסגעקלאָרט.

סאָפּקאָלסאָף איז עס פֿאַר שימענען שוין אויך ניט געווען אַזוי וויכטיק, קוים עס האָט זיך אויסגעקלאָרט, וויאַזוי איז אַלץ פֿאָרגעקומען. ס'האָט זיך אָבער פֿאָרט געוואָלט וויסן, ווער פֿונדעסטוועגן האָט אָנגעשריבן וועגן דעם אין אינסטיטוט? זאָל זייַן, אַז אַליין טאַקע כאַנעלע? זי איז צו שטאָלץ, זי זאָל זיך אַף אַזויפֿיל דערנידעריקן, אָנשרייַבן וועגן זיך, אַז ער האָט זי געוואָרפֿן. דער טאַטע אירער? פֿון עפּראַים הערצאָוויטשן קאָן מען אַזוינס גראַדע יאָ דערוואַרטן. און דאָך גלייבט זיך עפּעס אויך ניט. נייַלע? נאַרישקייַטן. ווי קאָן אים גאָר קומען אַזעלכעס אַפֿן זינען?.. נו און דער מאַן אירער אוואַדע און אוואַדע ניט, כאָטש ניט קענענדיק אים, שימענען, האָט ער, פֿאַרשטייט זיך, אַ האַרץ אַפֿן פֿאָטער פֿון זייַן פֿרויס קינד. טאַיע? ס'וואָלט זיך ניט געוואָלט גלייבן דערין, אָבער נאָך דעם, ווי זי האָט געקאָנט מיט אַזאַ בייזקייַט אָנשרייַבן וועגן אים דעמאָלט אין צייַטונג... אַפּאָנעם, אַז זי טאַקע. שימען קען אָבער ניט באַנעמען, מיט וואָס האָט ער זיך קעגן איר אַזוי פֿאַרשולדיקט, אַז זי קאָן דאָס אים ביז איצט ניט מוחל זייַן? דערמיט, וואָס ער האָט איר אין יענעם אָוונט געזאָגט, אַז ער וועט קיינמאָל אין לעבן ניט כאַסענע האָבן פֿאַר אַ מיידל, ווי שטאַרק ער זאָל זי ניט ליב האָבן, אויב זי וועט זיך ניט אופֿירן מיט אים ביז דער כאַסענע, ווי עס דאַרף זיך אופֿירן אַ מיידל. און טאַיען האָט ער דאָך ליב געהאַט. זי האָט געקאָנט ווערן זייַן פֿרוי. מיט איר וואָלט ער, מיסטאָמע, געווען גליקלעכער, איידער מיט נאַטאַליען.

דעם בריוו, וועלכן נאַטאַליע האָט אין די זעלבע טעג אויך דערהאַלטן, האָט איר, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַרייַנגעשיקט דער זעלבער, ווער עס האָט אָנגעשריבן אין אינסטיטוט. דער בריוו איז געווען אָפּגעדרוקט אַף אַ מאַשינקע און אָן אָן אונטערשריפֿט. ווען נאַטאַליע, אַ בלייכע און דערצאָרנטע, האָט אים באַוויזן דעם דערהאַלטענעם בריוו, האָט שימען געקאָנט זיך פּאָשעט אויסלאַכן דערפֿון. ער האָט געפֿילט, אַז די פֿרוי דערוואַרט עס פֿון אים, דערוואַרט, ער זאָל איר זאָגן דאָס אייגענע, וואָס זי אַליין האָט אַ קלער געטאָן וועגן דעם: מיסטאָמע האָט פֿון קינע עמעצער פֿון די פֿאַרליבטע אין אים מיידלעך אויסגעטראַכט אָט דאָס ניט-געשטויגנס, ניט-געפֿלויגנס, קעדיי איר אָנטאָן האַרצווייטיק. נאָר שימען האָט, צו איר גרויס פֿאַרוווּנדערונג, זיך ניט אויסגעלאַכט, ניט אָפּגעלייקנט, אַז באַ אים איז געווען אַ פֿרוי, אַז ער האָט אַ קינד, דאַניעלקע רופֿט מען אים, און ניט אויסבאַהאַלטן, אַז פּונקט אַזאַ בריוו, ווי זי האָט דערהאַלטן, איז אָנגעקומען אויך אין אינסטיטוט.

יאָ. זי איז געוויס גערעכט געווען, נאַטאַליע. ער האָט באַשטימט געדאַרפֿט געווען עס איר זאָגן פֿאַר דער כאַסענע. נאָר וואָס, אייגנטלעך, האָט זיך געענדערט, אויב זי האָט ביז אַהער דערפֿון ניט געוווּסט? ס'איז דאָך שוין אַריבער אַזויפֿיל צייַט. ער ווייסט אַפֿילע ניט, וווּ זייַנען זיי איצט, צי זייַנען זיי אינעם ערשטן יאָר נאָך פֿונעם ערשטן פּינפֿיאָר ניט אַרויסגעפֿאָרן פֿון דאָרטן מיטן אייגענעם צי ניט מיטן אייגענעם ווילן. אַלנפֿאַלס, ער האָט פֿאַר אָט די אַלע יאָרן קיין איין מאָל ניט געשריבן כאַנעלען און זי אים אויך ניט. פֿון וועמען, אויב אַזוי, איז דער באַקומענער בריוו, וויל נאַטאַליע וויסן? דער פּאָטשט-שטעמפּל אַפֿן קאָנווערט איז פֿונדאָנען. זאָל זייַן, אַז כאַנעלע האָט זיך אַריבערגעקליבן אַהער מיטן זונעלע און וויל אַף אַזאַ אופֿן זיך צעצאָלן מיט אים? פֿאַרוואָס? ער האָט זיך קעגן איר מיט גאָרניט פֿאַרשולדיקט. ניט ער האָט זיך דאָך אָפּגעזאָגט פֿון איר, נאָר זי פֿון אים. ניין, ווען כאַנעלע זאָל זייַן הי, וואָלט זי געוויס צוגעשיקט צו אים דאַניעלקען. איז ווער, פֿונדעסטוועגן, האָט איר געקאָנט, נאַטאַליען, אָנשרייַבן, פֿרעגט זי? ער הייבט ניט אָן צו באַגרייַפֿן. ניין, וועגן דעם דאָנבאַסער מיידל, וועגן טאַיען, אַף וועמען ער האָט אַ כשאַד, וועט ער

נאטאליען ניט גיין דערציילן, ווען ער זאָל אפילו זײַן זיכער, אז דאָס האָט זי איר אָנגע־שריבן.

וועגן דעם, אז שווער־און־שוויגער וויסן פונעם בריוו, האָט שימען דערפילט נאָך אינעם זעלבן טאָג. ניקאָלײַ דמיטריִעוויטש האָט אים באַגעגנט מיט אַ קאַלטן שטעכיקן בליק. די שוויגער האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט אין זײַן זײַט.

אַלץ האָט אפן אנדערן טאָג אנטשיידט דער געשפּרעך, וועלכער איז צו אים דער־גאנגען פונעם גרויסן שכײנעסדיקן צימער. שווער־און־שוויגער האָבן זיך ניט גערינכט, אז ער קאָן אין דער דאָזיקער שאָ זײַן אין שטוב.

ניקאָלײַ דמיטריִעוויטש האָט אַ זאָג געטאָן צום ווײַב:

— איך האָב זיך ניט געריכט, אז אונדזער איידעם זאָל זיך ארויסווײַזן פאר אַזעלכן גיי וויים... כ'האָב מוירע, צי איז עס בא אים ניט קיין יערושע־זאַך.

דערהערט עס, האָט שימען געוואָלט פרעגן דעם שווער, וואָס וויל ער דערמיט זאָגן, נאָר אים האָט אָפּגעשטעלט דאָס ווײַטערדיקע, וואָס עס האָט זיך דערטראָגן פון דאָרט: „זאָל איך איין וואָרט געוועזן זאָגן אף דער קאָמיסיע, וואָלט מען אים אָנשטאָט אין גלאָווק געשיקט ארבעטן אפן ווײַטן צאָפן. אהינצו פאָדערן זיך אויך אינזשעניערן מיט אזא דיפּ־לאָם, ווי בא אים, עפשער מער נאָך, ווי דאָ, אין דער הויפּט־שטאָט...״

וועגן אָט דעם צופעליק אונטערגעהערטן געשפּרעך צווישן שווער־און־שוויגער האָט שימען קיין וואָרט ניט געזאָגט דער פרוי, אָבער אז ער זוכט אַ צימער, ווהין זיך ארי־בערקלײַבן, האָט ער פון איר ניט אויסבאהאלטן. און ווען נאטאליע האָט פארוווּנדערט געפרעגט, וואָס איז פּלוצעם געשען, האָט שימען איר רויִק געענטפערט, אז ער איז פון די פריִע יאָרן געוווינט לעבן זעלבשטענדיק, ניט זײַן פון קיינעם אָפּהענגיק, און דאָ, בא אירע עלטערן, פילט ער זיך, ווי אַן איידעם אף קעסט.

אינעם געדונגענעם צימער, ווהין שימען האָט אין דער קינפּטיקער וואָך זיך גע־דאַרפט אריבערציִען, איז דער באַלקן געווען אַ סאַך נידעריקער, ווי בא שווער־און־שוויגער, די ווענט געקאַלכטע, אָן טאַפּעטן, דער דיל אַ הילצערנער, ניט קיין פּאַרקעטנער, און אוי־סער דעם האָט דער צימער ניט פאַרמאָגט יענע באַקוועמלעכקײַטן, צו וועלכע ס'איז פון דער קינדהייט געוווינט געווען זײַן יונג ווײַבל. נאטאליעס עלטערן — שימען ווייסט עס פארפריִער — וועלן ניט דערלאָזן, אז זייער טאָכטערקע, זייער איין־און־איינציק טעכטערל, אף וועמען זיי קוקן נאָך אַלץ, ווי אף אַ יונג קינד, זאָל ביז זי וועט ניט פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט, וווינען באזונדער, ניט מיט זיי, דערצו נאָך אין אַ געמיינעם צימערל פון אַ קאָמונאַלער קוואַרטיר. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אז צווישן אים און שווער־און־שוויגער זאָל איבער דעם דערגיין צו אַ קריג. און דאָס האָט ער ניט געוואָלט. שימען ווייסט זייער גוט, ווי נאטאליע האָט ליב די עלטערן, ווי הויך זי שעצט דעם פּאָטער, נעמט זיך מיט אים איבער. ער איז פאַר איר אַ מוסטער אין אַלץ. שימען איז זיכער, אז ווען ער דערציילט איר, וואָס עס איז אים איז צופעליק אויסגעקומען צו הערן פון ניקאָלײַ דמיטריִעוויטשעס מויל וועגן איר מאַן, וואָלט נאטאליע זיכער ניט געגלייבט. ניקאָלײַ דמיטריִעוויטש איז ניט נאָר דער שווער פון איר מאַן, וועגן וועמען איר פּאָטער האָט שטענדיק גערעדט בלויז גוטס. ני־קאָלײַ דמיטריִעוויטש זובאַוו איז דאָך אויך אַ פאַרוואַלטער פון אַ קאַפעדרע פון געזעל־שאַפטקענטענישע וויסנשאַפטן. ער האָט ניט געקאָנט אזוינס זאָגן! שימענען האָט זיך עס פּאַשעט אויסגעוויזן. און עפשער איז נאטאליע גערעכט. ס'האָט זיך בא איר פּאָטער פון דערצאָרנטקײַט צופעליק ארויסגעכאַפּט.

אזוי צי אַנדערש, נאָר וווינען אויך ווײַטער צוזאַמען מיט שווער־און־שוויגער וועט ער ניט קאָנען.

דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען פריידין איז געקומען צוגאַסט אין דער סטודענטישער צוזאַמענוווינונג, ווו ער האָט געלעבט ביז דער כאַסענע, וואָלט מיסטאָמע סײַווי געוועזן זיך פאַרלאָפן מיט אים.

נאָך דעם, ווי שימען האָט צופעליק געהערט פון דעם שווער, אז ס'איז גענוג געווען, ער זאָל אף דער קאָמיסיע זאָגן בלויז איין וואָרט קעגן — און מעגלעך ער וואָלט געזאָגט, ווען די טאָכטער זאָל צו יענער צײַט געוועזן דערהאַלטן דעם אַרײַנגעשיקטן בריוו, — אז מע זאָל ניט איבערלאָזן דעם איידעם זײַנעם הי, נאָר שיקן ארבעטן אפן ווײַטן צאָפן, איז שימען שוין ניט געוועזן אזוי זיכער בא זיך, ווי פריִער, אז פון ניקאָלײַ דמיטריִעוויטשעס בײַזײַן אף דער קאָמיסיע איז גאָרניט געוועזן געווענדט. ווען שימען זאָל געוועזן וויסן, אז באַם פאַנאַנדערטיילן אף ארבעט די דיפּלאָמניקעס פון זײַן קורס איז ווירקלעך פּאָרגעקומען אזוי, ווי ס'האָט דערציילט וועגן דעם דער שווער, וואָלט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע

אין גלאָווק און געפּאָרן אַרבעטן ווּהין מע וואָלט אים געשיקט: קיין סיביר — איז קיין סיביר, אַפן ווייַטן צאָפן — איז אַפן ווייַטן צאָפן. עס וואָלט אים ניט אָפּגעשטעלט, וואָס ס'איז ערשט עטלעכע כאַדאָשים נאָך דער כאַסענע און ער דאַרף זיך שיידן מיטן יונגן ווייַבל אף א גאַנץ יאָר, ביז זי וועט פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט.

דערמאָנט האָט אים וועגן דעם אַלעם דער טומל אין צימער, ווּ ער האָט בא זייַן אַרייַנקומען געטראָפן א גאַנצע כאָפּטע אַרויסלאָזניקעס פון זייַן קורס. געווען צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס זייַנען ניט געווען צופרידן מיט דער פאַנאַנדערטיילונג אף אַרבעט. פאַר קיינעם פון די פאַרזאַמלטע איז ניט געווען קיין סאָד, אַז פאַר אייניקע סטודענטן זייַנען געמאַכט געוואָרן אויסנאַמען. און וועגן דעם האָט מען גערעדט אָפן, ניט אַרומקוקנדיק זיך. צו פריידינען האָט עס ניט געהאַט קיין שייַכעס, וועגן אים האָט קיינער ניט געקאָנט זאָגן, אַז דאָס איבערלאָזן אים אין דער הויפּט-שטאָט און אף אַזא הויכער שטעלע איז פאַרבונדן מיט באַקאַנטשאַפט צי מיט עפּעס אַנדערש, כאָטש אַלע האָבן געוווּסט, אַז דער שווער זייַנער איז א מיטגליד פון דער פאַרטיילונגס-קאָמיסיע. שימען איז פאָרט געווען איינער פון די ערשטע סטודענטן אַפן קורס און געקומען איז ער אין אינסטיטוט ניט פון דער שול-באַנק, נאָר פון א זאַוואָד.

בייַזייַענדיק בא אָט דעם ראַשיקן געשפּרעך, האָט שימען זיך מיטאַמאָל אָנגערופן צו דעם היפּשלעך יִינגערן פון זיך מישע ליכטן, וועמען ס'איז פאַרגעשטאַנען אַרבעטן אַפן ווייַטן צאָפן און ער האָט ניט געהאַט דערצו דעם מינדסטן פאַרלאַנג:

— הער, מישע, לאָמיר זיך בייַטן.

— איך פאַרשטיי ניט.

— וואָס פאַרשטייסטו דאָ ניט? — האָט אָנשטאָט שימענען זיך אָנגערופן איינער פון די צופרידענע מיט דער פאַנאַנדערטיילונג, א הויכער באָכער מיט א געגאָלטן קאָפּ, — סעמיאָן לייגט דיר פאָר זייַן אַמט אין גלאַווק, און דו טרעטסט אים אָפּ דייַן שטעלע אַפן ווייַטן צאָפן. נאָר צולב דעם, ווי איך פאַרשטיי, ווּעסטו דאַרפן דורכמאַרשירן פונדאַנען ביזן אינסטיטוט אין איינע טרוסן און אין טאַפּקעס אף די באָרוועסע פיס, אָט ווי סעניע דעמלט.

— אומזיסט כאָכמעסטו זיך, טייַערער, — שימען האָט ניט דערלאָזט, מע זאָל פאַרוואַנדלען זייַן פאָרשלאָג אין א שפּאַס. — איך מיין עס גאַנץ ערנסט. אף מייַן ערן-וואָרט.

— אף דייַן ערן-וואָרט? — די בייַוועזנדע אין צימער האָבן פאַרכידעשט איבערגעפרעגט, ווי מע זאָל ניט זייַן זיכער, אַז זיי האָבן ווירקלעך געהערט אים זיך שווערן מיט דער העכסטער שוווּע, פון וועלכער אַזא, ווי פריידין, אף וויפל זיי קענען אים, וועט זיך פון איר ניט אָפּזאָגן, ווען ער זאָל אפילע אין דער זעלבער מינוט האָבן דערוף כאַראָטע. ניט אַנדערש, אַפּאָנעם, אַז ס'איז געשען זייער וויכטיקס צווישן אים מיטן יונגן ווייַבל.

דאָס זעלבע האָט מיסטאַמע א קלער געטאָן בא זיך וועגן דעם דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, ניקאָלייַ דמיטרִיעוויטשעס א נאָענטער באַקאַנטער נאָך פון די יונגע יאָרן, ווען שימען פריידין איז אַרייַנגעקומען צו אים צוזאַמען מיט מישע ליכטן און דערציילט וועגן זייער פאַרטראַכט. שימען האָט זיך דערבייַ פאַררופן אף דעם, אַז אים האָט שטענדיק געצויגן צו זיך די ווייַט, ווּהין ס'איז ניט צו דערקלייַבן זיך, ווי סע זאָגט זיך, ניט מיט באַנען, ניט מיט שיפן, און אַז דאָרט, אַפן ווייַטן צאָפן, וועט ער האָבן מער פרייַע צייַט זיך פאַרנעמען אויך דערמיט, צו וואָס עס ליגט אים באַזונדערס דאָס האַרץ.

פונעם ווייַטערדיקן שמועס האָט שימען אַרויסגעזען, אַז פאַרן פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע איז ניט געווען קיין נייַס, אַז דער אינזשעניער שימען פריידין גיט זיך אויך אָפּ מיט קונסט. דערציילט האָט עס אים, פאַרשטייט זיך, ניקאָלייַ דמיטרִיעוויטש. דערקלערן אָבער דעם פאָרזיצער, פאַרוואָס איז שימען אָנגעקומען לערנען אין א טעכנישן אינסטיטוט, וויבאַלד דאָס האַרץ ליגט אים צו גאָר עפּעס אַנדערש, האָט דער שווער ניט געקאָנט. ווען יאָ, וואָלט דאָך דער פאָרזיצער זיך ניט געוווּנדערט מיט דער דאָזיקער פראַגע צו אים.

ענטפערנדיק דערוף, האָט שימען ניט איבערגעכאַזערט דאָס זעלבע, וואָס נייַלע, ווען זי האָט אים געראַטן אָנגעבן די פּאַפּירן אין א טעכנישן אינסטיטוט. דעם פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, צו וועמען ער איז געקומען, האָט שימען געענטפערט אַנדערש, ווייַל צו יענער צייַט האָט ער אַליין שוין עס אופגענומען אַנדערש. ס'איז געגאַנגען ניט אַזוי אין דעם, וואָס ער האָט ניט גענוג געגלייבט אין די אייגענע קויכעס, ווי ער האָט ביז אַהער געקלערט. זייַן אייצעגעבער איז דאַן געווען די ניט-זיכערקייַט אינעם מאָרגנדיקן טאָג, די שרעק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, וועלכע האָט זיך טיף באַזעצט אין אים פון דער פרִיער קינדהייַט, בייס ער פלעגט הערן, ווי טאַטע-מאַמע פרעגן, אַליין ניט ווּיסנדיק בא וועמען, מיט א שווערן זיפץ:
„וואָס וועט זייַן מאָרגן? ווי קומט מען איבער דעם מאָרגנדיקן טאָג? ווּ נעמט מען אף

מאָרגן?..״ ער פאַרשטייט זייער גוט, אַז די צײַט איז איצט אינגאַנצן אַן אַנדערע. ס׳איז אָבער ניט אַזוי פּאַשעט און לײַכט זיך באַפרײַען פאַר איין טאָג פון דער געיאָרשנטער שרעק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

די אומגעריכטע נײַס, אַז שימען האָט זיך געביטן מיט איינעם פון די דיפּלאָמניקעס און פאָרט אָנגעשטאָט אים אויפן ווײַטן צאָפן, איז דערגאַנגען צו נאַטאַליען פריִער, ווי איר האָט וועגן דעם געזאָגט דער מאַן. נאַטאַליען האָט עס אויסגעזען מעשונע-ווילד און אומגעלומפּערט. זי האָט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט גלייבן דערינען. נאָר פאַרשטאַנען האָט זי, אַז צו דעם, וואָס עס איז זיך לעצטנס פאַרלאָפן מיטן מאַן, האָבן אַ שײַכעס אירע עלטערן, כאָטש אי שימען, אי אירע טאַטע-מאַמע האָבן זי פאַרזיכערט, אַז קיין שום סיכסוכים, קיין שום צוזאַמענשטויסן זײַנען צווישן זיי ניט געווען. אָבער פון דער העלער הויט, אָן אַ פאַרוועג, אָן אַ פאַרוואָס, קומט דאָך אין לעבן גאָרניט פאָר. וויִאַזוי קאָן עס זײַן, אַז שימען זאָל פּלוצעם אײַנגיין זיך צעשיידן מיט איר, און ניט אויף איין טאָג. אויף אַלע אירע פראַגעס, וואָס איז פונדעסטוועגן פאָרט אַזוינס געשען, האָט שימען איר געענטפערט אָן ערעך דאָס זעלבע, ווי דעם פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע: דער געדאַנק וועגן באַזעצן זיך אויף אַ לענגערער צײַט ערגעץ אין אַ ווײַטן ווינקל, ווו אַלץ איז פאַר אים נײַ און אומבאַקאַנט, איז אים אויפגעקומען ניט נעכטן און ניט אייערנעכטן. ער טראָגט זיך אַרום מיטן דאָזיקן געדאַנק שוין ניט איין יאָר. און אויב ער האָט איר ניט געזאָגט וועגן דעם פאַר דער כאַסענע איז בלויז דערפאַר, ווײַל ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט זיך בײַקומען, זיך באַפרײַען פון אָט דעם פאַרטראַכט, פון אָט דער בענקעניש. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז איבער זײַנע קויכעס. עס האָט זיך אים צו טיף באַזעצט, ער זאָל זיך קאָנען דערפון באַפרײַען. די אומבאַקאַנטע געהיימניספולע ווײַט ציט אים צו זיך, ווי די הייך ציט צו זיך אַ פויגל. און אויסער דעם, וואָס אויפן צאָפן נייטיקט מען זיך אין אים מער ווי דאָ, וועט ער דאָרטן, האָט ער אַ פאָרגעפיל, זיך קאָנען מער פאַרנעמען דערמיט, צו וואָס עס ציט אים אַזוי, ווי זי ווייסט. ער וועט דאָרט זען אַן אַנדערן הימל, אַן אַנדער זון, אַנדערע שטערן, אַנדערע פאַרבן, אויך אַנדערע מענטשן, און פאַר אַ דיכטער, אַ מאָלער, וועלכער האָט נאָך ניט געפונען זײַן אייגענעם וועג אין דער קונסט, באַטײַט עס זייער פיל.

קעגן דעם האָט נאַטאַליע ניט געקאָנט אים דערווידערן. ווער ווייסט... עפשער וועט ער זיך דאָרט ענדלעך דערקלײַבן צו דעם, וואָס ער זוכט אין זיך די גאַנצע צײַט און וועט זיך אומקערן פון דאָרט ווי אַ באַרימטער דיכטער צי אַ באַוווּסטער מאָלער. זי וועט זײַן די פרוי פון אַ באַרימטהײַט. איר איז געפעלן אין אים זײַן פאַראַקשנטקײַט. זי האָט עס אין אים גאָר פריִער ניט באַמערקט. אַוודע איז דער מאַן אירער גערעכט, וואָס ער רעדט זי אָפּ פאָרן איצט מיט אים. ער איז געוווינט אי צו אונטערהונגערן, אי צו קעלט, אי צו נעכטיקן אונטערן אָפענעם הימל. אים שרעקט ניט, אויב דאָרט וועט אים די ערשטע צײַט אויסקומען זיך מיט דעם אַלעמען פונסנײַ באַקאַנען. זי אָבער, נאַטאַליע...

ניין, ביז ער וועט דאָרט פריִער ניט צוגרייטן עטוואָס ענלעכס צו דעם, וואָס נאַטאַליע האָט בײַ איר טאַטן, וועט ער זי ניט אַריבערנעמען אַהין. אויסער אַלעם, קאָן ער ניט דערלאָזן, זי זאָל איבעררײַסן דאָס לערנען. איר איז פאַרבליבן בלויז איין יאָר. ער דאַרף איר, פאַרשטייט זיך, אַן איבעריקס מאָל ניט דערמאָנען, אַז זיי האָבן פאַר דער כאַסענע אָפּגערעדט צווישן זיך — זיי וועלן ניט האָבן קיין קינדער, ביז זי וועט ניט פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט.

געענדיקט האָט זיך דערמיט, אַז דערווײַל פאָרט שימען אַהין אַליין. אין אַ יאָר אַרום, ווי נאָר זי קריגט דעם דיפּלאָם, קומט זי צו אים טייקעף צו פאָרן, אויב שימען וועט צו יענער צײַט ניט כאַראָטע האָבן און ניט אומקערן זיך צוריק אַהער. נאָר דאַכט זיך, אַז נאַטאַליע וויל עס שוין גאָר אַליין ניט. שימען האָט איר אַזויפיל אָנגעדערציילט וועגן דעם ווײַטן, ווייניק באַזעצטן קאַנט, אַז ס׳האָט זי אַליין אַ צי געטאָן אַהינצו. דאָס אָבער ווייסט זי פאַרפריִער: וויִאַזוי דער ווײַטער צאָפן זאָל זיי ניט געפעלן, וועלן זיי מער פון אַ צוויי-דרײַ יאָר דאָרט זיך ניט פאַרהאַלטן, כאָטש דער מאַן האָט גענומען אויף זיך אַ היסכײַוועס אָפּאַרבעטן דאָרט גאַנצע פינף יאָר.

אַלץ איז געשען אַזוי, ווי זיי האָבן פאַרטראַכט: אין אַ יאָר אַרום, ווען נאַטאַליע האָט פאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט, איז זי גלײַך געקומען צו אים צו פאָרן. קיין אינסטיטוטן, ווו צו לייענען לעקציעס וועגן היסטאָרישן און דיִאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, זײַנען דאָרט ניט געווען, האָט זי אונטעריכטעט אין דער אָרטיקער שול געזעלשאַפטקענטעניש. אין אַ קנאַפּן יאָר אַרום נאָך איר קומען האָט זי געהאַט אַ צווילינג. דאָס יִינגעלע האָבן זיי אָנגערופן וולאַדימיר, אַ נאָמען נאָך שימענס פרי-פאַרשטאָרבענעם עלטערן ברודער, און דאָס מיידעלע — גאַליע. אַזוי האָט געהייסן נאַטאַליעס באָבע פון דער מוטערס צאַד.

ווען די קינדערלעך איז געגאנגען דאָס פערטע יאָר, האָט נאַטאַליע, בייס איר צווייכאַ־דאַשימדיקן אורלויב, אַפּגעפירט ביידן צו אירע עלטערן, מיטן געדאַנק איבערלאָזן זיי דאָ, ביז זי וועט צוזאַמען מיטן מאַן זיך איינגאַנצן שוין אומקערן פון צאַפּן צוריק קיין מאָסקווע. אים איז געבליבן צו זײַן עטוואָס מער פון א יאָר. נאַטאַליע וואָלט, מעגלעך, זיך שוין איצט ניט אומגעקערט אהין. מע וואָלט געפונען, מיט וועמען זי צו פאַרבײַטן דאָרט אין שול. קיינער וואָלט איר דערפאַר ניט אויסגערעדט, דער אוניווערסיטעט האָט זי געגרייט ניט פאַר קיין לערער פון גיזעלשאַפטקענטעניש פאַרן זעקסטן און זיבעטן קלאַס, נאָר פאַר א לעקטאָר פון פילאָסאָפיע אין א הויכשול. זי איז אָבער ניט גאָר זיכער בא זיך, צי וועט שימען, אויב זי וועט ניט זײַן לעבן אים און ניט צווינגען אוועקפאָרן, זיך ניט פאַרהאַלטן דאָרט נאָך אַף א יאָר צי צוויי. ער האָט זיך ניט געריכט, האָט שימען איר ניט איין מאָל געזאָגט, אז דאָס דורכלייגן וועגן אין דער טײַגע און טונדרע זאָל אים אזוי פאַרכאַפּן, אז ס׳זאָל ניט בלײַבן קיין פרײַע מינוט אַף עפּעס אַנדערש. ער האָט קימאַט איינגאַנצן פאַרוואָרפן דאָס מאָלן.

18

דאָס ווײַטערדיקע אין זייער לעבן איז אוועק ניט אזוי, ווי זיי האָבן געהאַט פאַרטראַכט. אַפּפירן די קינדער צו די עלטערן האָט נאַטאַליע באַוויזן, נאָר אומקערן זיך צום מאַן צוריק אַף צאַפּן האָט זי שוין ניט געקאָנט. ס׳איז געשען אזוינס, אַף וואָס קיינער פון זיי האָט אין יענעם זומער זיך ניט געריכט. ס׳האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע.

פאַר די צוויי יאָר, וואָס פריידינען איז אויסגעקומען וואַרטן, מע זאָל אים שיקן אַפּן פראָנט, האָט ער אָנגעשריבן אין מיליטערישן קאָמיסאַריאַט עטלעכע מעלדונגען, און אין יעדער מעלדונג צוגעגעבן נאָך עפּעס וועגן זיך. און וואָס צוגעבן וועגן זיך האָט שימען געהאַט. ער איז דאָך ניט בלויז אַן אינזשעניער א וועג־בויער. ער איז אַן אינזשעניער מיט א ברייטן פּראָפיל, קלײַבט זיך גוט פאַנאַנדער אין אויטאָמאָבילן און ביכלאַל אין טעכניק. ער איז ביזן אינסטיטוט געווען א שלאָסער, א טאָקער, א שאָכטיאָר. און דאָס איז נאָך ניט אַלץ. ער וואָלט געקאָנט צוגעבן, אז ער איז באַקאַנט מיט בוכהאַלטעריע, קען א ביסל מאָלן, שרײַבט לידער, אייניקע פון זיי זײַנען אפילע געווען געדרוקט אין א צענטראַלן גראַבן זשורנאַל. נאָר וועגן דעם אַלעם האָט שימען פאַרשוויגן.

ניט זײַן שולד, אויב ער איז די ערשטע צוויי יאָר ניט געווען אַף דער מילכאָמע. אָבער מילכאָמע האַלטן האָט ער ניט פאַרשפּעטיקט. זי האָט זיך נאָך געצויגן קימאַט פונקט אזוי־פיל. צוויי מאָל איז ער פאַר אָט דער צײַט געווען פאַרוווּנדעט. דאָס ערשטע מאָל הינטער פּינסק, באַם באַפרײַען לונינעץ, דאָס אַנדערע מאָל אין איינעם פון די שווערע שלאַכטן אַפּן וועג צו בערלין.

פון האָספּיטאַל האָט מען אים צוריק אַפּן פראָנט שוין ניט אומגעקערט. ס׳איז ניט געווען אין דעם קיין נויט. ביזן זיג זײַנען פאַרבליבן געציילטע וואָכן, און אין די דאָזיקע וואָכן האָט מען דעמאָביליזירט פון דער אַרמיי ניט בלויז פאַרוווּנדעטע. מע איז צו יענער צײַט שוין געהאַט צוגעטראָטן אופשטעלן די כאָרעווע שטעט, די רוינירטע זאַוואָדן און פאַבריקן, און אין אינזשעניערן און טעכניקער איז אומעטום געווען א גרויסע נויט.

אַרויסגייענדיק פונעם האָספּיטאַל, האָט פריידין נאָך ניט איינגאַנצן קלאָר זיך פאַרגע־שטעלט, צו וואָס זיך נעמען, פון וואָס אָנהייבן, ווו זיך באַזעצן. ווינען צוזאַמען מיט שווער־און־שוויגער, ווייסט ער לעכאַטכילע, וועט ער ניט קאָנען. אויב ער וועט דאָרט אין דער נאָענטסטער צײַט ניט קריגן קיין באַזונדער דירעלע, איז זייער מעגלעך, ער זאָל זיך אומקערן צוריק אהין, פונוואַנען ער איז אוועק מילכאָמע האַלטן. ער האָט זיכער ניט דערוואַרט, אז נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אָנגעזען פאַר די פאַר יאָר אַזויפיל גרויסע שיינע שטעט, אויסגעווען קימאַט א האַלבע וועלט, זאָל ער בענקען נאָך דעם פאַרוואָרפענעם צאַפּנדיקן קאַנט.

דערווײַל פאָרט ער אָבער פון האָספּיטאַל צו זײַן ווײַב און קינדער קיין מאָסקווע.

דער באַן האָט פאַרשפּעטיקט אַף א פאָר שאָ. שימען האָט עס ווי פאַרויסגעזען. נאָר ניט דערפאַר, ווײַל ער האָט געוואָלט אויסהיטן נאַטאַליען פון לאַנגווײַליקן זיך עטלעכע שאָ אַפּן וואָקזאַל, האָט ער איר ניט געגעבן צו וויסן, אז ער קומט צו פאָרן. שימען האָט גע־

וואָלט קומען אומגעריכט. בא אן אומגעריכטער געגאַרטער באגעגעניש איז די פרייד גאָר אן אנדערע.

און ער האָט ניט געהאַט קיין טאָעס. די באגעגעניש, בייס זײַן אַרײַנשטעלן זיך אום־געריכט אין שטוב, איז געווען ביז גאָר א פריידיקע, ניקאָלײַ דמיטריִעוויטש האָט ברייט צעעפנט די אָרעמס און אים צוגעדריקט צו דער ברוסט. די שוויגער האָט ניט אופגעהערט ווישן די אויגן און שעפּטשען ווי א טפילע: „דאנקען גאָט, ער האָט זיך אומגעקערט א גאנצער. דאנקען גאָט, ער האָט זיך אומגעקערט א גאנצער...” נאטאַליע איז אָף קיין טראָט ניט אָפּגעגאַנגען פון אים.

— ווו זײַנען דאָס די קינדער? — האָט שימען געפרעגט, צוזעצנדיק זיך צום יאָם־טעוודיק געדעקטן טיש.

— זיי וועלן באַלד קומען. זיי זײַנען נאָך אין שול.

— אין שול? — האָט שימען עטוואָס פארכידעשט איבערגעפרעגט און גלײַך זיך צע־לאַכט. — כ׳האָב פארגעסן, אז וואָלאָדינקען מיט גאַלינקען איז שוין דאָס אכטע יאָר. זיי קערן שוין מיסטאמע זײַן גאָר גרויסינקע. כ׳האָב מוירע, אז כ׳וועל זיי ניט דערקענען. וואָלאָדיען האָט שימען דערקענט באַלד נאָר ווי יענער איז אַרײַן.

„אָף וועמען איז ער ענלעך? — האָט שימען זיך געפרעגט, צורופנדיק דאָס ייִנגל צו זיך, — דאכט זיך, אָף מיר. בא אים איז אפילע פונקט אזא קלײנגעוודיק קעלכל, ווי בא מיר אין דער קינדהײַט. גאַלינקע איז שוין מער ענלעך אָף נאטאַליען. אָבער די אויגן זײַנען בא איר אויך מײַנע. אָט זײַנען זיי בא איר נאָרוואָס געווען אומעטיק־פארקלערטע, און אָט זײַנען זיי ווידער גליקלעך שמייכלענדיקע”.

די קינדער האָבן געקוקט אפן אומבאקאַנטן מאנצבל אין דער מיליטערישער גימנאַס־טיאָרקע מיט די אָנגעהאנגענע אָרדענס און מעדאַלן און נאָך אלץ ניט געקאָנט זיך צווינגען אים רופן טאטע. זיי זײַנען אָפּגעלאָפן פון אים, ווי נאָר ער האָט זיי באפרײַט פון זײַנע אָרעמס.

— סאַרא ווילדע איר זײַט, — נאטאַליע האָט שטרענג אויסגערעדט די קינדער, — ס׳איז דאָך אײַער טאטע.

— געקומען פון פראָנט, פון דער מילכאָמע, — האָט אונטערגעזאָגט דער זיידע. — איר דארפט זיך גרויסן מיט אים. פארשטאנען?

— אגא, — האָבן ביידע געענטפערט, האַלטנדיק זיך נאָך אלץ פונדערווײַטן און ווי פריִער געקוקט אָף שימענען אָפּגעפרעמדט.

שימען האָט א ווונק געטאָן צום טעכטערל. גאַלינקע איז ניט זיכער צוגעגאַנגען. ער האָט זי אוועקגעזעצט הארט לעבן זיך. אין א ווײַלע ארום האָט זיך אויך צוגעזעצט לעבן אים וואָלאָדיע.

— נו אָט, — נאטאַליע האָט לײַכט אָפּגעעטעמט. זעט אויס, זי האָט אליין ניט דער־וואַרט, אז ס׳זאָל אזוי גיך פארשווינדן צווישן די קינדער מיטן פאָטער די אָפּגעפרעמדט־קײַט. — דערציילט דעם טאטן, וויִאזוי לערנט איר זיך, וויִאזוי פירט איר זיך אוף.

— פארשטייט זיך, אז זיי לערנען זיך גוט און פירן זיך אוף גוט. איאָ גאַלינקע?

— אגא, — האָט הויך און קלינגעוודיק אָפּגעענטפערט וואָלאָדיע.

— וואָס הייסט „אגא”? כ׳האָב עפּעס קיינמאָל ניט געהערט אזא וואָרט. האָסט, אפּאָ־נעם, געוואָלט זאָגן יאָ.

— אגא. — וואָלאָדיע האָט זיך אָבער גלײַך פארכאַפּט. — יאָ.

— איר לערנט זיך ביידע אין איין קלאַס?

— יאָ, — האָט געענטפערט גאַלינקע, — אין ערשטן „וועי”.

— און וואָס לערנט איר? — האָט שימען פאַרגעזעצט אויספרעגן, דערנעענטערנדיק זיי דערמיט מער צו זיך.

— אלץ.

— וואָס הייסט אלץ?

— נו אָט, — וואָלאָדיע האָט ארויסגענומען פונעם פאַרטפעל זײַנע העפטן און זיי איינציקווײַז דערלאַנגט דעם פאָטער.

ניט א בליק טוענדיק אפן טעוועלע, האָט שימען א מיש געטאָן דעם העפט פאר רוסי־שער שפּראַך און צופרידן א שמייכל געטאָן. ער קאָן שוין איצטער זאָגן, אז באם זונעלע וועט אויך זײַן א שיינער געטאָקטער האנטשריפט, ווי בא אים. שימען האָט צוגעמאכט דעם העפט און געהאַט אויסגעשטרעקט די האנט צום העפט פאר אריפמעטיק, נאָר מיטאמאָל האָט ער זיך געענדערט אין געזיכט, גלײַך ס׳וואָלט אים א שניט געטאָן די נאָך ניט אינגאנצן

פארהײלטע װוּנד. אױף א טעװועלע פֿון די העפֿטן איז געװען אָנגעשריבן מיט גרױסע דײַט־לעכע אױסיעס, װי אַנגעמאָלט: װאָלאָדיע זובאָװ.

— און דאָס זײַנען מײַנע, — גאַלינע האָט אױסגעשטרעקט דעם פֿאָטער אירע העפֿטן.

— לײענסט שױן גוט? איז לײען מיר, טעכטערל, איבער, װאָס איז דאָ אָנגעשריבן, — און אָנגעװיזן מיט דער האַנט אױף בלױען טעװועלע פֿון איר העפֿט.

גאַלינקע האָט הילכיק מיט געפֿיל איבערגעלײענט דאָס אָנגעשריבענע, װי מע לײענט איבער אױף אױסװײניק אַן אױסגעכאַזערטע ליד:

— שילערן פֿון ערשטן קלאַס „װע" גאַליע זובאָװאַ.

נאָר אױך נאָך דעם, װי שימען האָט דאָס זעלבע, װאָס ער האָט איבערגעלײענט פֿאַר זיך, דערהערט אַרױסברענגען אױך אױף א קאָל, האָט זיך אים נאָך אַלץ ניט געװאָלט גלײבן, אַז אַזױנס האָט געקאָנט זיך פֿאַרלױפֿן. ער זאָל פֿאַרט זיך איבערצײַגן, אַז אַזעלכעס איז װירקלעך געשען, איז אים קענטיק נײטיק געװען, ער זאָל אַלײן װאָרט נאָך װאָרט עס אי־בערלײענען אױף א קאָל הױך און דײַטלעך.

— װאָלאָדיע זובאָװ. גאַליע זובאָװאַ.

— קינדער, איר װילט דאָך נאָך ניט עסן. איז גײט דערװײַל אין הױף זיך שפּילן, — נאַטאַליע האָט פֿעסט צוגעמאַכט הינטער זײ די טיר.

— װאָלאָדיע זובאָװ. גאַליע זובאָװאַ, — און מיט דער זעלבער געצאַמטער צוריקגע־האַלטנקײַט, מיט װעלכער שימען האָט עס איבערגעכאַזערט, געפֿרעגט בא דער עטװאָס פֿאַרלױרענער נאַטאַליען: — און װוּ איז װאָלאָדיע פֿרײדין? גאַלינע פֿרײדינאַ?

— איך פֿאַרשטײ ניט, סעניע, װאָס װוּנדערט דיך דאָ אַזױ? מיר דוכט, אַז איך האָב דיר געשריבן דערפֿון. טאַטע, דו געדענקסט, — נאַטאַליע האָט זיך אױסגעדרײט צום פֿאָ־טער, װעלכער איז געזעסן טיף אין פֿאָטעל מיט א צעעפֿנטער צײַטונג אין דער האַנט.

— איך געדענק, — האָט זיך אַרײַנגעשטעלט מיט איר פֿאַרלעגערטן קאָל די שװיגער.

שימען האָט טומלדיק זיך אױפֿגעהױבן פֿון טיש, געמאַכט א טראָט און איז געבליבן שטײן, װי ער װאָלט פֿאַרבלאָנדזשעט און קאָן ניט געפֿינען די אַרױסגאַנג־טיר.

— װאָס קומט דאָ פֿאָר? — ניקאָלײַ דמיטריעװיטש האָט אָפּגעלײגט אין א זײַט די צײַטונג און אױסגעטאָן די ברילן. — װאָס איז געשען?

— גאָרניט, ניקאָלײַ דמיטריעװיטש, לאַכלוטן גאָרניט, — שימען האָט אים געענטפֿערט, גלײַך דער שװער װאָלט עס אים געהאַט געפֿרעגט װעגן זיך. און װירקלעך. דער שװער זײַנער האָט פֿאַר די יאָרן, װאָס ער האָט אים ניט געזען, זיך טאַקע לאַכלוטן ניט געענדערט, פּונקט װי פֿאַר דער דורכגעגאַנגענער צײַט װאָלט גאָרניט געשען. די זעלבע זיכערקײַט און צופֿרידנקײַט מיט זיך קוקט אַרױס פֿון זײַנע קײַלעכיקע אױגן. און די שװיגער האָט זיך אױך קנאַפּ געענדערט, געװאָרן בלױז פּולבלעכער און נידעריקער. נאָר אין נאַטאַליען האָט ער אין דער ערשטער מינוט, װי ער האָט זי דערזען, באַמערקט אַן ענדערונג. ער קאָן בלױז פֿינקטלעך ניט באַנעמען, אין װאָס באַשטײט אָט די ענדערונג. און װי ער זאָל ענדגיל־טיק װעלן עס אױסקלאָרן פֿאַר זיך, האָט שימען, ניט אָפּפֿירנדיק פֿון איר דעם בליק, גע־פֿרעגט: — עפּשער קאָנסטו מיר זאָגן, װער בין איך איצט פֿאַר די קינדער? צי דאַרף איך ניט גײן איבערשרײַבן די פֿאַמיליע פֿרײדין אױף זובאָװ, קעדײ צוריק װערן דער געזעצלעכער פֿאָטער פֿון מײַנע קינדער? איך װיל פֿאַרשטײן, װאָס איז דאָ בא אײַך פּלוצעם אַזעלכעס פֿאַרלאָפֿן, אַז ניט נאָר דו אַלײן האָסט געביטן די פֿאַמיליע צוריק אױף דער מײדלשער, נאָר זי אױך געביטן בא די קינדער?

— צי דען פֿאַרשטײסטו ניט?

— װאָס דאַרף איך פֿאַרשטײן?

— ביסט פֿון הימל אַראָפּגעפֿאַלן, צי װאָס? — האָט זיך װידער אַרײַנגעמישט מיט איר פֿאַרלעגערטן קאָל די שװיגער.

— ער פֿאַרשטײט עס גאַנץ גוט, — ניקאָלײַ דמיטריעװיטש האָט טיפֿער זיך אַראָפּגע־רוקט אין פֿאָטעל. — און אױב ער פֿאַרשטײט ניט, װעט ער מיט דער צײַט עס באַנעמען.

— עפּשער װעט איר אַזױ גוט זײַן, — האָט שימען זיך געװענדט צום שװער, — און מיר איצטער דערקלערן.

צװישן דעם מאַן און דעם פֿאָטער האָט זיך אַרײַנגעשטעלט נאַטאַליע. זי האָט אָפּגע־פֿירט שימענען אין א זײַט:

— כ'האָב זיך ניט גערעכט, טײַערינקער, אַז דאָס קאָן דיך אױפֿברענגען. נו, װאָס האָט זיך בא דיר דערפֿון געענדערט? ביסט דען פֿאַר די קינדער ניט דער זעלבער פֿאָטער, װי פֿריער, װען בא זײ איז געװען דײַן פֿאַמיליע?

— ניין, ניט דער זעלבער! — האָט שימען אויסגערופן. — דו האָסט זיי דאָך דערמיט אָפּגעפרעמדט פון מיר. כ'ווייס ניט, וויאַזוי האָסטו דערקלערט די קינדער, פאַרוואָס האָסטו פּלוצעם זיי געענדערט די פאַמיליע. פאַרוואָס איז בא זיי שוין ניט דעם פאָטערס? וואָס קענען זיי טראַכטן וועגן מיר? זיי וועלן דאָך...

— רייד ניט קיין נאַרישקייטן.

— נאַרישקייטן? דאַן זאָג מיר אונטער, וויאַזוי דאַרף איך ענטפערן, ווען זיי וועלן מיך פרעגן, פאַרוואָס איז בא אַלע קינדער דעם פאָטערס פאַמיליע און בא זיי דער מוטערס? זיי האָבן דאָך ניט פאַרגעסן, אַז אין קינדער-גאָרטן זייַנען זיי געווען פריידין און ניט זובאָוו. ניט אַנדערש ווי די מאַמע זייערע שעמט זיך מיט מיר, אָדער ניט איך בין זייער געזעצלעכער פאָטער.

— דו ביסט אָפּגעשטאַנען פונעם לעבן, סעניע. איך האָב די קינדער ניט געדאַרפט גאָרניט דערקלערן. זיי פאַרשטייען אַלץ אַליין.

— אומזיסט, טאַטער, באַרעכטיקסטו זיך אַזוי פאַר אים. — ניקאָלײַ דמיטריִעוויטש האָט זיך צוגערוקט נעענטער צוזאַמען מיטן פּאַטעל, ווי ער זאָל געוועזן זײַן צוגעוואַקסן צו אים. — די דיִאַלעקטיק פון דער צײַט...

שימען האָט אַפן מיליטערישן אויפן זיך געגעבן האַסטיק א דריי אויס צום שווער און האַרב איבערגעשלאָגן:

— איך וועל קיינמאָל ניט פאַרשטיין און וויל ניט פאַרשטיין די דאָזיקע דיִאַלעקטיק אײַערע פון דער צײַט. איך האָב אײַך פון לאַנג שוין געוואָלט פרעגן, נאָך פאַר דער מילכאָמע, ווען מיר איז צופעליק אויסגעקומען הערן, וואָס האָט איר געזאָגט וועגן אײַער טאָכטערס מאַן און אין וואָס פאַר א זין האָט איר דאָס געזאָגט... איך מיין, אַז איר געדענקט עס גאַנץ גוט אַליין און מע דאַרף אײַך ניט איבערכאַזערן.

— די דיִאַלעקטיק פון דער צײַט...

— טאַטע!

— נו גוט. איך שווײַג.

נאָר אַלציינס האָט שימען פאַרלאָזט דאָס הויז, א קלאַפּ טוענדיק באַם אַרויסגיין מיט דער טיר.

נאַטאַליע האָט אים אָנגעיאָגט אַפן ראָג, קוים אײַנגעבעטן זיך אומקערן אין שטוב. אַף מאָרגן אינדערפרי, ליגנדיק נאָך אין בעט, האָט נאַטאַליע געפרעגט באַם מאַן:

— ווער איז אָט דער מאַליק צי דאַליק, וועמען דו האָסט עטלעכע מאָל גערופן צו זיך אין שלאָף?

— ווי זאָגסטו? דאַליק צי מאַליק?

וויפל אָבער שימען האָט זיך ניט אָנגעשטרענגט, געפּרוווט זיך דערמאָנען עפּעס פונעם פאַרפלאָנטערטן כאָלעם, האָט ער גאָרניט געקענט אופשטעלן פאַר זיך, ער זאָל ענטפערן דעם ווײַב, מיט וועמען האָט ער זיך דורכגערעדט באַנאַכט אין שלאָף.

און פּלוצעם, באַטאָג, בייס ער איז געזעסן אין הויף און געמאָלט אינעם בלאָקנאָטל, מיט וועלכן ער שיידט זיך ניט, ווי וואָלאָדיק און גאַלינקע וויגן זיך אַף דער הוידלקע, האָט ער בוילעט קלאָר און הויך דערהערט אין זיך א שטים, ווי עמעצער זאָל אים געוועזן אַרײַנשרײַען אין אויער: „דאָס האָסטו מיט דײַן דאַניִעלקען זיך דורכגערעדט באַנאַכט. דאָס האָסטו אים גערופן אין שלאָף. צי דו האָסט פאַרגעסן, אַז בא דיר איז געווען א זון פון כאַנעלען און ער האָט געהייסן דאַניִעל פריידין?" „ניין, ניין, כ'האָב ניט פאַרגעסן. כ'האָב ניט געקאָנט פאַרגעסן". — האָט שימען קימאַט אַף א קאָל זיך פאַרענטפערט פאַר זיך, און אינעם זעלבן בלאָקנאָטל אָנגעמאָלט א ייִנגעלע מיט ווייכע לאָקן און גרויסע שמייכלענדיקע אויגן אונטער לאַנגע וויִעס. אָנגעמאָלט אים לויטן זיכאָרן, אַזאַ, ווי דאַניִעלקע האָט זיך אים פאַרגעדענקט פון יענער ווײַטער צײַט. פאַרשטעלן זיך דאַניִעלן אַנדערש, וויאַזוי זעט ער איצטער אויס, האָט שימען בעשום-אויפן ניט געקאָנט. ער דאַרף דאָך שוין איצט זײַן א גרויס באַכער. אָבער ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, איז דאַניִעלקע נאָך געווען א קליין ייִנגעלע, קיין פולע עלף יאָר ניט אַלט געווען. זיי האָבן באַוויזן זיך עוואַקויִרן? צי עפּראַיִם האָט זיך ניט געקענט צעשיידן מיט דער שטוב, מיטן האָב און גוטס, און זיי זײַנען אַלע פאַרבליבן. אַלע. דאַניִעלקע זײַנער אויך.

געוויס זײַנען וואָלאָדיע און גאַליע, וועלכע וויגן זיך דערבײַ אַף דער הוידלקע און רופן אים שוין טאַטע, פונקט אַזוי ליב און טײַער, ווי דאַניִעלקע. בא זיי איז אָבער שוין ניט זײַן פאַמיליע, ווי בא זײַן בכאָר. אויב אפילע כאַנעלע האָט פאַר דער צײַט כאַסענע געהאַט

און בא איר איז די פֿאַמיליע פֿונעם נײַעם מאַן, האָט זי בא דאַניעלקען די פֿאַמיליע פֿון זײַן טאַטן ניט אָפּגענומען. אין דעם סאַפֿעקט ניט שימען. צי האָבן זיי זיך אָבער באַוויזן וואָקוירן?

וועגן וואָס שימען זאָל ניט געוואָרן דערנאָך קלערן, האָט ער זיך אומגעקערט צום זעלבן: און ווי איז, אויב זיי האָבן ניט באַוויזן זיך וואָקוירן?

קיין אויסנאַם אַף דער מילכאָמע איז שימען ניט געווען. ער האָט ווי יעדער איינער אַפֿן פֿראָנט זיך ניט איין מאָל באַגעגנט מיטן טויט און געקאָנט אומקומען. צוזאַמען מיט אים, כאָטש ער האָט איבערגעלאָזט אינדערהיים צוויי קינדערלעך, וואָלט אַף שטענדיק אומגעקומען דער שייוועט פֿריידין, ווי דער זיידע זײַנער רעב באָרעך, אָלעווהאַשאָלעם, האָט גערופֿן די היפּש צעוואַקסענע מישפּאָכע. ער, שימען, האָט געהערט אין דער מישפּאָכע צום דריטן דאָר. דער זיידע רעב באָרעך איז געווען זיכער, אַז בא זײַן אייניקל, שימענקען, וועט אויך זײַן אַ דריטער צי עפּשער אַ מער ווײַטערדיקער דאָר נאָך פֿון די פֿריידינס, און אַזוי וועט זיך עס ציִען אין צייִען... און אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז מיט אים, שימענען, ענדיקט זיך זייער שייוועט פֿריידין. ער איז אין אים אי דער איינציקער, אי דער לעצטער דאָר. בא זײַנע קינדער איז שוין אַן אַנדער פֿאַמיליע. נאָר עפּשער האָט געטראָפֿן אַ נעס מיט זײַן בכאָר, מיט דאַניעלען, און ער, שימען, איז ניט דער איינציקער און ניט דער לעצטער פֿונעם זיידן רעב באָרעכס שייוועט פֿריידין?

צום ערשטן מאָל אין לעבן פֿאַרטראַכט זיך שימען דערויף, פֿאַרטראַכט זיך און פּײַניקט זיך דערפֿון.

וויאַזוי וואָלט עס אויפֿגענומען, ווען ער דירציילט אים דערפֿון, ניקאָלײַ דמיטריעוויטש? ער וואָלט זיכער שוין ניט אײַנגעזען אין דעם די דיאַלעקטיק פֿון דער צײַט. נו און זי, נאַטאַליע? צו איר וואָלט עס געקאָנט דערגיין, זי וואָלט געקענט דאָס באַנעמען? צי איר איז דאָס אַלץ אויך אַזוי ווײַט און פֿרעמד און ניט דיאַלעקטיש, ווי דעם פֿאָטער אירן. קענטיק, אַז אַזוי, אַנדערש וואָלט זי דאָך ניט דערלאָזט דערצו, וואָס עס איז געשען, און זי וואָלט ניט, פּונקט ווי איר פֿאָטער, גאָרניט אײַנגעזען דערינען פֿאַר אים אַזוינס, פֿון וואָס ער זאָל זיך דאַרפֿן ערגערן. פֿאַרקערט, ס'איז אויסגעקומען, ווי ער זאָל איר דאַרפֿן גאָר דאַנקבאַר זײַן פֿאַר דער בסורע, וועלכע ער האָט אויסגעלייענט פֿון די קינדערס העפֿטן.

נאָך אין דעם זעלבן טאָג, ווען שימען האָט זיך אומגעקערט פֿון דער מילכאָמע אהיים, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז ער וועט זיך דאָ ניט פֿאַרהאַלטן. פֿאַר דער גאַנצער צײַט, זינט ער איז הי, האָט ער ניט געמאַכט דעם מינדסטן שריט צו באַזאָרגן זיך מיט אַ שטיקל דירע, ער זאָל ניט דאַרפֿן וווינען צוזאַמען מיט שווער-און-שוויגער, און ניט אָנגעפֿרעגט זיך אין ערגעץ וועגן אַרבעט. זעט אויס, אַז גיכער פֿון אַלץ וועט ער זיך טאַקע אומקערן צוריק אַהין, פֿונוואַנען ער איז אַוועק אַף דער מילכאָמע, צוריק אַפֿן ווײַטן צאָפֿן.

דערוויילע האָט שימען מיט דער פֿרוי נאָך וועגן דעם ניט גערעדט. ער וועט זיך דורכשמועסן מיט איר דערפֿון, ווען ער וועט זיך צוריקקערן פֿונדאַנען, וווהין ער איז געפֿאָרן זיך דערוויסן, צי האָט כאַנעלע מיט זײַן בכאָר באַוויזן זיך וואָקוירן. און אויב די פֿרוי וועט ניט אײַנגיין זיך אומקערן צוריק אַף צאָפֿן?

שימען וויל זיך איבער דעם איבעריקס ניט פֿאַרקלערן. וואָס פֿאַר אַ באַטײַט האָט עס אין פֿאַרגלײַך דערמיט, וואָס קיינער דאָ אין שטאָט קאָן אים דערווײַל ניט ענטפֿערן, צי עס איז לעבן געבליבן זײַן דאַניעלקע. וואָס וועט אים ברענגען דער מאָרגנדיקער טאָג? די ייִדן אין שול האָבן צוגעזאָגט פּרוּוון עפּעס דערגיין, ניט אָפּגענומען נאָך בא אים דערווײַל אײַנ: גאַנצן די האָפֿענונג. זי, טאַיִסע, האָט אויך ניט אָפּגענומען בא אים דערווײַל די האָפֿענונג. עס האָבן דאָך געטראָפֿן ניסים.

אָ, ווען עס זאָל געוואָרן געשען אַזאַ נעס מיט זײַן דאַניעלקען!..

פֿון ווען אָן ווי שימען איז געקומען פֿון שול, איז ער אָבער נאָך אַלץ ניט געשלאָפֿן, ער איז בלויז געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן, ווען פֿונעם קאָרידאָר האָבן זיך דערטראָגן אַהער לײַכטע שאַרנדיקע טריט. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער שטיל געעפֿנטער טיר. אַף דער שוועל איז געשטאַנען טאַיִסע, אַ באָרוועסע, אין לאַנגן נאַכט-העמד.

19

— דו שלאָפסט ניט? — זי האָט איבערגעקרייצט די הענט אפן טיפן אויסשניט פונעם העמד. — און איך האָב געמיינט, אז דו ביסט איַינגעשלאָפן און פארגעסן אויסשליסן די עלעקטרע.

— ווי שפּעט איז?

— צו טאָג איז נאָך וויַיטלעך, אָבער ס׳איז שוין ניט פרי. כ׳וועל פארלעשן די שיַין, וועסטו גיכער איַינשלאָפן.

דער עלעקטרישער אויסשליסער אף דער וואנט איז געווען הויך בא זיַין צוקאָפּנס. טאַיסע איז צוגעגאנגען און פארלאָשן די שיַין. אין צימער האָט זיך גליַיך באזעצט פון דרויסן די באנאכטיקע כאשכעס.

— גיי ניט אוועק, טאַיסינקע, — שימען האָט זי אָנגענומען פאר דער האנט, — גיי ניט אוועק. זעץ זיך צו א וויַילע. — ער האָט ארונטערגעלייגט איר האנט אונטער זיַין קאָפּ און ניט אָפּגעלאָזט, ביז זי האָט זיך ניט צוגעזעצט צו אים אפן ברעג בעט.

— דער זייגער איז שוין באלד צוויי.

— ווען דארפסטו אופשטיין?

— איך זאָרג ניט וועגן זיך. כ׳וועל צו דער ארבעט ניט פארשפּעטיקן. איך וויל, דו זאָלסט איַינשלאָפן. ביסט דאָך מיד פון וועג און א גאנצן טאָג געווען אף די פיס.

— איך וועל באוויַיזן זיך אויסשלאָפן. ווער ווייסט, ווען קאָן אונדז אויסקומען זיך ווידעראמאָל זען.

— גיכער פון אלץ מיסטאמע קיינמאָל ניט.

— ניין, ניין, — האָט ער זי איבערגעשלאָגן און אָנגעכאפּט פאר דער האנט, ווי ער זאָל מוירע האָבן, אז זי קאָן אוועקגיין. — מיר וועלן מיט דיר נאָך ניט איין מאָל זיך זען. איך פיל עס. כ׳קאָן דיר בלויז ניט זאָגן ווען. אויב איך וועל זיך ניט אומקערן צוריק אף צאָפן, איז מעגלעך, אז אינגיכן. גאָר אינגיכן. — ער האָט צוגעטראָגן איר האנט צו זיַינע ליפּן און שטיל ארויסגעבראכט. — איך פארשטיי, אז דו וועסט מיר ניט גלייבן. מיר דוכט זיך ביז איצט, אז דו ביסט געווען די איינציקע, וועמען איך האָב ליב געהאט.

— דאָס וויַיזט זיך דיר אויס, — זי האָט באפריַיט איר האנט פון זיַינער, — דו האָסט מיסטאמע ביכלאַל קיינעם ניט ליב געהאט.

— פארוואָס קלערסטו אזוי? פונוואנען נעמסטו עס?

— כ׳ווייס ניט. עפּשער דערפאר האָסטו אפּאנעמעסן קיינעם ניט ליב געהאט, וויַיל דיר האָט זיך זייער ליַיכט איַינגעגעבן, מע זאָל זיך פארליבן אין דיר, און האָסט ניט בא־געגנט נאָך דערוויַיל קיין איינע, אין וועמען דו זאָלסט זיך געווען דער ערשטער פארליבן. איך מאך דיך ניט שולדיק. מיר דוכט, אז דו האָסט אליין ניט געוווסט, סארא שיינער ביסט געווען. ביסט נאָך איצט אויך זייער א שיינער און א יונגער. נאָר איך האָב דיך ליב געהאט ניט אזוי פאר דיַין שיינקיַיט. מיר איז געווען געפעלן אין דיר דיַין גוטסקיַיט, דיַין באשיידנ־קיַיט, דיַין ערלעכקיַיט.

— טריַיבסט איבער, טאַיסינקע.

— עפּשער ביסטו שוין איצטער אן אנדערער. אף דער מילכאָמע האָבן מענטשן זיך געביטן. איך האָב דאָ באגעגנט אזעלכע. נאָר ניין. דו ביסט אף זיי ניט ענלעך, ביסט פאר־בליבן דער זעלבער.

— ווייסט, טאַיסינקע, וועגן וואָס איך האָב היַינט ניט איין מאָל א טראכט געטאָן? — ער האָט זי ארומגענומען און אָנגעבויגן איר קאָפּ נעענטער צו זיך. — מיר וואָלטן מיט דיר געקאָנט זיַין גליקלעכע מאן און וויַיב. איך פיל עס.

— ניטאָ, טיַיערינקער, וואָס צו ריידן איצט דערפון. ניט געווען באשערט, קענטיק. מער פון אלץ איז געווען שולדיק אין דעם אונדזער לעצטע באגעגעניש אין באראק. מיר האָבן ניט פארשטאנען איינער דעם צווייטן. ניט דו האָסט מיך פארשטאנען, ניט איך האָב דיך פארשטאנען. דערצו האָט זיך אריַינגעמישט נאָכדעם דאָס מיַיסע נאָטיצל וועגן דיר אין דער ציַיטונג, און דו ביסט געווויס געווען זיכער, אז דאָס ארטיקעלע האָב איך אָנגעשריבן.

— איך לייקן ניט. כ׳קען דיר אפּילע זאָגן מער. וועסט זיך אָבער ניט באליידיקן? גיב מיר דאָס וואָרט, אז וועסט זיך אף מיר ניט באליידיקן.

— זאָג, כ׳וועל זיך ניט באליידיקן.

עס איז אָבער דורך אַ רעכטע ווײַלע, ביז שימען האָט אויסגעגעבן דעם סאָד, אַליין ניט פאַרשטייענדיק, צוליב וואָס דערציילט ער איר וועגן די אַרײַנגעשיקטע בריוולעך אין אינסטיטוט און צו זײַן פרוי.

— דו שטויסט זיך, קלער איך, אַז, ווען מען בין איך כוישעד געווען.

כאָטש שימען האָט זי פאַרפּרי׳ער צוגעגרייט, געמומען אפילו דאָס וואָרט, אַז זי וועט זיך ניט באַליידיקן, איז איר פּאָרט שווער געווען אַרויסברענגען:

— מיך?

— איך פאַרשטיי, אַז דיך וווּנדערט עס שטאַרק.

— ווי׳אַזוי האָסטו געקאָנט... — זי האָט זיך האַסטיק אופגעהויבן.

— טאַ׳סינקע...

— און פונוואַנען ביסטו זיכער, אַז ניט איך האָב אַרײַנגעשיקט די דאָזיקע בריוולעך?

— טאַ׳סינקע...

— נו, יאָ, פונוואַנען ווייסטו, — האָט זי, ווי ציילנדיק די ווערטער, איבערגעכאַזערט, — אַז ניט איך האָב אָנגעשריבן וועגן דיר?

— מע דאַרף ניט, טאַ׳סינקע... האָסט דאָך געגעבן מיר דאָס וואָרט... מײַנסט, איך פאַרשטיי ניט, אַז ס׳איז געווען אַ גרויסע נאַרישקײַט פון מײַן זײַט. נאָר ווער באַגייט ניט אין לעבן קיין נאַרישקײַט? זאָג, באַליידיקסט זיך מער ניט אויף מיר?

— ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז איך קאָן זיך אויף דיר לאַנג ניט באַליידיקן. נו, שלאָף, סעניע. — זי האָט זיך אָנגעבויגן צו אים און אַ קוש געטאָן אין ביידע אויגן.

— גיי נאָך ניט אוועק, טאַ׳סינקע.

— ס׳איז שוין זייער שפּעט.

— גיי ניט אוועק. איך בעט דיך. גיי נאָך ניט אוועק. — ער האָט זיך אַרופגערוקט העכער אויפן קישן, די הענט אויסגעשטרעקט צו איר. — זעץ זיך צו. איך דאַרף דיך עפּעס פרעגן. זייער וויכטיקס פאַר מיר. וועסט מיר אָבער ענטפערן אָפן, אַזוי ווי דו קלערסט.

— סאַראַ מאָדנער דו ביסט. נו פאַרשטייט זיך, — טאַ׳סע האָט זיך צוגעזעצט צו אים אויפן ברעג בעט, פילנדיק, אַז דאָס, וואָס ער האָט זי צו פרעגן, איז וויכטיק ניט בלויז פאַר אים. מעגלעך, אַז דאָס איז נאָך מער וויכטיקער פאַר איר.

— אָט וועגן וואָס איך וויל דיך פרעגן, טאַיע. זאָלסט מיך אָבער פאַרשטיין, דאַרף איך דיר כאָטש אײַנקורצן דערציילן, וואָס עס איז געשען פאַר דעם.

אָנגעהויבן האָט שימען דערפון, אַז ער האָט דער פרוי זײַנער, נאַטאַליען, ניט ווייניקער ליב געהאַט, ווי זי אים, און ער קאָן ניט זאָגן, אַז אים איז אָנגעקומען גיך און לײַכט זי פאַרליבן אין זיך, אין וואָס טאַ׳סע איז אים, דאַכט זיך, ביכלאַל כוישעד בענעגייע זײַן באַ־צי׳ען זיך צו פרויען, וועלכע געפעלן אים. און פונקט, ווי נײַלע, קאָן זי מיסטאָם באַ זיך קלערן, אַז אים גיט זיך זייער לײַכט אַלצדינג אײַן, און דערפאַר באַציט ער זיך צו אַלץ אַזוי לײַכט, און אַז אין דעם איז זײַן שוואַכקײַט. טײַלווײַז איז עס עפּשער אַזוי, און דערפאַר האָט ער ביז אַהער, אייגנטלעך, גאָרניט דערגרייכט דערפון, וועגן וואָס ער האָט געטרוימט. אָבער צו זײַן צונויפגיין זיך מיט נאַטאַליען האָט אָט דאָס אַלץ קיין מינדסטע שײַכעס. מיט נאַ־טאַליען איז געווען פונקט פאַרקערט. זי האָט אים פרי׳ער פאַרליבט אין זיך. אָבער ניט צוליב דעם, פאַרשטייט זיך, ווער פון זיי ביידן האָט דער ערשטער זיך אַנערקענט דעם אַנדערן אין ליבע און ווער פון זיי ביידן איז שטאַרקער געווען פאַרליבט, דערציילט ער איר דאָס אַלץ, טאַיע. דאָ גייט אין גאָר עפּעס אַנדערש, אין פיל העכערס און וויכטיקערס. טאַ׳סע איז לאַכלוטן גערעכט, אַז בײַס דער מילכאָמע האָבן ניט ווייניק מענטשן זיך געענ־דערט אויך צום ערגערן. אין דער מישפּאָכע פון זײַן פרוי האָט די דאָזיקע ענדערונג, ווי ער פאַרשטייט איצט, זיך אָנגעהויבן מיט אַ צײַט נאָך פאַר דער מילכאָמע. ער האָט אָבער ניט דערוואָרט, אַז דאָס זאָל דערגיין באַ זיי אַזוי ווײַט. ער איז שוין איצט ניט זיכער, אַז דאָס, וואָס אים איז צופעליק אויסגעקומען צו הערן דאַן פון איר פאָטער, וואָלט אים דאָס זעלבע ניט אַרויסגעזאָגט אויך זי, נאַטאַליע.

— גלייב מיר, טאַיע, אַז מיר גייט ניט אין דעם, וואָס די פאַמיליע באַ מײַנע קינדער וועט זײַן זובאָוו און ניט פרידין. דאָ גייט אין גאָר עפּעס אַנדערש. פאַרשטיי מיך. וועסט זאָגן, אַז איך קאָן צוריק אופשטעלן ווי געווען, אַז איך האָב דערוף רעכט. יאָ, איך קאָן אַזוי טאָן. ס׳וועט זיך שוין אָבער דערפון גאָרניט ענדערן. אויב די קינדער האָבן ביז אַהער נאָך ניט אײַנגאַנצן עפּשער באַנומען, פאַרוואָס האָט די מאַמע זיי איבערגעשריבן אויף איר פאַמיליע, וועט זי באַם ערשטן פּרווו מײַנעם אומקערן זיי צוריק מײַן פאַמיליע, עס זיי זאָגן, און דערמיט נאָך מער דערווײַטערן די קינדער פון מיר. איצטער ענטפער מיר, טאַ׳סינקע,

וויאַזוי קאָן איך נאָך דעם אַלעם זײַן מיט איר? עס קומט דאָך אויס, אַז זי שעמט זיך מיטן אָפּשטאַם פֿון איר מאַן און וויל, אַז אויך מײַנע קינדער זאָלן זיך שעמען דערמיט, אַנדערש וואָלט זי דאָך באַ זיי ניט אָפּגענומען מײַן פֿאַמיליע און געגעבן זיי אירע...

— איך קלער ניט, סעניע, אַז דײַן פֿרוי איז דאָס אויסן געווען.

— מיר גייט ניט אָן, וואָס איז זי דערבײַ אויסן געווען. מע דאַרף ניט פֿאַרגעסן, אַז אויסער דעם הײַנט איז פֿאַראַן אויך אַ נעכטן און אַ מאָרגן. ס'איז אַ סאַך וועגן דעם צו ריידן. כ'האָב פֿאַר דער צײַט, זינט כ'האָב זיך אומגעקערט פֿון דער מילכאָמע, פֿיל דערפֿון געטראַכט. כ'ווייס ניט, טאַיִסינקע, וויאַזוי און מיט וואָס וועט זיך דאָס באַ אונדז ענדיקן. ס'קאָן אַלץ זײַן, ס'קאָן זײַן, אַז איך זאָל זיך אומקערן צוריק אָפּן ווײַטן צאָפֿן אַליין. — ער האָט אוועקגעלייגט דעם קאָפּ צו איר אויף די קני, זי אַרומגענומען און לײַכט אַ ציִ געטאָן זי צו זיך. — וואָלסט געפֿאָרן מיט מיר אַהין?

— כ'פֿאַרשטיי דיך ניט.

— נו, אויב ס'וועט פֿאַסירן אַזוי, אַז איך וועל בלײַבן אַליין... וואָלסט געפֿאָרן מיט מיר? דיך וווּנדערט עס? איך האָב קיינעם אַזוי ניט ליב געהאַט, ווי דיך. איך האָב בלויז ערשט איצט אויף אַזויפֿיל עס פֿאַרשטאַנען.

— דאָס ווײַזט זיך דיר אויס.

— ניין, מיר ווײַזט זיך ניט אויס, — ער האָט זי נעענטער צוגעצויגן צו זיך, זײַנע ליפּן האָבן זיך צוגערירט צו איר וואַרעמען אָפּענעם האַלדז.

טאַיִסע האָט אָפּגעקערט דאָס פּאָנעם און זיך באַפֿרײַט פֿון זײַנע הענט.

— כ'ווייס ניט, סעניטשקע, צי דו האָסט אויף דײַן לעבן עמעצן שטאַרק ליב געהאַט. אויב יאָ, איז בלויז זי איינע, דײַן כאַנעלע.

— איך האָב אויך אַזוי געמיינט. אַפֿילע אין אַ צײַט אַרום, ווי מיר האָבן זיך צעשיידט, האָב איך נאָך אויך אַזוי געקלערט. ס'זאָל אָבער געווען זײַן ווי דו זאָגסט, איז וויאַזוי וואָלט איך... צי דו גלייבסט ניט, אַז איך בין געווען אין דיר פֿאַרליבט? מיר דוכט, אַז כ'האָב דיך איצט נאָך שטאַרקער ליב, גלייב מיר.

— ס'ווײַזט זיך דיר אויס. דו האָסט, אויסער דײַן כאַנעלען, מער קיינעם ניט ליב געהאַט. און האָסט ביז איצט זי ליב.

— פֿונוואַנען נעמסטו דאָס?

— ס'זאָל ניט געווען זײַן אַזוי, וואָלסטו ניט געקומען צו פֿאָרן זי זוכן.

— איך זוך מײַן ייִנגל. כ'וואָלט געוויס געווען גליקלעך, ווען עס זוכט זיך אויף אויך כאַנעלע. זי איז אָבער פֿאַר מיר בלויז די מוטער פֿון מײַן בכאָר. פֿון דעם איינציקן יורעש מײַנעם.

— כ'פֿאַרשטיי דיך ניט. פֿאַרוואָס דער איינציקער? דו האָסט דאָך, זאָגסטו, נאָך צוויי קינדער.

באַ שימענען האָט זיך שיִר ניט אַרויסגעכאַפּט: „דרײַ קינדער". נאָר וואָס וואָלט ער געקאָנט דערציילן טאַיִסען וועגן דעם מיטלסטן זון זײַנעם, וועגן סערוווערן, אויב ער האָט אים קיינמאָל ניט געזען און איז ניט זיכער, צי וועט ער אים ביכלאַל ווען־ניט־איז זען, קוים האָט ער געגעבן נײַלען דאָס וואָרט ניט פֿאַרפֿאָרן אין שטאָט, ווו זי וווינט, ביז זי וועט אים אַליין ניט פֿאַרבעטן אַהין. דערווײַל האָט זי אים נישט געגעבן צו הערן ניט וועגן זיך, ניט וועגן דעם זון. פֿון דעם איין־און־איינציקן בריוו, וועלכן שימען האָט דערהאַלטן פֿון נײַלען מיט אַ היפּש ביסל יאָר פֿאַר דער מילכאָמע, ווייסט ער בלויז, אַז סערוווער איז שטאַרק ענלעך אויף אים און אַז באַ זייער זון איז ניט נאָר די פֿאַמיליע אַן אַנדערע, נאָר אויך אַן אַנדער פֿאַטערנאָמען. אַלצייינס אָבער איז סערוווער פֿאַר אים אַזאַ, ווי אַלע איבעריקע קינדער. קיין שום אונטערשייד מאַכט ער ניט צווישן זיי. אַלע זײַנען זיי אים באַגלײַך ליב און טײַער. דאָס, וואָס ער האָט אָנגערופֿן דאַניִעלן פֿאַר זײַן איינציקן יורעש, איז ער דערמיט בלויז אויסן געווען צו זאָגן, אַז דאַניִעלקע, אויב ער לעבט, איז דער איינציקער, וועמען עס קער זיך אָן אײַנגאַנצן צו די פֿריידינס. באַ ביידן, באַ אים, שימענען, און באַ זײַן זון, דאַניִעלן, איז איין פֿאַמיליע, די זעלבע, וואָס איז געווען באַ דעם טאַטן און זיידן זײַנעם...

— פֿאַרוואָס, פֿאַרשטיי איך ניט, איז דאַניִעלקע דער איינציקער יורעש דײַנער? — האָט טאַיִסע איבערגעפֿרעגט, ניט דערוואַרטנדיק זיך פֿון שימענען קיין ענטפֿער. — האָסט די איבעריקע קינדער דײַנע ווייניקער ליב?

— ווי קאָן דיר קומען אַזוינס אויפֿן זינען? זיי זײַנען מיר אַלע אַלצייינס ליב און טײַער.

— איז וואָרף אַרויס פֿון קאָפּ די געשיכטע מיטן פֿאַרבײַטן די פֿאַמיליעס. פֿאַרגעס עס.

— ניין, אזוינס פאַרגעסט זיך ניט. אזוינס, טאַיִסינקע, קאָן איך ניט, און וויל ניט, און טאָר ניט פאַרגעסן.

ווען שימען האָט אַף מאָרגן פונסנײַ פאַרפירט א רייד מיט טאַיִסען, אז ס'איז זייער מעגלעך, ער זאָל זיך צוריקערן אַפן ווײַטן צאָפן אליין, און דערבײַ ווידעראַמאָל געפרעגט, צי וואָלט זי אַריבערגעפאָרן מיט די קינדער אהין, האָט טאַיִסע, ענטפערנדיק אים דערויף, זיך ניט פאַרופן אַף דעם, אז זי וועט וואַרטן אַפן מאַן, כאָטש זינט ער איז אוועק אַף דער מילכאָמע האָט זי ניט געהאַט פון אים קיין איין בריוול, און די מילכאָמע גייט דאָך שוין צו ענד, און אז ס'איז ביכלאַל אַן אומזין דאָס, וואָס שימען פרעגט זי. ער פאַרשטייט דען ניט, אז זי איז צו אַלט שוין פאַר אַזא יונגן און שיינעם, ווי ער האָט זיך פאַרהיט. טאַיִסע האָט אים געענטפערט זאַכלעך און פּראָסט, ווי א פיל עלטערע און מער דערפאַרענע פון אים:

— קער זיך אום אהיים. איך בין זיכער, אז בא אײַך וועט זיך אַלץ ענדיקן צום גוטן. אָט וועסטו זען. איך זאָג דיר צו, ווי נאָר כ'וועל זיך עפּעס דערוויסן וועגן דײַן כאַנעלען מיטן זון, וועל איך דיר גלײַך אָנשרײַבן. ניט אהיים און ניט אַף דער אַרבעט, פאַרשטייט זיך. וועסט מיר געבן צו וויסן, אַף וועלכן אַדרעס דיר ענטפערן.

ווי רויִק און זאַכלעך טאַיִסע האָט עס אים ניט אַרויסגעזאָגט, האָט שימען אָבער געפילט, אז זי וויל ניט, ער זאָל אַפילע אן איבעריקן טאָג זיך דאָ מער פאַרהאַלטן. זי האָט מוירע געהאַט פאַר דעם, מוירע געהאַט פאַר זיך.

און שימען האָט זיך ניט פאַרהאַלטן.

נאָר ווען ער האָט אין א פּאָר טעג אַרום פאַרלאָזט די שטאָט, איז בא אים געווען א פּאָרגעפיל, אז ער פאָרט פונדאַנען נאָך אינגאַנצן ניט אוועק, אז ער וועט זיך נאָך אומקערן אהער. מיטן זעלבן פּאָרגעפיל, איז ער געווען זיכער, האָט טאַיִסע אים אַרויסבאַגלייט פונעם אַפּענעם הויף מיטן אָפּגעריסענעם טויער.

קיין צוג אהיים, קיין מאָסקווע, איז פונדאַנען ניט געגאַנגען. מע האָט צוליב דעם זיך געדאַרפט איבערזעצן אַף דער גרויסער קנופּ-סטאַנציע.

פון דער זעלבער קנופּ-סטאַנציע, נאָר אין אַן אַנדער ריכטונג, איז געגאַנגען דער צוג אויך אהינצו, ווו ער האָט מיט יאָרן צוריק זיך געטראָפן מיט ניילען, מיט דער מוטער פון זײַן זון סערווערן, וועמען ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען.

20

דאָס גרויסע הויז, וואָס האָט אין גאַנג פון די ווײַטערדיקע געשעענישן אינעם פילם „א טאָג מיט א נאַכט", זיך געהאַט באַוויזן אַפן עקראַן פון טעלעוויזאָר, איז מיט עפּעס געווען ענלעך אַפן גרויען מויער, בא וועלכן ס'איז אין יענעם זומער פאַרנאַכט, סאָף מילכאָמע, געשטאַנען שימען פריידין און אַרופגעקוקט צו די הויכע פענצטער פונעם דריטן שטאָק. אָט אזוי איז ער מיט עטלעכע טעג פאַר דעם געשטאַנען בא עפּראַיִם ברוידען אין הויף און אַרופגעקוקט פון הינטערן טאָפּאָל צו די פענצטערלעך פונעם אייבערשטיבל. עס איז זיכער געווען אַן אומזין זיך ריכטן, אז דער זעלבער נעס, וואָס האָט געטראָפן מיט ברוידעס שטוב, איז אויך אויסגעפאַלן אַף ברוידעס מישפּאָכע. נאָר אָפּגעמען בא זיך אָט די האָפענונג, ביזוואַנען ער האָט ניט דערזען אַפן גאַנעק דאָס אומבאַקאַנטע ייִנגעלע מיט די, ווי פון פלאַקס, העלע הערלעך און ניט אויסגעהערט פון אים, ווער עס וווינט דאָ אַציִנד, האָט שימען ניט געוואָלט. ס'איז אָבער געשען אזוי, אז אינעם זעלבן טאָג, ווען ער האָט אָנגעוואָרן אָט דאָס לעצטע שטיקל האָפענונג, האָט מען עס אים צוריק אומגעקערט. פרײַער טאַיִסע, דערנאָך די רעוואַקוירטע ייִדן אינעם סאָלדאַטסקן בעסמעדרעש.

די מילכאָמע איז אַף שריט און טריט פול געווען מיט גרויל. זי איז אָבער אויך פול געווען מיט פריידיקער אומדערוואַרטקייט, מיט ניסים. אָט האָט ער פאַר זיך נאָך איינעם אזא — דעם מויער מיט די הויכע פענצטער, בא וועלכן ער שטייט. דערזען אים, האָט שימען, ווי מיט עטלעכע טעג צוריק, באַם אַרײַנקומען צו זײַן געוועזענעם שווער אין הויף, א פרעג געטאָן בא זיך דאָס זעלבע: אין וועמענס זכוס האָט זיך פאַרהיט דאָ דער מויער, בייס אין שכיינעס מיט אים שטייען אופגעריסענע, פאַרברענטע, כאָרעווע הײַזער? און עפּשער איז ער אויך שוין געלעגן אין רויִנען און מע האָט אים צוריק אופגעשטעלט? איבעריקס זיך צוקוקן, אז דאָס הויז איז געווען פאַרוווּנדעט, האָט שימען ניט באַדאַרפט. אים האָט זיך דאָס געוואָרפן אין די אויגן ווי נאָר ער האָט זיך אהער דערנעענטערט.

פאַר דער צײַט, וואָס פֿריידין דרייט זיך דאָ אַרום, זײַנען שוין עטלעכע מענטשן אַהין אַרײַן און אַרויס. קיין איינעם אָבער פֿון זיי, צו זײַן גרויס פֿאַרוווּנדערונג, האָט ער ניט דער־קענט. וויפֿל איז אַריבער זינט ער איז דאָ ניט געווען? באַ דרײַצן יאָר. פֿאַר דרײַצן יאָר האָבן מענטשן ניט געקאָנט זיך אַזויפֿיל ענדערן, אַז ער זאָל קיין איינעם פֿון זיי ניט דערקענען. עמעס, ניט מיט אַלע דעמאָלטיקע אײַנוווינער פֿונעם מויער איז ער געווען באַ־קאַנט. אָבער אײן פּאָנעם האָט ער זיי קימאַט אַלעמען געקענט. און אים האָבן זיי דאָך אַף געוויס געדאַרפֿט קענען. ער איז דאָ דאָך אײַנגעשטאַנען ניט איין טאָג און ניט איין וואָך. קימאַט אַ יאָר. צי דען איז קיינער ניט פֿאַרבליבן פֿון די אַלטע אײַנוווינער און אומזיסט און אומנישט שטייט ער און וואַרט, אַז ניילע זאָל אים דערזען און אַ רוף טאָן, צי זיך אַראָפּלאָזן פֿון דאָרט צו אים אַהער. מיט איר האָט דאָך ניט געקאָנט געשען דאָס זעלבע, וואָס מיט כאַנעלען, ער זאָל דאַרפֿן באַ עמעצן אַנדערש זיך פֿאַנאַנדערפֿרעגן וועגן דאַניעלס ייִנגערן ברודערל, סערווערן. און וואָס, אייגנטלעך, קען מען אים דערציילן, אויב דער זעלבער גזאַר, וואָס האָט דערוואַרט דעם ייִדישן זון זײַנעם, דאַניעלן, האָט אויך דערוואַרט זײַן האַלב־ייִדישן זון, סערווערן?...

ניין, שימענען האָט זיך ניט אויסגעוויזן. באַ איינעם פֿון די צוויי גוט באַקאַנטע פֿענצ־טער אַפֿן דריטן שטאָק איז אָקאָרשט עמעצער געשטאַנען. און, דאַכט זיך, אַ פֿרוי. אַפּאָנעם, אַז זי טאַקע, ניילע. נאָר אַז עס זײַנען אַריבער עטלעכע מינוט, און קיינער האָט אים פֿון דאָרט ניט אַ רוף געטאָן, ניט אַרויס אַהער, האָט שימען אַ קלער געטאָן, זי וויל, קענטיק, פֿון ראַכמאָנעס צו אים, ניט זײַן די אָנזאָגערן פֿון דער שרעקלעכער בסורע. און עפּשער האָט זי אָפּגעהאַלטן דעם מאַנס אָנוועזנהײַט אין שטוב. אויב ער האָט ניט קיין טאָעס, רופֿט מען דעם מאַן אירן אַמעט. ניילע האָט, מעגלעך, מוירע, אַז דער מאַן וועט אים גלײַך דער־קענען, וויבאַלד סערווער, ווי זי האָט געשריבן אין איר איינציקן בריוו צו שימענען, איז שטאַרק ענלעך אַף אים. און אַז איר מאַן מיט סערווערס טאַטן זאָלן זיך באַגעגענען, ווײַל זי ניט, ווײַזט אויס, ווי ער פֿאַרשטייט. און נאָך איינער אַ מעשונעדיקער געדאַנק איז דערבײַ געקומען שימענען אַפֿן זינען: צי באַהאַלט זיך דאָרט ניילע פֿון אים ניט אויס, ווײַל זי קאָן אים ניט פֿאַרגעבן, האַלעמײַ האָט ער ניט געהאַלטן וואָרט, ניט געוואָרט, ווי ס׳איז געווען צווישן זיי דערעדט, ער זאָל ניט קומען אַהער, ניט זוכן זי און דעם זון, ביזוואַנען זי אַליין וועט ניט געבן אים וועגן זיך צו וויסן. וווירקלעך. זיי האָבן זיך וועגן דעם טאַקע אַזוי דערעדט. דאָס איז דאָך אָבער געווען דעמאָלט, ווען פֿון הימל זײַנען ניט געפֿאַלן קיין באָמבעס און באַ די גריבער האָט מען ניט געשאָכטן קיין קינדער.

ווי לאַנג קאָן ער אַזוי שטיין און וואַרטן? ניילע וויל ניט אַראָפּגיין צו אים אַהער, וועט ער אַרופֿגיין צו איר אַהין. און אויב דער מאַן אירער וועט אים עפֿענען די טיר? וועט ער זיך אָנגעבן פֿאַר אַן אַנדערן און זיך אָנפֿרעגן אַף אַן אַנדערן.

די מילכאָמע איז פֿול געווען מיט גרויל. זי איז אָבער אויך געווען פֿול מיט גליקלעכער אומדערוואַרטקײַט, מיט ניסים.

אין שײַכעס מיט וואָס האָט שימען זיך פּלוצעם ווידער דערמאָנט אין מייער־זאַלמענס טאָן אַ זאָג באַם אַרויסבאַגלייטן אים פֿונעם בעסמעדרעש? צי דען דערלאָזט ער פֿונדעסט־וועגן, שימען, אַז ס׳האָט געקאָנט טרעפֿן אַ נעס מיט סערווערן, און ער וועט אים באַלד זען?!

לענגער שטיין דאָ אַזוי און וואַרטן האָט שימען מער ניט געקאָנט. עס רוקט זיך אָן דער אָוונט. אין עטלעכע פֿענצטער האָט זיך שוין באַוויזן שײַן. ס׳האָבן אויך אַ לײַכט געטאָן די צוויי באַקאַנטע פֿענצטער אַפֿן דריטן שטאָק. איצט האָט ער געוויס ניט וואָס צו צווייפֿ־לען, אַז ניילע איז אין שטוב, אַז דאָס איז זי אַ ווײַלע פֿריִער געשטאַנען דאָרט באַם פֿענצטער.

דער ליפֿט האָט ניט געאַרבעט. נאָר אַלצייִנס וואָלט שימען זיך מיט אים ניט באַנוצט. נאָך פֿון די סטודענטישע יאָרן איז באַ אים פֿאַרבליבן אַ געוווינהײַט: נידעריקער פֿונעם פֿינפֿטן שטאָק זיך ניט אופֿהייבן אַף אַ ליפֿט.

די פֿאַרלאַטעטע צעמענטענע טרעפּ האָבן אַרופֿגעפֿירט פֿריידינען, ווי ער זאָל געווען עס פֿאַרזען, מיט אַ שטאָק העכער.

ווער האָט אין יענע יאָרן געלעבט אין דער דירע, אונטער וועלכער ס׳האָט געוווינט ניילע סאַמעדינאָווע, געדענקט שוין פּאַשעט ניט שימען. און ניט בלויז דערפֿאַר, ווײַל ס׳איז דורך אַזאַ צײַט, זינט ער איז אַרויסגעפֿאָרן פֿונדאַנען. ניט מיט אַלעמען, ווער ס׳האָט גע־לעבט אינעם דאָזיקן זעקסגאָרנדיקן הויז, איז ער דאָך געווען באַקאַנט. וואָס מאַכט עס, אייגנטלעך, אויס? פֿאַר אים איז דאָס גאָר גלײַכער, ער וועט זיך קאָנען אָנגעבן פֿאַר די סאַמעדינאָווס אַ ווײַטן קאָרעוו. ער וועט אָנקלאַפּן אַהער אונטערן אויסרייד, אַז ער האָט פֿאַרגעסן, אין וועלכער דירע וווינען זיי. עפּשער וועט ער זיך דאָ באַ זיי צופֿעליק נאָך עפּעס

דערוויסן, אויסער דעם, אז די סאמעדינאָווס, אַף ווען ער פרעגט זיך נאָך, לעבן אין דער זעלבער ווױנונג ווו פריִער, מיט א שטאָק נידעריקער.

און אויב די, צו וועמען ער וועט אָנקלינגען, וועלן אים דערקענען?

נאָר דער מאנצבל אין דער אויסגעברענטער גימנאסטיאָרקע, מיטן קורץ אונטערגעשאָרענעם קאָפּ האָר, וואָס האָט געעפנט די טיר, איז געווען שימענען אינגאנצן פרעמד. אלנפאלס, מירע האָבן, אז דער מענטש זאָל דערקענען, ווער קער ער זיך, שימען, אָן מיט די, אַף וועמען ער פרעגט זיך נאָך, האָט ער זיכער ניט געדארפט.

— סאמעדינאָוו? — און ווי פילנדיק זיך שולדיק, וואָס ער קאָן, צום באַדויערן, אים מיט גאָרניט העלפן, האָט דער אומבאקאנטער זיך גענומען פארענטפערן: — איך האָב זיך ניט לאנג צוריק ארײַנגעקליבן אהער, קען דאָ נאָך, קאָן מען זאָגן, אייגנטלעך, קײנעם ניט. פרעגט זיך אָן בא די אלטע אײַנוווינער. — דאָס איינציקע, מיט וואָס דער מאנצבל האָט אים געקאָנט צוהעלפן, איז אונטערזאָגן, אז די, וועלכע ווינען אין די איבעריקע דרײַ דירעס אפן זעלבן עטאזש, האָבן זיך ארײַנגעקליבן אין הויז נאָך שפעטער פון אים.

— און ווער ווינט אונטער אײַך? — האָט שימען געפרעגט, אָנבייגנדיק זיך איבערן פאָרענטש.

— איך האָב נאָך ניט באוויזן זיך מיט זיי באקאנען... ס'איז אָבער גאָרניט. קומט. מירן צו זיי אָנקלאפן.

— א דאנק. באומרוִקט זיך ניט. איך וועל אליין.

ניט געײַלט, ווי ציילנדיק די טרעפ, האָט שימען זיך אראָפּגעלאָזט אפן דריטן שטאָק, שטיל צוגעגאנגען צו דער אזוי באקאנטער טיר, געשטאנען דאָרט א ווײַלע און מיט אָן אײַנגעהאלטענעם אָטעם זיך צוגעהערט צו די פארטויבטע אָפּגעהאקטע רייד, וואָס האָבן זיך שוואַך דערטראָגן. פאנאנדערקלײַבן, וואָס רעדט מען דאָרט, האָט שימען ניט געפרווט... ער האָט בלויז געוואָלט דערגיין, וועמען געהערט די אנדערע שטים, אויך א פרוי, צי א מאנצבל? איינס אָבער איז גלײַך געוואָרן קלאָר: אויב נײַלע ווינט אויך אצינדער דאָ, איז זי אין שטוב ניט אליין, אז ער זאָל אין אָט דער מינוט אהער ארײַן. און פארוואָס קאָן ניט זײַן, האָט שימען, ניט אָפּגייענדיק נאָך אלץ פון דער טיר, א קלער געטאָן, אז די אַנדערע שטים זאָל זײַן ניט דעם מאנס, נאָר סערוועס?

„די מילכאָמע איז פול געווען ניט נאָר מיט גרויל. זי איז אויך פול געווען מיט ניסים", — האָט שימען ווידער דערהערט אין זיך מייער-זאלמענס דעמלטיקן זאָג צו אים אין בעסמעדרעש. נאָר אין דער זעלבער רעגע האָט שימען אופגעכאפּט שטילע קלאנגען פון א פאָרטעפּיאנע. ער איז האסטיק אָפּגעגאנגען פון דער טיר. איצט איז זיכער געווען איבעריק זיך אָנפרעגן, ווער ווינט אין אָט דער דירע. בלײַבט דאָס איינציקע — צוווארטן ביז נײַלעס א שילער צי א שילערן וועט ארויס פונדאנען און צוטראכטן עפּעס אַן אויסרייד אַף צו פארפירן מיט עמעצן פון זיי א רייד וועגן דער מישפּאָכע פון דער לערערן. בא אים איז, זעט אויס, גאנץ היפּשלעך אָפּגעטעמפּט געוואָרן דאָס מוזיקאלע געהער, אויב ער האָט גלײַך ניט אופגעכאפּט, אז דאָס שפּילט מען ניט דאָ, נאָר גאָר אין אן אנדער דירע, אַף אן אנדער שטאָק.

צוקוקנדיק זיך צו אים פון דער זײַט, קאָן עמעצער געוויס מיינען, — האָט שימען, נאָך אָט דעם אלעם, א טראכט געטאָן וועגן זיך, — אז ער פירט א נארישע קינדערשע שפּיל. ער האָט דאָך ניט פארגעסן, אין וועלכער קוואַרטיר האָט געלעבט נײַלע. הײַנט צו וואָס איז אים נייטיק געווען זיך אָנפרעגן וועגן דעם באם שאָכן פונעם אייבערשטן עטאזש? און פארוואָס שטייט ער פון ווען אָן הינטער דער טיר און קלינגט ניט אָן, וויבאלד ער ווייסט, אז דאָס איז די קוואַרטיר, ווו ער איז דעמלט אײַנגעשטאנען?

דעם מאנצבל מיטן קורץ אונטערגעשאָרענעם קאָפּ האָר און אין דער אויסגעברענטער גימנאסטיאָרקע וואָלט עס זיכער אזוי אויסגעזען. מייער-זאלמען אָבער וואָלט עס ניט אָנגענומען פאר קיין נארישער קינדער-שפּיל. און טאַיסע אויך ניט. ער קאָן ניט ארײַנגיין אהער, ביז ער וועט זיך ניט דערוויסן, וועמען, אויסער נײַלען, וועט ער דאָ איצט טרעפן. און שימען האָט שטײַף א צי געטאָן דעם שנור פונעם גלעקל פון דער שכיינעסדיקער דירע.

די טיר האָט געעפנט א הויך דאר מיידעלע מיט צוויי פארפלאָכטענע צעפּלעך.

— צו וועמען דארפט איר? — דאָס מיידעלע האָט אים באטראכט, ווי ער זאָל איר געווען זײַן קענטלעך. דאָס ווײַזט זיך אים, פארשטייט זיך, אויס. באלד דרײַצן יאָר, אז ער איז אוועקגעפאָרן פונדאנען, און דעם מיידעלע דארף זײַן, אויב א סאך... קאָן זײַן, אז עס איז דעמלט נאָך גאָר אַף דער וועלט ניט געווען. און פונקט דאָס איז דאָס סאמע וויכטיקסטע, וואָס שימען דארף פאר זיך אויסקלאָרן, האָט ער א פרעג געטאָן באם מיידעלע:

— דו ווינסט שוין דאָ לאַנג? — שימענען האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט אייניקע טעג צוריק האָט ער פּונקט אַזוי פאַרפירט אַ שמועס מיט טאַיסעס עלטערן ייִנגל, מיט קאַלקען.

— די גאַנצע צייַט. וואָסי? — קאַלקע האָט אים, דאַכט זיך, אויך אַזוי אָפּגעענטפערט. און כאָטש פריידין האָט ניט געהאַט וואָס מוירע צו האָבן, אַז דאָס קאָן אים אַרויסגעבן, פונדעסטוועגן האָט ער געפרעגט אַ סאַך שטילער:

— ווער וווינט אין אָט דער דירע? — אַנווייַזנדיק מיט דער האַנט אױף דער שכיינעסדיקער טיר.

— די מומע אַניוטע. אַנע סערגייעוונע יעליסייעווע.

— די גאַנצע צייַט?

— ניין. פרייִער האָבן דאָ געוווינט אַנדערע.

— ווער? — שימען האָט איבערגעפרעגט, ווי צו אים וואָלט ניט אינגאַנצן קלאָר נאָך דערגאַנגען, אַז ס'איז ניט קיין פאַמיליע-נאָמען.

— דער פעטער אַמעט און די מומע ניַילע.

— די מומע ניַילע איז אַ לערערן פון מוזיק?

צוליב וואָס איז אים נייטיק געווען, אַז דאָס מיידעלע זאָל עס באַשטעטיקן, האָט שימען אַליין ניט פאַרשטאַנען. ניט אַנדערש, אַפּאַנעם, ער זאָל אַרויסרופן באַם מיידעלע מער צוטרוי צו זיך, האָט ער עס איר אונטערגעזאָגט, וויַיל גלייך נאָך דעם, ווי זי האָט דאָס באַשטעטיקט, האָט ער דערהערט:

— בא זיי איז געווען אַ ייִנגעלע. סערוווער האָט מען אים גערופן. זייער אַ שיין ייִנגעלע געווען.

— פאַרוואָס, זאָגסטו, געווען? מע האָט אים... — בא שימענען האָט זיך פאַרהאַקט די שטים. זעט אויס, ער האָט מיטן אָנכאַפּן זיך פאַרן הענטל פון דער טיר, ער זאָל ניט אומפאַלן, איבערגעשראָקן דאָס מיידעלע. אױף איר רוף זייַנען זיך צונויפגעלאָפן די שכיינים פון די איבעריקע צימערן פון דער קאָמונאַלער דירע.

— וואָס איז געשען?

ווי פריידין האָט זיך ניט צוגעקוקט צו יעטווידן, האָט ער קיינעם פון זיי ניט דערקענט. דערפון איז אים געווען פאַרשטענדלעך, אַז די איינציקע אַלטע איינוווינער פון דער קאָמונאַלער דירע איז דעם מיידעלעס הויזגעזינד. קוים אָבער קיינער פון זיי איז ניט געקומען צו לויפן אױף דעם מיידעלעס געשריי, הייסט עס, אַז זיי זייַנען נאָך ניטאָ אינדערהיים, און אים וועט אויסקומען צוּוואַרטן.

— ווען דאַרפן דייַנע טאַטע-מאַמע קומען פון דער אַרבעט? — האָט שימען געפרעגט.

— לענאָטשקע האָט ניט קיין טאַטן, — האָט זיך אָפּגערופן אַ שכיינע, אַ דיקלעכע פרוי מיט אַ צעקנייטשט פּאָנעם און פאַרטרערטע אויגן, — מע האָט אים געהאַרגעט אױף דער מילכאָמע.

— און די מאַמע אירע, טאַמאַרע סטעפּאַנאָוונע, אַרבעט אין דער הויז-פאַרוואַלטונג, — האָט פאַרגעזעצט אַ צווייטע שכיינע, אַ יונג טראַגעדיק וויַבל, — ס'איז דאָ דערבייַ. אינעם אַנדערן הויף. וואַלקאָווע איז איר פאַמיליע. לענאָטשקע, ביז וויפל אַזייגער איז אָפן די הויז-פאַרוואַלטונג?

— ביז ניַין.

— און איצט איז ערשט אַכט. איר וועט זי דאָרט זיכער טרעפן. זי איז אַ בוכהאַלטערשע.

21

לויט דעם, ווי די פרוי, וואָס איז געזעסן לעבן פענצטערל און געכעזשבנט אױפן אַריפמאָמעטער, האָט, בייס שימען איז אַרייַנגעקומען אין דער הויז-פאַרוואַלטונג, זיך צו אים צוגעקוקט, האָט ער זיך באַלד אָנגעשטויסן, אַז מיסטאָמע איז ער איר קענטלעך און אַז דאָס קער אָוואדע זייַן לענאָטשקעס מאַמע. אױף יעדנפאַל אָבער האָט שימען, צוגייענדיק צו איר טישל, זי געפרעגט:

— איר זייַט די בוכהאַלטערשע טאַמאַרע סטעפּאַנאָוונע וואַל...

די פרוי באַם טישל האָט אים איבערגעשלאָגן, נאָך איידער שימען האָט אַרויסגעבראַכט איר פולן פאַמיליע-נאָמען וואַלקאָווע.

— צי דען האָב איך זיך אױף אַזויפיל געענדערט, אַז איר דערקענט מיך שוין ניט? —

זי האָט פארשארט אונטערן קאָפּטיכל די ארויסגעגליטשטע לאָקן האָר אָפן שטערן און,
אויסשטרעקנדיק פריידינען די האנט, א זאָג געטאָן: — און איַיך, זעט איר, האָב איך דער־
קענט, ווי נאָר איר זײַט אריַין. כ'האָב בלויז פארגעסן, ווי מע רופט אייך.

— סעמיאָן. סעמיאָן איסאקאָוויטש פריידין.

— און מיך רופט מען, ווי איר ווייסט שוין, טאמארע סטעפּאנאָוונע וואָלקאָווע. איר
דערקענט מיך נאָך אלץ ניט?

— פארוואָס? כ'האָב בלויז פון אָנפאנג איַיך ניט דערקענט. ס'איז דאָך דורך אזויפיל
יאָר. און אוועלכע יאָר. מיר האָבן אלע פאר דער צײַט זיך שטארק געענדערט.

— זיכער. וועגן איַיך וואָלט איך עס אָבער ניט געזאָגט. איר זײַט קימאט פארבליבן
דער זעלבער, וואָס דעמלט. — טאמארע האָט דערביַי א בליק געטאָן אף אים מיט אירע
טונקל-גרינע אויגן, ווי זי זאָל דערווארטן דערהערן פון אים דאָס אייגענע וועגן זיך.

נאָר די שכיינע, מיט וועמען ניַילע האָט געוווינט א טיר לעבן א טיר און וועמען שי־
מען, ווען ער איז דאָ איַינגעשטאנען, האָט מיסטאמע יעדן טאָג געזען, האָט פאר די דורכ־
געגאנגענע יאָר זיך אף אזויפיל געעלטערט, אז ער האָט ניט געהאט איר אנדערש וואָס צו
ענטפערן, אויסער דעם, אז דאָס ווײַזט זיך איר פאָשעט אויס, אז ער האָט זיך ניט געענדערט.

— אלע האָבן מיר זיך געעלטערט און געענדערט, — האָט שימען דאָס זעלבע ארויס־
געבראכט אף א קאָל, — אפילע דאָס הויז איז קימאט ניט צו דערקענען. — דאָס האָט גע־
דארפט פאר איר באטײַטן, אז ער איז דאָרטן געווען, קיינעם פון די פריִערדיקע איַינוווינער
ניט געטראָפן, און אז זי, טאמארע וואָלקאָווע, איז די איינציקע, וועמען ער קאָן אים זאָגן, ווו
איז ניַילע, ווו איז זײַן ייִנגל. ניַילע האָט אים אָפּגעראטעוועט? ער לעבט? שימען האָט
פארשטאנען, אז דערפון האָט ער געדארפט אָנהייבן און ניט אָפּנעמען בא דער באשעפטיק־
טער פרוי קיין צײַט מיט זײַטיקע רייד. אים איז אָבער שרעקלעך געווען דערפון צו פרעגן,
האָט ער זי ניט אָפּגעשטעלט, ווען זי האָט אים אומגעקערט צום געשפרעך, וועלכן ער האָט
פון אָנפאנג אליין פארפירט וועגן דעם הויז.

— יאָ. פון די אלטע איַינוווינער איז ווייניק וואָר פארבליבן. אף אונדזער עטאזש בין
איך בלויז איינע.

— כ'ווייס. דערפאר בין איך געקומען צו איַיך. — און שטיל, קימאט אָן א שטים: —
ווו זײַנען זיי?

פאר קיינעם אין הויז, ביפראט פאר די דעמלטיקע איַינוווינער פונעם דריטן עטאזש,
איז ניט געווען קיין סאָד, אז דער פאָטער פונעם שיינעם געראָטענעם ייִנגעלע סערווערטשיקן,
איז ניַילעס געוועזענער קווארטיראנט. דאָס ייִנגעלע איז ביז גאָר געווען ענלעך אף אים.
און אז ניַילעס קווארטיראנט איז א ייִד, איז אויך פאר קיינעם ניט געווען קיין סאָד. דאָס
אָבער איז קיינעם דעמלט ניט אָנגעגאנגען. דערמאָנט דערפון האָט די מילכאָמע.

— ווו זײַנען זיי? — האָט שימען איבערגעפרעגט שוין פיל העכער, ווי ער זאָל ניט
זײַן זיכער, צי האָט ער פריִער ארויסגעבראכט דאָס זעלבע אף א קאָל און ניט אין זיך.

נאָר גראדע אף דעם האָט טאמארע סטעפּאנאָוונע ניט געהאט אים וואָס צו ענטפערן.
זי האָט אליין עס ניט געוווּסט. אָבער וואָס איז זיך פארלאָפן בא די סאמעדינאָווס נאָך דעם,
ווי שימען איז פונדאנען ארויסגעפאָרן און דערנאָך, בייס די דײַטשן האָבן פארנומען די
שטאָט, וועגן דעם קאָן זי אים דערציילן גאנץ גענוי. ניט דאָ איז אָבער דאָס אָרט צו פירן
אזעלכע רייד. און די צײַט איז אויך ניט קיין פאסיקע פאר דעם. ס'איז פונקט די שאָ, ווען
די איַינוווינער קומען אין דער הויז-פארוואלטונג מיט פארשיידענע איניאָנים און די קאָנ־
טאָר, ווי ער זעט, איז פול מיט מענטשן.

— ווען זײַט איר געקומען אהער צו פאָרן?

— היַינט. מיט א פאָר שאָ צוריק.

— איר האָט דאָ עמעצן אין שטאָט?

— ניין. איך' בין פון יענער צײַט דאָ מער ניט געווען. — זי זאָל עס ניט אופנעמען,
ווי אן אָנצוהערעניש, אז ער האָט ניט ווו צו נעכטיקן און ס'זאָל איר ניט אויסקומען פאר־
בעטן אים צו זיך. האָט שימען גליַיך צוגעגעבן: — נאָר ווו צו זײַן האָב איך דאָ. כ'קאָן
קומען אהין אפילע האלבע נאכט, אזוי אז איך איַיל איַיך ניט. כ'וועל צוּווארטן אין הויף.

ווען די בוכהאלטערשע איז ארויס פונעם האלב-קעלער, ווו ס'האָט זיך געפונען די
קאָנטאָר פון דער הויז-פארוואלטונג, איז שוין ניט געבליבן קיין סימן פונעם אוועקגעגאנ־
גענעם טאָג. דער הימל איבער דער שטאָט איז געווען ריין צוגעקליבן, גרייט אָנצונעמען די
אָנקומענדיקע נאכט. טיף-טיף אין דער טונקעלער בלויקײַט האָבן דאָ און דאָרט א פינקל
געטאָן איינצלנע שטערן.

— איז פון וואָס זאָלן מיר אָנהייבן? — האָט טאמארע געפרעגט, פאַרלאָזנדיק מיט שימענען דעם הויף.

— דערפון, וואָס איך האָב אײַך געפרעגט אין קאָנטאָר און איר האָט מיר דערויף ניט געענטפערט.

— איך קאָן אַף דעם ניט ענטפערן.

— פאַרוואָס? — איז שימען שטיין געבליבן.

— איר וועט באַלד הערן, — און ניט אַזוי אים, ווי זיך אַליין, האָט זי פאַרטראַכט א זאָג געטאָן: — איז פון וואָס זאָל איך אָנהייבן?

נאָר ווי האָט פריידין געקאָנט איר אונטערזאָגן, אויב וואָס זי זאָל ניט דערציילן וועגן זיי, וועט עס זײַן פאַר אים אָן אָנהייב. אויסער דעם, וואָס נײַלע האָט מיט פיל יאָרן צוריק אָנגעשריבן וועגן זיך און סערווערן אינעם איין-און-איינציקן בריוו אירן צו אים, ווייסט ער דאָך מער גאָרניט וועגן זיי.

— ...אַז פאַר קיינעם בא אונדז אין הויז איז ניט געווען קיין סאָד, ווער איז דער פאָטער פון נײַלעס יינגל, דאַרף איך אײַך, דאַכט מיר, ניט דערציילן. איך דאַרף אײַך בלויז זאָגן, אַז נײַלע איז ניט קיין נאַרישע פרוי. זי האָט ניט געוואָרט, אַז עמעצער פון דער זײַט זאָל איבערגעבן דעם מאַן אירן, וואָס איז זיך פאַרלאָפן צווישן איר מיט אײַך. זי האָט אים אַליין אַלץ דערציילט. און וואָס, אייגנטלעך, האָט זי געקאָנט טאָן? זי האָט געהאַט אַן אַנדער ברירה? עס קערט זיך אום דער מאַן, וועלכער איז מער פון א יאָר ניט געווען אינדערהיים, און טרעפט אין שטוב בא זיך א קינד אין א וויגל.

— און דערנאָך? וואָס איז געווען דערנאָך? — האָט שימען זי אונטערגעײַלט.

— כ'קאָן אײַך פּינקטלעך ניט זאָגן, צי אמעט איז זיך מיט איר פאַנאַנדערגעגאַנגען. איך ווייס בלויז, אַז א פאָר יאָר האָבן זיי געוווינט באַזונדער. אמעט האָט געדונגען ערגעץ א צימער אין צווייטן עק שטאָט און איז אַריבערגעפאָרן אַהין. דערנאָך זײַנען זיי זיך צוריק צונויפגעגאַנגען. ער האָט זי זייער ליב געהאַט. פון דעמלט אָן אָבער איז ער אָפטער געפאָרן אין אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציעס. אים איז, אַפּאַנעם, שווער געווען צו זײַן אינדערהיים. נײַלע האָט עס געוווּסט, האָט זי יעדעס מאָל, ווען דער מאַן איז געווען אינדערהיים, אָפּגע-פירט אַף דער דאָזיקער צײַט סערווערן צו איר מוטער. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען איינע פון אמעטס פאָדערונגען באַם צונויפגיין זיך צוריק מיט נײַלען. מיר, אַלנפאַלס, האָט זי דאָס ניט געזאָגט. כ'האָב זיך אַליין אָנגעשטויסן.

— און ווײַטער? וואָס איז געווען ווײַטער? — דער שרעקלעכער געדאַנק, אַז נײַלע האָט אַליין אָפּגעפירט זייער קינד און איבערגעגעבן אין די דײַטשישע הענט, האָט זיך נאָך טיפער פאַרקליבן אין שימענען און עטלעכע רעגעס אים געמאַכט טויב צו דעם, וואָס די שכיינע דערציילט וועגן נײַלען און איר מאַן.

— וואָס איז געשען ווײַטער, פרעגט איר? — טאמארע איז שטיין געבליבן און, ווי זי זאָל ניט באַמערקן, אַז זיי זײַנען צוגעקומען צום אַרײַנגאַנג פונעם הויז, פאַרקערעוועט אין דערבײַיקן געסל. — ס'האָט אויסגעבראָכן די מלחמה. מיט א צײַט נאָך פאַר דעם, ווי די דײַטשן זײַנען אַרײַן צו אונדז אין שטאָט, איז נײַלעס מאַן שוין געווען אַפּן פראָנט, ער איז אוועק פרײַוויליק. זײַן עלטער האָט מען צו יענער צײַט נאָך ניט מאָביליזירט. אים איז גע-ווען, אויב כ'האָב ניט קיין טעות, אַריבער די פערציק. נײַלע האָט נאָך דעם מאַנס אוועקגיין אַפּן פראָנט אַראָפּגעבראַכט צו זיך אַהער די מוטער און סערווערן.

— פון באַכטשיסאַרײַ?

— יאָ. פון באַכטשיסאַרײַ. איר זײַט דאָרט געווען? ניט פון דאָרט פאָרט איר איצט?

— ניין. איך בין אַף מײַן לעבן דאָרט קיינמאָל ניט געווען.

— איך בין דאָרט אויך קיינמאָל ניט געווען. אײַך וועט אָבער אויסקומען צופאָרן אַהין, ווײַל בלויז דאָרטן קאָנט איר זיך דערוויסן, וויאַזוי האָט זיך דאָס אַלצדינג פאַרענדיקט. נאָר אָנגעהויבן האָט זיך דאָס אַלץ דאָ בא אונדז. איך געדענק שוין איצט ניט, אין וויפל טעג אַרום נאָך דעם, ווי ס'זײַנען אַרײַן די דײַטשן, איז געווען אַרויסגעהאַנגען א באַפעל, אַז אַלע יידן דאַרפן ביז נײַן אינדערפרי זיך פאַרזאַמלען הינטער דער שטאָט לעבן די קאַזאַרמעס. אינעם באַפעל איז געווען געזאָגט, אַז די קינדער פון געמישטע כאַסענעס זײַנען אויך יידן. נו און וויאַזוי באַגייען זיך די פאַשיסטן מיט יידן, האָבן מיר זיך שוין ביז דעם אָנגעהערט. ניט אַלע אָבער, אַפילע די יידן אַליין, האָבן דערין אינגאַנצן געגלייבט. מע קאָן דען אין אַזעלכעס גלייבן? נאָר וואָס האָט מען געזאָלט טאָן? א באַפעל.

טאמארע איז אַנשוויגן געוואָרן, אָפּגעקערט אין א זײַט דעם קאָפּ.

— און נײַלע האָט מיט די אייגענע הענט אָפּגעגעבן סערווערן די דײַטשן? — שימען האָט אָנגעכאַפּט טאַמאַרען פאַר דער האַנט און ביז ווייטיק זי א דריק געטאָן: — איך פרעג דאָך אײַך. יאָ?

— כ'ווייס ניט...

שימען האָט איר פאַרצאַמט דעם וועג.

— איך וועל פון אײַך ניט אָפּטרעטן, ביז איר וועט מיר ניט זאָגן דעם עמעס. דעם גאַנצן עמעס... ס'קאָן ניט זײַן, אַז איר זאָלט ניט וויסן. איר זײַט דאָך געווען שכיינים, א טיר בא א טיר, און, ווי מיר געדענקט זיך, גוטע שכיינים... איך פיל דאָך, אַז איר באַהאַלט פון מיר אויס... איך וויל וויסן דעם עמעס. דעם גאַנצן עמעס...

— כ'שווער אײַך, אַז איך האָב גאָרניט פאַרלייקנט, אײַך דערציילט אַלץ אַזוי, ווי ס'איז געווען. מיט א פּאָר טעג פאַר דעם, ווי די דײַטשן האָבן אַרויסגעהאַנגען אָט דעם שרעקלעכן באַפעל, האָט נײַלעס מוטער גענומען דאָס אייניקל און זיך אומגעקערט מיט אים צוריק קיין באַכטשיסאַרײַ. די דײַטשן זײַנען אַהין אַרײַן נאָך פריער, ווי צו אונדז. אָבער דאָרט האָט קיינער ניט געוווּסט, אַז דער פאָטער פון איר אייניקל איז א ייִד. אין דער מעטריקע בא אײַער סערווערן איז געווען פאַרשריבן, אַז אי דער טאַטע, אי די מאַמע זײַנען טאָטערן. בא אים איז געווען די זעלבע פאַמיליע, ווי בא זיי: סאַמעדינאָוו. ווען די אַלטע פירט באַצײַטנס ניט אַוועק דאָס ייִנגל און באַהאַלט אים ניט, וואָלט די מעטריקע אים ניט געראַטעוועט. כ'ווייס ניט, צי געדענקט איר אונדזער געוועזענעם הויף-ווערכטער אָסמאַנען. גיי ריכט זיך, אַז אָט דער שטילער אָסמאַן מיט דער אויסגענייטער טיובעטייקע אויפן געגאָלטן קאָפּ זאָל זײַן אַזאַ אויסוווּרף. פון די ערשטע טעג איז ער אַוועק דינען די אָקופּאַנטן. דאָס האָט ער אָנגעוויזן די פאַשיסטן, אַז בא נײַלעס ייִנגל איז דער טאַטע א ייִד. מיט א נאַכט פאַר דעם, ווי מע האָט צונויפגעטריבן די ייִדן און זיי דערהאַרגעט, איז אָט דער אויסוווּרף אַפילע געקומען צו נײַלען אין שטוב איר דערמאָנען, אַז זי זאָל ניט פאַרגעסן ברענגען מאָרגן אויפן זאַמלפּונקט דאָס ייִנגל, און זאָל זי זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ, אַז איר וועט זיך אײַנגעבן אָפּנאַרן די מאַכט, אָנגעבן סערווערן פאַר א טאָטער. זי וועט באַצאָלן מיטן אייגענעם קאָפּ, אויב זי וועט אויסבאַהאַלטן איר האַלב-ייִדיש ייִנגל.

— דער הויף-ווערכטער איז דאָך אויך א טאָטער, און, ווי מיר געדענקט זיך, אַפילע נײַלעס א לאַנדסמאַן. א באַכטשיסאַרײַער. ווי זשע קומט עס, אַז א טאָטער זאָל אַרויסגעבן א טאָטער? כאָטש איך פאַרשטיי, אַז ס'איז נאַריש אַזוינס צו פרעגן. בא אַלע פעלקער זײַנען שטענדיק געווען אויך אויסוווּרפן און פאַררעטער. צווישן ייִדן זײַנען זיי אויך געווען.

— צי דען זײַנען אין אַזאַ צײַט געווען צווישן אײַך אַזעלכע?

— געווען, טאַמאַרע סטעפּאַנאָוונע. צו אונדזער גרויסן ווייטיק און גרויסן בזיאָן, האָבן זיך צווישן אונדז אויך אָפּגעזוכט אַזעלכע.

— עפּעס גלייבט זיך ניט.

— א סאַך זאַכן גלייבן זיך אונדז איצטער ניט. נו, און ווײַטער, וואָס איז געווען ווײַטער?

— כ'ווייס שוין ניט, ווי־אַזוי איז נאָכדעם דערגאַנגען צו אָסמאַנען, אַז מיט עטלעכע טעג פאַרן אַרויסהענגען דעם באַפעל האָט די אַלטע לעוויזע, נײַלעס מוטער, אַוועקגעפירט סערווערן צו זיך קיין באַכטשיסאַרײַ און אים דאָרט ערגעץ אויסבאַהאַלטן. דער אויסוווּרף אָסמאַן האָט אָנגעוויזן אויף מיר און אויף נאָך עטלעכע שכיינים אַלס איידעס, אַז דער טאַטע פון נײַלעס באַהאַלטענעם ייִנגל איז ניט קיין טאָטער, אַז ער איז א ייִד. מיר האָבן אָבער באַצײַטנס זיך צונויפגערעדט מיט נײַלען וואָס צו זאָגן, און מיר האָבן אַלע געטײַנעט אין געסטאַפּאָ בלויז איינס: אַז אין יענעם זומער, ווען נײַלעס מאַן איז געווען א לאַנגע צײַט אין עקספּעדיציע, איז זי א פּאָר מאָל געפאָרן צו אים. דער אויסוווּרף איז אָבער באַשטאַנען אויף זײַנס: ווען סערווערס טאַטע זאָל געווען זײַן אמעט, וואָלט ער, אומקערנדיק זיך פון דער עקספּעדיציע, ניט פאַנאַנדערגעגאַנגען זיך פלוצעם מיטן ווײַב און געוווינט באַזונדער, אין אַן אַנדער דירע. געענדיקט האָט זיך דערמיט, אַז מע האָט פאַרנומען נײַלען אין געס-טאַפּאָ. דער פאַררעטער האָט שיקערערהייט דערנאָך דערציילט, אַז מע האָט זי אָפּגעשיקט קיין באַכטשיסאַרײַ און מע וועט זי דאָרט דערשיסן צוזאַמען מיט איר ייִדישן ייִנגל. צי איז עס אַזוי צי ניין, וועט אײַך דאָ קיינער דערויף ניט ענטפערן. פאַר דעם, ווי די געסטאַפּאָ האָט צוגענומען נײַלען, האָט זי באַוויזן מיר זאָגן, אַז ווען די מאַמע אירע זאָל ניט געווען אַוועקפירן פונדאַנען סערווערן, וואָלט זי אַלצײַנס זיך ניט צעשיידט מיטן קינד. זי וואָלט געגאַנגען צוזאַמען מיט אים צו די קאַזאַרמעס. אויב אומקומען, איז צוזאַמען, און מיס-טאָמע איז דאָרט אַזוי טאַקע געווען. וואָרעם זיי זאָלן געווען בלײַבן לעבן, וואָלטן זיי דאָך נאָך דער באַפרײַונג זיך אומגעקערט אַהער. עמעס, זי וואָלט שוין דאָ גאָרניט געטראָפן.

די דירע אירע איז פֿאַרנומען. די בילדער האָבן די דײַטשן אַרויסגעפֿירט, און פֿונעם אַלעם איבעריקן איז שטוב געמאַכט אַ טעל. צעבראָכן און צעשטאָכן.

צו וואָס האָט נײַלעס שכיינע פֿאַרפֿירט אַ רייד וועגן דער דירע און דעם צעבראָכענעם און צעשטאָכענעם אין דער דירע? וואָס קומט אַרויס דערפֿון, אַז בײַ עפֿראַיִם ברוידען האָט זיך פֿאַרהיט די שטוב, אויב די, וועלכע האָבן דאָרטן געוווינט, וועלן שוין מער קיינמאָל ניט אַריבערטרעטן די שוועל? און דער זעלבער טיפֿער ווײ און בענקשאַפֿט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט שימענען אין אייבערשטיבל בײַ טאַיִסען און ניט אָפּגעלאָזט פֿון זיך די אַלע טעג און נעכט, וועלכע ער איז דאָרט אײַנגעשטאַנען, האָט אים אַרומגעכאַפּט אויך איצט, ניט גע-לאָזט מאַכן קיין טראָט. דאָרט אָבער האָט מען בײַ אים ניט אָפּגענומען אײַנגאַנצן די האָ-פֿענונג אַף אַ נעס, ניט טאַיִסע, ניט די רעעוואַקויִרטע אין סאָלדאַטסקן בעסמעדרעש. נאָר וואָס פֿאַר אַ טײַנעס קאָן ער האָבן צו אָט דער פֿרוי פֿאַרן אָפּנעמען בײַ אים די האָפֿענונג זיך זען מיט סערווערן און נײַלען? ער האָט דאָך אַליין זי געבעטן, טאַמאַרען, דערציילן דעם גאַנצן עמעס.

— אמעט אָבער לעבט. ער איז געקומען פֿון דער מילכאָמע אָן אַ פֿוס.

— אמעט?

— נו, דער מאַן אירער. זי האָט דאָך געהאַט אַ מאַן.

שימען האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ניט צוליב דערמאָנען אים, אַז בײַ נײַלען איז געווען אַ מאַן, האָט טאַמאַרע עס אַ זאָג געטאָן. זי איז קענטיק אויסן געווען דערמיט אים דערמאָנען, אַז אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן איבער אים, שימענען, אַז ער איז, אייגנטלעך, דער שולדיקער אין אַלץ. נו, ווירקלעך. פֿונוואַנען קאָן טאַמאַרע וויסן, ווער איז דער שולדיקער, אויב נײַלע האָט איר דערפֿון גאָרניט דערציילט? אָבער ער, אמעט, ווייסט דאָך. אים האָט נײַלע דאָך זיכער דערציילט. נאָר ניט צוליב אָפּפֿירן פֿון זיך דעם כשאַד, האָט שימען זי געפֿרעגט.

— ער איז הי?

— ניין, — טאַמאַרע האָט דערבײַ אַ קוק געטאָן אַף פֿריידינען, ווי זי זאָל וועלן פֿרעגן, צי וויל ער זיך מיט אים זען. נאָר אַז איר בליק האָט בײַטײַט גאָר עפּעס אַנדערש, האָט שי-מען זיך אָנגעשטויסן, ווען זי האָט פֿאַרענדיקט דערציילן. — קיין איין איבעריקן טאָג האָט אמעט זיך דאָ ניט פֿאַרהאַלטן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, וואָס עס האָט זיך פֿאַרלאָפֿן בײַ אים אינדערהיים. ער איז גלײַך אַוועקגעפֿאָרן קיין באַכטשיסאַרײַ. כ׳קאָן בלויז ניט באַנעמען, פֿאַרוואָס האָט ער זיך ניט אומגעקערט צוריק אַהער. נאָר אַלץ קאָן זיך טרעפֿן. עפּשער האָט נײַלעס מוטער באַוויזן אויסבאַהאַלטן דאָס אייניקל, און אמעט האָט אים אָפּגעזוכט, און זיי זײַנען אַריבערגעפֿאָרן אין אַן אַנדער אָרט. סערווער איז טאַקע ניט זײַן זון, ער איז אָבער דער זון פֿון זײַן פֿרוי, און נײַלען האָט אמעט שטאַרק ליב געהאַט.

אין דער זעלבער נאַכט איז שימען פֿריידין אָפּגעפֿאָרן קיין באַכטשיסאַרײַ מיט אַ פֿאַר-נעפּלטער האָפֿענונג אַף אַ נעס, וואָס עס האָט אים מיטגעגעבן אין וועג נײַלעס פֿריִערדיקע שכיינע.

22

פֿון די פּאַסאַזשירן אין וואַגאָן, מיט וועמען שימען איז אין יענעם זוניק-ליטערן באַגי-נען אַרויסגעשטיגן אַף דער סטאַנציע באַכטשיסאַרײַ, האָט קיינער אים ניט געקאָנט אָנווײַזן, וווּ האָט דאָ בײַ זיי אין שטאָט געוווינט דער מאָלער שעווקעט אײַלימאָוו. שימענען האָט עס שטאַרק פֿאַרוווּנדערט. באַכטשיסאַרײַ, ווי זיי זאָגן אַליין, איז ניט קיין שטאָט, ס׳איז אַ ראַיאָן-צענטער. איז ווי קאָן דאָס זײַן, זיי זאָלן ניט אָנהייבן אַפֿילע צו וויסן, ווער איז אַזוינס שעווקעט אײַלימאָוו, וועמענס ליײַוונטן, ווי נײַלע האָט דערציילט, זײַנען געהאַנגען אין די בילדער-גאַלעריִען. דערהערט אָבער, אַז צווישן זײַנע מיטפֿאָרער איז ניטאָ קיין איין באַכ-טשיסאַרײַער אַלטגעזעסענער טוישעוו, אַז זיי האָבן זיך אַלע באַזעצט דאָ ערשט אין סאָף פֿון דער מילכאָמע, האָט שימענען ניט אַזוי געוווּנדערט שוין זייער נאָכפֿרעגן זיך בײַ אים, וואָס פֿאַר אַ בילדער האָט געמאָלט דער דאָזיקער קינסטלער און ווען האָט ער דאָ געוווינט. לויט זייערע רייד, איז ביכלאַל אויסגעקומען, אַז דאָ איז ווייניק-ווער פֿאַרבליבן פֿון די אַלטע אײַנוווינער. דאָס אייניציקע, מיט וואָס זיי קאָנען אים באַהילפֿיק זײַן, איז אָנווײַזן, ווי אַזוי לײַכטער זיך דערקלײַבן פֿון דער סטאַנציע צום ראַיויספּירקאָם. דאָרט ווייסט מען געוויס, ווו האָט געוווינט דער מענטש, אַף וועמען ער פֿרעגט זיך נאָך.

גיין גלײַך אַהין איז נאָך געווען צו פרי. ביז מע וועט עפענען דעם ראַיויספּירקאָם איז פאַרבליבן אַמווייניקסטנס אַ שאָ דרײַ. אַנשטאָט אָפּזיצן דרײַ שאָ אַף דער סטאַנציע, צי זיך אומדרייען בא דער פאַרשלאָסענער טיר פונעם אויספּירקאָם קאָן ער דאָך פאַר דער זעלבער צײַט זיך דורכגיין איבערן שטעטל. עס לייגט זיך אים ניט אַפן סייכל, אַז ער זאָל דאָרט ניט אָנטרעפן קיין איינעם, ווער ס׳זאָל ניט קאָנען אָנווײַזן, ווו האָט דאָ געוווינט אײַלימאָוו.

אַף וויפל שימענען האָט זיך פאַרגעדענקט פון נײַלעס דערציילן וועגן אירע קינדערשע און מיידלשע יאָרן, וועלכע זײַנען דורכגעגאַנגען דאָ, איז די שטוב זײַערע געשטאַנען אין אַ שמאָלן גרינעם געסל ניט ווײַט פונעם צענטער. הינטער דער שטוב איז געווען אַ גרויסער סאָד. טיף אין סאָד — אַ שניי-ווײַסע בעסעדקע, ווו עס פלעגט אָפט אַרבעטן איר פאָטער. און עפשער האָט פאַרט געטראָפן אַ נעס און עס וועט פּלוצעם אָנקומען אַנטקעגן סערוווער...

שימען גייט ניט געײַלט, נאָר אַלצײַנס פעלט אים אָטעם. סע שטיקט אין האַלדז. עס וועט זיך באַלד, דאַכט זיך, אַרויסרײַסן פון אים אַף אַ קאָל: „ווו ביסטו, זונעלע מײַנס?"...

אינעם נאָענטסטן געסל, וווהין שימען האָט אָפּגעקערעוועט פון דער הויפּט-גאַס, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט בא יעטווידער שטוב, אויב זי האָט מיט עפּעס אויסגעזען ענלעך צו דער, ווי ער האָט זי זיך פאָרגעשטעלט פון נײַלעס רייד. צו איינעם פון די הײַזער האָט ער זיך באַזונדערס לאַנג צוגעקוקט און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געוואַרט, ס׳זאָל זיך פון דאָרט עמעצער באַווײַזן. ער וועט זיך ניט אויסבאַהאַלטן פון אים, אויב אָט דער עמעצער וועט זײַן אַמעט. אים, נײַלעס מאַן, האָט ער אויך קיינמאָל ניט געזען. ער וועט אים אָבער דערקענען.

דער האַלבנאַקעטער מאַנספּאַרשוין, וועמען שימען האָט דערזען אַרויסגיין פון שטוב, איז לויטן אויסזען געווען אַ סאַך יינגער פון נײַלעס מאַן, דערצו האָט ער ניט געהונקען. בא אים זײַנען געווען גאַנץביידע פיס.

ווײַזט אויס, ס׳איז טאַקע ווירקלעך אַזוי, ווי ס׳האָבן פאַרזיכערט די מיטפאָרער פונעם וואַגאָן, אַז פון די פריערדיקע אײַנוווינער איז ווייניק-ווער דאָ פאַרבליבן. דער האַלבנאַקעטער יונגערמאַן אין די טרוסן האָט געענטפערט שימענען דאָס זעלבע, וואָס אַלע אַנדערע, בא וועמען ער האָט, גייענדיק אַהער, זיך אָנגעפרעגט: ער האָט ניט געהערט וועגן אַ מענטשן מיט אַזאַ פאַמיליע-נאָמען, און געגעבן אויך די זעלבע אייצע: צוגיין אין ראַיויספּירקאָם.

גיין אַהין איז פריידינען ניט אויסגעקומען. די פרוי, וועלכע איז געשטאַנען פאַר דער גאַס מיט אַ דרײַ-פיר הײַזער ווײַטער, האָט אים אָנגערופן דאָס געסל, ווו ס׳האָט געוווינט דער מאָלער, אַף וועמען ער פרעגט זיך נאָך, גענוי געזאָגט, וויאַזוי צו גיין אַהין. דערבײַ האָט זי מאָדנע זיך צוגעקוקט צו אים און דערנאָך שטיל געפרעגט:

— איר קערט זיך מיט זיי עפּעס אָן?

— ניין.

— דאַן איז עפּעס אַנדערש.

— וואָסי?

— באָבע, — האָט פונעם אָפענעם פענצטער זיך דערהערט אַ קינדערש קעלכל, און די פרוי האָט זיך אומגעקערט אין שטוב.

פריידין האָט צוגעוואַרט אַ רעכטע ווײַלע. נאָר די פרוי איז צו אים ניט אַרויס.

איצט, ווען שימען דאַרף זיך שוין בא קיינעם ניט אָנפרעגן, וווהין צו גיין, איז אים געוואָרן שווערער דער וועג, ווי ער זאָל די גאַנצע צײַט זיך ציִען באַרג-אַרוף. נאָך דעם, ווי די פרוי אין געסל האָט אים אַזוי מאָדנע געענטפערט, האָט די האָפענונג זײַנע אַף אַ נעס זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אָנגעבלאָזענעם קײַלעכל, און ער האַלט עס קוים אײַן פאַרן אָנגעצויגענעם שנירל. יעדע רעגע קאָן זיך עס אָפּרײַסן און ניט ווערן.

געוויס איז עפּעס פאַרבאָרגן אין דעם, פאַרוואָס די פרוי, ווער ס׳האָט אים אָנגעוויזן אַהער דעם וועג, האָט דערבײַ אויסבאַהאַלטן, אַז ער וועט אײַלימאָווס שטוב שוין דאָ ניט טרעפן. דאָרט, ווו ס׳איז געשטאַנען זייער הויז, האָט שטיל און סוידעספּול געשאָרכעט דאָס גראָז. שימען האָט פאַנאַנדערגעשאַרט מיט די הענט דאָס געדיכטע גראָז, וואָס האָט אים געגרייכט קימאַט ביזן האַלדז, און געזוכט אַוועלכע-ניט-איז סימאָנים דערפון, וואָס עס איז פונדאַנען פאַרשוווּנדן. אָט דאָ, ווו ער שטייט, האָט ניט איין מאָל זיך געשפּילט זײַן יינגל...

נאָר ווי שטאַרק שימען מאַכט ניט צו די אויגן, קאָן ער פאָרט ניט אופשטעלן פאַר זיך סערווערס אָנבליק. סערוווער האָט אין שימענס פאָרשטעלונג זיך מיט גאָרניט אונטערשיידט פון דאַניעלקען — באביידן זײַנען אַלציינע טונקל-לענגלעכע פּענעמלעך, שמייכלענדיקע אויגן, גריבלעך אַפן קין. שימען מאַכט שטײַפער צו די אויגן און דערזעט זיי ביידע צוזאַמען. זיי האַלטן זיך פאַר די הענטלעך און לויפן אים אַנטקעגן.

דאָס הויכע געדיכטע גראָז שאָרכעט, ווי פריִער, סוידעספּול-שטיל, גיט ניט אַרויס דעם סאָד, פאַרוואָס איז פאַרשוווּנדן פונדאַנען אײַלימאָווס שטוב. מע האָט זי אַראָפּגעטראָגן צוליב איר אַלטקייט, צי אַ באָמבע איז דאָ געפאַלן, און פּונקט באַנאַכט, ווען אַלע אין שטוב זײַנען געשלאָפן?...

שימען האָט ברייט צעעפנט די אויגן, נאָר די העל-אויפגעגאַנגענע זון אַנטקעגנאיבער האָט אים אַ רעגע זיי אים צוריק פאַרמאַכט.

מעגלעך, אַז די מענטשן פון די שכיינעסדיקע הײַזער, וועמען שימען האָט דערזען הינטער זיך, שטייען שוין דאָ אַ רעכטע ווײַלע, ער האָט דאָך פאַר דער גאַנצער צײַט זיך קיין איין מאָל ניט אומגעקוקט, אַז ער זאָל זיי געוווּן באַמערקן.

— איר קלײַבט זיך דאָ בויען? — האָט, ניט אַרויסנעמענדיק פון מויל דעם אויסגעלאָשענעם לאַנגן ציבעק, זיך אָנגערופן צו אים אַ קליינוווּקסיקער מאַן מיט אַ שיטער-גראָוו בערדל. די איבעריקע אַרום האָבן שווײַגנדיק זיך איבערגעקוקט. ס'האָט געקאָנט הייסן, זיי נעמען אים טאַקע אָן פאַר אַזעלכן, און מע באַראַט זיך צווישן זיך, צי זאָלן זיי אים אַרײַנעמען פאַר אַ שאָכן. און ווען פריידין האָט אויף זייער פראַגע אַ שאָקל געטאָן אַהין און אַהער מיטן קאָפּ און פאַרטײַטשט עס אויך אויף אַ קאָל, האָט ער זיך געווענדט צום באַיאָרטן מאַן מיטן אויסגעלאָשענעם ציבעק אין מויל מיט דער זעלבער פראַגע, וועלכע ער האָט מיט אַ מינוט פריִער, שטייענדיק ביז האַלדז אין גראָז, געהאַט געפרעגט באַ זיך.

געענטפערט דערויף האָבן אים אַלע, אַרײַנפאַלנדיק איינער דעם אַנדערן אין די רייד.

— איר ווייסט דען ניט, וואָס עס האָט זיך דאָ פאַרלאָפן בייס דער אָקופּאַציע? די דײַטשן האָבן אויפגעריסן די שטוב און דערנאָך זי פאַרברענט צוזאַמען מיטן סאָד. עמעצער האָט געמאַסערט, אַז באַ דער אַלטערס אייניקל איז דער טאַטע געווען אַ ייִד. ווען די פּאָליציי איז געקומען אים נעמען, איז דאָס ייִנגל שוין ניט געווען באַ איר. זי האָט צו דער צײַט באַוויזן אים אויסבאַהאַלטן.

— ער לעבט? ער איז געבליבן לעבן?

— אויף זיכער ווייסט קיינער ניט, ווײַל די, באַ וועמען זי האָט אים אויסבאַהאַלטן, וווינען שוין דאָרט איצט ניט. ס'איז אָבער גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס ייִנגל איז געבליבן לעבן!

— און וווּ איז די מוטער פונעם ייִנגל? זי לעבט? — דאָס קאָל, מיט וועלכן שימען האָט דאָס אַלץ אַרויסגעבראַכט, איז געווען ווי ניט זײַנס. אַלע האָבן עס זיכער באַמערקט. זיי האָבן נישט געקאָנט דאָס ניט באַמערקן, ניט פאַרשטיין, ווער איז פאַר אים סערוווער און סערוווערס מוטער.

— איר פרעגט וועגן נײַלען? די געסטאַפּאָ האָט זי געבראַכט אַהער צו פירן און זי צוריק אָפּגעפירט, וווּהין — ווייסט קיינער ניט. גיכער פון אַלץ האָט מען זי פאַרשיקט קיין דײַטשלאַנד, אין אַ לאַגער, און זי איז דאָרט פאַרבליבן. אַנדערש וואָלט זי דאָך זיך אומגעקערט אַהיים. נאָר ווער קאָן וויסן. לעוויזען, די מוטער אירע, פאַר ניט וועלן אַרויסגעבן, ווו באַהאַלט זיך אויס איר האַלב-ייִדיש אייניקל, האָבן די דײַטשן דערשאָסן, די שטוב אויפגעריסן און אָפּגעריינקט דאָס אָרט, אַז קיין שפּור זאָל ניט בלײַבן.

— איך וואָלט זאָגן, — האָט ניט זיכער אַרויסגעבראַכט די פרוי אין ברילן, וואָס האָט די גאַנצע צײַט, ווי שימען האָט באַמערקט, זיך באַזונדערס צוגעקוקט צו אים, — אַז לעוויזעס אייניקל איז אַ ביסל ענלעך אויף אײַך.

— רעדט ניט קיין נאַרישקייטן, — האָט אַ מאַך געטאָן צו איר אַ יונגער באָכער מיט אַ טיפן שראַם אויפן שטערן, — דאָ איז דאָך ניט לאַנג צוריק געווען נײַלעס מאַן און אַליין געזאָגט, אַז דאָס ייִנגל איז זײַנס.

— ווו איז ער אַצינדער? — שימען האָט אַזוי געגאַרט, אַי מוירע געהאַט דערהערן, אַז אַמעט איז איצטער הי, אין באַכטשיסאַרײַ.

דער באָכער, באַ וועמען שימען האָט געפרעגט, האָט אים דערויף געענטפערט, אַז נײַלעס מאַן איז דאָ געווען בלויז עטלעכע טעג און אַוועקגעפאָרן. וווּהין? אויב שימענען גייט עס שטאַרק אָן, קאָן ער זיך עס דאָ דערוויסן.

די באַגעגעניש מיט לעוויזעס שכיינים האָט זיך געענדיקט פאַר שימענען דערמיט, אַז אַלע האָבן זיי אים געראַטן זיך דורכריידן מיט איסאַק נאָומאָוויטש באַבאָוויטש. באַ אים קאָן שימען דערגיין וועגן די אײַלימאָווס מער ווי באַ עמעצן אַנדערש דאָ. אַלנפאַלס, וועגן דעם גוירל פונעם ייִנגל ווייסט באַבאָוויטש זיכער מער, ווײַל בייס דער מילכאָמע האָט ער זיך אויך אויסבאַהאַלטן אינעם זעלבן דאָרף, ווו סערוווער. איר וועט אָבער איסאַקן אינדערהיים שוין ניט טרעפן. ער קער איצט זײַן אין דער עמעטעס. איסאַק באַבאָוויטש איז אַ מע-

כאניקער. ס'איז ניט איבעריקס ווײַט פונדאנען. א צוויי-דרײַ קילאָמעטער ניט מער. אהינצו גייט א גלײַכער וועג.

דער, ווער ס'האָט עס אים געזאָגט, האָט אָנגעוויזן שימענען מיט דער האנט אפן פעלד-זיקן בארג. זײַנע הויכע זײַלן האָבן אונטערגעשפּארט מיט זיך א שטיק הימל.

23

צווישן אײַלימאָווס בילדער בא זײַן טאָכטער אין דער גרויסשטאָטישער דירע איז גע-האנגען אויך א בילד פון דעם באכטשיסארײַער בארג.

אף וויפל פרײדין געדענקט, האָט דאָס בילד ניט געמאכט אף אים דעמלט דעם אײַנ-דרוק, אז ער זעט פאר זיך א פעלדזיקן בארג, פונוואנען ס'איז, דאכט זיך, מיט דער האנט צו דערלאנגען צו די באזוימטע מיט זוניקן גאָלד פארבײַשווימענדיקע וואָלקנדלעך, ווי ער האָט עס דערזען פאר זיך איצטער דאָ נאָך פונדערווײַטנס. צוגעקומען נעענטער, האָט ער געדארפט פארוואַרפן דעם קאָפּ שטארק אף אָרוף צו דערזען די ציינער-שפּיצן פון די שטאַרצנדיקע פעלדזן. די זון איז שוין געשטאנען גאנץ הויך, נאָר פון די פעלדזן האָט גע-ווײעט די ניט אײַנגאנצן נאָך אויסגעוועפטע באנאכטיקע קילקײַט.

א שמאָלע פארוואקסענע סטעזשקע האָט אָפּגעקערעוועט פונעם וועג און זיך אראָפּגע-לאָזט טיף אין דער נידער צו די כורוועס פון אַלטן פארגעסענעם ייִשוּב. עטוואָס ווײַטער מיטן וועג האָט א צוויט שטעגל געקלעטערט ערגעץ ווײַט אָרופצו.

די נײַגעריקײַט, ווהין פירט דאָס דאָזיקע שטעגל, האָט געבראכט שימענען צו א הויכער טויבער וואנט. זי האָט זיך געצויגן אָרוף לענגויס דעם שטעג.

שימען איז ביזן סאָף שטעג ניט דערגאנגען. אים האָבן אָפּגעשטעלט די אויסגעהאקטע אין דער שטיינערנער וואנט שמאָלע געדרייטע טרעפּלעך, וועלכע ער האָט אומדערוואַרט פאר זיך דערזען. זיי האָבן געפירט אין דער טיף פון דער גראָבער וואנט פון איין קעמערל אין דעם אנדערן. קענטיק, אז דאָס זײַנען קעלניעס פון א פארצײַטיקן מאָנאסטיר, כאָטש ס'איז שווער זיך פאָרשטעלן, וויאַזוי האָט מען געקאָנט אין זיי לעבן. די קעמערלעך זײַנען נידערי-קע, קליינע, קוים זיך א קער צו טאָן.

אײַנגעהויקערט, דעם קאָפּ ארײַנגעצויגן אין די אקסל, האָט שימען זיך פארהאַלטן אין יעדן פון די נאקעטע, פון לאנג פארלאָזטע קעמערלעך, זיי באטראכט, ווי ער זאָל וועלן אויס-קלאָרן פאר זיך, צי וואָלט מען אין אָט די שטיינערנע נעסטן זיך געקאָנט אויסבאהאַלטן, בעשאס ס'זײַנען דאָ געווען די דײַטשן. מע וואָלט אָבער צוליב דעם געדארפט פארמויערן דעם ארײַנגאנג אהער און דורכגעבערן אין דער וואנט אן אנדער ארײַנגאנג און ארויסגאנג. ווו? וויאַזוי? נאָר וואָס פאר א זין האָט איצט צו טראכטן דערפון. אין איינס, אלנפאלס, איז שימען זיכער: אויב ס'האָט געטראָפן א נעס און סערוועער איז לעבן געבליבן, וועט זײַנע קינדער און אייניקלעך קיינמאָל ניט אויסקומען צו קלערן וועגן א באהעלטעניש בלויז דער-פאר, ווײַל זיי קערן זיך מיט עפּעס אָן צו ייִדן.

ארויסגעקליבן זיך מיט די הויכע געדרייטע טרעפּלעך פון דער שטיינערנער הייל, האָט שימען זיך אומגעקערט צוריק אפן אײַנגעפאָרענעם וועג, וואָס האָט געפירט צו דער מאשין-טראקטאָר-סטאנציע. ס'האָט זיך פון דאָרט דערטראָגן א פארטויבטער רויש. דער הימל אין יענער זײַט איז געווען אינגאנצן א ריינער, אָן די געקרײַזלטע וואָלקנדלעך, וועלכע האָבן זיך אומגעדרייט איבער דעם פעלדזיקן בארג, ניט האָבנדיק ווו זיך אהינצוטאָן. שימען האָט זיך מיטאמאָל דערמאָנט, אז ווען ער איז יענע וואָך געגאנגען אין דער סאָלדאטסקער קלויז, איז דער הימל אויך געווען אזא בלויער און לויטערער. ווײַזט אויס, אז אפן פראָנט איז ער געוואָרן א ביסל אָן אָבערגלויבערישער. ער וועט ניט אופהערן זיך ריכטן אף א נעס, אויב אפילע דער מעכאניקער איסאק באַבאָוויטש, צו וועמען ער גייט, וועט באלד אָפּנעמען בא אים די האָפענונג אף א נעס.

דער טראקטאָריסט אין דער אויסגעברענטער טיובעטייקע, בא וועמען שימען האָט, ארײַנקומענדיק אינעם גרויסן טומלדיקן הויף פון דער עמטעס, זיך אָנגעפרעגט אפן מע-כאניקער באַבאָוויטשן, האָט אים אָנגעוויזן אפן מאנצבל אין דער סאָלדאטסקער גימנאסטיאָר-קע און קירזעווע שטיוול, וועלכער האָט זיך געייסעקט אפן שטויביקן גראָז מיט די אינגע-ווייַדן פון א קאליע-געוואָרענעם מאָטאָר.

שימען ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס, נאָר ווען ער איז געגאַנגען אַהער, האָט איסאַק נאָו־מאָוויטש זיך אים אַנדערש פאָרגעשטעלט. ער האָט דערוואַרט צו זען אַ יונגן מענטשן, און דערזען האָט ער פאַר זיך אַ באַיאָרטן מאַן און אינגאַנצן ניט ענלעך אויף קיין ייִדן. בײַ אים זײַנען העלע אויגן, אַ העלע געדיכטע באָרד און אַ ברייטלעכע נאָז. די באָרד וואַקסט בײַ אים מער אין דער גרעב און ניט אויף אַראָפּ, נאָר אויף אַרויף, דעקט צו מיט זיך דאָס גאַנצע קימאַט ביז די אויגן. דערלאַנגענדיק אים די האַנט, האָט שימען, ווי ער זאָל זיך וועלן אײַ־בערצײַגן, אַז דער מענטש, וועמען ער זעט פאַר זיך, איז ווירקלעך איסאַק נאָומאָוויטש באַ־באָוויטש, האָט ער זיך באַגריסט מיט אים אויף ייִדיש:

— שאַלעם־אַלייכעם.

ניט געײַלט, עס זײַנען צו אים, הייסט עס, נאָך ניט דערגאַנגען דער באַטײַט פון אָט די ווערטער, און ער וואַרט, אַז שימען זאָל זיי אים דערקלערן, צי ער האָט פּאַשעט פאַר־געסן און וויל אַז עמעצנס הילף אַליין זיך דערמאָנען, ווי איז אויף ייִדיש אָנגענומען צו ענט־פערן אויף דער דאָזיקער באַגריסונג, נאָר ס'איז דורך, האָט שימענען זיך אויסגעוויזן, אַ היפּשע ווײַלע, ביז באָבאָוויטש האָט זיך אָפּגערופן:

— אַלייכעם־שאַלעם. ווער זײַט איר? — אַרויסגעבראַכט האָט ער די ווערטער שווער־לעך אַ ביסל, שיר ניט טראַפּנווײַז, ווי איינער, וועמען ס'איז שוין לאַנג ניט אויסגעקומען צו ריידן אויף ייִדיש.

— איך בין ניט קיין היגער, — האָט שימען אים געענטפערט, — און געקומען אַהער ניט אויף לאַנג. קאָן זײַן, איך זאָל נאָך הײַנט אוועקפאָרן.

— און איך האָב געמיינט, אַז מע האָט אײַך געשיקט צו אונדז אַרבעטן. איר זעט, וויפל טראַקטאָרן מע דאַרף רעמאָנטירן, און ניטאָ ווער ס'זאָל אַרבעטן. איר רייכערט? — ער האָט אַרויסגענומען פון דער הויזן־קעשענע אַן אויסגענייט טאָרבעלע מאַכאָרקע און צוזאַמען מיט אַ שטיקל צײַטונגס־פּאַפּיר אויסגעשטרעקט שימענען.

— אַ דאַנק, איסאַק נאָומאָוויטש. איך רייכער ניט.

— כ'וואָלט אויך געדאַרפט וואַרפן. בײַ מיר זײַנען דורכגעשאָסענע לונגען. כ'קאָן זיך אָבער ניט אָפּגעווינען. — ער איז אַרויס מיט שימענען פונעם הויף. — דאָ טאָר מען ניט רייכערן. — צונויפגעדרייט מיט די געלבלעכע פינגער אַ גראָבן ציגאַר און אַרויס־געלאָזט דעם רויך דורך די ברייטע נאָזלעכער, האָט ער זיך געווענדט צום גאַסט:

— איז וואָס האָט אײַך געבראַכט צו מיר?

— לאָמיר זיך צוזעצן, — שימען האָט אַ טראָט געטאָן צו דעם שטאַבעל קלעצער אויף דער לאָנקע בײַ דער זײַט פונעם וועג. — איך דאַרף זיך מיט אײַך דורכריידן וועגן איינעם אַ וויטביקער איניען.

אַשטייגער? — האָט באָבאָוויטש געפרעגט, צוזעצנדיק זיך צו שימענען אויף די קלעצער.

— איר האָט געקענט אַ ייִנגעלע סערוועשר סאַמעדינאָוו?

באָבאָוויטש האָט מיט כשאַד אַ קוק געטאָן אויף שימענען:

— ווער האָט אײַך געזאָגט?

— אַ נאַפּקעמינע ווער. ס'איז דאָך שוין איצט ניט קיין סאָד. אין באַכטשיסאַרײַ האָט מען מיר דערציילט, אַז איר האָט אים געזען שוין נאָך דעם, ווי מע האָט פאַרטריבן פונדאַנען די דײַטשן. איר האָט אים טאַקע אַליין געזען?

דער מעכאַניקער האָט ניט אָפּגעפירט פון שימענען דעם בליק:

— איר קערט זיך מיט אים עפּעס אָן, וואָס איר פרעגט זיך אַזוי נאָך?

— יאָ. זאָגט מיר אָבער, ער לעבט? ער האָט זיך געראַטעוועט?

— ער לעבט. ער לעבט.

— איר האָט אים אַליין געזען? טאַקע אַליין געזען?

— נו, אַוודאי האָב איך אים געזען. אָט, ווי איך זע אײַך.

— ווען?

— אינעם זעלבן טאָג, ווען מע האָט באַפרײַט אונדזער דאָרף. דעם עמעס געזאָגט, פאַרשטיי איך ניט, פאַרוואָס האָט דאָס ייִנגל געדאַרפט זיך אויסבאַהאַלטן?

— מיך וווּנדערט אויף אײַך, איר זאָלט אַזעלכעס פרעגן. דאָס ייִנגל איז דאָך אַ האַל־בער ייִד.

— ווער האָט אײַך געזאָגט?

— ווער?

— נו יאָ, ווער? דאָס ייִנגל איז א טאַטער. זײַנע עלטערן האָבן, קענטיק, זיך אָנגע־לעבט סאָנים, האָבן זיי אויסגעטראַכט, אַז בא סערווערן איז דער פאָטער א ייִד, און א האַלבן ייִדן האָבן די דײַטשן, ווי איר ווייסט, געהאַרגעט. איבערלאָזן דאָס ייִנגל אין באַכטשיסאַרײַ, קוים גייען ארום אזעלכע קלאַנגען, איז געווען א גרויס געפאַר, האָט די באָבע זײַנע אים געבראַכט זיך באַהאַלטן צו אונדז אין דאָרף. זי האָט דאָרט געהאַט באַקאַנטע טאַטערן, וועמען מע קאָן זיך אָנטרויען. דאָס דאָרף אונדזערס איז געווען א מין אינטערנאַציאָנאַל, דאָרט האָבן געוווינט אויך עטלעכע ייִדישע מישפּאָכעס. אַלע אין דאָרף האָבן געוווּסט, בא וועמען באַהאַלט זיך אויס דאָס ייִנגל. מיך מיטן הויזגעזינד האָט מען דאָרט אויך אויסבאַ־האַלטן. מיר האָבן צוליב דער אייגענער שולד ניט באַוויזן צו דער צײַט זיך עוואַקויִרן. קיינער האָט אָבער קיינעם ניט ארויסגעגעבן.

— פאַר דער מילכאָמע זײַנען דאָ געווען, האָב איך געהערט, א סאַך ייִדישע דערפער.

— איר ווילט וויסן, פאַרוואָס האָב איך זיך ניט באַזעצט אין קיין ייִדיש דאָרף?

— ניין, דאָס האָב איך גלאַט אזוי געפרעגט. מיר גייט עס ניט אָן. דערציילט מיר אַלץ, וואָס איר ווייסט וועגן סערווערן. עפשער ווייסט איר עפּעס אויך וועגן זײַן מוטער?

— אז די דײַטשן האָבן דערשמעקט די באָבען, ווײַל זי האָט ניט געוואָלט אויסגעבן, ווו באַהאַלט זיך אויס איר אייניקל, האָט מען איר אין באַכטשיסאַרײַ מיסטאָמע דערציילט, וויבאַלד איר האָט זיך דאָרט אָנגעפרעגט וועגן דעם ייִנגל. און וועגן דער מוטער זײַנער זאָגט מען, אז די דײַטשן האָבן זי פאַרשיקט אין א לאַגער פאַר ניט אָנווײַזן, אז דאָס ייִנגל אירס איז פון א ייִדן. ס'איז דאָך אָבער א ליגן. סערווער איז ניט קיין האַלבער ייִד. ער איז א טאַטער. ווהין, אין וועלכן לאַגער האָט מען פאַרשיקט די מוטער און צי לעבט זי, דאָס ווייסט דאָ קיינער ניט. נאָר דער פאָטער לעבט.

— וועמענס פאָטער? — האָט שימען צעטומלט געפרעגט.

— דער פאָטער פונעם אָפּגעראַטעוועטן ייִנגל. ער איז מיט א קורצער צײַט צוריק דאָ געווען, זיך נאָכגעפרעגט אָף זײַן זון. אָף סערווערן.

— איר האָט ניט קיין טאָעס? — שימען האָט אָפּגעקערט די אויגן אין א זײַט.

— א טאָעס? ער איז אָפּגעזעסן בא מיר א גאַנצן טאָג. ער איז אַן אינוואַליד. געקומען פון דער מילכאָמע אָן א פוס. מע רופט אים אמעט. אמעט סאַמעדינאָוו. פונדאַנען איז ער אוועקגעפאָרן צום זון.

— צו סערווערן?

— נו, יאָ.

— ווהין?

— פּינקטלעך ווייס איך ניט. כ'ווייס בלויז, אז די, בא וועמען דאָס ייִנגל האָט זיך אויסבאַהאַלטן, זײַנען אריבערגעפאָרן ערגעץ קיין אוזבעקיסטאַן צי קאַזאַכסטאַן. איך בין שוין דאָרט דעמאָלט ניט געווען. ווי נאָר מע האָט באַפרײַט אונדזער ראַיאָן, בין איך גלײַך אוועק אָפּן פראָנט.

איסאַק נאַומאָוויטש האָט זיך אָפּגעשטעלט און פאַרכידעשט א הייב געטאָן די אַקסל.

— כ'קאָן נאָך אַלץ ניט פאַרשטיין, צו וואָס האָט מען באַדאַרפט אויסבאַהאַלטן דאָס ייִנגל, — האָט ער ווידער פאַרגעבן אי זיך, אי שימענען די זעלבע פראַגע, — אויב סײַ די מאַמע, סײַ דער טאַטע זײַנען בא אים טאָטערן?

— געדאַרפט וועגן דעם פרעגן בא סאַמעדינאָוון.

— כ'האָב אים געפרעגט. ער האָט מיר אָבער דערויף גאָרניט געענטפערט. און ווער קערט איר זיך אָן מיט זיי, מיט די סאַמעדינאָווס?

— זאָגט איר, אז סערווערן האָט מען אָפּגעראַטעוועט און ער לעבט? — דער טײַער־סטער מענטש אין אָט דער רעגע איז געווען פאַר שימענען דער מעכאַניקער פון עמטעעס. באַם געזעגענען זיך האָט ער אים שטײַף און לאַנג געדריקט די האַנט.

אומקערנדיק זיך צוריק אָף דער סטאַנציע, האָט שימען א טראַכט געטאָן, אז אומזיסט האָט ער אויסבאַהאַלטן פונעם מעכאַניקער, ווער קער ער זיך אָן מיטן אָפּגעראַטעוועטן ייִנגל. נאָר דאַכט זיך, אז באַבאָוויטש האָט צולעצט זיך אַליין עס אָנגעשטויסן, און דערפאַר האָט ער באַם געזעגענען זיך אזוי אײַנגעקוקט אין אים.

מאָדנע, די גרויסע פרייד פונעם נעס, די פרייד, וואָס ער האָט אָפּגעזוכט זײַן זון סער־ווערן, איז, צו שימענס פאַרוווּנדערונג, ניט איבערגעגאַנגען אין קיין גרויסן פאַטערלעכן געפיל, אָף וועלכן ער האָט זיך גערעכנט. שימען האָט עס זיך דערקלערט דערמיט, וואָס ער האָט סערווערן קיין איין מאָל ניט געזען, ניט געהאַלטן אָף די הענט, ניט געהוידעט אָף די קני, ווי דאַניעלקען, ווי וואַלאָדינקען און גאַלינקען, און אָן דעם איז, ווארשײַנלעך, שווער

ארויסרופן אין זיך די גרויסע פּאַטערלעכע ליבע. בלויז אין דערינגען האָט פרײדין אײַנגעזען דעם אונטערשייד אין זײַנע פּאַטערלעכע געפילן צו סערווערן און צו די איבעריקע קינדער. אין אלעם אנדערן איז סערוועער אים פונקט אזוי ליב און טײַער, ווי זיי.

נאָר ניט די צוגלאַשנקײַט פונעם גרויסן פּאַטערלעכן געפיל האָט אָפּגעהאַלטן פריידינען, אז ער זאָל אויך, ווי נײַלעס מאַן, זיך לאָזן פונדאַנען קיין קאַזאַכסטאַן צי אוזבעקיסטאַן זיך זען מיט סערווערן. נו גוט. ער וועט אים, פאַרשטייט זיך, דאָרט סאַפּקאַלסאַף אָפּזוכן, וויבאלד ער לעבט. וואָס וועט ער אים אָבער זאָגן און וואָס האָט ער אים צו זאָגן? אז ניט אמעט סאַמעדינאָוו, נאָר ער, שימען פרײדין, איז זײַן טאַטע, און אז איבער דעם האָט ער, סערוועער, אזוי געליטן, אז איבער דעם האָט מען בא אים אָפּגענומען און פאַרשיקט אין א פאַשיסטישן לאַגער די מוטער און דערהארגעט די באָבע? און וואָס וועט ער, שימען, זאָגן אמעט סאַמעדינאָוון, וועמען סערוועער האָט ביז איצט מיסטאָמע געהאַלטן פאַר זײַן טאַטן און גערופן אים טאַטע? שימען קאָן זיך עס ניט געבן צו פאַרשטיין, נאָר טיף אין אים לעבט די האָפענונג, אז נײַלע איז ניט אומגעקומען, זי לעבט, זי וועט זיך צוריקקערן און דאַן אליין אלץ דערציילן דעם זון.

און טאַמער נאַרט אים אָפּ דאָס פּאַרגעפיל? דאָס קאָן באַווײַזן בלויז די צײַט. אויב אין א יאָר צי צוויי ארום וועט נײַלע זיך פאָרט ניט אָפּרופן, וועט ער אויוועער זײַן אָפּן וואָרט, וועלכן ער האָט איר דעמלט געגעבן, און אליין אלץ אנטפּלעקן דעם זון. שימען דאַרף זיך פאַרן זון ניט פאַרענטפערן. ניט איבער זײַן שולד דערוויסט זיך סערוועער דערפון אין אזויפיל יאָר ארום. דער זון וועט אים פאַרשטיין. סאַפּקאַלסאַף איז ניט אזוי וויכטיק, צי וועט די באַגעגעניש ברענגען מיט זיך פאַר סערווערן די צוגעבונדנקײַט פון א זון צו א טאַטן און פאַר אים, שימענען, די נאָענטקײַט פון א טאַטן צו א זון. וויכטיק איז, אז זייער זון זאָל אויך ווייסן, ווער איז זײַן טאַטע, פונקט ווי ער ווייסט, ווער איז זײַן מאַמע, און פאַרגעדענקען אָפּן גאַנצן לעבן, אז מענטשן פונעם פאָלק, פון וועלכן עס שטאַמט זײַן מוטער, האָבן אײַנגעשטעלט דאָס לעבן און אים געראַטעוועט פון זיכערן טויט, ווען דער אוטאָמאַט איז געווען אָנגעצילט אין אים.

ווער קאָן אָבער פאָרויסזען, וווּהין וועט אין א יאָר צי צוויי ארום פאַרטראָגן סערווערן. איינס איז פרײדינען קלאָר: צוריק אין דער שטאָט, וווּ די סאַמעדינאָווס האָבן געלעבט פאַר דער מילכאָמע, וועט אמעט זיך ניט אומקערן, וויבאלד מע איז אים דאָרט כוישעד, אז ער איז ניט סערוועערס לײַבלעכער פאָטער. איז וויאזוי וועט ער זיי געפינען? געדאַרפט געוועזן בעטן דעם מעכאַניקער, ער זאָל זיך דערוויסן און צושיקן אים דערנאָך זייער אדרעס.

„צו וואָס?" — האָט שימען אין א ווײַלע ארום זיך געפרעגט. פאַרוואָס קען ער אליין ניט אָנשרײַבן אין די אדרעסן-ביוראָ פון אוזבעקיסטאַן און קאַזאַכסטאַן און זיך דערוויסן בא זיי, וווּ געפינט זיך די מישפּאָכע סאַמעדינאָוו? און דערנאָך? דערנאָך וועט ער זיי אליין אָנשרײַבן. ער וועט זיך ניט אָנרופן מיטן אייגענעם נאָמען, נאָר זיך ארויסגעבן פאַר איסאַק באַבאָוויטשן. קיין כשאַד קאָן עס בא נײַלעס מאַן ניט ארויסרופן. באַבאָוויטש האָט דאָך אליין אונטערגעזאָגט אמעטן, אין וועלכע קאַנטן זוכן דעם זון. יאָ. אזוי בלײַבט טאַקע. ווו ער זאָל ניט זײַן, וועט ער פון צײַט צו צײַט זיך דורכשרײַבן מיט זיי, אויסבאַהאַלטנדיק זיך אונטערן נאָמען איסאַק באַבאָוויטש. דער מעכאַניקער, אויב ער וועט זיך דערפון דערוויסן, וועט ניט האָבן אף אים איבער דעם קיין פאַריבל.

אויסער אלעם, קאָן שימען זיך איצט ביכלאַל ניט אוועקלאָזן אין אזא ווײַט, ווי קאַזאַכסטאַן און אוזבעקיסטאַן. אינדערהיים וואַרט אף אים די פרוי, ס'קוקן ארויס די קינדער. ער איז אוועקגעפאָרן אף עטלעכע טעג, און ס'איז שוין צוויי וואָכן, ווי ער איז אין וועג. ווער ווייסט, עפשער דערוואַרט אים אין שטוב א בריוול פון טאַיסען. מייער-זאַלמען פון סאַלדאַטסקן קלויז האָט אים צוגעזאָגט, אז ווי נאָר ער וועט עפּעס דערגיין וועגן די ברוידעס, וועט ער עס באַלד איבערגעבן דעם ווײַבל, וואָס וווינט אינעם אייבערשטיבל פון זײַן געוועזענעם שווערס הויז.

24

די ווײַט, וווּהין ס'האָבן פאַרטראָגן שימען פרײדינען די געשעענישן פון אזויפיל יאָרן צוריק, וועלכע זײַנען דורכגעגאַנגען פאַרבײַ אים אין א סיידער, איינע נאָך דער אנדערער, אָפּן עקראַן פון זײַן זיקאָרן, האָט אים אומגעקערט צוריק אהער אין צימער, ווען דעם עקראַן פונעם טעלעוויזאָר האָט פאַרנומען א לאַנגער אומעטיקער וועג, און איבער אים איז מיט

מידע שווערע טריט געגאנגען דער העלד פונעם פילם. מיט יעדער רגע איז דער אוועקגייענדיקער פארשוין געוואָרן אלץ קלענער און קלענער. אָט־אָט וועט ער פארשווינדן אינעם אויסגעבלייכטן האָריזאָנט.

מיטן זעלבן פינאל, ווי עס פארענדיקן זיך פיל בילדער, האָט זיך אויך פארענדיקט דער פילם „א טאָג מיט א נאכט". שימען מיט לידען זײַנען אָפּגעזעסן פון אָנהייב ביזן סאָף. אין אונטערשייד פון זײַן פרוי, האָט שימען אויסער א דרײַ־פיר קאדרען מער גאָרניט געזען, כאָטש ער איז אף קיין רגע ניט אָפּגעטראָטן פונעם טעלעוויזאָר.

שימען איז זיך טויע געווען, קלערנדיק, אז לידע איז געווען פארכאפט דערפון, וואָס עס איז דורכגעגאנגען פארבײַ זיי אפן עקראן. זי האָט אָבער מיט גאָרניט געקאָנט צוהעלפן אונטערצוטרײַבן דעם גאנג פון די געשעענישן צי פארקירצן זיי, און דערמיט דערנעענטערן די מינוט, ווען דער עקראן וועט איבערכאזערן די נעמען פון די אָנטיילנעמער, און זי וועט דערזען צווישן זיי דעם נאָמען און די פאמיליע פון איר מאנס פארלוירענעם זון: דאניעל פריידין.

נאָר נאָך דעם, ווי דער הויפט־העלד פונעם פילם האָט זיך אזוי דערווײַטערט, אז ער האָט זיך קוים שוין אָנגעזען אפן הארבסטיקן אומעטיקן וועג, וואָס האָט זיך געצויגן צום נידעריקן האָריזאָנט, איז מיטאמאָל אלץ פארשווּנדן, און אפן עקראן האָט טונקל א לײַכט געטאָן בלויז איין־און־איינציק וואָרט: ענדע.

— אלץ? — און כאָטש דער טעלעוויזאָר האָט נאָך מיט א מינוט פריִער געענטפערט דערויף לידען דײַטלעך קלאָר, דעם עקראן האָט שוין געהאט פארכאפט א יונגער גוואר מיט א מיקראָפאָן באם סאמע מויל, דאָך האָט לידע פון אָרט זיך ניט גערירט. זי האָט זיך נאָך טיפער אראָפגערוקט אין פאָטעל, ווי זי זאָל זיך וועלן אויסבאהאלטן פון שימענען, ער זאָל זי ניט ארויסזען. לידע האָט זיך געפילט שולדיק פארן מאן, זיך געשעמט פאר זיך אליין. פונוואנען האָט זיך צו איר גענומען אָט די זיכערקײַט, אז צום סאָף פונעם פילם וועט מען ווידער אָנווײַזן די פאמיליע־נעמען פון די אָנטיילנעמער? איבער איר האָט שימען געפאטערט אומזיסט צײַט. זי האָט אים צוגערעדט קוקן אָט דעם אומעטיק־צעצויגענעם פילם, בייס זי האָט געוווּסט, אז ער איז ביז דעם געווען אינגאנצן ארײַנגעטאָן אינעם בילד „דער וועג", וואָס האָט זיך אים שווער געגעבן ארויסענדיקן. לידע ווייסט אָבער פארפריִער, אז שימען וועט איר גאָרניט זאָגן. פארקערט, זאָל זי פרוּוון זיך פאר אים אנטשולדיקן, וועט ער זי גלײַך אָפשטעלן און נעמען פארזיכערן, אז אים איז ניט איין מאָל אויסגעקומען זען פילמען, ווו צום סאָף ווערן ווידער אָנגעוויזן אפן עקראן די פאמיליעס פון די אָנטיילנעמער.

— וואָס ערגערסטו זיך, טײַערינקע? — שימען האָט צארט אוועקגעלייגט די האנט איר אפן אקסל. — ס'האָט זיך דען עפעס געענדערט דערפון, וואָס מע האָט דערמאָנט די אָנטיילנעמער בלויז איין מאָל און ניט צוויי מאָל?

— מיר האָט זיך אזוי געוואָלט, סעניעטשקע, אז דו זאָלסט אליין איבערלייענען און זען.

— קינד דו איינע, — שימען האָט זיך צוגעזעצט צו איר אפן אָנלען פון פאָטעל, — איך סאָפעק דען? פריידין אָבער, מײַן טײַערע, איז ניט קיין זעלטענער פאמיליע־נאָמען. אין די יאָרן, ווען איך בין געווען א סטודענט, איז לעבן דעם טעלעפאָן־אפאראט בא אונדז אין צוזאמענוווינונג געלעגן א גראָבער בוך, ווו לויטן אלעפבייס זײַנען געווען אָנגעוויזן אלע אבאָנענטן. כ'האָב אים ניט איין מאָל איבערגעבלעטערט, גלאט אזוי. ווייסט, וויפל פריידינס איך האָב דאָרט דעמלט אָנגעציילט? א וועלט.

— אָבער דאָ איז דאָך אויסער דער פאמיליע געווען אָנגעוויזן אויך דער נאָמען. דאניעל. איך האָב ניט קיין טאָעס, סעניעטשקע. פריידין דאניעל איז געווען אָנגעוויזן.

— דאניעל, מײַן טײַערינקע, איז אויך ניט קיין זעלטענער נאָמען. כ'האָב ניט איין מאָל באגעגנט אין די צײַטונגען די פאמיליע פריידין אויך מיטן נאָמען דאניעל. איך האָב, פארשטייט זיך, גלײַך זיך אָנגעפרעגט. נאָר יעדעס מאָל האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ס'איז אן אנדער דאניעל פריידין. טײַערינקע מײַנע, ס'איז דאָך שוין העכער דרײַסיק יאָר נאָך דער מילכאָמע. צי דען וואָלט ער זיך ניט אָפגערופן, ווען ער זאָל געווען בלײַבן לעבן? טאיִסע, ווי איך ווייס, וווינט ביז איצט נאָך אין זייער שטוב. בא איר איז די אלע יאָרן געווען מײַן אדרעס.

— פונדעסטוועגן, סעניעטשקע, שרײַב אים אָן. טו מיר צוליב. איך בעט דיך. שרײַב אים אָן, — זי האָט אוועקגעלייגט דעם קאָפ אים אף די קני. — אין לעבן טרעפט דאָך אלץ. שרײַב אים אָן. עפשער איז עס פאָרט דײַן דאניעלקע.

— וווּהין זאָל איך אָנשרײַבן? כ'האָב דאָך ניט זײַן אדרעס.

— און וווּהין פלעגסטו שרײַבן יענע?

— וועמען? די, וועלכע איך פלעג באַגעגענען אין די צײַטונגען און הערן וועגן זיי אין דער ראַדיאָ? אין די רעדאַקציעס פון די צײַטונגען פלעג איך אָנשרײַבן. אין די רעדאַקציעס און אין די ראַדיאָ-סטודיעס.

— און אים שרײַב אָן אין דער קינאָ-סטודיע.

— אין וועלכער?

נאָר גראָדע דאָס, וועלכע קינאָ-סטודיע איז געווען אַנגעוויזן — „מאָספילם” צי „לענפילם”, האָט זיך לידען ניט פאַרגעדענקט. און וויאַזוי האָט זי געקאָנט פאַרגעדענקען, ווען מענס סקולפּטור איז דורך פאַרבײַ איר אויפן עקראַן, די סקולפּטור פונעם אַרבעטער און פויער צי פונעם קופּערנעם רײַטער, נאָך דעם, ווי פונעם זעלבן טעלעוויזיע-עקראַן האָט אַראָפּגעלויכטן דער נאָמען און די פאַמיליע פון סעניעס זון?

לידע האָט זיך אופגעהויבן:

— איך וועל זיך באַלד דערוויסן.

זי האָט אָנגעקלונגען צו עטלעכע אירע באַקאַנטע. קיינער פון זיי האָט אָבער הײַנט ניט איבערגעשלאָסן דעם טעלעוויזאָר אויף דער צווייטער פּראָגראַם און ניט געזען דעם פילם „א טאָג מיט א נאַכט”. עמעצער האָט איר געראָטן זיך אָנפרעגן אין דער היגער טעלעוויזיע-סטודיע.

— נו אָט, — איז לידע אַרײַנגעלאָפן א גליקלעכע צו שימענען אינעם שכײנעסדיקן צימער, ווו זי האָט אים געטראָפן בא דעם שאָך-ברעטל מיט די פאַנאַנדערגעשטעלטע פיגורן, — כ'האָב זיך דערוווּסט, דעם פילם האָט געשטעלט די לענינגראַדער קינאָ-סטודיע. נעם און שרײַב אָן אַהין.

— גוט, כ'וועל אָנשרײַבן.

— ניין, דו שרײַב שוין אָן. לייג ניט אָפּ. נו, איך בעט דיך, — זי איז ניט אָפּגעטראָטן, געבעטן זיך בא אים, גלײַך זי זאָל געווען זײַן די מוטער פון זײַן פאַרלוירענעם זון.

פריידין האָט זיך גזעצט שרײַבן דעם בריוו אָן דער מינדסטער האָפענונג, אַז דער, צו וועמען ער ווענדט זיך, וועט אים ענטפערן אַנדערש, ווי די פריערדיקע דאַניעל פריידינס, בא וועמען ער האָט זיך אָנגעפרעגט וועגן דעם זעלבן. ער האָט פּשוט נאָכגעגעבן לידען, געטאָן עס מער צוליב איר. ער אַליין איז פון לאַנג שוין געווען זיכער, אַז דער בכאָר זײַנער איז אומגעקומען, אויב אפילו דערלאַזן, אַז עפּראַים ברוידע האָט א שפּײַ געטאָן אויפן אָנגעזאַמלטן פאַרמעגן און זיך עוואַקוירט. אויב דאָס האָט זיך אַפילו אַזוי פאַרלאָפן, איז עס אָבער געשען, איז שימען זיכער, אין דער סאַמע לעצטער מינוט, ווען ס'איז ניט געווען שוין וווהין צו ליפן, און זיי זײַנען אומגעקומען אין וועג. זיי זאָלן געווען בלײַבן לעבן, וואָלטן זיי דאָך געוויס זיך אומגעקערט אַהיים, צו זיך אין שטוב, און ער, שימען, וואָלט זיך גלײַך דערפון דערוווּסט.

דער דאָזיקער בריוו האָט זיך מיט גאָרניט אויסגעטיילט פון אַלע פריערדיקע, וועלכע ער האָט ביז אַהער אָנגעשריבן צו פאַרשיידענע דאַניעל פריידינס.

נאָך דעם, ווי שימען האָט אָנגעוויזן אינעם בריוו דעם טאָג, דעם כוידעש, דאָס יאָר און די שטאָט, ווו זײַן זון, וועמען ער זוכט, איז געבוירן, וויאַזוי האָט מען גערופן זײַן מאַמע, זײַן זיידן און די באָבען, זייערע אַלעמענס פאַמיליע-נעמען, האָט שימען, דערצייילנדיק קורץ וועגן זיך, ניט פאַרגעסן צוגעבן, אַז ער איז אַן אינזשעניער, האָט א הויכן געהאַלט, וווינט אין א צווייצימערדיקער קאָאָפּעראַטיווער דירע, באַקלאָגט זיך ניט אויפן געזונט און נייטיקט זיך לאַכלוטן אין גאָרניט.

ווי דערוווּדער ס'איז ניט געווען פריידינען אָנווײַזן וועגן דעם אינעם בריוו, האָט ער אָבער קיין איין וואָרט פונעם אָנגעשריבענעם ניט אויסגעמעקט. ער האָט ניט געוואָלט צומאַכן די אויגן דערויף, אַז ניט יעדער זון האָט כיישעק זיך באַגעגענען אין אַזויפיל יאָר אַרום מיט א טאַטן צי א מאַמען, אויב ער ווייסט ניט פאַרפריער, אַז זיי זײַנען באַזאָרגט, אַז זיי נייטיקן זיך ניט אין זײַן הילף.

צו דער נאַכט האָט דער רעגן זיך צעשפּילט, און מיט א ווינט, אַז ס'איז די טיר ניט צו עפענען. לידען האָט עס ניט אָפּגעשטעלט. זי האָט ניט איבערגעלאָזט דעם בריוו נעכטיקן אין שטוב, ווי זי זאָל מוירע האָבן, אַז שימען קאָן פּלוצעם איבערקלערן, און אַרײַנגעוואָרפן דעם בריוו אינעם פּאָטשטקעסטל אויפן ראָג פון דער שכײנעסדיקער גאַס.

25

פֿון יענער רעגנדיקער נאַכט איז אַריבער שוין ניט איין כוידעש, נאָר קיין ענטפֿער אױפֿן אָפּגעשיקטן בריװ איז אַלץ ניט געװען.

שימענען האָט עס אױפֿגעהערט װוּנדערן, ער האָט נאָך מיט אַ צײַט פֿריִער אױפֿגעהערט װאַרטן אױף אַן ענטפֿער. ס'איז אים אָן דעם געװען קלאָר, אַז דער דאַניִעל פֿריידין, װעמען ער האָט דאָס מאָל געשריבן, האָט אױך ניט קיין שײַכעס צו זײַן פֿאַרלױרענעם זון, און דערפֿאַר רופֿט ער זיך ניט אָפּ. אַלנפֿאַלס, דער געדאַנק, אַז אױב ס'איז װירקלעך זײַן זון, נאָר ער רופֿט זיך ניט אָפּ, װײַל ער האָט אױף אים אַ האַרץ, קאָן אים ניט מױכל זײַן פֿאַרן באַגיין זיך אַזױ מיט זײַן מוטער, מיט כאַנעלען, זעט אױס שימענען אינגאַנצן שױן װילד. און דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז דאַניִעל איז אים כױשעד... האָט ער דאָך קלאָר און דײַטלעך אָנגעשריבן, אַז ער פֿאַרלאַנגט פֿון אים גאָרניט. פֿאַרקערט. ער איז גרייט אים אַלץ אָפּגעבן. ער װיל בלױז װיסן, צי לעבט ער.

און כאָטש שימען האָט ניט געװאַרט שױן אױף קיין ענטפֿער, ניט געריכט זיך, אַז מיט זײַן בכאָר האָט אױך געקאָנט געשען אַ נעס, װי מיט זײַן ייִנגערן זון, מיט סערװערן, דאָך האָט ער נאָך אַלץ זיך אױסגעמאָלט, װיִאַזױ װאָלט אױסגעזען זײער באַגעגעניש. דאַניִעל װאָלט אים געװיס ניט דערקענט, װען כאַנעלע זאָל אַפֿילע געװען האָבן פֿאַרהיט בײַ זיך איר געװעזענעם מאַנס בילד און עס ניט אױסבאַהאַלטן פֿון דעם זון. נו, און ער, שימען, ער װאָלט אים דערקענט? דאַניִעלן װאָלט איצט שױן געװען װײַט אַריבער די פֿערציק. שימען שטעלט זיך אים אַנדערש ניט פֿאָר, װי מיט אַ באָרד און װאָנצעס און ייִנגליש געקליידט, אָט װי סערװער, װאָס איז מיט אַ פּאָר יאָר פֿאַר דעם, װי שימען איז זיך צונױפֿגעגאַנגען מיט דער איצטיקער פֿרױ זײַנער, מיט לידען, געקומען צום ערשטן מאָל זען זיך מיט אים. שימען איז צופֿעליק געװען דאַן אין לענינגראַד, זיך פֿאַרהאַלטן דאָרט אַ פּאָר טעג, איז סערװער געקומען אַהין צו פֿליִען. שימען האָט אים דערקענט, װי נאָר ער האָט אים דערזען אױפֿן אַעראָדראָם. ער װאָלט אים זיכער דערקענט, װען נײַלע זאָל מיט אַ שטיקל צײַט פֿאַר דעם אַפֿילע ניט געװען צושיקן זײער זונס פֿאָטאָגראַפֿיע. פֿונעם ערשטן בליק אױף אים האָט שימען דערקענט אינעם זון אי זיך, אי נײַלען. די דאָזיקע באַגעגעניש װעט זיך אים קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן. עס װעלן זי, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן אױך די, װעלכע זײַנען בײַגעװען דעמלט אױפֿן אַעראָדראָם. צום ערשטן מאָל אין לעבן איז זײ מיסטאָמע אױסגעקומען זען, װי אַ באַיאָרטער מאַנצביל האָט אַרױפֿגעכאַפּט אױף די הענט אַ מענטשן מיט אַ געדיכטער באָרד און װאָנצעס און אים צוגעדריקט צו זיך, װי אַן אײפּעלע, און געװײנט... זײַן באַגעגעניש מיט סערװערן, װעמען ער האָט ביז דאַן קיינמאָל ניט געזען, האָט שימען געקאָנט זיך פֿאָרשטעלן, װײַל ער האָט געװוּסט, אַז סערװער לעבט... אָבער דאַניִעל... און אױב שימען האָט צײַטנװײַז פֿאָרט געקאָנט זיך פֿאָרשטעלן דאַניִעלן װי אַ לעבעדיקן, איז עס גיכער פֿון אַלץ דערפֿאַר, װײַל לידע האָט פֿונעם ערשטן טאָג פֿון זײער כאַסענע ניט געלאָזט פֿאַרלירן גיין אין אים די האָפֿענונג, אַז דער עלטערער זון זײַנער װעט זיך אױך אָפּזוכן, אונטערגעהאַלטן אין אים די אַלע יאָרן דעם גלױבן אין אַ נעס. אָבער זיכער איז ער, אַז ס'איז אַן אומזין צו גלײבן אין דעם. שימען האָט אַפֿילע קיין איין טאָג אַזױ ניט אַרױסגעקוקט און ניט געװאַרט אױף אַן ענטפֿער, װי דאָס װײַב. פֿאַר לידען איז געװען לאַכלוטן קלאָר, אַז דעם מאַנס בריװ איז פּאָשעט פֿאַרלױרן געגאַנגען. ס'קאָן ניט זײַן, אַז עס זאָל זיך געפֿינען אַ מענטש, װעלכער זאָל ניט ענטפֿערן אױף אַזאַ בריװ. אַזױנס קאָן זי ניט דערלאָזן, און װיל ניט דערלאָזן.

צוגעװאַרט נאָך אַ פּאָר װאָכן, איז לידע צוגעשטאַנען צום מאַן, ער זאָל איבעראַנײַס אָנשרײַבן יענעם. סאָפּקאַלסאָף קאָן זי אים אַליין אָנשרײַבן. זי האָט פֿון שימענס פֿריִערדיקן בריװ גוט פֿאַרגעדענקט, װען און װוּ איז זײַן דאַניִעל געבױרן, װי רופֿט מען זײַן מאַמע, איר מיידלשן פֿאַמיליע־נאָמען און אַלעס איבעריקע.

װען שימען איז שױן געװען גרייט נאָכגעבן לידען און באַנײַס זיך אָנפֿרעגן באַם אָנטײלנעמער פֿונעם פֿילם „אַ טאָג מיט אַ נאַכט", צי איז ער ניט געבױרן דאָרטן און דאָרטן, אין דעם און דעם טאָג און יאָר, בײַ די און די עלטערן, און אַזױ װײַטער, איז אָנגעקומען דער לאַנג־דערװאַרטער בריװ. אָנגעהױבן האָט דער מענטש פֿון דעם, אַז ניט איבער זײַן שולד האָט ער אַזױ לאַנג ניט געענטפֿערט. ער איז פּאָשעט און פּראָסט ניט געװען אינדערהיים. ער איז אַ קינאָ־אָפּעראַטאָר, און די געשעענישן פֿונעם נײַעם פֿילם, איבער װעלכן זײ אַרבעטן, קומען פֿאָר אין פֿאַרשיידענע עקן לאַנד. העכער דרײַ כאַדאָשים איז ער געװען אונטערװעגנס, װוּ געטאָגט, ניט גענעכטיקט. יאָ, װירקלעך, מע רופֿט אים טאַקע דאַניִעל, און

די פאַמיליע זײַנע איז פריידין. אָבער זײַן טאַטן רופט מען ניט שימען, נאָר יעפּים, און די מוטער הייסט אידע, ניט כאַנע. אויסער דעם איז ער געבאָרן ניט דאָרט, וווּ שימען ווײַזט אָן, נאָר אין לענינגראַד און שוין נאָך דער מילכאָמע.

26

צי אין שײַכעס דערמיט, ווײַל דער אָנגעקומענער בריוו האָט ווידער אָפּגענומען בײַ שימענען די האָפענונג, וועלכע לידע האָט, זינט זיי זײַנען מאַן און ווײַב, אונטערגעהאַלטן אין אים, ניט געלאָזט אינגאַנצן פאַרלירן דעם גלויבן, אַז דאַניעל וועט זיך וועןניט־איז פּאָרט אָפּזוכן, צי די צוויי יאָר אַפן פראָנט האָבן מיטאַמאָל געגעבן וועגן זיך אַ דערמאָן, נאָר אין אַ קורץ שטיקל צײַט אַרום, ווי ער האָט דערהאַלטן דעם בריוו, איז געשען אַזוינס, אַז ניט די פרוי זײַנע, וואָס איז אַ דאָקטער, און פריער פון אַלץ גופע שימען אַליין, האָבן זיך דערוף לאַכלוטן ניט געריכט. ביידן איז שווער געווען זיך פאָרשטעלן, אַז צו אים, פאַר וועמען זיך דורכלויפן נאָך די פיזקולטור־איבונגען צו דעם מער ווײַטערן זאַטל פון די בערג, איז געווען אַ געוויינלעכער שפּאַציר, און פאַר וועמען ס'האָט ניט געהאַט קיין ווערדע אופהייבן אַ צען־פופצן מאָל נאָכאַנאַנד אַף אַן אויסגעצויגענער האַנט אַ צוואַנציק־קילאָגראַמאָווע האַנטעל, זאָל מען פּלוצעם דאַרפן אַרויסרופן די גיכע הילף. אַרויסגערופן האָט מען זי אָבער ניט אינמיטן דער נאַכט, ווען שימענען האָט אופגעוועקט פון שלאָף אַ מאָדנער ווייטיק, ניט קאָנענדיק אַף קלאָר נאָך באַנעמען, וווּ, אייגנטלעך, טוט אים וויי. פון אָנפאַנג האָט זיך אים געדוכט, אַז פונעם קישן שטאַרצט אַרויס אַ נאָדל און זי שטעכט זיך אים אַרײַן אין אַקסל סאַמע אונטער דער לאָפּעטקע. ער האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ פונעם קישן, דורכגעפירט עטלעכע מאָל מיט דער האַנט איבערן ציכל און דאָרט גאָרניט אָנגעטאַפּט. ער האָט אָבער פאָרט געפילט שאַרפע נאָדל־שטעך, איצטיקס מאָל שוין אויך אין דער ברוסט. דער ווייטיק גיט מיט יעדער רעגע זיך שטאַרקער צו פילן, נעמט אָפּ די לופט, לאָזט ניט עטעמען.

בײַ לידען דאַרפן געוויס זײַן אוועלכע־ניט־איז טאַבלעטקעס אַף צו לינדערן די ווייטיקן. ער האָט אָבער מוירע זי אופוועקן, זי זאָל זיך ניט איבערשרעקן, ווי אַנומלטן, ווען ער האָט זי אינמיטן נאַכט אופגעהויבן פון בעט. דעם שאָכן פונעם אַנדערן שטאָק איז פּלוצעם געוואָרן שלעכט, די אַרויסגערופענע גיכע הילף האָט זיך געזאַמט, האָט מען אָנגעקלאַפּט צו פריידינען. די שכיינים פון זייער אַרײַנגאַנג האָבן געוווּסט, אַז לידע איז אַ דאָקטער. די גיכע הילף האָט באַשטעטיקט לידעס דיאַגנאָז. בײַם קראַנקן איז אַ צווייזײַטיקע פּנעוומאָניע. נאָר ווי שטיל און פאָרזיכטיק שימען האָט זי דעמלט ניט אופגעהויבן פון שלאָף, האָט לידע אָבער דעם גאַנצן טאָג ניט געקאָנט קומען צו־זיך, און ער האָט שטאַרק מוירע געהאַט, ס'זאָל זיך בײַ איר ניט איבערכאַזערן די בראָנכיאַלע אַסטמע־אַטאַקע, וואָס האָט אים דאָס לעצטע מאָל אַזוי אָנגעשראָקן.

די באַפאַלענע ווייטיקן האָבן אָבער ניט געלאָזט אים מער אײַנליגן. ער האָט זיך שטיל אופגעהויבן און איז אַראָפּ פונעם געלעגער. דער קאָפּ האָט זיך געדרייט, שימען האָט קוים זיך דערשלעפּט צום בענקל. „ס'וועט איבערגיין, — האָט ער, זיצנדיק מיט צוגעמאַכטע אויגן, געשעפּטשעט צו זיך, — ס'וועט איבערגיין...” קעגן זײַן ווילן האָט זיך בײַ אים מיטאַמאָל אַרויסגעריסן אַ מוירעדיקער געשריי.

קענטיק, ער האָט דערנאָך פאַרלוירן דעם באַוווּסטזײַן, וואָרעם ווען ער האָט אופגעעפנט די אויגן, האָט אין שטוב געברענט די שײַן און לעבן אים איז אַ בלייכע, אַ דערשראָקענע, געשטאַנען לידע און געלייגט אים צום האַרצן גאָרטשיטשניקעס.

אין שפּיטאָל, וווּהין די גיכע הילף האָט אים אָפּגעפירט, האָט זיך, צום גליק, אַרויסגעוויזן, אַז גערעכט איז געווען לידע און ניט דער דאָקטער פון דער גיכער הילף. בײַם קראַנק־געוואָרענעם שימענען איז סטענאָקאַרדיע, ניט קיין אינפאַרקט.

ווען שימענען איז שוין געווען דערלויבט צו זיצן, האָט לידע אים אויסגערעדט:

— פאַרוואָס האָסטו מיך גלײַך ניט אופגעוועקט? די שאָ זאָל ניט זײַן...

— טײַערינקע מײַנע, — דער באַזונדערער מילדער שמייכל, וואָס באַהאַלט אויס הינטער זיך זײַן עלטער, האָט צוגעגעבן שימענס לענגלעכן טונקעלן געזיכט אַ קינדערשע אומשולדיקייט און גוטסקײַט, — האָסט דאָך אַליין מיר וויפל מאָל געזאָגט, אַז דאָקטוירים היילן ניט זייערע אייגענע. — ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, ווי ער וואָלט דאָרט עפּעס אײַנגע-

האַלטן פאַר זיך, ס'זאָל ניט פאַרלוירן גיין, און געפרעגט: — קאָנסט עפשער דערגיין, ווי־אַזוי רופט מען דעם דאָקטער פון דער גיכער הילף, וואָס איז געווען בא מיר?

— צוליב וואָס דאַרפסטו דאָס? — האָט לידע שמייכלענדיק איבערגעפרעגט, — ווילסט אים זאָגן, אַז ער זאָל זייַן מער פאָרזיכטיקער באַם שטעלן דיאַגנאָזן? גרעסערע און דערפאַרענערע דאָקטוירים פון אים, אפילע פּראָפעסאָרן, זייַנען צומאָל זיך טויע. דו, אַלנפאַלס, קאָנסט זיכער ניט האָבן אָף אים קיין פאַריבל. יעדער קראַנקער וואָלט געווען גליקלעך, ווען די דאָקטוירים זאָלן האָבן מיט אים אַזאַ טאָעס, ווי דער דאָקטער פון דער גיכער הילף האָט געהאַט מיט דיר.

— ניט צוליב דעם פרעג איך עס דיר, לידאָטשקע. דו האָסט געזען, מיט וועלכע אויגן ער איז געזעסן לעבן מיר, בייס זייַן געהילף האָט מיר געמאַכט די עלעקטראָ־קאַרדיאָגראַמע? און זיי איז געווען אַזאַ טיפער צער, ווי ער וואָלט באַגלייַך מיט מיר געפילט דעם ווייטיק מייַנעם. — שימען האָט ווידער צוגעשלאָסן די אויגן און פונסנייַ בוילעט דערזען פאַר זיך אין דעם צוניפגעפרעסטן כוישעך דעם דאָקטער פון דער גיכער הילף. שימען איז אי דעמלט, אי איצט, געווען זיכער, אַז ער האָט אים ביז דאַן קיינמאָל אין לעבן ניט געזען, ער איז אים אָבער פאַרט באַקאַנט. און שטאַרק באַקאַנט. צי האָט זיך אים ניט פאַרגעדענקט זייַן ליכטיק געזיכט מיטן שוואַרץ־אַרומגעזוימטן בערדל און מיט די ווייכע מיטפילנדיקע אויגן פון עמעצנס אַ בילד אין אַ קינסטלערישער גאַלערייע, צי פון אַ געשטאַלט אין אַ פאָרשטעלונג ערגעץ אין אַ טעאַטער? וועגן אַזעלכע פּנעמער האָט ער אין דער ווייַטער קינדהייַט געהערט זאָגן, אַז סע רוט אָף זיי די שכינע.

סאָפקאַלסאָף האָט שימען זיך דערמאָנט, ווו האָט ער געקאָנט זען דעם דאָזיקן דאָקטער.

אין די פון לאַנג פאַרגאַנגענע יאָרן, ווען שימען האָט זיך געלערנט אינעם אווטאָוועג־אינסטיטוט, האָבן אין די זונטיק־באַטאָגן קימאַט אַלע מאָסקווער טעאַטערס געשפּילט פאַר וואָלוועלע פּרייַזן, אי גופע בא זיך אין די געבייַדעס, אי אין פאַרשיידענע קלובן. די צושויער פון די באַטאָגיקע ספּעקטאַקלען זייַנען דעריקער געווען סטודענטן. פריידין איז אָבער זעלטן־ווען געגאַנגען אָף אָט די פאָרשטעלונגען, ווייַל אָף פיל פון זיי איז ער געווען צו עטלעכע מאָל, און ניט באַטאָג, נאָר אין אָוונט, מיט אַ בעסערן אַקטיאָרן־באַשטאַנד, דערצו נאָך אָן געלט, איינגאַנצן אומזיסט. בא אים איז געווען אַ נאָענטער כאַווער, גאָדקע האָט מען אים גערופן. ער איז געווען אַ סטודענט פונעם צווייטן אוניווערסיטעט. אין יענע יאָרן זייַנען אין מאָסקווע געווען צווי אוניווערסיטעטן. דער ערשטער האָט זיך געפונען אין צענטער, אָף מאָכאָוואַיאַ־גאַס, דער צווייטער — אָף קליין־פּיראָגאָווער גאַס.

די צוזאַמענווינונג פונעם צווייטן אוניווערסיטעט, ווו גאָדקע האָט געווינט, איז געווען אין סאַמע רעכטן צענטער שטאָט — אָף אָכאָטני ריאַד — פונקט אַנטקעגן דעם קאָלאָנעןזאַל, און געציילטע טריט פון די בעסטע טעאַטערס — פונעם גרויסן, פון זייַן פיליאַל, דעם עקספּערימענטאַלן, פונעם קליינעם טעאַטער און צווייטן מכאַט. דער ערשטער מכאַט האָט זיך געפונען אַ ביסל ווייַטער, אָבער ניט מער ווי פינף־זעקס מינוט גאַנג פון דער צוזאַמענווינונג. אין אָט די אַלע באַרימטע טעאַטערס איז מען בייס די אַנטראַקטן, סייַ זומער, סייַ ווינטער, זיך באַגאַנגען אָן קאָנטראַמאַרקעס. מע האָט בייסן אַנטראַקט געקאָנט אַרויסגיין רייכערן אין דרויסן, צי זיך גלאַט דורכשפּאַצירן אָף דער פרייַער לופט, קיינער פון די קאָנטראָליאָרן האָט באַם צוריקקערן זיך פון דרויסן אין טעאַטער ניט געבעטן אפילע ווייַזן דעם בילעט. ווען מען פון די קאָנטראָליאָרן בא דער טיר האָט געקענט קומען אָפן זינען, אַז אין אַ פראָסט פון אַ פופצן־צוואַנציק גראַד וועט עמעצער קומען אין טעאַטער אָן אַ מאַנטל און אָן אַ היטל. ווען אָן ערעך ענדיקט זיך דער ערשטער אַקט פון די ספּעקטאַקלען, האָבן די סטודענטן פון דער צוזאַמענווינונג אָף אָכאָטני ריאַד גוט פאַרגעדענקט, זיי זאָלן ניט דאַרפן איבעריקע עטלעכע מינוט זיך אומדרייען לייַכט אָנגעטאָנענע אָפן פראָסט. ס'איז ניט געווען, דאַכט זיך, אין אָט די דאָזיקע טעאַטערס קיין איין ספּעקטאַקל, וועלכן דער סטודענט פריידין זאָל אָף אַזאַ אויפן, אָן דעם ערשטן אַקט, ניט געווען זען צו עטלעכע מאָל, זיצנדיק אָף די טרעפּלעך צי שטייענדיק בא דער וואַנט. נאָר די פאָרשטעלונג „דיאַדיאַ וואַניאַ", וואָס דער מאָסקווער קינסטלערישער אַקאַדעמישער טעאַטער האָט אין איינעם אַ זונטיקדיקן באַטאָג געשפּילט אינעם אוניווערסיטעטישן קלוב אָף גערצען־גאַס, האָט שימען ביז דאַן ניט געזען. דער מכאַט האָט צו יענער צייַט די דאָזיקע פּיעסע בא זיך אָף דער בינע שוין ניט געשפּילט.

אַזויפיל יאָר שוין אַריבער פון דעמלט, און שימען האָט ביז איצט פאַרגעדענקט יענעם זונטיקדיקן טאָג, פאַרגעדענקט אפילע, אַז דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער, אַן עסעריקער. מעגלעך דערפאַר האָט ער זיך אים אַזוי פאַרגעדענקט, ווייַל אין שכיינעס מיט אים איז צופעליק אָף דער זעלבער באַנק געזעסן זייַן דעמאָלטיקער באַליבטער דיכטער מיכאַיל סוועט־

לאַוו. ווער האָט געשפּילט אינעם ספּעקטאַקל דעם דאָקטער אַסטראָוו, קאָן זיך שימען בע־
שום־אויפן ניט דערמאָנען. געשפּילט האָט ער אים אָבער אַזוי, אַז וויפל יאָר עס זאָל נאָך
ניט דורכגיין, וועט ער עס ניט פאַרגעסן. אָט אַף אים, אַפן דאָקטער אַסטראָוו פון טשעכאָווס
„דיאַדיאַ וואַניאַ", וואָס ער האָט דעמאָלט געזען, איז זייער ענלעך דער דאָקטער פון דער
גיכער הילף. בא אים זײַנען די אויגן אויך פול מיט צאַר און ווייטיק פאַרן גורל פון דער
וועלט, ער לעבט טיף איבער פאַר די ליידן פון די מענטשן, פון געוויקסן, פייגל, פאַר אַלץ
און פאַר אַלעמען.

— לידאַטשקע, — האָט שימען, האַלב־עפּענענדיק די אויגן, זיך אָנגערופן צום ווײַב, —
ברענג מיר פון שטוב מײַן אַלבאָם, כ'וועל פּרוּוון אָנמאָלן דעם דאָקטער לויטן זיכּאָרן.

איבער אַ קורצע צײַט איז שימען אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל. און יעדן טאָג איז לידע
געווען בא אים, טיילמאָל זיך אַפילע פאַרהאַלטן אין פּאַלאַטע ביז שפּעט אין דער נאַכט. לידע
איז געווען קימאַט זיכער, אַז דער שטרענגער פאַרוואַלטער פון דער קאַרדיאָלאָגישער אָפּטיי־
לונג האָט געמאַכט פאַר איר דעם דאָזיקן אויסנאַם ניט דערפאַר, ווײַל זי איז זײַנע אַ קאָ־
לעגע, אויך אַ דאָקטער, נאָר ווײַל זי האָט קיין איין מאָל זיך ניט דערלויבט אַרײַנמישן, אונ־
טערזאָגן, געדענקענדיק, כאָטש זי אַרבעט שוין ניט פון אַ צײַט, אַז די מערהײַט דאָקטוירים
האָבן ניט איבעריקס ליב, ווען עמעצער פון דער זײַט, ער מעג אַפילע זײַן אַ פּראָפעסאָר,
מישט זיך אַרײַן מיט זײַנע אייצעס, בייס מע בעט אים ניט. צו דעם אָבער, וואָס מע האָט
אַרײַנגעלייגט איר מאַן אין אַ צווייאַרטיקער פּאַלאַטע, האָט באַשטימט אַ שײַכעס, וואָס זי
איז אַ דאָקטער. מע האָט עס איר געטאָן צוליב.

שימענס שאָכן אין פּאַלאַטע איז אויך געווען שוין אַן עלטערער מענטש, ניט אַף קיין
סאַך ייִנגער פון אים, מעגלעך אַפילע, אַז אין איינע יאָרן, אָבער זייער אַ שווערער כוילע.
דער דריטער אינפאַרקט. צו אים האָט מען אויך צוגעלאָזט זײַנע אייגענע אין יעדער שאָ
פון מעסלעס. אָפּטער פון אַלע אַנדערע האָט פאַרבראַכט בא זײַן בעט דער ייִנגסטער פון
די זין, אַ הויכער, דאַרער באָכער פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק. בא אים זײַנען, ווי באַם
פאָטער, שאַרפע שטריכן פון פּאָנעם, אייגנטימלעכע פאַר אַ מענטשן מיט אַ שטאַרקן כאַ־
ראַקטער. אויך די אויגן זײַנען בא זיי אַלציינע, מאַכן דעם אײַנדרוק, ווי זיי זאָלן זיך ווערן
קעגן זיך אַליין, זיי זאָלן ניט אַרויסווײַזן אַפּן דעם שמייכל, וואָס ליגט אין זיי פאַרבאָרגן.
באַקאַנט זיך מיטן באָכער האָט שימען אינעם זעלבן טאָג, ווען מע האָט אים אַריבערגעפירט
אַהער אין דער צווייאַרטיקער פּאַלאַטע, ווו דעם באָכערס פאָטער איז שוין געווען אַ לאַנ־
גאָניקער טוישעוו. דעם באָכער האָט מען גערופן איגאָר, דעם פאָטער — דאָוויד באָריסאָוויטש
דאַלינסקי. דאָוויד באָריסאָוויטש איז געווען אַ פּאָלקאָווניק אין דעמיסיע. איבערן שווערן
געזונט־צושטאַנד איז ער פון אַ לענגערער צײַט שוין אַף פּענסיע. איגאָר דאַלינסקי איז אַן
אַספּיראַנט, אַ מאַטעמאַטיקער.

דאָס איז אַלץ, וואָס שימען פרײַדין האָט געוווּסט וועגן זיי.

מיט אַ פּאָר טעג פאַר דעם, ווי מע האָט אַרויסגעשריבן שימענען פונעם שפּיטאָל, האָט
דער צושטאַנד פון זײַן שאָכן זיך מיטאַמאָל שטאַרק פאַרערגערט. דער כוילע האָט געבעטן
לידען אָנקלינגען צו זײַן ייִנגערן זון, ער זאָל קומען, ער דאַרף אים נייטיק הײַנט זען.
דעם פּאָלקאָווניקס פאַרלאַנג האָט לידע איבערגעגעבן זײַן זון אַ ביסל אַנדערש, ניט
ווי אַ דאָקטער, וועלכער ווייסט, אַז ס'איז ניטאָ מער אַף וואָס צו האָפן, און דאָך נעמט ער
נישט אָפּ ביז דער לעצטער מינוט ניט באַם כוילע, ניט בא זײַנע נאָענטע די האָפענונג.
לידע האָט ניט אויסבאַהאַלטן פון איגאָרן דעם האָפענונגסלאָזן צושטאַנד פון זײַן פאָטער.
איגאָר איז גיך געקומען צו גיין און פאַרבליבן אין פּאַלאַטע איבער נאַכט. ער האָט
ניט אַראָפּגענומען פונעם פאָטער קיין אויג, אָנגעשטרענגט זיך צוגעהערט צו זײַן שטילן
אָטעם, ער זאָל ניט דורכלאָזן די לעצטע מינוט, וואָס קומט אומגעבעטן אין לעבן פון יעדן
איינעם און קיינער איז ניט בעקויעך דאָ עפּעס ענדערן.

ווי דורכן שלאָף האָט שימען דערהערט:

— זעץ זיך צו נעענטער, קאַדיש מײַנער. אַזוי האָט אַף דער עלטער מײַן טאַטע, דײַן
זיידע, אָלעווהאַשאָלעם, מיך גערופן, כאָטש קיין קאַדיש האָב איך נאָך אים ניט געזאָגט.
איך בין שוין דאַן געווען אַ פאַרברענטער קאָמסאָמאָלעץ. דו הערסט מיך, זון מײַנער?

— איך הער דיך, טאַטע.

— רוק צו נעענטער דאָס בענקל. מיר איז שווער צו ריידן. ניטאָ קיין לופט.

— עפּשער עפענען אינגאַנצן דאָס פענצטער?

— דאָ ליגט נאָך אַ קראַנקער. ער קאָן זיך צוקילן.

שימען האָט זיך געוואָלט אָפּרופן, זאָגן, אַז ער האָט ניט מוירע פאַר קיין צוקילעכץ,

ער האָט אָבער ניט געוואָלט אַרויסגעבן, אַז ער איז אויף און דערמיט שטערן דעם שמועס, וואָס דער אַלטער דאַלינסקי האָט פאַרפירט מיטן יונגן, וועמען ער האָט, ווי־זט אויס, צוליב דעם אַרויסגערופן און ניט אָפּגעלאָזט פון זיך. שימען איז זיך ניט טויע געווען. ער האָט אין דער זעלבער רעגע דערהערט:

— איך דאַרף זיך מיט דיר דורכריידן, זון מײַנער... איך האָב צו דיר א באַקאָשע. קאָנסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט זי מעקײַעם זײַן?

פאַר דאַוויד באַריסאָוויטשן איז ניט געווען קיין סאָד, אַז דער שאָכן זײַנער פון פּאַלאַטע, סעמיאָן, איז א ייִד. ער איז אָבער ניט געווען זיכער, צי שימען פאַרשטייט ייִדיש. זאָל זײַן, אַז דערפאַר, צי עפּשער וועגן דעם, וואָס ער האָט זיך גֿעדאַרפט דורכריידן מיטן זון אין די לעצטע שאָען, און עפשער אין די לעצטע מינוטן פון זײַן לעבן, איז אים געווען לײַכטער עס אַרויסזאָגן אף ייִדיש. דער זון האָט געענטפערט דעם טאַטן אויך אף ייִדיש. נאָר איגאָרס ריידן איז געווען מער ענלעך אף א לאָשן, פאַר וועלכן ס'איז שווער צוקלערן אַן אַנדער נאָמען, אויסער ווי זשאַרגאָן. אַלעמאָל, ווען פרײַדין האָט געהערט עמעצן ריידן אף אַזא שפּראַך, האָט עס אים טיף באַליידיקט, כאָטש ער באַנוצט זיך שוין יאָרנלאַנג ניט מיט איר. ער האָט זי, קאָן מען זאָגן, שוין העכער האַלב פאַרגעסן, אָבער אין דער יוגנט האָט ער זי גוט געקענט, געשריבן אף איר לידער און ווייסט, ווי רײַך און קלינגעוודיק־שיין עס איז דאָס ייִדישע לאָשן.

נאָר איצט איז פרײַדינען דאָס אַלץ ניט אָנגעגאַנגען. די ווײַטערדיקע רייד, וועלכע דער טויט־קראַנקער כוילע האָט געפירט מיט זײַן יונגן און קרעפּטיקן זון, זײַנען געווען אַזעלכע, אַז שימען האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן, ער זאָל זיך ניט אַרײַנמישן, ניט באַנעמענ־דיק נאָך אף קלאָר, אף וועמענס צאַד זיך צו שטעלן. שימען האָט זיך אָנגעשטרענגט ביזן העכסטן גראַד, ער זאָל ניט דורכלאָזן קיין אייניציק וואָרט דערפון, וואָס ווערט אַרויסגע־בראַכט בא דער בעט, ווו באַם צוקאָפּנס שטייט דער אייביקער שאַליעך, וועלכער פאַרפעלט קיינעם ניט. דער געשפּרעך האָט געהאַט מיט עפּעס א שײַכעס אויך צו אים, שימענען, צו דעם, וואָס האָט זיך געהאַט דעמאָלט פאַרלאָפן צווישן אים און נאַטאַליען.

— קאַדיש מײַנער, — האָט שטיל און שוואַך פאַרגעזעצט דער אַלטער דאַלינסקי, — דו ווייסט זייער גוט, אַז ניט דײַנע ברידער און ניט דײַן שוועסטער האָב איך נישט אָנגעוויזן און נישט אונטערגעזאָגט, פאַר וועמען צו כאַסענע האָבן. פאַר מיר זײַנען אַלע מענטשן גלײַך און אַלע פעלקער גלײַך. דו הערסט מיך, זון מײַנער?

— איך הער דיך, טאַטע.

— דו ביסט דער ייִנגסטער בא מיר. דער מיזיניק. איך וועל שוין אף דײַן כאַסענע ניט זײַן.

— טאַטע...

זון מײַנער, איך בין א געוועזענער מיליטערמאַן, די אַלע פיר יאָר אָפּגעווען אף דער מילכאָמע, און די מילכאָמע האָט מיך אָפּגעוווינט מוירע האָבן פאַרן טויט.

— טאַטע...

— זון מײַנער, פון דאָר צו דאָר...

שימענען האָט ניט געוווּנדערט, וואָס דער באַיאָרטער פּאַלקאָווניק אין דעמיסיע פירט מיט זײַן יונגן זון א רייד ניט מיט קיין געוויינלעכע פּאָשעטע ווערטער. שימענען דערמאָנען דעם אַלטן דאַלינסקיס רייד ווערטער פון א פּאַטעטישער שפּראַך. אַפּאָנעם, אַז קיין אַנדערע ווערטער פאַר דעם, וואָס ער האָט צו זאָגן דעם זון אין אָט די מינוטן, גייען דאָ ניט אונטער.

— פון דאָר צו דאָר, — האָט דער כוילע איבערגעכאַזערט. דאָס מאָל האָט שימען עס אופגענומען, ווי דאַוויד דאַלינסקי זאָל זיך געווען ווענדן אויך צו אים, — ניט מײַנע עלטערן און ניט זייערע עלטערן האָבן זיך קיינמאָל נישט פאַרטראַכט, וועגן וואָס מיר קומט אויס זיך פאַרקלערן... דו פאַרשטייסט מיך, זון מײַנער?

— ניין, טאַטע.

— ייִדן זײַנען א פאָלק, ווי אַלע פעלקער בא אונדז אין לאַנד.

— צו וואָס זאָגסטו מיר דאָס, טאַטע?

ווי־זט אויס, אַז דער קראַנקער האָט אָנגעשטרענגט די לעצטע קויכעס. ער האָט א סאַך שוואַכער און לאַנגזאַמער אַרויסגעבראַכט די ווערטער, זיי זײַנען שוין קוים־קוים דער־גאַנגען צו שימענען.

— קיינער פון מײַנע אייניקלעך טראָגט שוין ניט אונדזער פאַמיליע. און בא די אוריי־ניקלעך מײַנע וועט זי זיך שוין אוואַדע און אוואַדע ניט פאַרהיטן. קומט אויס, זון מײַנער, אַז איך לאָז נאָך זיך קיינעם ניט איבער פאַרן ווײַטערדיקן דאָר פון אונדזער מישפּאָכע.

פון זעקס קינדער לאָז איך ניט איבער נאָך זיך קיין איין אייניקל, קיין איין יורש, וואָס זאָל פאַרהיטן אונדזער פאַמיליע. דיך ווונדערט עפשער, זון מײַנער, וואָס איך רייד אַזוי? איגאָר האָט געשוויגן.

— דו ביסט ניט געווען, קדיש מײַנער, אינדערהיים, ווען די מאַמע דײַנע, דיר צו לענגערע יאָר, האָט צוגעמאַכט די אויגן. ס'איז געווען אין רעכטן מיטן זומער, ווען איר זײַט אַלע געווען אַף די קוראָרטן... איך בין געזעסן אין שפּיטאָל בײַ איר בעטל, ווי דו זיצסט איצינד לעבן מיר, און פאַרנומען אירע לעצטע רייד. כ'האָב געוווּסט, אַז זי שטאַרבט. „דאַ־וויד, — האָט זי מיר געזאָגט, — פּויעל בײַ אונדזער מיזיניק, ער זאָל פאַרהיטן בײַ זײַנע קינדער אונדזער פאַמיליע“. אַזאַ איז געווען איר לעצטע באַקאַשע צו דיר, זון מײַנער. זאָל כאָטש בײַ איינעם פון דאָוויד דאַלינסקיס דריטן דאָר זײַן די זעלבע פאַמיליע, וואָס איז געווען בײַ דײַן טאַטן, בײַ דײַן זיידן, בײַ דײַן עלטערזיידן... קאָנסטו מיר געבן, זון מײַנער, דאָס וואָרט, אַז וועסט מעקיים זײַן אונדזער באַקאַשע?

וואָס האָט דער יונגער דאַלינסקי געענטפערט דעם פאָטער, האָט שימען שוין ניט גע־הערט. ער האָט, דאַכט זיך, ניט באַוויזן אים שוין צו ענטפערן. איגאָר איז אַ פאַרווייינטער מיט אַ פאַרשטיקטן שלוקערץ אַרויס פון דער פּאַלאַטע, איבערלאָזנדיק נאָך זיך ברייט אָפן די טיר.

די סטענאָקאַרדיע האָט העכער אַ כוידעש ניט אָפּגעלאָזט שימענען פון בעט. ס'איז אַבער ניט אַריבער קיין כוידעש, ווי ער האָט זיך אויסגעשריבן פון שפּיטאָל און ווידער שוין יעדן אינדערפרי, נאָך די פיזקולטור־איבונגען, דורכגעמאַכט דעם עטלעך־קילאָמעטערדיקן וועג צו דעם באַרג־זאָטל, אַבער שוין ניט אַזוי האַסטיק־לויפנדיק. אין די דאָזיקע טעג האָט ער ענדלעך דערמאָלט דאָס בילד „דער וועג צום באַרג־זאָטל“ און אויפגעהאַנגען עס אַף דער וואַנט לעבן דעם בילד פונעם וועג, וועלכן ער האָט אין אַ האַרבסטיק־קאַלטן זוניקן אינדערפרי דורכגעמאַכט פון דער צוזאַמענווינונג בײַ די „פּאָקראָווסקער טויערן“ ביזן אינ־סטיטוט אַף „סאַמאָטיאָטשנע פּלאַץ“ אין איינע טרוסן און אין טאַפּקעס אַף די באָרוועסע פיס.

געוויס ווייסט יעדער איינער, אַז קיין זאַך אין לעבן גייט ניט דורך אומבאַמערקט. ניט יעדער איינער אַבער באַמערקט עס אַף זיך. פריידין האָט אויך ניט באַמערקט, אַז די קרענק האָט אים געעלטערט, עטוואָס אײַנגעהויקערט. נאָר אין לידעס אויגן האָט ער סײַווי אויס־געזען דער זעלבער שיינער און שטאָלטנער אַכט־און־פערציקיאָריקער שימען, מיט וועמען זי האָט אין עלטער פון קנאַפּע דרײַסיק יאָר אַף אַ מעשונע אויסטערלישן אויפן זיך באַקאַנט דאָ אין שטאָט און שיר ניט גלײַך אַף מאָרגן, נאָך דער כאַסענע אַוועקגעפאָרן מיט אים אַפן ווײַטן צאָפן, ווו ער האָט זיך פאַרנומען מיט דורכלייגן וועגן.

27

אין דער ביכער־קראָם, וווהין פריידין איז געווען אָן אָפּטער אַרײַנגייער, האָט ער אינעם אָפּטייל פון קאַנצעליאַרישע מאַכשירים אַנומלטן דערזען אַ גראָבן אַלגעמיינעם העפט אין אַ צאַרט־בלויען אײַנבונד. אַף די האַרטע טאָוועלעך איז מיט גאָלדענע בוכשטאַבן געווען אויסגעקריצט: אַ טאָגבוך. אָן קיין שום צוועק דערבײַ, פּאַשעט פאַר דער שיינקײַט זײַנער, האָט שימען אים געקויפט. נאָר אין עטלעכע טעג אַרום, צופעליק, און עפשער ניט אינגאַנצן צופעליק, ווײַל ער האָט ניט איין מאָל זיך פאַרטראַכט איבער דעם, וויינענדיק נאָך אַף צאָפן, האָט ער אַפן שאַרבלעטל פונעם העפט אויפגעשריבן מיט שיינע געטאָקטע אויסיעס דעם טאָג, דעם כוידעש, דאָס יאָר, און אָן וועלכן־ניט־איז פאָרוואָרט און דערקלערונג גענומען פאַר־נאָטירן די פּאַסירונגען פון יעדן דורכגייענדיקן טאָג. די פּאַסירונגען זײַנען אַבער מערסטנ־טייל געווען וואַכעדיקע, געוויינלעכע, אייגנטאָניקע, ניט אַזעלכע רײַך־אָנגעזעטיקטע מיט געשעענישן, ווי דאָרטן, פונוואַנען ער איז אַריבערגעפאָרן אַהער. סאָפקאָלסאָף איז עס אים דערעסן געוואָרן און ער האָט אָן קיין שום סיידער גענומען אַרײַנשרײַבן אינעם טאָג־בוך די פאַרלאָפענע מיט אים און אַרום אים געשעענישן פון מיט פיל יאָרן צוריק, נאָך פאַר דעם, ווי ער איז זיך צונויפגעגאַנגען מיט לידען.

ווען שימען האָט אין אַ שטיקל צײַט אַרום איבערגעלייענט דאָס פאַרשריבענע, האָט ער אַרויסגעפליקט פון העפט די דאָזיקע בלעטלעך און זיי צעריסן. די פאַרשריבענע זײַטלעך אינעם טאָגבוך האָבן אים דערמאָנט די פאָרשטעלונג פון יורי אַלעשאַס פּיעסע „די רעשימע פון מײַסים טויווים“, וואָס ער האָט אין די סטודענטישע יאָרן, אַפן זעלבן אויפן, ווי אין אַנ־דערע טעאַטערס, געזען אינעם דעמלט באַרימטן מייערכאָלד־טעאַטער.

ניין, שימען האָט ניט פאנאנדערגעטיילט דעם טאָגבוך אף צוויי: אף א „רעשימע מייַסים טויווים” און „מייַסים ראָים”, ווי די יונגע פרוי פון דער דראמאטישער פאָרשטעלונג. וועגן וועלכן באזונדערס באגאנגענעם שלעכטס בענעגייע אים האָט ער געהאט צו דערציילן? ער האָט פּאָשעט געפירט א געוויינלעכן טאָגבוך פון דער פארגאנגענער צייַט. ניט-ווילנדיק אָבער האָט זיך באקומען, אז שיר ניט אין אלץ, וואָס עס האָט זיך מיט אים פארלאָפן ניט אזוי, ווי ער האָט דערוואַרט, איז דער איינציקער אומשולדיקער בלויז ער. דאָרט, ווו עס רעדט זיך וועגן אים, איז ער אומעטום פאָרגעשטעלט, גלייַך ער זאָל באשטיין דורכויס פון איינע „מייַסים טויווים”.

פּאסירט האָט אזוי ניט ווייַל שימען האָט דאָס געוואָלט אָדער ער האָט אזוי געקלערט וועגן זיך. ווייַזט אויס, ס'איז ביכלאל ניטאָ דער מענטש, ווער עס זאָל זיך אליין ארויסזאָגן דעם גאנצן עמעס, זייַן אינגאנצן אָפן אפילע דעמלט, ווען ער בלייַבט מיט זיך אויג אף אויג, ווי יעטווידער איינער, ווער סע פירט א טאָגבוך. ערטערווייַז גייט מען וועגן זיך פארבייַ, אייניקע געשעענישן פארשווייַגט מען ביכלאל, מע מייַדט אויס ארייַנקוקן אין זיך, קעדיי ניט דערזען דאָרט דאָס טיף פארבאָרגענע, ניט אָנרירן די ווונדן, וואָס די אוולעס און זינד, וועלכע מע איז באגאנגען בענעגייע אנדערע, האָבן איבערגעלאָזט אין אים. אין דעם איז, לויט שימענען, דער כיסאָרן פון די טאָגביכער, וואָס עמעצער האָט ווען-ניט-איז געפירט. ער האָט, דאכט זיך, ערלעך פארטרויט די זייַטלעך פונעם טאָגבוך דעם עמעס וועגן זייַן צעגיין זיך מיט נאטאליען, און באקומען האָט זיך, אז בלויז זי איינע איז שולדיק דערינען. בלויז זי איינע. ער אליין, קומט אויס, האָט ניט דערצו קיין שייַכעס. ער, הייסט עס, באשטייט דורכויס פון מייַסים טויווים, און זי — פון איינע מייַסים ראָים.

אזוי אָן ערעך וואָלט עס מיסטאמע אויפגענומען יעדערער, צו וועמען ס'זאָל געוועזן ארייַנפאלן די דאָזיקע באשריבענע געשעעניש אין זייַן לעבן. כאָטש לויט דעם, ווי ער האָט זי פארשריבן, האָט די געשעעניש אויסגעזען אזוי, אז נאטאליע וואָלט קיין איינציק וואָרט ניט געקאָנט פון דאָרט אויסמעקן. זי האָט אים פאר זייַן אומקערן זיך נאָך דער מילכאָמע צוריק אף צאָפן ווירקלעך געהאט געזאָגט, אז זי האָט זיך אין אים פון לאנג שוין אנטוישט. בייס זי האָט כאסענע געהאט איז זי געווען זיכער, אז ער וועט דערגרייכן עטוואָס מער, ווי פארבלייַבן אפן גאנצן לעבן א געוויינלעכער אינזשעניער. דערפאר האָט זי אים נאָכגעגעבן און איז נאָכן פארענדיקן דעם אוניווערסיטעט געקומען צו פאָרן. אָנשטאָט לייענען לעקציעס וועגן פילאָסאָפיע אין א הויכשול האָט זי אונטעריכטעט אין א שול געזעלשאפטקענטעניש. זי איז אייַנגעגאנגען דערוף, ווייַל זי האָט געהאָפט, אז, זייַענדיק צוזאמען, וועט זי שטארקן אין אים דעם גלויבן, אז ער קען ווערן מיט דער צייַט א בארימטהייַט. געענדיקט האָט זיך מיט דעם, אז ער האָט קימאט פארוואָרפן אי די פּאָעזיע, אי דאָס מאָלן און זיך אינגאנצן אָפּגעגעבן דער בויונג, ווי פּונקט דאָס וואָלט געווען דער איינציקער בארוף זייַנער אין לעבן. נאָר אן אינזשעניער קאָן זייַן יעטווידער. דער, ווער עס פארמאָגט עכטן טאלאנט צו דעם, וואָס עס איז ניט אלעמען געגעבן, בלויז אויסדערוויילטע, דער וועט זיך ניט באציִען דערצו אזוי רויִק-לייַכט, ווי ער. וואָס ווייַטער, אלץ מער האָט זי זיך איבערצייַגט, אז זי איז זיך טויע געווען אין אים, ער איז ניט דער, פאר וועמען זי האָט אים געהאלטן. ער איז ניט מער ווי א געוויינלעכער אינזשעניער. זי גלייבט מער ניט אין זייַן טאלאנט.

עמעס, נאטאליע האָט דאָס אים אלץ ארויסגעזאָגט ניט אזוי, ווי דאָס וואָלט געדארפט זאָגן א פרוי דעם פאָטער פון זייערע צוויי קינדער, דעם מאן, אין וועמען זי האָט זיך פארליבט, ווי זי איז זיך עס אים נאָכדעם מודע געווען, בא דער ערשטער באגעגעניש זייערער אינעם סטודענטישן קלוב אפן ליטעראַרישן אָוונט. איצט פארשטייט ער, אז ער האָט דאן אנדערש אויפגענומען איר דערקלערן זיך אין ליבע. אים איז אָבער אויך איצט, אין אזוי-פיל יאָר ארום, שווער פונדעסטוועגן צו גלייבן, אז נאטאליע האָט כאסענע געהאט פאר אים פריִער פון אלץ דערפאר, ווייַל זי האָט אויסגערעכנט, אז זי וועט זייַן א פרוי פון א בארימטהייַט. אלנפאלס, באם פאנאנדערגיין זיך האָט זי אים פיל ארויסגעזאָגט אזוינס, ווי ער זאָל איר בלייַבן שולדיק א ניט-באצאָלטן כויוו, וועלכן זי קאָן ניט פארגעסן.

איבערגעבנדיק וואָרט אין וואָרט, וואָס נאטאליע האָט באם געטן זיך אים דעמלט ארויסגעזאָגט, איז שימען אייגנטלעך אינגאנצן פארבייַגעגאנגען זיך, פּונקט ווי ער וואָלט לאכלוטן ניט געהאט קיין שייַכעס דערצו, וואָס בא זייַנע קינדער איז נאָכדעם געווען א שטיף-פאָטער. אינדערעמעסן אָבער האָט זיך אלץ אָנגעהויבן ניט אזוי דערפון, וואָס ער האָט זיך מער אָפּגעגעבן דעם אינזשעניערישן פאך, איידער דער דיכטונג און מאָלערייַ, און נאָכן דעמאָביליזירן זיך פון דער ארמיי באשטאנען, אז זיי זאָלן זיך אומקערן צוריק אף זייַן ליבן צאָפן, נאָר פון דעם, וואָס זי האָט אין זייַן אָפּוועזנהייַט געענדערט בא זייערע קינדער די פאמיליע-

נעמען. קאָן זײַן, אַז ער האָט צו אַ גרויסע באַדײַטונג עס דעמלט צוגעגעבן, ניט זײַענדיק זיכער, צי איז ער גערעכט. אָט דער דאָזיקער קריג, אין וועלכן ס'האָבן זיך אויך אַרײַנגעמישט שווער-און-שוויגער, האָט גיכער פון אַלץ געבראַכט צו זייער פאַנאַנדערגיין זיך. אַלדאָס איבעריקע, וואָס נאַטאַליע האָט אים אַרויסגעזאָגט, איז געווען ניט מער ווי אַן אויסרייד. וויִאַזוי דאָרט זאָל ניט זײַן, נאָר דערמיט אַליין שוין, וואָס נאַטאַליע האָט נאָכן כאַסענע האָבן פאַר אַ צווייטן ניט דערווײַטערט די קינדער פון זייער לײַבלעכן פאָטער — זיי האָבן זיך מיט אים די אַלע יאָרן איבערגעשריבן, יעדעס מאָל, ווען ער איז געווען אין מאָסקווע, זיך מיט זיי געזען — האָט זי ניט פאַרדינט, ער זאָל וועגן איר אַזוי שרײַבן אין טאָגבוך, אַרופוואַרפן אַף איר די גאַנצע שולד און וועגן זיך קיין איין שלעכט וואָרט ניט אַרײַנשטעלן.

אויך ניט אינגאַנצן אַזוי האָט אויסגעזען זײַן ערשטע באַגעגעניש מיט סערוועזן, ווי שימען האָט זי נאָכדעם באַשריבן אינעם טאָגבוך. ער האָט ניט בלויז פאַרשוויגן, אַז די דאָזיקע באַגעגעניש זייערע האָט געקאָנט פאָרקומען מיט אַ היפּש ביסל יאָר צוריק. ער האָט אויך פאַרשוויגן, פאַרוואָס איז אַזוי געשען.

אַז ערעך אין אַ כאַדאָשים צוויי נאָך זײַן אומקערן זיך פון באַכטשיסאַרײַ איז שוין בײַ אים געווען סערוועזס נײַער אַדרעס. שימען האָט אָבער ניט אָנגעשריבן סערוועזן קיין איין בריוו, פאַרענטפערנדיק זיך דערמיט, אַז קוים האָט ער געגעבן נײַלען דאָס וואָרט, ווײַל ער עס אַף דעם ניט אויוועזער זײַן. ווען סערוועזער זאָל געווען ווינען אַליין צי בײַ דער מישפּאָכע, וואָס האָט בײַס דער דײַטשישער אָקופּאַציע אײַנגעשטעלט צוליב אים דאָס לעבן און געראַטעוועט פון זיכערן טויט, וואָלט ער אים געוויס געגעבן וועגן זיך צו הערן. ער וואָלט אים אַרויסגענומען צו זיך. אָבער סערוועזער האָט געווינט צוזאַמען מיט נײַלעס מאַן, וועמען סערוועזער האָט זיכער גערופן טאַטע און געהאַלטן פאַר זײַן לײַבלעכן פאָטער...

ס'איז אַזוי, און דאָך ניט אינגאַנצן אַזוי. בײַסן שטעלן פאַר זיך אין טאָגבוך די דאָזיקע פראַגעס, האָט שימען אויסגעמיטן אַרײַנקוקן טיפער אין זיך, פונוואַנען ער האָט געקאָנט דערוואַרטן אַן אַנדער ענטפער, וועלכער קער זיך ניט אָן צו דער רעשימע פון מײַסים טויווים. ווי נאָענט און טײַער סערוועזער איז אים ניט געווען, האָט שימען אָבער ניט געפונען אין זיך צו אים יענע גרויסע פאָטערלעכע ליבע, וועלכע ער האָט פאַרהיט צו זײַן בכאָר און צו די ייִנגערע צוויי קינדער. עפּשער דערפאַר איז אַזוי געשען, ווײַל ער האָט סערוועזן קיינמאָל ניט געזען, קיינמאָל ניט געהאַלטן אַף די הענט, ניט געוויגט אַף די קני... אינעם טאָגבוך איז אויך קיין וואָרט ניט געווען דערמאָנט, אַז בײַ דער באַגעגעניש מיט סערוועזן האָט שימען אויסבאַהאַלטן פון אים, אַז מיט אַ צײַט נאָך פאַר דעם, ווי נײַלע איז צוריקגעקומען פונעם דײַטשישן לאַגער, האָט ער שוין געוווּסט אַלץ, וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן מיט זייער זון בײַס דער מילכאָמע און ווּהין האָט ער זיך דערנאָך פאַרקליבן. אינעם טאָגבוך איז פאַרשריבן, אַז דערוווּסט האָט ער זיך וועגן דעם אַלעם פון נײַלעס בריוו, וועלכן זי האָט אים צוגעשיקט אַף צאָפן.

ניט אַזוי וועגן זיך, וועגן אירע וואָגלענישן און לײַדן אין די פאַשיסטישע לאַגערס האָט נײַלע אים געשריבן אינעם דאָזיקן בריוו, נאָר וועגן זייער זונס אויסקומענישן אין אָט די יאָרן, און אַז זי האָט ניט געקאָנט מער אויסבאַהאַלטן פון אים, פאַרוואָס איז ער אַזויפיל אויסגעשטאַנען. איר דוכט, אַז סערוועזער האָט זיך אַליין אָנגעשטויסן, נאָך איידער זי האָט אים אַנטפּלעקט דעם סאָד. אַנטפּלעקט האָט זי דאָס אים נאָכן מאַנס טויט. ער איז געשטאָרבן ניט פון אַלטקײַט, אים איז נאָך געווען ווײַט צו זעכציק, נאָר פון די אַלטע וווּנדן.

פון נײַלעס בריוו און פון דעם זונס רייד בײַ דער באַגעגעניש האָט שימען דערפילט, אַז ער איז ניט געווען פאַר נײַלען קיין צײַטווײַליקער באַקאַנטער. ווער ווייסט, צי וואָלט נײַלע ניט געוואָרן זײַן באַשערטע, ווען ער זאָל מיט אַ צײַט פאַר דעם ניט געווען באַגעגענען לידען, אין וועמען ער האָט זיך פאַרליבט אַפן גאַנצן לעבן. ערגעץ טיף אין אים האָט לאַנג געטליִעט דאָס פײַערל פון זײַן פאַרגאַנגענער אײַנגעליבטקײַט אין נײַלען.

פון דעם אַלעם, וואָס שימען איז פאַרבײַגעגאַנגען אינעם טאָגבוך, איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע געווען די ניט-דערעדטקײַט זײַנע, בײַס סערוועזער האָט אים געבעטן דערציילן וועגן דעם פאָלק, צו וועלכן ער געהערט פון פאָטערס צאַד. קאָן זײַן, שימען האָט ניט דערעדט, ווײַל ניט אין אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט צו דערציילן דעם זון, איז ער געווען זיכער, אַז ס'איז ווירקלעך אַזוי. נאָר פאַרוואָס האָט ער דאָס אַלץ אויסבאַהאַלטן אינעם טאָגבוך פון זיך אַליין? ער האָט וועגן דעם אויך אויסגעמיטן טיפער אַרײַנקוקן אין זיך?

ביז גאָר מאָדנע האָט שימענען אויסגעזען, בײַס ער האָט אין איינעם אַ געוויינלעכן טאָג, אָן אַ שום סיבע דערבײַ, פּשוטע גלאַט פון נײַגעריקײַט, איבערגעבלעטערט דעם העפט מיט די פאַרשריבענע און ניט-דערשריבענע זײַטלעך און באַמערקט, אַז וועגן לידען איז דאָ

אַ סאַך ווייניקער געזאָגט, ווי ער וואָלט געדאַרפט וועגן איר זאָגן. ער איז קימאַט אינגאַנצן פאַרבײַגעגאַנגען זייער ליבע, זײַן גרויסע טיפע ריינע ליבע צו איר, וואָס ציט זיך שוין באַ צוואַנציק יאָר. וויפל מאָל ער זאָל ניט געווען עס איר זאָגן, דוכט זיך אים ביז איצטער נאָך, אַז ער האָט איר נאָך, אייגנטלעך, קיין איין מאָל ניט אַרויסגעזאָגט אַזוי, ווי ער פילט עס. גיכער פון אַלץ נעמט זיך דאָס, אַפּאַנעם, דערפון, וואָס ער האָט באַ אַזאַ עלטער זיך פּאַשעט געשעמט ריידן אַזוי, כאָטש פּאַסיקע פּאָעטישע ווערטער וואָלט ער אויך איצט געפונען פאַר דעם. שימענען האָט זיך געוואָלט, אַז וועגן זײַן ליבע צו לידען זאָל וויסן ניט בלויז זי אַליין. וועגן דעם, וויל ער, זאָלן וויסן אויך זײַנע קינדער. אַלע זײַנע קינדער.

נאָך די עטלעכע צוגעקומענע געדיכט פאַרשריבענע בלעטלעך וועגן די פּאַסירונגען פאַר די לעצטע טעג, ווו לידע ווערט פיל אַפּטער שוין דערמאָנט, איז שימענען אַלציינס געווען קלאָר, אַז ער וועט אַף אַזאַ אויפן קיין מינדסטן טייל אויך ניט אַרויסברענגען פון דעם, וואָס ער פילט צו איר, וואָס ער האָט איר צו זאָגן און דאַרף עס איר זאָגן. ער ווייסט אַליין ניט, צי דאָס נעמט זיך בלויז דערפון, וואָס ער שעמט זיך, האָט מוירע אויסזען אין די אויגן פון די, צו וועמען ס'קאָן נאָכדעם אַרײַנפאַלן דער דאָזיקער העפט, ייִנגלש פאַרנאַרישט, צי דאָס קומט פונעם זעלבן, וואָס דער מענטש קאָן ניט זײַן אינגאַנצן אופריכטיק מיט זיך, ער וועט קיינמאָל ניט אַרויסברענגען פאַר זיך אָפן דאָס אַלץ, וואָס ער פילט און קלערט.

דעם מענטשן איז פיל לײַכטער צו דערציילן וועגן זיך, ווען ער שטעלט אונטער אַנשטאָט זיך אַן אַנדערן. אין אַזאַ פאַל קאָן ער אַלץ אַרויסזאָגן. עס רעדט זיך דאָך ניט וועגן אים, נאָר וועגן אַ צווייטן. דער סאַמע אופריכטיקסטער טאָגבוך באַ אַ שרײַבער זײַנען די ווערק, און ניט דער טאָגבוך, אויב ער פירט אים. אין די ווערק זײַנען דעם שרײַבערס ביאָגראַפיע, זײַנע פאַרבאָרגנסטע געפילן און געדאַנקען. ניט צופעליק, אַפּאַנעם, האָט געזאָגט וועגן זיך דער אוטאָר פונעם ראָמאַן „מאַדאַם באָוואַרי” פלאָבער, אַז די מאַדאַם באָוואַרי — דאָס איז ער. אויסער דעם, קאָן מען אין אַ ווערק דערציילן וועגן יענעם ניט בלויז ווי ער זעט אויס, ווי ער גייט, ווי ער רעדט, נאָר אויך וועגן וואָס ער קלערט. און דאָס איז אין אַ ווערק דאָס סאַמע וויכטיקסטע. עפשער דערפאַר טאַקע האָט שימענען ניט איבעריקס געצויגן צו לייענען ביכער, ווען דער דערציילער איז אַליין דער אוטאָר, אַפילע דעמלט, ווען דער „איך” האָט ניט קיין שײַכעס צו אים, נאָר צו אַן אַנדערן. ווײַל ווי קאָן דער שרײַבער אין אַזאַ פאַל דערציילן, וואָס טוט זיך באַ יענעם אַפן האַרצן? וועגן וואָס טראַכט דער צווייטער?

פריידין קלײַבט זיך ניט פאַרוואַנדלען דעם טאָגבוך אין אַ ליטעראַריש ווערק. באַ קאַרעוו זיבעציק יאָר ווערט מען ניט קיין שרײַבער, ביפראַט, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געשריבן קיין פּראָזע. ס'האָט אים צו דעם קיינמאָל ניט געצויגן. די געשיכטע וועגן זײַן ליבע צו לידען, וועלכע ער וויל אָנשרײַבן און דאַרף אָנשרײַבן, וועט ער דאָך אין ערגעץ ניט שיקן, מע זאָל זי דרוקן. ניט צוליב דעם שרײַבט ער זי. און אויב אַזוי, וועט ער ניט פּוצן די שורעס, ניט פאַרנעמען זיך מיט אָפּזוכן די פּאַסיקע ווערטער, ווי ער פלעגט עס טאָן און טוט עס נאָך אויך איצט בייסן שרײַבן לידער. אין דער דערציילונג וועט באַ לידען זײַן אַן אַנדער נאָמען: זינע. פאַר זיך האָט ער אויך צוגעקליבן אַ נאָמען: סאַשע. אַלעקסאַנדער.

די געשיכטע פון זייער ליבע וועט ער אַרײַנשרײַבן ניט אין טאָגבוך, נאָר אין אַ העפט.

אויפגעמישט דאָס ערשטע זײַטל, האָט פריידין אויפגעשריבן אַף דעם: „אַ שטײַפער פאַדעם”, און אין קלאַמערן: „אַ דערציילונג וועגן אַ גרויסער ריינער ליבע”.

פון דער דאָזיקער שורע האָט ער איבערגעלאָזט בלויז איין וואָרט: „אַ דערציילונג”. דאָס איבעריקע פאַרמעקט.

און כאָטש שימען האָט אָפּגעמאַכט מיט זיך, אַז ער וועט זיך ניט פאַרנעמען מיט אָפּזוכן פאַר דער דערציילונג די סאַמע פּאַסיקע ווערטער, ניט פּוצן און שלײַפן זיי, דאָך האָט ער זיך לאַנג געפּײַניקט, ביז ער האָט ענדלעך געפונען די ערשטע שורע. זי האָט זיך אָנגעהויבן פּאַשעט, פון אַ דיאַלאָג צווישן אַלעקסאַנדערן און ראָמאַנען, דעם יונגן שאַכן זײַנעם פונעם צימער אין דער קאַרדיאָלאָגישער סאַנאַטאָריע. פאַרלאָפן האָט עס זיך אין דער זעלבער קאַרדיאָלאָגישער סאַנאַטאָריע, ווו ס'האָט אין קאַרגע צוואַנציק יאָר אַרום אָפּגערוט דער מאָסקווער גראָסמייסטער, מיט וועמען שימען האָט געוואָלט שפילן אַף איינעם פון די צוואַנציק שאַכמאַט-טישלעך, נאָר איבער דעם רעגן, וואָס האָט געדראָעט לידען מיט אַ נײַער אַסטמע-אַטאַקע, איז ער פאַרבליבן דעמלט אין שטוב.

■ ■ ■

צום זון

וואָרצלען

דײַן זיידנס קיִיוער האָבן מיר געפונען,
אַרופגעלייגט אַף אים אַ בינטל בלומען.
אַזויפיל ליידן זײַנען שוין אַנטרונען,
נאָר ס'הערט ניט אויף אין האַרץ דער ווייטיק ברומען.

לעבן אַלטן קיִיוער — שלאַנקע קליאַנען,
געזונטע, אײדעלע, צו אים געגליכן,
דו זעסט? — זיי פלאַטערן און עפּעס מאָנען...

וועסט קומען נאָכאַמאָל —
צי שפּעטער, צי אײַנגיכן...
אַף מײַנע צווײַגן שוין
די שטראַלן וועלן ברענען,
און דו וועסט דײַנע וואָרצלען דאָרט דערקענען.

דעם טאַטנס שטוב

דו האָסט דאָס כּאָרעווע געצעלט
געפונען קוים.
אַ דאַנק: געבליבן אַף דער וועלט
אַ שטאַרקער בוים.
פון ווינד-און-ווײ שוין וויפל יאָר
אָוועק!
דער אָוואַר האָט אַ פרישע וואָר
דערוועקט.
גערעטן איז די גרינע קרוין,
דער שטאַם
פון שטאַרקן בוים, וואָס קרעכצט אין שלאָף
מיסטאָם.
אַף טרויעריקן קאַלטן אַש
פון זײַנס אַ זוים
איז אויפגעשטאַנען און עס ראַשט
אַ נײַער בוים.
נאָר ליידער וואַקסן ניט אַליין
די ווענט,
עס מוזן לייגן שטיין אַף שטיין
דעם מענטשנס הענט.

צו דער פרוי

אפסנײַ

איך קען דיך גוט שוין עפּשער א יאָרהונדערט —
דײַן לײַב, און דײַנע הענט, און דײַנע האָר,
די ליפּן, טאָמיד פול מיט פרישן ווונדער,
די אויגן גרויע, וועלכע לויכטן קלאָר.

איך וויל זיך נאָכאמאָל אין דיר פארליבן,
פארלירנדיק דעם קאָפּ, אָן טײַנעס, אָן א טנײַ.
א פיצל פונק אין הארץ דײַנס איז געבליבן?
טאָ לאָמיר אָנהייבן, מײַן טײַערע, אפסנײַ...

שוואך אָפּ דײַן גלי

ביסט אראָפּ פון זינען?
הער נאָר, דו!
ביסט וואך
א גאנצע נאכט.
שלאָף, טײַערע,
כ'מוז אופשטיין פרי.

דו זעסט:
די שיכלעך מײַנע שטייען גרייט.
עס איז דאָך ניט דער סאָף
פון אונדזער פרייד,
מיר וועלן פײַערן נאָך לאנג,
ווי יונגערהייט.
לייג צו, איך בעט, א ביסל מי —
ווער שטיל,
שוואך אָפּ, אויב קענסט,
דײַן גלי...

דער רינג־וועג

כ'האָב דערווײַטערט פון דיר זיך — א מײַל
נאָך א מײַל,
דאָך איבערגעפלאָנטערט כ'האָב עפּעס פאָרט:
בין אנטלאָפן, אזוווי פון בויגן א פײַל,
פון דײַן טיר — דעם פארקישעפטן אָרט.

א שלימאזלדיקע, צי א גליקלעכע שאָ
צוריק האָט צו דיר מיך געבראכט?
שולדיק פאר אלץ איז, ווײַזט אויס, דער
מעטראָ,
ביט די פינצטערע נאכט...

ס'האָט פארנארט מיך זײַן אונטערערדישע
שײַן —
כ'בין אוועק מיט א פאלשן שטעג:

אין רויש פונעם רינג-וועג בין איך ארײַן,
אויסגעמיטן דעם ראדיאַלן וועג.

דער וואגאָן האָט געײַלט, מיך געטראָגן
פאָרויס —
אליין ביסט געבליבן ווײַט.
די רעדער האָבן געקלאפּט: „הער אויס,
לאָז ניט דורך די צײַט!”

גאָר ניט געוואָרט און גאָר ניט געדאכט,
אפסנײַ איך שטיי בא דײַן טיר,
מײַן קאָפּ פארבוקט, די ליפּן — פארשמאכט:
אומעגלעך אנטלויפן פון דיר...

יעכיעל שרײַבמאַן

42-אוזבעקיסטאַן

I

א שיינער נאָמען האָט נאָך קיינעם קיינמאָל ניט געהאָלפן. כאָטש א נאָמען פון א ווערק איז אמאָל דער שליסל צום ווערק. גרויסע האָבן ניט געקלונגען מיט קיין שליסלען — גיי אַרײַן, לייענער ליבער, אין אן אָפענער טיר, פראָסט און היימיש, ווי צו זיך אהיים. כ'האָב מײַן נאָוועלע אָנגערופן, ווי דער לייענער זעט, פּאָשעטער פון פּאָשעט. לערנען זיך בא גרויסע הייסט ניט נאָכטאָן גרויסע. טאָן אזוי, ווי גרויסע האָבן געטאָן, הייסט נאָך אף קיין האָר ניט אליין זײַן א גרויסער.

מײַן אוזבעקיסטאנער בינטל נאָוועלן „דרײַ זומערס"[1] האָב איך נאָך ניט פארענדיקט. עס וועט שוין, טראכט איך, סײַוויסײַ בלײַבן ניט פארענדיקט. פונקט ווי עס וועלן זיך קיינמאָל ניט ענדיקן מײַנע „ראשקעוווער מײַסעס", פונקט ווי אלץ וועט זיך קיינמאָל ניט פארענדיקן. ארויסענדיקן, — האָט אמאָל א זאָג געטאָן פּיקאסאָ א יונגן מאָלער, א שילער זײַנעם, — הייסט קאליע מאכן! אלקאָלפּאָנעם, טראכט איך, איז ניט פארענדיקן מענטשלעכער, עמעסער...

פונדעסטוועגן פיל איך, אז אין מײַנע „דרײַ זומערס" פעלט עפּעס, עפּעס איז דאָרט ניט דערשריבן, ניט דערזאָגט. שאָלעם-אליכעם, ווי באוווּסט, האָט זיך צו „טעוויע דעם מילכיקן" אלעמאָל אומגעקערט. און ווען שאָלעם-אליכעם זאָל געווען לעבן לענגער, וואָלט זיך אויך „טעוויע", אָן סאָפעק, געווען באקומען לענגער, גרעסער. טאָן אזוי, ווי גרויסע וואָלטן געווען געטאָן, הייסט נאָך אף קיין האָר ניט אליין זײַן א גרויסער.

„פונדעסטוועגן" — מאכמעס דאָס זעלבע, אָדער קימאט דאָס זעלבע, וואָס איך פיל איצט, אז עס פעלט אין די „דרײַ זומערס", האָט דעמלט, מיט יאָרן צוריק, אף מײַן ערשטן שעפערישן אָוונט אין מאָסקווער שרײַבער-הויז, דערפילט נויעך לוריע, און דער גאנצער אוילעם שרײַבער אף יענעם אָוונט האָט געטײַנעט, אז נויעך לוריע „טשעפּעט" זיך.

כ'בין געזעסן א ביסל אָן איבערגעראשטער אויבנאָן בא א טישל און אף א הויך אונטערציטערנדיק קאָל פאָרגעלייענט דעם קסאוויאד מײַנעם. לעבן מיר באם טישל האָט דעם אָוונט געפירט מארקיש. אנטקעגן מיר, אין דער ערשטער ריי געבעטע שטולן מיט הויכע אָנשפּארן, האַבן איך געזען, ווי עס זיצט דער ניסטער, האלקין, דאָברושין, פינינבערג, פּאלקאָוויטש. דער קליינער זאַל, אויבן אף די טרעפּ ארוף, לעבן דער ביבליאָטעק דעמלט אין שרײַבער-הויז, איז געווען פול. כ'האָב אין דער מאָסקווער יידישער שרײַבער-מישפּאָכע געהייסן אי א גאסט, אי א נײַ-צוגעקומענער. כ'האָב געזען, מיט א צאפּל אין הארצן, ווי מע פרייט זיך מיט מיר. כ'האָב צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן אויסגעהערט אזויפיל װאַרעמע רייד, שוואָכים. און פון וועמען? פון אזעלכע באקאנטע ליבע נעמען, וואָס זײַנען מיר אײַנגעבאקן אין הארצן, זײַנען בא מיר הייליק. אײַן נויעך לוריע האָט זיך אופגעשטעלט, א רעגע פארן אָנהייבן רעדן אָפּגעכאפּט דעם אָטעם, איבערגעוואַרט, עס זאָל גוט שטיל ווערן. דאָס אָפּגעצויגענע מאָגערלעכע פּאָנעם זײַנס איז, דאכט זיך, געוואָרן אָפּגעצויגענער, שטרענג, און צווישן אנדערן, געדענק איך, האָט ער א זאָג געטאָן: „ס'איז עפּעס בא אים צו פריילעך. ווו זײַנען די שווערע איבערלעבענישן, די שרעקלעך-שווערע צײַט, דאָס הונ-

[1] דעם בוך „דרײַ זומערס" האָט י. שרײַבמאַן ארויסגעגעבן אין 1946 י. (רעד.)

גערן, דער מילכאָמע-טרויער?..". מארקישן האָט עס אזש א הייב געטאָן פונעם בענקל. דער ווילער שמועל האלקין האָט א קוק געטאָן אף נויעך לוריען, ווי א ווילער מענטש קאָן א קוק טאָן אף אן אנדערן, וואָס איז זיך באגאנגען ניט זייער ווויל — אָן טארומעס, גלאַט פארכידעשט: וואָס פלוצעם? פונוואנען נעמט זיך אזוינס בא דיר? יעכעזקל דאָברושין האָט אראָפּגעכאפּט דיברילן פון די אויגן, געבעטן צום צווייטן מאָל א וואָרט און, טייַנעדיק מיט דער בריל אין דער האנט, געזאָגט, אז ניט קיין שלעכטער שרייַבער קאָן אמאָל זייַן ניט קיין גוטער לייענער. גוט לייענען איז, ערשטנס, א באזונדער טאלאנט, און גוט לייענען דאַרף מען אפּאָנעם, צווייטנס, וועלן אויך. דאָברושין האָט זיך מיטאמאָל צעשמייכלט, רויִקער צוריק אָנגעטאָן די ברילן, און מיט א צעשמייכלט פּאָנעם דערציילט א וויץ וועגן א גוטן-ייִדן, וואָס האָט, ארומפּאָרנדיק אין דער סוויווע, געגערט זיך, קעדיי, כאָלילע, ניט צו עסן קיין טרייפס, מיט א הויל פיסנע שטיקל ברויט. די כסידים האָבן געזען, אז ס'איז א מייַסע אָן אן עק, דער רעבע זייערער טריקנט איַין פון טאָג צו טאָג, האָבן זיי אים אין א גאנצפרי צוגעטראָגן א פריש-אָפּגעבאקן קוילעטשל. דער רעבע האָט א בייַס געטאָן דאָס קוילעטשל און זיך ניט טויט און ניט לעבעדיק צעשריגן: „גאזלאָנים! ס'איז דאָך אינווייניק דאָ קעז!.." האָט מען אים געענטפערט: „בייַסט טיפער, רעבע, וועט איר דאָרטן טרעפן פלייש אויך..." איר האָט, זעט אויס, כאָווער לוריע, געביסן גאָר-גאָר פון אויבן. בייַסט טיפער, וועט איר דאָרט זען טרויער אויך. נאָך א מין טרויער!

פונדעסטוועגן פיל איך איצט, אין יאָרן ארום, אז נויעך לוריע, אָלעווהאשאָלעם, איז דעמלט נישט געווען אינגאנצן ניט גערעכט. הייַנט ווייסן מיר שוין אלע ווויל, אז דאָזירן אין א קינסטלעריש ווערק, פינקטלעך צעווועגן אף א וואָג אזויפיל און אזויפיל גוטס און אזויפיל און אזויפיל שלעכטס, אזויפיל און אזויפיל פרייַלעכקייַט און אזויפיל און אזויפיל טרויעריקייַט — טויג ניט. עס זינדיקט קעגן לעבנס-עמעס. א קליין ביסעלע גוטס קאָן אמאָל צוגעטראָגן ווערן אזוי וואָגיק, עס זאָל איבערוועגן פודן שלעכטס. דאָזירן הייסט פאלשעווען. צוליב וואָס אָבער האָט בא מיר אין אזא ביטערער און טרויעריקער מילכאָמע-צייַט די פרייַלעכקייַט ארויסגעשטארצט פון אויבן? ס'וואָלט דאָך געווען גלייַכער, און נאטירלעכער, און מענטשלעכער, און עמעסדיקער, און קינסטלערישער, ווען מע וואָלט געקאָנט זאָגן פארקערט: „בייַס טיפער, לייענער ליבער, וועסטו דאָרט טרעפן פרייד אויך".

נאָך א מין טרעפן!..

2

מאָרדכע בעסאראבער, כאָווער בראָוער און נאָכעם פאטלאזשאנער — די איינציקע דרייַ מאנצבלען אין קישלאק צווישן אלע עוואקויִרטע. די איינציקע דרייַ אלטע ייִדן צווישן די עטלעכע צענדליק ייִדענעס, ווייַבער און ווייַבלעך, קינדער, וועמעס זין, מענער און טאטעס האָבן זיך געשלאָגן מיטן סוינע אף די פראָנטן, ס'האָט נאָך דערווייַל קיינער ניט געוווּסט, ווו זיי שלאָגן זיך און צי שלאָגן זיי זיך נאָך ערגעץ.

כ'האָב פארגעסן ארייַנצושטעלן אין כעזשבן, צווישן ווייַבער-פאָלק, בלומען — די שפּעטערדיקע שוועגערין מייַנע — מיט אירע צוויי פארבאנדאזשירטע פיס, און דאָס קליינע שוועסטערל אירס, ראָזען, וואָס איז אין איינע פאָר כאדאָשים פון א קליין מיידעלע געוואָרן א גרויסע מויד, א גלייַכע צווישן אלע אף די שווערסטע פעלד-ארבעטן אין אוזבעקישן קישלאק.

ביידע מיידלעך זייַנען שוין געווען קייַלעכדיקע מילכאָמע-יעסוימעס. דער פאָטער זייערער, דער מעכאניקער פון דער עלעקטראָסטאנציע אין ייִדישן קאָלווירט הינטער אָדעס, און זייער ברודער, וואָס האָט נאָרוואָס געענדיקט אין אָדעס אן אינסטיטוט, זייַנען שוין אין די ערשטע טעג, האָט מען געוווּסט, אפן פראָנט געפאלן. די מאמע זייערע האָט דער אוילעם געזען מיט די אייגענע אויגן ליגן אף דער סטאנציע ארמאוויר לעבן באן-רעלסן א פארבלוטיקטע, מיט א צעהאקטן שארבן, ווען די קוילער-אעראָפּלאנען האָבן באָמבירט זייער עשעלאָן, נאָכגעשאָסן די ארויסשפרינגענדיקע מענטשן מיט קוילנווארפערס; און אהער, אין אוזבעקישן קישלאק, זייַנען דערנאָך אָנגעקומען עפשער קוים צוויי דריטל פונעם עוואקויִרטן ייִדישן קאָלווירט.

און כ'האָב פארגעסן ארייַנצושטעלן אין כעזשבן אָלגען, די עוואקויִרטע פעלדשערן און אקושערקע אין אוזבעקישן קישלאק, מייַן אָלגען.

און לעבן די איינציקע דרײַ אַלטע מאַנצבלעך צווישן די עוואַקוירטע — דעם יונגן מילכאָמע-אינוואַליד, דעם דיכטער סרול בראָנשטיין, וואָס האָט פּלוצעם, פֿון דער העלער הויט, אַראָפּגעיאַוועט זיך אין קישלאַק; גלײַך נאָכן אַרמיי-שפּיטאָל, אַן אויסגעהיילטער און אַ געענדערטער. לאַנג געזוכט און אָפּגעזוכט, ווו איך געפֿין זיך; אַ שפּליטער האָט אים פּונקט צעלעכערט די אייביק קראַנקע לונגען זײַנע; ער איז שטיין געבליבן קעגן מיר אין אַן אַרמייִשער גימנאַסטיאָרקע, מיט אַ פּילאָטקע אויפֿן שפּיץ קאָפּ, מיט סאָלדאַטסקע וויקלשנורן אַרום די שטעקלדיקע פֿיס; אויף די באַקן זײַנע — אַ בלאָנדע שיטערלעכע פֿאַרוואַקסנקייט; פּונעם האַלדז אַרויס — אַזאַ אויסטערליש שפּיציק הוסטעלע; אַ פּאָר רעגעס איז ער געשטאַנען אַ פֿאַרכושטער, באַלד דערנאָך האָט איבער זײַן גאַנצן פּאָנעם אַ שײַן געטאָן אַזאַ ניצאָכנדיקע שײַן: אָט שטייט ער קעגן מיר און ווײַזט מיר שוואַרץ אויף ווײַס עפּעס העכערס, איידער גלאַט אַ נײַ-אָנגעשריבענע ליד. נאָר סרול בראָנשטיין איז געקומען צו מיר אין קישלאַק אַ ביסעלע שפּעטער. כ'וועל מערער דערציילן וועגן אים אויך אַ ביסעלע שפּעטער.

און כ'האָב פֿאַרגעסן אַרײַנצושטעלן זיך אַליין.

אין קיין איין זאַך אין גאַנצן בינטל נאָוועלן „דרײַ זומערס" ווערט דאָס דערציילן ניט געפֿירט בעלאָשן איך. ווי איך האָב אָפּט ליב. עפּעס איז געווען צו פּריקרע, זינדיק פּריקרע, זײַן לעבן די דרײַ אַלטע צעבראָכענע מאַנצבלעך דער פֿאָרטער, אין אַזאַ צײַט, ווען אַזעלכע יונגעלײַט, ווי איך, זײַנען אַלע דאָרט, ווו אַלע זײַנען. אין דער נאָוועלע „גאָלדע" ווייטיקן זיך אַזעלכע טראַכטענישן אויס. מאָרדכע בעסאַראַבערס טאָכטער, די קאָמבײַנערן גאָלדע, דאָס בין איך. כ'האָב געאַרבעט אויף די ברויט-פֿעלדער אַלס בריגאַדיר אין דער בריגאַדע עוואַקוירטע. בריגאַדיר אין דער ווײַבער-בריגאַדע. פֿרי פֿאַרטאָג פֿלעג איך דער ערשטער זײַן אויפֿן פֿעלד מיט צוויי טאָרבעס פֿרישע אוזבעקישע פֿלעצלעך אויפֿן רוקן פֿון אַן אייזל. כ'האָב מיטן פֿעלד-מעסטער יעדן אויסגעמאָסטן זײַן כיילעק פֿעלד. מיט אַ סערפּ אין דער האַנט אַליין געבויגן זיך איבער די ווייץ-זאַנגען איינעם מיט אַלע. פֿערציק גראַד היץ. די זון האָט געסאַרפּעט. די ווײַבער פּונעם ייִדישן קאָלווירט הינטער אָדעס זײַנען פֿאַרקוילט געוואָרן אין אַזאַ ברענעניש, פֿון זון-אויפֿגאַנג ביז זון-פֿאַרגאַנג, ניט פֿאַר די דרײַ פֿלעצלעך, האָבן זיי געזאָגט, וואָס יעדע באַקומט אַלע טאָג, און ניט אַפֿילע פֿאַר די אַרבעטסטעג, וואָס מע שרײַבט זיי אַרײַן, נאָר — פֿאַרן פֿראָנט. ברויט פֿאַרן פֿראָנט — פֿלעגן זיי מיך טרייסטן — הייסט דען ניט פֿראָנט? גאָלדע דאָס בין איך. נאָר ס'איז דאָרט אַזוי פֿאַרשטעלט, אַזוי פֿאַרוועבט, אַז קיין איין לייענער וואָלט דאָס קיינמאָל ניט דערשפּירט. איך אַליין וואָלט זיך אין גאָלדען אויך קוים דערקענט. מ'האָט דאָס געדאַרפֿט אַ ביסל מערער אויפֿדעקן, אַנטפּלעקן. מיילע, פֿאַריכטן קען מען שוין ניט. לאָמיך עס כאָטש איצטער, אין אַזויפֿיל יאָר אַרום, בלויז זאָגן.

מאָרדכע בעסאַראַבער האָט אינדערעמעסן געהייסן איציק בעסאַראַבער — מײַן אַלטער, אָדער פֿאַר דער צײַט זייער פֿאַרעלטערטער טאַטע.

שטאַרקע מענטשן פֿאַרלירן זיך ניט באַם שטאַרקסטן אומגליק. איך האָב מײַן טאַטנס שטאַרקײַט, ריכטיקער עפּשער — גרויסקײַט, גראַדע געזען אין דעם, וואָס ער איז מער ווי אַ צווייטער אומגעגאַן אַ פֿאַרלוירענער, אַ דערהאַרגעטער. דער גאַנצער מילכאָמע-ווייַ, מילכאָמע-צאָרן און מילכאָמע-טרויער איז אים געלעגן אויסגעשפּרייט אויפֿן פּאָנעם. די אײַנגעפֿאַלענע באַקן, דאָס פֿאַרשפּיצטע אונטערמויל, דער טיף-געקאַרבטער שטערן, די שלייפֿן, דאָס גאַנצע פּאָנעם איז אים אַזוי געווען פֿאַרשוואַרצט, אַז די שוואַרצע בלישטשענדיקע אויגן זײַנע האָבן אין אַזאַ שוואַרצער אַרומגערעמלטקײַט מערער אויסגעזען גרוי איידער שוואַרץ. מ'האָט אויף אים די גאַנצע צײַט קיין שמייכל ניט געזען. מ'האָט פֿון אים קיין הויך וואָרט ניט געהערט. פֿאַרדומפּן, אין זיך, געזיפֿצט. מיט אַ שוואַכן שעפּטש, ווי אַ כוילע-מעסוקן, אַמאָל-אַמאָל אַ קרעכץ געטאָן. אַזויפֿיל שטעט, אַזויפֿיל גוטס ווערט כאָרעוו. אַזויפֿיל לעבנס, שיינע לעבנס, קומען אום. וויי, וויי. וואָס וועט זײַן מיט דער וועלט, טאָמער, כאָלילע — מע טאָר עס גאָר אויף די ליפּן ניט אַרויסברענגען. ער האָט איינעם מיטן אַלטן בראָוורן געהייצט דאָס קאָלווירטישע בעדל, דער אוילעם זאָל זיך וואַשן און פֿאַרען, עס זאָל, כאָלילע, ווי אַ צוגאָב פֿון אויבן, ניט אַ קאָסע טאָן מיט זײַן שווערד דער מאַשכיס, וואָס הייסט טיף. קעדיי צו האָבן מיט וואָס צו הייצן דאָס בעדל, האָט ער געשלעפּט אויף די פּלייצעס, פֿון אַ ווײַטן ניט-באַאַרבעטן סטעפּ, בינטן שטעכלקעס, „אוטיך", ווי די אוזבעקן האָבן דאָס הייצונג גערופֿן. ניט אויף די פּלייצעס — אויף זיך אינגאַנצן, און ניט פּאָשעט קיין בינטן — גאַנצע סקירדעס שטעכלקעס, מ'האָט אים קוים אַרויסגעזען אונטער זיי, ווי אַ מוראַשקע שלעפּט אויף זיך אין איר נאָרע אַרײַן אַ יאַגעדקע, צי אַ ביבקע, צען מאָל גרעסער פֿון זיך אַליין. ער איז אין די באַנאַכטן געזעסן ווי אַ שוימער לעבן אַ סטויג אויסגעדרעשעטן ווייץ, געהאַלטן, לעפּאַ-

נעם, צווישן די קני א פארזשאווערטע אלטע יאגד-ביקס, וואָס האָט שוין לאנג אופגעהערט שיסן, און בא זײַן גאנצער פארלוירנקײַט האָט זיך אים אלע באנאכט געכאָלעמט מיט אָפענע אויגן, אז ער זיצט ערגעץ אויף אין אַקאָפּעס און וועט זיך אָט באלד אויף א וואָרף טאָן אין שלאכט קעגן ביטערן סוינע. ער האָט אלצדינג געטאָן מיט קאוואָנע, אין אלצדינג ארײַנגע-לייגט נעשאָמע. ווי אלע יאָרן זײַנע, פריער און דערנאָך, פלעגט דער טאַטע מײַנער טאָן יעדע טועכץ מיט זײַן גאנצער ערלעכקײַט, ארײַנלייגן אין יעדער טועכץ זיך אינגאנצן.

די שוואכקײַט זײַנע, די דערהארגעטקײַט און פארשווארצטקײַט האָט מען אָנגעזען נאָר אין דרויסן, אף זײַן פּאָנעם. טיף אין אים אינווייניק האָט, אפילע אין די שווערסטע טעג, געריזלט, ווי פון א קוואל, א שטארקע העלקײַט. א ביטאָכן-העלקײַט. כ׳וואָלט אפילע גע-זאָגט: א ביטאָכנדיקע פרייד — זיגן וועלן סײַווײסײַ מיר. אנדערש קאָן עס גאָרניט זײַן. סאָפ-קאָלסאָף וועט דער עמעס דעם שעקער פארטיליקן. און גראדע מיר, אלטע לײַט, וועלן דעם ניצאָכן דערלעבן.

געדענקסט מינאסטאם, גוטער לייענער, ווי מאָרדכע בעסאראבער און כאווער בראָוווער דרייען זיך ביידע נאקעטע, איינער ארום אנדערן, אין קאָלווירטישן בעדל. איינער וואשט דעם אנדערנס פּלייצע. די מאָגערע לײַבער זייערע זײַנען אזוי ווײַס, אזש בלאָוולעך. אלע ביינער זעען זיך דאָרט אָן, גלײַך זיי וואָלטן געווען אָנגעשאָטן אין א גלעזערנער זאַך, ניט אין מאָרדכע בעסאראבער און ניט אין כאווער בראָוווער. איינער גיסט דעם אנדערן אָפּ מיט שעפעלעך וואסער. אין דער געדיכטער פארע זעט איינער דעם אנדערן קוים אָן. דאָס וואסער גיסט זיך אפן שטיינערנעם פּאָל מיט א קלונג. אין דער אויסגעלײַדיקטער פּאס קלינגען זייערע קוילעס אָפּ מיט א טויבלעך ווידערקאָל. גלײַך ווי איינער וואָלט געשטאנען דאָ און דער צווייטער ערגעץ אָפּגערוקט אף ווערסטן:

— א מײַסע מיט א דײַטש, הא, כאווער בראָוווער?

— מיט א פאסקודנעם דײַטש.

— מ׳עט אים איבערקומען!

— מירן עס דערלעבן, רעב איציק.

— ביידע?

— ביידע.

— און מירן אהיים פאָרן.

— פונוואנען זענט איר, זאָגט איר?

מיטן ניגן פון דאַם-צפארדייע אין דער האגאָדע:

— דאָן, דניעפּער, בוג, דניעסטער — קעשענעוו...

— אײַ, קעשענעוו...

— אײַ, וואָזנעסענסק...

ניט אומזיסט האָב איך גראָד אים, מאָרדכע בעסאראבערן, דעם פאָטער מײַנעם, ארײַנ-געלייגט אין מויל די עטלעכע סאמע איקערדיקסטע ווערטער, וואָס כ׳האָב דעמלט געוואָלט די מענטשן זאָגן. העט שפּעטער שוין, צוריק אין דער היים, ווען מאָרדכע בעסאראבער פירט אום בא דער האנט די מיזינקע זײַנע, עסטערקען, צווישן די כאָרעווע געסלעך, קוקט מיט צאר און צאָרן אין זײַן טרויעריקער באָרד, אף די שווארצע פענצטער-לעכער אין די שטיקער ווענט, וואָס זײַנען שטיין געבליבן דאָ און דאָרט פארשמאָלטע און פארשפּיציקטע, ווי קוואָ-רים-שטיבלעך, און פון די אויגן זײַנע טוט דערנאָך א שײַן ארויס א העלקײַט ערגעץ ארוף, העכער, איבער די כורוועס:

— אז עס זײַנען דאָ ווענט, וועט זײַן א דאך. דארף זײַן א דאך!..

פרי פארטאָג, ווען איך פלעג זיצן אפן אייזל מיט די צוויי טאָרבעס פרישע פלעצלעך אין ביידע זײַטן, פלעג איך אמאָל אפן וועג באגעגענען דעם טאטן אומקערן זיך פון זײַן באנאכטיקער שומער-דעזשורסטווע באם סטויג ווייץ. כ׳פלעג זיך א פּאָר מינוט אָפּשטעלן מיט אים, אויספרעגן אים ווי די נאכט איז דורכגעגאנגען, מיטגעבן אים אהיים א פלעצל אף איבערבײַסן. איינמאָל, געדענק איך, האָב איך זיך פלוצעם צעשמייכלט, וויאזוי ער דער-נעענטערט זיך צו מיר מאמעש מארשירנדיק, האלטנדיק געטרײַ אף אן אקסל די אלטע פארזשאווערטע יעגער-ביקס, וואָס האָט שוין לאנג אופגעהערט שיסן. מײַן שמייכלען האָט אים, זעט אויס, גוט געאַרט. ער האָט זיך אזש געביטן אפן פּאָנעם. נאָר ער האָט זיך אף מיר ניט געבייזערט, ניט געמוסערט מיך דערפאר. ער האָט גלײַך ווי גאָרניט שטיל און פּאמעלעך א זאָג געטאָן:

— אונדזער ביקס איז גלייבן און האָפן... און טאָן... ניט זיצן מיט די ליידיקע הענט... און אַלצדינג געטרײַ טאָן. פאָר, פאָר אַפן פעלד, זון מײַנער. און זײַט דאָרט אַלע מאצליעך הײַנט אין דער אַרבעט!..

אויסטויגערס, ראַשערס, גרויסע כאַכאָמים, וואָס האָבן זיך עוואַקויִרט מיט גרויסע פּעק, און אומגעקערט זיך מיט נאָך גרעסערע, האָבן אזא מאָרדכע בעסאַראַבער געהאַלטן פאַר א נאַרעלע. א דאַנק דיר, טאַטע, וואָס איך האָב בא דיר געיאַרשנט ניט קיין פּעטע פּעק און ניט קיין רײַכע פּאַלאַצן, נאָר גראָד דאָס דאָזיקע מין נאַרעלע אין דיר.

3

אָלגע.

וואָס האָט די דאָזיקע געווײנלעכע פרוי, די פּאָשעטע פעלדשערן און אַקושערקע, דער מענטש, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט גערעכנט גרעסער פון קיין שום קלענסטן מענטשן אין דער וועלט, וואָס האָט זי מיט זיך ניט מיטגעבראַכט אהער אין ווײַטן אוזבעקישן קישלאַק, צווישן די הויכע, ווי קעמלען-טשערעדעס, גרויע און געהויקערטע בערג, אַרומגעשטעלט פונדערווײַטן אין אַלע פיר זײַטן!

א יאַם מיט גוטסקײַט — איז נאָך ניט דאָס. מיט ליבשאַפט — איז נאָך אויך ווייניק געזאָגט. מיט צוגעלאָזטקײַט, אָפנקײַט, פּראָסטקײַט, איבערגעגעבנקײַט, מיטגעפיל, כאַווער-שאַפט, לעבעדיקײַט, כיין... — אַלע, אַלע רײַכקײַטן אירע, מיט וועלכע זי איז געבענטשט געוואָרן אָן א מאָס און אָן א צאָל.

קיינער — צווישן געציילטע — האָט אזוי גיך, ווי אָלגע, ניט אָנגעהויבן רעדן אוזבע-קיש. קיינעם האָבן די אוזבעטשקעס אזוי באַלד, ווי אָלגען, אזוי שטאַרק ניט ליב באַקומען. אין קאָלווירטישן געבוירן-הויז אָף פיר בעטלעך האָבן אין אָלגעס הענט די געווינערנס קיין הויכן קרעכץ ניט געטאָן. די נײַ-געבוירענע פּיצלעך, אויסגעבאָדענע, שטײַף-געוויקלטע, צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן בא דער מאַמעס ברוסט אָנגעזויגענע, האָבן אָף אָלגעס אזא באַזונדער סמאָטשקען, וואָס נאָר זי האָט אזוי געקענט אַרויסברענגען מיט אירע ליפּן, שוין געענטפערט מיט א סייכלדיקער צעשמייכלטקײַט. כ'טרײַב אָף קיין האָר ניט איבער. אזא ניט-געווײנלעכן קישעפדיקן קויעך האָט אין זיך פאַרמאָגט די דאָזיקע געווײנלעכע פעלדשערן און אַקושערקע מיטן נאָמען אָלגע.

דאָס קליינע נאָוועלע-רעמל לאָזט מיך ניט צעפירן זיך די הענט און אָנמאָלן איר גע-שטאַלט אזוי ברייט און געדיכט, ווי אזא געשטאַלט מאָנט בא מײַן פענדזל.

אין די ערשטע פאָר וואָכן אין קישלאַק איז אָלגע אומגעגאַן אין א ווײַס טיכל, פעסט אָפּגעצויגן איבער איר גאַנצן גאָר קלענער געוואָרענעם קאָפּ. זי האָט דאָס טיכל געטראָגן ניט נאָר איינעם מיטן ווײַסן כאַלאַט, אין אַמבולאַטאָריע צי אין געבוירן-הויז, בא דער אַר-בעט, נאָר אומעטום, טאָמיד, אין דרויסן און אין שטוב, באַטאָג און באַנאַכט, מאַכמעס און-טערן טיכל איז דער קאָפּ אירער אינגאַנצן געווען אָפּגעגאָלט — א נאַקעטער הוילער קאָפּ. ס'האָט ניט געהאָלפן קיין שום אײַנרעדן מײַנס. די רייד, אז די אָפּגעגאָלטקײַט מאַכט זי אפילע שענער, זײַנען געווען ניט מער ווי רייד. זי האָט דאָ, אין דער קישלאַקישער פאַבריק-מאַכערסקע, אָפּגעגאָלט זיך דעם קאָפּ צום צווייטן מאָל, קעדיי נאָכן ערשטן מאָל אָפּשערן איר די האָר, אין כאַוואַסטער שפּיטאָל, באַם ליגן אָף טיף, ווען די האָר האָבן איר אָנגעהויבן אויספאַלן בינטנווײַז, זאָלן זיי דאָ איצט, נאָכן אָפּגאָלן, וואַקסן געדיכט און גיך, צוריק אויס-וואַקסן אזעלכע, ווי זי האָט זיי געהאַט פריִער, ביזן טיף. פון כאַוואַסט האָט מען דעם טאַטן מיט דער מאַמען און די דרײַ שוועסטערלעך מײַנע אָפּגעשיקט אין קאָלווירט „סטאַלין-3” — אין כאַוואַסטער ראַיאָן האָבן דרײַ קאָלווירטן געטראָגן סטאַלינס נאָמען: „סטאַלין-1”, „סטאַ-לין-2”, „סטאַלין-3”. איך האָב זיך באַטאָג אַליין געדרייט אַרום הויכן שפּיטאָל-פּלויט, באַנאַכט געשלאָפן אין אָנטועכץ אָף דער ערד אין א כאַוואַסטער אוזבעקישער טשײַכאַנע. צו די קראַנקע אין שפּיטאָל האָט מען קיינעם ניט אַרײַנגעלאָזט. און ווען מיט אָלגען האָט אָנגע-הויבן האַלטן שמאָל, צום טיף האָט זיך אונטערגעוואָרפן א לונגען-אָנצינדונג, און מ'האָט מיך יאָ אָנגעהויבן לאָזן אַרײַנגיין צו איר, האָט עס שוין מערער געהייסן אַרײַנגיין געזעגענען זיך. די הויפּט-דאָקטערן אין שפּיטאָל האָט מיר געזאָגט, אז ווען מע וואָלט געקאָנט צופאָרן קיין טאַשקענט און קריגן דאָרט סולפאַדימיזין, וואָלט מען עפשער די קראַנקע אָפּגעראַטע-וועט. אין טאַשקענט בין איך געווען צוויי טעג. צופעליק האָב איך באַגעגנט אָף דער גאַס סידי טאַל מיטן מאַן אירן פאַליק. פאַליק האָט מיר באַלד צוגעזאָגט קריגן ערגעץ דרײַ פּעקעלעך סולפאַדימיזין.

געענטשטיקט האָב איך אויפֿן וואָקזאַל. ס׳הייסט, ניט געענטשטיקט — און אויג, פֿאַרשטייט זיך, ניט צוגעמאַכט. באַטאָג־צו, כ׳האָב נאָר געטומלט בײַ פֿאַליקן דעם סוקטאַלמיזין, בין איך גלײַך אוועק צו דער באַן, אומגעשפּאַנט דאָרט אַפּ און אויף אין וואָקזאַל־סקוועריל, צוגעזעצט זיך אַט אויף אײן באַנק, אַט אויף אַ צווייטער באַנק, אַזוי זיך אָפּגעפּײַניקט ביז אַרום פֿיר פֿאַר־טאָג, ביז דער צוג האָט מיך צוריק אָפּגעפֿירט קיין כאַוואַסט, צו אַלגען אין שפּיטאָל.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אַלגען געוואָרן גרינגער. אין איין פּאַלאַטע מיט איר, אַ בעטל לעבן אַ בעטל, איז געלעגן אויף טיף נאָך אַ בעסאַראַבער ווײַבל, מינקע. אײַנגענעם מיט מיר פֿלעגן זיך דרייען אַרום שפּיטאָל צוויי יונגעלײַט, קרוויים מינקעס. איינער האָט געהייסן סיאָמע, איז געווען אַ הויכלעכער, אַ יונג מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, מיט שוואַרצע וואָנ־צעלער, ביכלאַל אַ שוואַרצכיינעוודיקער — און עמעסער ברונעט. דער צווייטער, כאַימעלע, איז, פֿאַרקערט, געווען אַ שמאַלינקער, און איידעלער, האָט פֿאַרמאָגט ליכטיק־פּאַפּשויענע האָר אויפֿן קאָפּ, ליכטיקע בלויע אויגן, ביכלאַל אַ ראָזעווע־ליכטיק צעשמייכלט פּאָנעם — און עמע־סער בלאָנדין. די דאָזיקע צוויי יונגעלײַט האָבן מיך אָנגערופֿן יאָלד. איך פֿלעג צו אַלגען קומען קימאַט מיט ליידיקע הענט. זיי, צו מינקען — אַלע טאָג מיט אַ פֿול וואַרעם טעפּל: אַ שמעקנדיק ייִכל פֿון אויף. אין צעטעלע, וואָס זיי פֿלעגן מינקען אַרײַנשיקן אײַנגענעם מיטן טעפּל, פֿלעגן זיי איר הייסן אַלגען אויך געבן עסן אַ ביסל יויך. גוטע, ווילע צוויי יונגעלײַט. איינמאָל האָב איך סיאָמען אַ פֿרעג געטאָן (ער איז עס געווען דער מער רירעוודיקער, דער גאַנצער טוער — האָט מען געזען), ווו זיי קריגן די אויפֿעס און וויפֿל, אַשטייגער, קאָסט איצט אויפֿן מאַרק אַזאַ אויף. סיאָמע האָט אַ קוק געטאָן אויף כאַימעלען, כאַימעלע האָט סיאָמען געענטפֿערט מיטן זעלבן קוק, און ביידע האָבן זיך אײַנגענעם צעלאַכט:

— וויפֿל אַזאַ הון קאָסט? — האָט סיאָמע געזאָגט. — צוויי פֿינגער מיט אַ דערשרעק.

— און אַמאָל אָן אַ דערשרעק אויך, — האָט כאַימעלע סיאָמען דערגאַנצט.

איך האָב פֿאַרשטאַנען, וואָס זיי האָבן מיר געזאָגט, נאָר כ׳האָב עס עפּעס ניט געגלייבט.

— וואָס מיינט איר דערמיט? וואָס הייסט דאָס? — האָב איך געפֿרעגט.

— דאָס הייסט... — האָט סיאָמע געענטפֿערט, און כאַימעלע האָט אים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — עס הייסט, אַז אין כאַוואַסט שפּאַצירן נאָך, דאַנקען גאָט, אום בײַ די הויפֿן גאַנץ נישקאָשעדיקע פּאָרלעך אויפֿעס. טוט מען איינס־צוויי אַ וואָרף אַרוף אַ רעקל אויף אַ הון, און ווי מיט אַ פֿינטל פֿונעם אויג טוט מען דער הון באַם העלדזל אַ פֿאַרקוועטש די גורגל, אַז זי באַוויזט אפֿילו קיין גוטן קוואָקע ניט צו טאָן...

כ׳האָב פֿאַמעלעך און אפֿילו קילבלעך סיאָמען און כאַימעלען אַ זאָג געטאָן:

— וויל איך אײַך בעטן, איר זאָלט אַרײַנשרײַבן מינקען, זי זאָל אַלגען מערער קיין יויך ניט געבן. קיין טרייפֿענע יויכן עסט ניט אַלגע.

— ט׳האָסטו דיר אַ נײַס, — האָט סיאָמע גערעדט צו כאַימעלען, — צו אַלע גליקן איז ער נאָך אַ פֿרומער ייִד אויך. לויף גיך און זוך אים אַפּ אַ שויכעט אין כאַוואַסט!...

— ניין. כ׳מיין, אַז אַ יויך פֿון געגאַנוועטע הינער איז פֿאַר יעדן אײַנעם טרייף.

סיאָמע איז געוואָרן בייז:

— כאַימעלע, טו אים נאָר אַ גוטן קוק אָן. ס׳שטייט דאָך פֿאַר אונדז אַ פּאַרטיקער יאָלד. אַ יאָלד פֿון יאָלדנלאַנד. פֿע, ס׳איז גאָר אַ בושע צו הערן אַזעלכע ווערטער.

— מיילע... — האָב איך געזאָגט, — וועל איך עס שוין אַליין איבערגעבן אַלגען.

מיט דער צײַט האָט אַלגע פּאַוואָלינקע אָנגעהויבן אַראָפּגיין פֿונעם בעטל, אַרויסקומען צו מיר אין שפּיטאָל־קאָרידאָר אין אָפּגעשוירענע, מיט שוואַרצע רייפֿן אַרום די אויגן, קוים פֿלאָנטערנדיק מיט די פֿיס. מיר פֿלעגן זיך צוזעצן אין קאָרידאָר אויף אַ באַנק, איך האָב זי מיט איין האַנט געהאַלטן אַרומגענומען, מיט דער אַנדערער געגלעט איר דאָס אויסגעמאָ־גערטע פּאָנעם, זי האָט גערעדט מיט אַן אָפּגעשוואַכט קאָל, קוים אַרויסגעבראַכט די רייד אויף די ליפּן. נאָר אַזוי האָט זי מיר דערציילט, אַז מינקע האָט די שלאַפֿקײַט איבערגעטראָגן נאָך שווערער. קיינער האָט שוין ניט געטראַכט, אַז זי וועט בלײַבן לעבן. עטלעכע טעג איז זי געלעגן אין אַזאַ היץ, נאָר אויף פֿאַרברענט צו ווערן. זי האָט די גאַנצע צײַט גערעדט און געוויינט און געלאַכט, אָנגערעדט אויף זיך אַזעלכע ניט־געשטויגענע און ניט־געפֿלויגענע זאַכן, אַז די האָר שטעלן זיך קאַפּויר. אַלגע האָט אַ לאַך געטאָן — דעם ערשטן לאַך אירן דערמלט אין שפּיטאָל:

— ס׳איז שיין געלעכטער, — האָט זי געזאָגט, — איצטער, נאָך דעם, מעג מען שוין טאָקע יאָ לאַכן. וואָס מיינסטו האָט זי געטײַנעט, מינקע, פֿון היץ? אַז זי לעבט מיט צוויי מענער. איינער איז אַ הויכער, אַ שוואַרצער, אַ שיינער — שיין ווי די וועלט. דער צווייטער איז אַ בלאָנדער, אַן איידעלער, אַ צאַרטער — צאַרט ווי אַ רויז. אויף וועמען לאָזט זי זיי

איבער, וואָס וועט זײַן מיט זיי אַן איר? פון אזא הויכער היץ קאָן מען טאקע אַדער גיין פון דער וועלט, אַדער אראָפּ פון זינען. אוי, אַרעמע מינקע, נעבעך!..

סיאָמע און כאַימעלע זײַנען דאפקע געווען צוויי גאַרניט קיין שלעכטע יונגעלײַט. סיאָמע איז אין כאוואסט געוואָרן א טראַקטאָריסט, געראַכנט זיך דערנאָך דער בעסטער טראַקטאָריסט אין ראַיאָן. עמטעעסן האָבן זיך געריסן איבער אים, מאַמעש געטראָגן אים אף די הענט. כאַימעלען האָט מען אין לעצטן מילכאָמע-יאָר מאָבילעזירט, געשיקט דערנאָך אפן פראָנט, ער איז צוריקגעקומען פון בערלין א פעסטערער, א צוואָקסענער, שטאָלצירט מיט די צוויי מעדאלן אפן הארצן, געהאט דערנאָך יאַרנווײַז וואָס צו דערציילן. אין קעשע-נעוו, נאָך דער מילכאָמע, פלעג איך זיי ביידע, סיאָמען און כאַימעלען, אָפטמאָל באַגעגענען. ס'הייסט, ניט זיי ביידע — זיי אַלע דרײַ: סיאָמען און כאַימעלען און מינקען. דאָס, וואָס מינקע האָט אין כאוואסטער שפּיטאָל, בא אַלע לעצט, ווי א מין ווידע, ארויסגערעדט בא הויכער היץ, איז פאר א סאך קעשענעווער ניט געווען קיין שום סאָד. אלטע באקאַנטע האָבן עס אַלע געוווּסט, באם אַנהייב געכידעשט זיך, געהויבן מיט די אקסל, דערנאָך צו-געוווינט זיך דערצו — מאַלע וואָס פאר א שטיק דאָס לעבן קאָן אמאָל געבן א וואָרף ארויס...

דאָס פורל האָט געפירט אין דער טראַקטאָרן-בריגאדע צוויי אײַזערנע פעסלעך נאפט. אַנגעשפּארט אין די פעסלעך, אײַנגעטוליעטע איינער אין צווייטן, זײַנען אין פורל געזעסן איך און אַלגע.

אַלגען האָט מען געשיקט צו זײַן א פעלדשער אין דער קישלאקישער אמבולאטאָריע, אן אקושערקע אין קאַלווירטישן געבוירן-הויז, מיך, אף דערווײַל, ביז עפּעס-וואָס, פאר סעקרעטאר אין דער דאָרפישער אוזבעקישער שול.

ס'איז געווען ניט קיין קאלטער און ניט קיין ווארעמער אוזבעקיסטאנער יאַנוואר-טאָג. אף די פעלדער, וויפל דאָס אויג האָט פארכאפּט, איז ניט געלעגן קיין איין קופקעלע שניי. ס'האָבן זיך אַנגעזען, ווי צעוואָרפענע, ווײַט-אָפּגעזונדערטע איינס פונעם אנדערן, ווינטער-דיקע נאקעטע ביימלעך — דאָ א ביימל, דאָרט א ביימל. אי אף די לאַנגע בארג-אראָפּן, אי אף די נאָך לענגערע בארג-ארופן זײַנען די צוויי פערדלעך געגאַנגען אין שפּאַן ניט געײַלט, קימאט טריט בא טריט. דער אַנטרײַבער, אן אלטער אוזבעק, אין א פּאסנדיקן פארגארטלטן טשאַפאַן, מיט א טיובעטייקע אפן קאָפּ און מיט אן ארומגעשווירענער אונטערגעגאָלטער באָרד, האָט די ווישקעס אין די הענט געהאַלטן נאָכגעלאָזט, געזעסן אף אן איבערגעלייגט ברעטל, אויסגעדרייט צו אונדז מיט אן אײַנגעבויגענער פּלייצע, די פיס אראָפּגעלאָזט אין דרויסן אפן דישעל, געזעסן און געשוויגן.

איך און אַלגע האָבן די גאַנצע צײַט גערעדט. אויסדערציילט זיך זאכן, וואָס זײַנען געשען מיט טעג פריִער, מיט וואָכן פריִער, מיט כאדאָשים און אַפילע יאָרן פריִער, גלײַך מיר וואָלטן זיך שוין א לאַנגע-לאַנגע צײַט ניט געזען. גערעדט האָב איך, פארשטייט זיך, מערער. אַלגע האָט מערער געהערט. מיך, ווי טאָמיד, גוט געהערט. און ווען כ'האָב איר א דערציילט געטאָן די געשיכטע מיט די געגאַנוועטע אויפּעס, און ווען כ'האָב איר דערציילט, ווי מ'האָט מיך אַנגערופן יאַלד, האָבן זיך אַלגען מיטאמאָל אָנגעגאָסן די אויגן און זי האָט זיך אף א הויך קאָל געטאָן א צעוויין, אז איך האָב זיך אזש דערשראָקן, און דער אוזבעק דער אַנטרײַבער האָט אזש אף א פּאר רעגעס אָפּגעשטעלט דאָס פורל.

— וואָס איז געשען? בארויק זיך. וואָס האָסטו זיך פּלוצעם אזוי צעוויינט? — האָב איך איר מיט די דלאָניעס מײַנע אויסגעווישט די טרערן.

אַלגעס אויגן זײַנען צוריק געוואָרן לויטער און בלוי. בלויע הימל-אויגן, ווי זי האָט פארמאָגט.

— פאר פרייד, טײַערער!

— פאר פרייד?..

— וואָס זשע, כ'האָב ניט פאר וואָס צו האָבן קיין פרייד? ערשטנס — וואָס איך בין געזונט געוואָרן, געבליבן לעבן. צווייטנס — וואָס מיר פאָרן שוין ענדלעך אין א היים, פאָרן שוין ארבעטן. הערסט, איך בענק שוין אזוי נאָך ארבעט, אז איך קען עס דיר גאָרניט אויסמאָלן. ווען כ'בין געלעגן פארטײַעט, מערער דאָרט שוין איידער דאָ, פלעג איך אַלץ מעקאַנע זײַן ניט נאָר די שוועסטער אין שפּיטאָל, נאָר אפילע די ניאַניעס. דריטנס... דריטנס האָב איך זיך צעוויינט פאר פרייד, איבער וואָס מ'האָט דיך אַנגערופן יאַלד...

כ'האָב אַלגען געוואָלט ארומכאפּן קושן. נאָר, ווי טאָמיד, האָט זי אזעלכע זאכן אויס־געכאפּט בא מיר פריִער:

— טײַערער... זעלטענער מײַנער יאָלד...

א פארליבט פּאָרל האָט זיך געקושט און געקושט, אָנגעשפּארט אין צוויי אײַזערנע פעסלעך נאפט. דער אוזבעק דער אָנטרײַבער האָט זיך אזש צעבייזערט אף די פערדלעך, א שעלט געטאָן זיי, צעטריבן זיי מיט דער בײַטש. און די בידנע פערדלעך האָבן געמוזט אָנהייבן אונטערלויפן. כאָטש דער וועג האָט זיך גראָד דעמלט א ציִ געטאָן בארג־ארוף, בארג־ארוף...

4

ערשטער מײַ, 1942.

מיר זײַנען הײַנט געגאנגען צוגאסט אף יאָמטעוו אין קאָלווירט צום טאטן און צו דער מאמען און צו די שוועסטערלעך. געגאנגען די העכער צוואנציק קילאָמעטער אהין צופוס. איך און אַלגע און מיט אונדז די יונגע רוסיש־לערערן אין דער דאָרפישער שול, די אָסעטינקע אנגעלינע דזאנײַעווא.

אין דרויסן איז שוין אזוי הייס, ווי אינדערהיים אין הייסע זומער־טעג. די ברויטן אף די פעלדער האָבן זיך שוין גוט אופגעהויבן, שורשען שוין מיט צעשפּיציקטע זאנגען־קרוי־נען. גראָזן צוויטען; די גרינקײַט זייערע הייבט שוין פּאוואָלינקע אָן דאָ און דאָרט איבער־גיין אין געלקײַט. מיר האָבן זיך ארויסגעלאָזט אין וועג ארום פיר פארטאָג — אי קעדיי גיין נאָך אין דער קיל, אי קעדיי נאָך אָנצוקומען פרי.

אנגעלינע דזאנײַעווא האָט ערשט פאראיאָרן געענדיקט אין טאשקענט דעם פּעדא־גאָגישן אינסטיטוט. זי פארמאָגט פּעך־שווארצע האָר, גראָבלעכע ליפּן, כיין־גריבעלעך אין אירע פּוכקע באקן. זי איז, קאָן מען זאָגן, א שיינע, זייער א שעמעוודיקע. דאָס פּאָנעם אירס ווערט באלד פארצויגן מיט אזא ברענענדיקער רויטקײַט ניט נאָר באם ערשטן וואָרט, וואָס מע זאָגט איר, נאָר אפילע באם ערשטן זאַגנדיקן קוק אף איר. אין אלע פיר אינסטיטוט־יאָר אירע — האָט זי מיר דערציילט שפּעטער, ווען מיר זײַנען שוין גע־וואָרן גוט היימיש, — האָט זי קיינמאָל מיט קיין ייִנגלעך ניט געכאווערט זיך. זי האָט אין זינען געהאט איין זאך: גוט לערנען זיך. איצט, דאָ אין קישלאַק, זײַנען קיין ייִנגלעך ני־טאָ. אלע זײַנען אפן פראָנט. סאמע אלטע לײַט. און די פּאָר היגע ייִנגלעך, וואָס זײַנען יאָ דאָ, רירן זי ניט. אייסעך — ניט צו גאָט און ניט צו לײַט. כ'האָב א טראכט געטאָן, אז די פײַערדיקע רויטקײַט, וואָס טרעט אזוי אָפט ארויס אף איר פּאָנעם, ווערט גיכער אָנגע־צונדן פון אן אָנגעגליטער אינווייניקסטער לײַדנשאפט אירער, איידער גלאט פּאָשעט פון איר שעמעוודיקײַט. אַלגע האָט מיט אנגעלינען שטארק פארכאווערט זיך, געוואָרן מיט איר גרויסע גוטע־שוועסטער.

דער קאָלווירט האָט פונדערווײַטנס אויסגעזען עפּעס גאָרניט ווי קיין לעבעדיקער, בא־וווינטער יישעווו. געלע ליימענע קיביטקעס, איין קיביטקע איבער דער אנדערער; פלאַ־טשיקע דעכער — הוילע סטעליעס, ניט קיין דעכער: קיין שום ביימער ניט צווישן די קי־ביטקעס, קיין הונט הערט מען פונדערווײַטנס ניט האווקען, אייזלען רעווען ניט, גלײַך מיר דערנעענטערן זיך צו א פּוסטן איבערגעלאָזטן קישלאַק. כ'האָב שוין געוווּסט, אז די אוז־בעקן זײַנען זיך נויהעג נאָר איבערצוווינטערן אין די קישלאַק־קיביטקעס. אָנהייב פרילינג, ס'ווערט נאָר גוט וואַרעם, פּאָרט מען באלד ארויס מיט האק און פּאק, מיט קינד און קייט, אין די סעדער, אין די ווײַנגערטנער זייערע, ערגעץ ווײַטער, פון יענער זײַט קישלאַק. און כ'האָב זיך ניט געכידעשט. דאָס זיך דערנעענטערנדיקע בילד פאר די אויגן אופגענומען געוויינלעך, רויק.

דער טאטע איז אונדז אנטקעגנגעלאָפן מיט אזא אײַנגעפאלענעם בויך, גלײַך דער בויך וואָלט געווען ארײַנגעקוועטשט אין אים ערגעץ אינווייניק, ערגעץ הינטער אים, אָדער וואָלט אינגאנצן ניט געווען קיין בויך. ער איז אונדז ניט אנטקעגנגעלאָפן, נאָר אנטקעגנ־געהינקט, קוים נאָכגעשלעפּט נאָך זיך די פיס. די מאמע האָט אים איבערגעיאָגט, צעקושט זיך מיט מיר, ארומגעכאפּט מיט א יעכץ האלדזן און קושן אַלגען, אנגעלינען קילבלעך דער־לאַנגט דערנאָך, באם באקענען זיך מיט איר, הוילע פינף שפּיץ פינגער פון דער האנט. די דרײַ שוועסטערלעך מײַנע, זיסל, כאנציע און אידע, האָבן זיך אלע דרײַ אויסגעשטעלט

אין איין שערענגע, געקוקט אַף אונדז מיט צעשײַנטער פרייד אין די פּענעמער, און ערגעץ-ווו פונדעסטוועגן ארום די נעזלעך זייערע, מיט אַן אָפּגעשאָטנטער באַוואָלטקײַט, פאַרוואָס מיר זײַנען, אַפּאָנעם, ערשט איצט, אין עטלעכע כאַדאָשים ארום, געקומען א קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך דאָ מיט זיי.

אינווייניק אין דער טונקעלער קיביטקע, ווו דאָס ביסל שײַן איז געגאַנגען נאָר פון דער אָפענער טיר, האָבן מיר באַלד צעבונדן די צוויי בינטלעך, וואָס מיר האָבן געבראַכט: א היפּש ביסל פּלעצלעך, צוויי טוץ אָפּגעזאָטענע אייער, גרינע ציבעלעס, רעטעכלעך, קעז. אַלגע האָט א מאָן געטאָן בא דער מאַמען עפּעס אַן אופשפּרייטעכץ, און איניינעם מיט אנגעלינען אָנגעהויבן גרייטן אַף דער ערד די יאָמטעווודיקע סודע. די מאַמע האָט זיך געקנייטשט: מ'האָט ניט לאַנג אָפּגעגעסן די גוטע זאַטירוכע, און אויב מע וועט עסן אַזוי גיך איינס נאָכן אנדערן, וועט מען ווײַט ניט פאַרפאָרן. נאָר לעקאָוועד יאָמטעוו, מיילע. אָט וועט זי אופזידן א טאָג אָקרעפּ. און זי האָט אָנגעהויבן פאָרען זיך ארום צוויי ציגל אין אַן אָפּגעצוימטן פארסאַזשעטן ווינקל פון דער קיביטקע, פארסאַזשעט ביז העט ארוף צו דער אָפענער לאָך פון דער סטעליע ארויס. א שוועסטער האָט א זאָג געטאָן: „איצט אויך אָקרעפּ? מיר עסן, ס'הייסט, מיר טרינקען געניג אָקרעפּ א גאַנצע וואָך, דרײַ מאָל אין טאָג".

דער טאַטע האָט איר געענטפערט: „נישקאָשע, פון א ביסל אָקרעפּ ווערט ווארעם אַף דער נעשאָמע". און די מאַמע האָט זיך פלוצעם צעלאַכט, ווי זי קען, מיט אַן אייבערשט קוויטשל. לאַכנדיק, האָט זי א ווײַז געטאָן מיט דער האַנט אַף א בלעכענער קיילע לעבן דער טיר, איבערגעדעקט מיט א דעקל: „ווען ניט דיר אָקרעפּ, ווייסן מיר אפילע ניט, ווו מיר האַלטן מיט דער צײַט. קיין זייגער איז ניטאָ. אין זייגערס פאַרגעס. איז אַדאַנק דעם אָקרעפּ אָט די-אָ קיילע דער בעסטער זייגער אונדזערער. אַז דו גייסט באַנאַכט אַראָפּ און גיסט א קוק, זי שטייט נאָך ליידיקלעך, ווייסטו, אַז ס'איז נאָך גאָר גאָר פרי, מעגסט דיר נאָך ליגן און שלאָפן. און אַז דו זעסט, זי איז שוין פול ווי אַן אויג, איז א סימען, אַז סע טאָגט שוין. מאַך שוין אוף די אויגן, שלעפּ ארוף אַף זיך דאָס אָנטאָן, גיס דיר אָפּ נעגל-וואַסער, זאָג מוידע-אַני, לייג פײַער און שטעל צו א נײַעם טאָפּ מיט אָקרעפּ".

פון אַלע פרעגעכצן און פון אַלע דערציילעכצן, וואָס איז אַזויפיל געווען צו פרעגן און צו דערציילן, האָט מיך גאָר די מאַמע אָוועקגעכאַפּט אין א זײַט און מיט א בייזלעכן שעפּטש א פרעג געטאָן און א זאָג געטאָן מיר דאָס סאַמע-סאַמע איקערדיקסטע:

— הער נאָר, ווער איז די דאָזיקע שמענגעלינע, וואָס שלעפּט זיך אײַך נאָך? עפּעס געפעלט מיר ניט איר קוק אַף דיר, הערסט! טו אָלגען ניט אָן קיין צאָרעס. סע קומט איר ניט, הערסט! ביפראַט נאָך אַזאַ שלאַפקײַט... און סײַוויסײַ... הערסט, וואָס מע רעדט צו דיר?

מיר האָבן די סודע געגעסן ניט-געכאַפּט, טאַקע גאָר-גאָר פּאַוואָליע. ניט מאַכמעס מיר האָבן צעצויגן די האַנאָע, לענגער פּאַסמאַקעוועט זיך מיט אַזעלכע זעלטענע עסעכצן. דער טאַטע, די מאַמע און די דרײַ שוועסטער מײַנע האָבן אַפּאָנעם ניט געוואָלט ווײַזן אונדז, אַז זיי זײַנען אַזוי אויסגעהונגערט נאָך א ביסן. אַז ס'איז בא זיי אַזאַ אַנטיקל א פּאָשעט איי, א שטיקל קעז, א ציבעלקעלע, א רעטעכל, א פריש אוזבעקיש פּלעצל. מיר, איך און אָלגע, האָבן זיך ניט געאײַלט, קעדיי די האַנאָע זאָל אָנקומען מערער זיי. דער טאַטע איז פונדעסטוועגן די גאַנצע צײַט געווען אַרײַנגעטאָן אין קײַען, קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. ער האָט געקײַעט אָן ציין. דער קאַסטן ציין זײַנער האָט זיך אים ארויסגעגליטשט פון די הענט שוין אין דער ערשטער נאַכט, ווען מ'איז ארויסגעגאַנגען צופוס פונעם ברענענדיקן קעשענעוו און איבערגענעכטיקט אַפן וועג אין א סטערטע שטרוי. אַז ער האָט זיך א ביסל אונטערגעלענט דאָס האַרץ, האָט דער טאַטע, אַזוי קײַענדיק, מיך א פרעג געטאָן, וואָס עס הערט זיך אַף דער וועלט, צי ווייס איך ניט, ווו עס האַלט איצטער דער פראָנט. די טיף-אַרײַנגערוקטע אויגן זײַנע האָבן זיך צעבלישטשעט. איבערן גאַנצן פּאָנעם, הויט און ביין, האָט א שוועב געטאָן א ראָזעוועקײַט, גלײַך ער וואָלט צוגעזופּט צום עסן ניט קיין פּאָשעטן ווײַסן אָקרעפּ, נאָר א ווײַס שטאַרק ביסל בראַנפן:

— אײַ, האָט מען זיי אָפּגעמאָרדעוועט פון מאָסקווע, די ווילדע כײַעס, די קוילערס... אײַ, האָט מען זיי דערלאַנגט... וועסט זען, זון מײַנער... כ'זאָל אַזוי לעבן און געזונט זײַן... מ'עט פון זיי שנײַדן שטיקער... מ'עט זיי טרײַבן און טרײַבן... ביז זיי וועלן אײַנעמען אַלע א מיסע-מעשונע...

אָלגען האָט דער טאַטע געשטעלט א מעדיצינישע פראַגע. זי זאָל אַזוי גוט זײַן און אים פּינקטלעך זאָגן, וואָס עס באַטײַט אַזוינס דאָס וואָרט „דיסטראָפיע". ניט מעסוקן, — האָט אָלגע געענטפערט. — אויסגעמאַטערטקײַט. עס קומט פון ווייניק עסן. דער טאַטע האָט זיך מיטאַמאָל צעפליגלט, אָנגעהויבן אַף א העכער קאָל באַקלאָגן זיך אַף דער מאַמען,

אז זי איז ניט די, וואָס זי איז געווען. זי איז אים געוואָרן אומגעטריַ, ניט אַף צו דערציילן עס אפילע. די זאטירוכע, וואָס זי קאָכט יעדן טאָג אָפּ, טיילט זי איַן ניט יווישערדיק, אָן גערעכטיקייַט. די קינדער גיט זי אראָפּ דאָס אונטערשטע, דאָס סאמע געדיכטע. און אים — אייסעך, א הויל ביסל וואסער, א ביסל שיטעריצקע.

— נו, און זיך אליין? וואָס נעם איך זיך אליין? — האָט די מאמע אי מיט ביטערקייַט, אי א ביסל פארשעמט א פרעג געטאָן.

— זיך נעמסטו וואָס דו ווילסט. ווער לאָזט דיך ניט, ווער? און אז זיך נעמסטו אויך א ביסל שיטעריצקע, ווערט דען דערפון יווישערדיקער?

די מאמע האָט שוין אויך אָנגעהויבן רעדן אַף א העכער קאָל:

— בא מיר ווער אַף דער וואנט, ווי בא די פייַנשטיינס, קיין וואָג ניט העננגען, הערסט? דאָס וועסטו בא מיר ניט פויעלן. די באלעבאָסטע איז שטוב בין דערווייַל נאָך איך. כ'וויס גוט, ווען מע דאַרף געבן אזא פּאָרציע און וועמען מע דאַרף געבן אזא פּאָרציע. קיין סייכל וועט מיך קיינער ניט לערנען.

און זי האָט מיט א שמייכעלע, — מיט יענץ שמייכעלע! — אָנגעהויבן דערציילן, ווי אין קישלאַק דאָ, טאקע בישכיינעס, ווױנט א בוקאָווינער מישפּאָכע פייַנשטיין. פלעג מען זיך דאָרט איבערן ביסל סופּ אלע טאָג אזוי קריגן — כוישעך. האָבן זיי ערגעץ דערטאַפּט צוויי פושקעלעך פון קאָנסערוון, אויסגעמעשטערט פון זיי א מין וואָג, און מע וועגט דעם סופּ אָפּ יעדן גלייַך אַף גלייַך, קיין גראַם ניט מערער און קיין גראַם ניט ווינציקער. אין שטוב איז בא זיי פּוסט און ליידיק, ווי אין א מויל אָן איין צאָן, און אַף דער וואנט הענגט נאָר דאָס שטיקל באַצירעכץ, די צוויי פושקעלעך, די וואָג אַף צו צעוועגן דעם סופּ. פרעג איך אייַך, קינדער: איז שיין אזוי, איז לייַטיש אזוי? מייַנע סאָנים, ריבוינעשעלוילעם! שיטעריצקע גיב איך אים? היטלערן זאָלן אזוי ווערן געדיכט די געהירן אין קאָפּ, וואָס פּאַר א געדיכטע פּאָרציע איך דערלאַנג אים. אז אלצדינג האָט זיך אים אָנגעהויבן אויסווייַזן נאָר קאפּויר. אויסווייַזן, אויסדאכטן. מע זאָל עס גאָרניט געווען דערלעבן, גאָטעניו!

דער טאטע האָט אָפּאָנעם דערזען, אז ער האָט אָפּגעטאָן א נארישקייַט, און ער האָט באלד אָנגעהויבן דרייען אַף צוריק, די נארישקייַט טאקע באלד אָנגעהויבן פאריכטן:

— איר הערט, קינדער, אז מע וויל גוט, איז עס טאקע אזוי, ווי די מאמע זאָגט. ווען ניט זי, מיט איר סייכל און מיט איר איַינגעשפּארטקייַט, וואָלטן מיר שוין עפּשער אינגאנצן ניט געווען אַף דער וועלט. אזוי — זעט איר דאָך: אָט לעבן מיר, און אָט זיפּען מיר, און אָט זיצן מיר און יאָמטעוון איניינעם דעם ערשטן מייַ. דער קאָלכאָז איז דאָ אין קישלאַק א שוואכער, אָן אָרעמער. מאנצבלען צו דער ארבעט זייַנען קימאט נישטאָ. גיי פיר א באלעבאטישקייַט מיט סאמע ווייַבער און סאמע אלטע לייַט. דאָס ביסל ווייץ און דאָס ביסל גערשטן אין סקלאַד האָט מען מיט אלע קויכעס איַינגעהאלטן אַף זריִע. עפּשער וועט טאקע שפּעטער, נאָכן זומער, זייַן אנדערש. דערווייַל איז ניט גוט, וואָס ניט גוט הייסט. דער ווינטער איז געווען גאָר א שווערער. ניט אַף אויסצוהאלטן. די פּרעדסעדאטעלשע איז דאַפּקע זייער א פייַנע אוזבעטשקע, א שטיק גאָלד. אלע צען טעג גיט זי די עוואקויִרטע ארויס די נאָרמע מעל פינקטלעך צו דער צייַט, ווי א זייגער. קיין איין טאָג קיינמאָל ניט פארפעלט. וויפל זי קאָן, אזויפיל גיט זי. הונדערט גראם מעל א טאָג אַף א קאָפּ. אזוי קומסטו גראדע אהיים מיט א שיין ביסל מעל אין די הענט. נאָר גיי, אז מע איז אזוי אויסגעהונגערט. די נאָרמע עסט מען אוף אין דרייַ טעג, און די איבעריקע זיבן טעג ליגט מען דערנאָך מיט די צונגען אין דרויסן. ווער ס'האָט געהאט מיט וואָס, איז אוועק אין די שטעט. און ווער ס'איז געבליבן ליגן דאָ אָפּן אוזבעקישן בעסוילעם. די מאמע, דער מאזיק, האָט יעדעס מאָל דאָס ביסל מעל צעטערכעוועט אַף צען גלייַכע כאלאָקים. אזויפיל גיט מען — אזויפיל עסט. נאָך גוט, וואָס דער ווינטער איז דאָ אָן אוזבעקישער. אַף די פעלדער זוכט זיך אמאָל אָפּ א גרין בלעטל שטשאַוועל, אנדערע מינע שאַריעראָקעס. די גערשטענע פלעצלעך, וואָס די מאמע באקט אָפּ אָפּן רייַנדל, זייַנען גרינע פלעצלעך. די זאטירוכע — מיילע, זאָל זייַן ווי זי זאָגט: געדיכט, וואָס געדיכט הייסט. דער איקער — מיר לעבן און מיר זייַנען דאָ, און אָט זעען מיר זיך. ס'איז נאָר אָן אוולע, זון מייַנער, וואָס איך אזויפיל כאדאָשים ארום. בעפיירעש אָן אוולע. איך זאָל געווען דורכקומען זיך צו אייַך? זעט איר דאָך, וואָס פאר א גיבער איך בין.

כ'בין געזעסן און געפילט, ווי די דאָזיקע אוולע פארעגבערט זיך, פארטיפערט זיך אין מיר. א מינדסטע אוולע אין דער וועלט ארט מיך און ווייטיקט מיך. און אזא אייגענע אוולע האָב איך אפילע ניט באמערקט, אפילע וועגן איר גוט קיין כעזשבן זיך ניט אָפּגע-

געבן. אוואדע קען מען עס פארענטפערן מיט צענדליקער טערוצים. די אוולע ווערט אָבער דערפֿון ניט קלענער און ניט ווייכער.

דער טאטע האָט די נארישקייט זײַנע באַלד פאריכט, איך האָב זיך אויך געטאָן א שטעל אויף און מיט א ביסל אַן אופגעהויבן קאָל, א קאָל מאמעש ווי בא א טאָסט, א זאָג געטאָן:

— טאטע, מאמע, שוועסטער מײַנע, איך זאָג אײַך דאָ צו, אז שוין מאָרגן וועל איך לויפֿן בא אונדז צו נאטשאלסטווע, וועל אײַנלייגן וועלטן, זען, מע זאָל באַלד שיקן נאָך אײַך א פורל און ברענגען אײַך צו אונדז אין קאָלווירט. בא אונדז איז גאָר עפעס אַנדערש. ס'איז דאָ א בריגאדע עוואקויִרטע. מע ארבעט אַלע אויף די פעלדער, מע באקומט יעדן טאָג עסן, ארבעטסטעג. מע וווינט אין מענטשלעכע קיביטקעס. מע האלט בא דער שטוב א ציג. מע כאָוועט אויפעס. מע לעבט און מע וועט די מילכאָמע איבערלעבן. שוין מאָרגן לויף איך. כ'וועל אויף קיין איין טאָג ניט אָפּלייגן.

ארום „טיש" איז א רעגע געוועזן שטיל. דער מאמען האָבן זיך אָנגעגאָסן די אויגן. ס'האָט אין זיי א בלישטשע געטאָן א טרער, גיך אראָפּגעקײַקלט זיך איבער אירע באקן, גיך ערגעץ פארקײַקלט זיך.

— פון דײַן מויל אין גאָטס אויערן! — האָט זי א זאָג געטאָן.

...אין עטלעכע טעג ארום האָט זיך לעבן דער קישלאַקישער אמבולאטאָריע אָפּגעשטעלט דאָס פורל מיטן טאטן און מיט דער מאמען און מיט די דרײַ שוועסטערלעך מײַנע. ס'איז שוין געווען צוגעגרייט פאר זיייערטוועגן א קיביטקע. אַלגע האָט זיי אופגענומען מיט א מאַלכעסדיקן, פאר יענער צײַט, אָנבײַסן.

נאָכעם פאטלאָזשאנער, כאָווער בראָווער און אַלע עוואקויִרטע ווײַבער פונעם יִדישן קאָלווירט הינטער אָדעס האָבן דעם טאטן אָנגעהויבן רופן איציק בעסאראבער.

אזוי איז בא מיר דער טאטע דערנאָך, אין „דרײַ זומערס", געוואָרן דאָס געשטאַלט, וואָס איך האָב אָנגערופן מאָרדכע בעסאראבער.

5

סרול בראָנשטיין איז אַן סאָפעק געווען א דיכטער. ער האָט בא זײַן לעבן, בא זײַן קורץ געפלאָגט לעבן, ארויסגעגעבן צווײַ דינינקע לידער-ביכלעך: „מאַלדאָווע מײַן היים" און „כ'האָב צעעפנט ברייט די טויערן". שוין ארום די ווערטער „היים" און „צעעפנטע טויערן", שוועבט, ווי א נאכט-גלִיערל, א פונק פון דער דאָזיקער סוידעסדיקײַט, וואָס מיר רופן אַן דיכטונג.

נאָר ניט דאָס טראכט איך איצט וועגן סרול בראָנשטיינען. כ'טראכט, אז ווען ער זאָל געווען לעבן, איבערלעבן די מילכאָמע, וואָלט ער זיך באשטימט געווען צעוואקסן, צעצײַטיקט, און אויף די פּאָליצעס אין ביכער-קראָמען און אויף די ביבליִאָטעק-פּאָליצעס וואָלטן זײַנע ביכלעך געשטאנען אײַניינעם מיט אַלע אונדזערע ביכלעך. סאָפּקאָלסאָף — איינער א ביסל גרעסער, א צווייטער א ביסל קלענער, ווער עס שטייט אויפֿן לייטער נידעריקער מיט א טרעפּל, ווער — העכער מיט א טרעפּל, דעם קאָפּ אין די הימלען האלטן, זעלטן, גאָר-גאָר איינציקע, אויסדערווײַלטע, גאָר-גאָר געבענטשטע. סאָפּקאָלסאָף איז דער איקער דער לייטער. דער גאנצער לייטער. סרול בראָנשטיין, טראכט איך, ווען ער לעבט די מילכאָמע איבער, וואָלט אויפֿן לייטער באשטימט אויך געשטאנען, אײַניינעם מיט אונדז אַלע.

די מילכאָמע, די גרעסטע קלאָלע אויף דער ערד קעגן דעם מענטשן, קאָסט אויס, אויפֿן פראָנט און הינטערן פראָנט, מיליאָנען יונגע לעבנס, טייט אָפּ ניט נאָר דאָס, וואָס לעבט אין זיי דעמלט, נאָר זי טוט אָפּ איר ארבעט אויף העט שפעטער אויך, זי ברענגט אום אין די יונגע לעבנס דאָס, וואָס וואָלט זיך ערשט דערנאָך געווען אין זיי צעבליט.

איך טראכט, אז צווישן די צענדליקער טויזנטער קינדער, אויסגעכאַפּטע מילכאָמעצײַט פון דער וועלט, איז אַן שום סאָפעק געווען דער שפעטערדיקער גאָען, וועלכער וואָלט אונדז, לעמאָשל, פון לאַנג שוין געווען אויסגעלייזט פון דער וועלטס א צווייטער פּלאָג — דעם ראַק.

ס'איז ניט קיין נײַער געדאנק. נאָר איך קאָן פונדעסטוועגן דאָ ניט אוועקשטעלן: ניט דאָס בין איך מיט מײַנע שורעס אויסן.

סרול בראַנשטיין איז אומגעגאַן אין קישלאַק א פּאַרכושטער. פון אַלע זײַנע גוטע-ברידער, באַקאַנטע, נאָענטע, אַפילע פונעם ווײַב זײַנס, פון ראַזען, האָט ער נאָכן אַרמיי-שפּיטאָל אָפּגעזוכט מיך, אויסגעקליבן מיך, קעדיי קומען צו מיר און קעדיי זײַן לעבן מיר. אין די סאָלדאַטסקע וויקלשנורן אַף זײַנע דאַרע פיס, אין דער פּילאָטקע אַפן שפּיץ קאָפּ, אין דער צעקנעפּלטער גימנאַסטיאָרקע, האָט ער גאַרניט אויסגעזען ווי א דיכטער. מיט דער בלאָנדער שיטערלעכער באַוואַקסנקײַט אַף זײַן לענגלעכן יעזוס-פּאָנעם, מיט די צע-שויבערטע האָר, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון דער פּילאָטקע, האָט ער גאָרניט אויס-געזען ווי א סאָלדאַט. אין בוקאַרעשט האָט דער דאָרטיקער ליטעראַטור-קענער שלוימע ביקל ניט ליב געהאַט בראַנשטיינען. ער האָט אים ניט ליב געהאַט אי פאַר זײַן אומגעלומ-פּערטקײַט, אי פאַר זײַן שקאַצישקײַט. ס'איז ביקלען אַפּאָנעם ניט געווען צום האַרצן, וואָס א פּראָסטן אָרעמען בעקער-יונג, א באָכער פונעם שטעטל שטעפּענעשט באַם פּרוט, אָן טוירע און אָן דערעכערעץ, אָן א דאַך איבערן קאָפּ און אָן א פאַך אין די הענט, שוין אַזוי פּרי מיט אָפּגעשלאָגענע בלוטיקנדיקע לונגען, מערער, קאָן מען זאָגן, א שטיק שלעפּער, איידער פּאָעט א היימלאָזער וואַגאַבונד, שרײַבט גאָר אויך פּלוצעם לידער. אַלפּי סייכל האָט עס געדאַרפט אויסזען פאַרקערט. גראָד אַזאַ נעס האָט מען געדאַרפט אָנוואָרעמען, אַפילע אויסצערטלען. געווען איז עס אָבער טאַקע יאָ פאַרקערט. ווי א סאַך זאַכן זײַנען דעמלט געווען פאַרקערט. און עפשער האָט דער גאָדל-האַדאָר, דער גרויסער ביקל, בראַנ-שטיינען ניט ליב געהאַט, מאַכמעס ער, דער קליינער בראַנשטיין, האָט אים, ביקלען, ניט ליב געהאַט? מיר זײַנען נאָך דעמלט געווען צוציקעס, גאָר-גאָר גרינע, כיידער-ייִנגלעך אינעם שרײַבן, נאָר מיר האָבן שוין אַפּאָנעם גענוג פאַרשטאַנען, מערער, מעגלעך, געפילט איידער פאַרשטאַנען, אַז גוטס איז גוטס, און ניט-גוטס איז ניט-גוטס. בראַנשטיין פלעג טײַנען: שטיינבאַרג האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער ליטעראַטור כאָכמע, כאַריפעסדיקע מאַשל-דיקײַט, געשמאַק פאָלקס-לאָשן. מאַנגער האָט אַרײַנגעבראַכט דערהויבנקײַט, פליגל — שטערן אַפן דאַך; דעם באַלשעמטאָוו פאַרהיימישט מיטן געוויין פון א ווערעמל און א האָז, דערהויבן אים צו „סאַנקט בעש'ט". ביקל שלעפּט מיט מיט זיך אין דער ליטעראַטור קאַרל קראַוזן. וואָס קער זיך מיט אונדז אָן קאַרל קראַוז? ביקלס געפליגלטע פּראַזעס בלישטשען פון דרויסן אָפּגעגילדעטע, און אינווייניק זײַנען זיי האַרט, ווי שטיין, ניט אײַנצובײַסן און ניט א קײַ צו טאָן. ביקלס געדאַנקען פאַרמאָגן פון דרויסן ראַזשוווע בעקעלעך, ווי בא אַן עפּעלע אַף א סימכעסטוירע-פענדל, און אינווייניק קאָרטשעט זיך אין זיי א שוואַרץ וואָ-רעמל. האָט מען אַזעלכע שקאַצישע טײַנעס געקענט ליב האָבן? בראַנשטיין איז אָפּט גע-לעגן אין טובערקוליאָז-שפּיטאָלן — אין זײַנע ערשטע לידער האָט זיך געהערט דער קרעכץ פון גויסעסדיקע טובערקוליאָז-פאַרמישפּעטע. בראַנשטיין האָט צײַטנווײַז געאַרבעט אין וועב-פאַבריקלעך, און אין זײַנע לידער האָט ער באַזונגען אויסגעבלייכטע פאַרעלטערטע וועב-בער-מיידלעך. ביקל האָט געטײַנעט, אַז די לידער זײַנען קיין לידער ניט. און אויב עס וואַרפט זיך ערגעץ יאָ דורך א שורע, איז זי אַזוי אומגעלומפּערט, אַז זי קריצט אַף די ציין, מע קאָן זי אַף דער צונג ניט נעמען. געשיקט זיך האָט אַזאַ ליטעראַטור-קענער ניט געקאָנט פאַרשטיין, אַז גראָד הינטער אומגעלומפּערטקײַט איז אַמאָל פאַרשטעקט דאָס דאָזיקע סאַמאַראָדנע שטיק גאָלד-געפינס, וואָס הייסט עמעסע דיכטונג? געשיקט זיך, אַז גרויסע קונסט-קענער זײַנען אַמאָל קליינע מעווינים אַף קונסט?

דאָ וויל איך שוין גראָדע יאָ אוועקשטעלן: נאָר ניט דאָס בין איך איצט מיט מײַנע שורעס אויסן.

סרול בראַנשטיין האָט אין קישלאַק אָנגעהויבן אַרבעטן אײַנינעם מיט מיר אַף די ברויט-פעלדער, אין דער בריגאַדע עוואַקויִרטע. געוווינט בא דער פּריער מילכאָמע-אַלמאָנע, וואָס מ'האָט אין דער ווײַבער-בריגאַדע גערופן „די לייטענאַנטקע". אין די גאָר הייסע נאָכמיטיק-שאָען פלעגן אים די ווײַבער מיט גוואַלד אוועקזעצן אין שאָטן לעבן דער וואַנט פונעם ליימענעם בריגאַדע-שטיבל, מיט קויער ניט לאָזן אים אין אַזאַ היץ בייגן זיך מיט זײַנע צעלעכערטע לונגען איבער די ווייץ-זאַנגען. איינמאָל האָב איך אים פונדערווײַטנס עפּעס א פרעג געטאָן. ער האָט ניט גוט געהערט, וואָס איך פרעג אים, און מיך אַף א קאָל איבערגעפרעגט: „וואָס זאַגסטו, באַרשטש?" דער גאַנצער אוילעם האָט זיך צעלאַכט. ער אַליין האָט אויך געלאַכט. נאָר פון דעמלט אָן האָט מען אים אין קישלאַק אָנגעהויבן רופן „וואָס זאַגסטו, באַרשטש?". וואָס זשע, די עוואַקויִרטע ווײַבער אין קישלאַק זאָלן זײַן אומגעלומפּערטקײַט געווען פאַרשטיין מערער, איידער אַזאַ ביקל האָט זי פאַרשטאַנען?..

אַמאָל פאַרנאַכט פלעגן מיר ביידע אַרויסגיין אין קישלאַק שפּאַצירן. אַפן אָרט פון דער פּילאָטקע האָט בראַנשטיין אָנגעהויבן טראָגן אַפן שפּיץ קאָפּ א טיובעטייקע. אַז כ'האָב

אים א פרעג געטאָן, וואָס פּלוצעם האָט ער זיך אָנגעטאָן א טיובעטייקע, האָט ער מיר געענטפערט אויך אזוי אומגעלומפּערט, ווי ער פּלעגט קאָנען ענטפערן:

— כ'וויל שוין אויך האָבן א היים אונטער די פיס. ווי אַלע מענטשן האָבן. כ'וויל זיך פילן אף דער היגער ערד אייגן. און וויל, זי זאָל מיך אויך פילן אייגן...

א צווייט מאָל איז ער פּלוצעם געבליבן שטיין און אָנגעהויבן איינקוקן זיך מיט א פארצויגן אויג, דעם קאָפּ א ביסל אף א זײַט, אין דעם בינטל קיביטקעס, איין קיביטקע אין דער אנדערער, בארג-ארויף, אין „געסל", ווו עס האָבן געוווינט די עוואקויִרטע אין קישלאַק. ווײַסע אָנגעקראכמאַלעטע פאַרהענגלעך בא די פענצטער. פּריזבעס. הייפלעך, ארומגעצוימטע מיט פארשפּיצעכיקטע שטאכעטן. א יעדנע אף די קני מעלקט אין א הייפל א ציג. א צווייטע לייגט פייער אין דרויסן, שווענקט אויס א טאָפּ. ערדענע קריגלעך, אָנגעטאָן מיט די מײַלער אראָפּ דאָ און דאָרט אף די שטאכעטן. בראָנשטיין האָט אָנגע-הויבן ציִען מיט די נאָזלעכער, טיף ארײַנעטעמען אין זיך די לופט:

— כומעשדיק, ניין? פּילסט?

— נו, יאָ, — האָב איך אים געענטפערט. — די פלאַטשיקע דעכלעך ארום און ארום, די פארביקע פאסנדיקע טשאַפּאנען, און טאקע די יארמעלקע-טיובעטייקעס אף די קעפּ, די קעמל-בערג, דאָס קלאָר ווײַסע ציגעלע... ס'הייסט, מערער גאָלדפאדנדיק, איידער כו-מעשדיק... מערער טעאטראַליש. טעאטער-דעקאָראַציעדיק...

— גיי, פארקריכסט צו ווײַט. כ'מיין, פּאָשעט, גיב א קוק, וואָס די ווײַבער האָבן דאָ אָפּגעטאָן. איבערגעקנאָטן, אַלץ איבערגעמאכט אף זייערן. דאָס בילד פאַר די אויגן, די רייכעס בא דער נעשאָמע — פונקט ווי אינדערהיים. פונקט ווי אין שטעטל, קינדווײַז, ווען איך פלעג לויפן אין כיידער לערנען כומעש אף יידיש-טײַטש. איי, היים, היים! אז דו פילסט זי פעסט אונטער די פיס, קאָן מען דיך פון איר ניט אויסרײַסן. טראָגסט זי מיט זיך איבער אפילע אף טויזנטער מײַל. א ווילער קישלאַק דײַנער. ער איז מיר געוואָרן איינ-געבאקן אין הארצן.

פונדעסטוועגן איז סרול בראָנשטיין אינגיכן פונעם קישלאַק אוועק. כ'געדענק יענעם אָוונט, יענע נאכט, ווען מיר זײַנען צום לעצטן מאָל געווען אינאיינעם. ער האָט מיטאמאָל א זאָג געטאָן, אז ער וויל היינט בלײַבן בא אונדז נעכטיקן. אַלגע האָט צוגעגרייט א ווע-טשערע. אָפּגעבאקן עטלעכע גרויסע פּלעצלעך, אָפּגעקאָכט א קאשע פון קאבאק, צוגע-שמאָלצן מיט א שטיקל פּוטער, צעגאָסן דערנאָך אין די שיסעלעך הייסע מילך. בראָנשטיין האָט דעמלט געגעסן עפּעס ניט געוויינלעך א סאך. טאקע ווי איינער, וואָס עסט אָפּ גוט ערעוו א ווײַטן וועג. אפן טיש זײַנען איבערגעבליבן צוויי פּלעצלעך. אַלגע האָט זיי צוגע-רוקט אים: „עסט, עסט, גאנצפרי וועל איך אָפּבאקן אנדערע!" בראָנשטיין האָט אָבער די צוויי פּלעצלעך שוין דערענדיקט עסן באנאכט, אין דער פינצטער, ווען מיר זײַנען שוין געשלאָפן. ער האָט, זעט אויס, א גאנצע נאכט אָן אויג ניט צוגעמאכט. פארטאָג, ס'האָט נאָך רעכט ניט געבלאָוט אין די פענצטער, איז ער אופגעשטאנען, אָנגעטאָן זיך, עפּעס ווי שולדיקלעך צוגעדרייט זיך צו אונדזער געלעגער און פּלוצעם אָנגעהויבן מיט אונדז געזעגענען זיך:

— כ'פאָר אוועק. כ'קאָן שוין דאָ אזויפיל ניט זײַן. אפן פראָנט איז מיר געווען בע-סער, כ'האָב זיך געפילט גאנצער. כ'פאָר אין וואָיענקאָמאט. אויב כ'האָב זומער אין אזעלכע היצן געקענט ארבעטן אפן פעלד, טויג איך נאָך דאָרטן אויך.

— וואָס רעדסטו, וואָס? ביסט דאָך אזא קראנקער מענטש. וואָלסט זיך בעסער גע-דארפט ארײַנלייגן אין א שפּיטאָל. ווער וועט דאָרט אין וואָיענקאָמאט אפילע וועלן רעדן מיט דיר?

— מ'עט וועלן. כ'וועל גוט צושטיין, וועט מען וועלן. מ'האָט מיך יענץ מאָל אויך ניט געוואָלט נעמען.

— דאָס גלײַכסטע וואָלט אוודע געווען, ווען דו זוכסט אָפּ ראָזען. די איינזאמקייט רעדט פון דיר ארויס. איינזאמקייט איז ערגער פון אַלצדינג.

— כ'ווייס? עפּשער וועל איך טאקע אָפּזוכן ראָזען אויך. דאָ פיל איך, אז איך קום אום. כוץ דעם, וויל איך טאקע צופאָרן קיין טאשקענט. זײַן בא מארקישן. דערלעבן נאָך אף מארקישן כאָטש א קוק טאָן...

גאנצפרי זײַנען מיר ביידע ארײַנגעגאנגען אין דער קאָלווירט-קאָנטאָר, מ'האָט בראָנ-שטיינען אָפּגערעכנט, אויסגעשריבן אים צוויי פּוד מעל. בא דער קאָנטאָר איז גראָדע גע-שטאנען א לאַסטמאשין קיין כאָוואָסט. איך זע איצט פאַר די אויגן, ווי בראָנשטיין דראַפּעט זיך ארוף אף דער מאשין, און איך גיב אים ארויף אהין דעם קלומעק מעל. די מאשין פּאָרט

אַף. און מיר פּאַכען איינער צום אַנדערן מיט די הענט. מער האָב איך אים דערנאָך קיין־מאָל ניט געזען.

מ'האָט שפּעטער דערציילט, אַז ער האָט ראַזען אָפּגעזוכט ערגעץ אין אַ שטעטל לעבן אַנדיזשאַן. ראַזע האָט אים, פּאַרשטייט זיך, דערוואַרעמט, ער איז באַם אַנהייב אַ ביסל געקומען צו־זיך, דערנאָך אַ פּאָר כאַדאָשים געלעגן אין טאַשקענטער לונגען־אינסטיטוט, די קראַנקע דורכגעשאָסענע לונגען זײַנע האָבן שוין אָבער קיין סאַך צײַט ניט אויסגע־האַלטן.

אין קעשענעוו האָט סרול בראַנשטיין אין פּערציקסטן יאָר, ערעוו דער מילכאָמע, אָנ־געשריבן איין גרעסערע פּאָעמע „אַכט־און־צוואַנציקסטער יון" — דער טאָג, ווען בעסאַראַ־ביע האָט זיך צוריק פאַראייניקט מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד. די פּאָעמע האָט ער שוין ניט באַ־וויזן אָפּצודרוקן. נאָך פײַנלעכער: דער קסאָוויאַד האָט זיך אַפילע ניט פאַרהיט, איז ערגעץ אַף די מילכאָמע־וועגן פאַרפאַלן געוואָרן. כ'האָב אים ניט נאָר איין מאָל געהערט פאָרלייע־נען די פּאָעמע פאַר אַן אוילעם — מיר זײַנען דעמלט ארומגעפאָרן איניינעם אין אַ שרײַ־בער־בריגאַדע מיט ליטעראַרישע אָוונטן. כ'געדענק, ווי עס פלעגט טיף רירן דער ווײַ און די פרייד, מיט וועלכער ער האָט אויסגעקרעכצט און אויסגעזונגען אַ שטיק לעבן זײַנס. אַן אָרעמען בעקערס אַ ייִנגל, פונעם שטעטל שטעפּענעשט אַף יענער זײַט פּרוט, האָט ער נאַוונאַדעוועט אין גרויסע שטעט, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, פאַרשטויסן און דערנידעריקט, אָן אַרבעט, עלנט, מיט אָפּגעשלאָגענע לונגען און מיט לידער אין האַרצן — געוואָלגערט זיך צווישן דיכטונג און היימלאָזיקײַט. איך געדענק, ווי פון שורעס אין דער פּאָעמע האָט אַרויסגעשריגן אַ גרויסע בענקעניש נאָך היים. דאָס ייִנגל ראַנגלט זיך אַף כוואַליעס, ווי אַן אָפּגעריסן ברעטל פון אַן אונטערגייענדיקער שיף. און ווען עס טראָגט אים צו צום ברעג, כאַפּט ער זיך אָן מיט די הענט אין די ברעג־גראָזן, פאַלט צו מיט די ליפּן צו דעם זאַמד אַפן ברעג: היים. היים. גרויסע, אויסגעבענקטע היים מײַנע!..

די מילכאָמע האָט באַם דיכטער די היים אויסגעריסן. און דעם דיכטער פון דער היים אויסגעריסן.

קאָוועד זײַן אָנדענק.

6

אַנו, לאָמיר נאָכאַמאָל אַ גוטן קוק טאָן: נויעך לוריע איז געווען געדערכט אין זײַן „טשעפּען" זיך צו מיר?

דעמלט, אַף מײַן ערשטן שפּעריישן אָוונט אין מאָסקווע, אין מײַן מאָסקווער יאָם־טעוו — ניט. איצט, אין יאָרן ארום, ווען ער זאָגט דאָס, וואָס ער האָט דעמלט גע־זאָגט, — יאָ.

ליטעראַטור, וויאַזוי מיר זאָלן זי ניט דרייען (קאָפּירן דאָס לעבן; צושמעלצן די ווירק־לעכקײַט מיט מיפּאַלאָגישע וויזיעס; מיקראַ־ראָמאַן; אַנטיראָמאַן; ווײַסע פערזן; אָן פערזן; לירישע פּראָזע: פּראָזאַישע ליריק און נאָך און נאָך...), דרייט זי זיך בעמײַלע שטענדיק צו־ריק אויס צום שטענדיקן: זאָגן עפּעס דער וועלט. פון דעם ערשטן גרויסן וואָרט, ווען די וועלט איז נאָרוואָס געבוירן געוואָרן, „יעהי אויר", ביז דעם גרעסטן דיכטערס לעצטע פּאָר ווערטער ערעוו זײַן שטאַרבן — „ליכט. מערער ליכט!".

האָט די וועלט זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס ליטעראַטור זאָגט איר? האָט די ליטע־ראַטור איבערגערוקט די וועלט כאָטש ווײַטער מיט איין שפּאַן צו בעסערקײַט, צו מער ליכט? אויב אַפילע ניט מער ווי אַף איין שפּאַן, דאַרף מען זיך פאַר דעם בוקן.

דעמלט, מילכאָמע־צײַט, אָנהייב מילכאָמע, ווען דער סוינע האָט זיך מיט אַזויפיל רישעס אויפגעהייבן קעגן אונדז אָפּצווישן אונדז פון דער ערד, פּאַרטיליקן אונדז, האָב איך העכער פונעם מילכאָמע־צאַר און מילכאָמע־טרויער געזען די הונדערטער עשעלאָנען, וועלכע האָבן הונדערטער טויזנטער מישפּאָכעס אַרויסגעכאַפּט פונעם פײַער, געטאָן דאָס מיט דער זעלבער וויכטיקײַט, ווי זיי האָבן געטאָן אַנדערע גאָר וויכטיקע זאַכן, וואָס זײַנען דעמלט געווען צו טאָן. כ'האָב געזען אַף די וואָקזאַלן די וואָקאָ־פּונקטן, וועלכע האָבן די אומגליקלעכע צוגעטראָגן אַ וואַרעם שיסעלע געקעכטס. כ'האָב געזען, ווי פּאַרזי־צערס פון ראַיסאָוועטן, פּאַרשטייער פון פּאַרטקאָמען האָבן באַגעגנט די עשעלאָנען, אָנגעקו־מענע אין די ווײַטע שטילע ערטער. כ'האָב געזען די לאַנגע שרענגעס פּורלעך, וואָס

האָבן די דערשראָקענע, הויך-און-בלויז געבליבענע ניסראָפּים צעפּירט אין קאָלווירטן, ווי מע האָט זיי געגעבן א דאַך איבערן קאָפּ און מע האָט געטיילט מיט זיי דאָס אָרעמע שטיקל ברויט. פרייד האָט ארופגעטויכט אויבן, איבער דעם מילכאָמע-טרויער. דאָס ערשטע מאָל אין אונדזער לאַנגער און פּײַנפולער געשיכטע, אז א מעלוכע האָט מײַן פאָלק אָרגאַניזיר-טערהייט ארויסגעראטעוועט פון פּאָגראָמען און שכיטעס. כ'האָב אין מײַנע „דרײַ זומערס" דערמיט געוואָלט דערפרייען דעם לייענער. א זאָג טאָן „ס'איז בא אים עפּעס צו פריילעך" האָט דעמלט געהייסן ניט פּאָשעט „געטשעפּעט" זיך, נאָר — אי געזאָגט אויבנופיק, אי נאָך אויבנופיקער געזען.

דעמלט.

איצט, אין אזויפיל יאָרן ארום נאָך דער מילכאָמע, איז גאָר עפּעס אנדערש. שווארצע סרייפע-צינדער אין דער וועלט וואָלטן געוואָלט, אז „דאָס וועט זײַן דער לעצטער" זאָל זיך אלץ נאָך איבערכאזערן און איבערכאזערן. זיי טרײַבן אָן אף אונדזער הימל וואָלקנדיקע שאָטנס פון הויכע זיך צעוואקסנדיקע רויך-זײַלן, פארומרייניקן אונדזער לופט מיט סמאַ-ליענדיקע לײַבער-רייכעס: ערעוו מילכאָמע, ערעוו מילכאָמע, ערעוו מילכאָמע. אופטויכן אויבן דארף איצט דער גאנצער מילכאָמע-צאַר און מילכאָמע-וויי: זע, לייענער, און גע-דענק, לייענער. און זײַ געוואָרנט, און זײַ געהיט. געשיקט זיך, אז נויעך לוריע האָט אזוינס שוין דעמלט געפילט?

און נאָך:

דעמלט, אין די געסלעך פון זײַן כאָרעווער היים, צווישן די שפּיציקע שטיקער ווענט, ווי קוואָרים-שטיבלעך, פירט אום מאָרדכע בעסאראבער די מיזינקע זײַנע, עסטערקען, באַם הענטל, ווישט אָפּ מיט א דלאָניע די טרערן, וואָס האָבן זיך אים ארײַנגעקײַקלט אין דער באָרד, און טוט א גלעט מיט א ביטאָכנדיקער העלקײַט אין די אויגן עסטערקען איבערן קעפּל:

— אז עס זײַנען דאָ ווענט, קינד מײַנס, וועט זײַן א דאך. מוז זײַן א דאך!

איצט הער איך אין זיך, ווי א ווײַט ווידערקאָל, מאָרדכע בעסאראבערס פּאָטערלעכע צוואָע און בראָכע:

— און איר זאָלט דעם דאך שעצן און היטן. היט אים אָפּ פון פײַער-פונקען, פון סרייפעס. שעצט באטאָג די זון-שטראלן, און באנאכט די שטערן איבערן דאך. זאָלן אין זײַנע סטרעשענעס פּישטשען אין נעסטן פריליגנדיקע שוועלבעלעך. און זאָל אונטער אײַער דאך טאָמיד הויזן יאָמטעוו און וואָך, סימכע און האצלאָכע...

1984

א טרויעריקע רעגע שטילשווײַגן

כ'בין אנומלטן געווען אין שטעטל אף קייווער-אָוועס. ס'שטעטל איז מילכאָמע-צײַט אינגאנצן כאָרעוו געוואָרן. ס'איז הײַנט א דאָרף, ניט קיין שטעטל. טאקע א גרויס דאָרף, מיט א רײַכן קאָלווירט, מיט א סאך לאַסטמאַשינען, טראקטאָרס, קאָמבײַנען, מיט עטלעכע נײַע דרײַגאָרנדיקע געבײַדעס אין סאמע מיטן: א צענקלאסן-שול, א קולטור-הויז, א גרוי-סער אוניווערמאג — נאָר א דאָרף. יענע ראשקעווער, וואָס זײַנען נאָך דער מילכאָמע געבליבן לעבעדיקע, ווױנען הײַנט ווו איר ווילט: אין קעשענעוו, אין טשערנאָוויץ, אפילע אין מאָסקווע, אין לענינגראד, אין טאשקענט, נאָר ניט אין ראשקעוו. איין פארעלטערטע ייִדענע מיטן נאָמען איטע — געווען אמאָל א יונג פארטרוימט מיידל — זיצט הײַנט אין דרויסן אף דער פריזבע לעבן איר ראשקעווער אמאָליק יערושע-שטיבל, זעט אויס ווי א זייכער נאָך גאָר-גאָר אלטקײַט, וואָס האָט געמוזט אָפּשטארבן און אוועקגיין, און נאָך פארגאנגענער טרוימערישער יונגשאפט, וואָס רופט ארויס צו זיך נאָגנדיקע בענקשאפט. עטלעכע צענדליק יאָר איז איטע געווען א לערערן אין דער היגער דאָרפישער צענקלאסן-שול. טאלמידים אירע זײַנען אין שטעט דאָקטאָרן פון קאָלערליי וויסנשאפטן, אָנפירער פון אנשטאלטן, מעכאַברים פון ביכלעך. זי האָט דאָ אָפּגעלעבט א לעבן איינע אליין, אָן א מישפּאָכע. זי וויל פונדאנען, איצט אף דער עלטער, פּונקט אזוי פאראקשנט, ווי פריִער, יונגערהייט, אין ערגעץ ניט ארויספאָרן. וווהין וועט זי פאָרן — דאָ שעצט זי אלט און יונג,

און קינד און קייט ווייסט, ווער זי איז. נאָר בענקשאַפט איז בענקשאַפט. טאָג-אײַן, טאָג-אויס זיצט זי אין דרויסן לעבן איר שטיבל אף דער פריזבע, צי זי באַווײַזט זיך אַלעמאָל אף דער שוועל פון איר טיר מיט אַן אײַנגעקאָרטשעטער דלאָניע בא די אויגן, קוקט, צי אינעם אופגעהויבענעם שטויב פון דער נאָרוואָס אָנגעפאָרענער מאַשין וויקלען זיך ניט אויס אַ פּאָר היימישע ראַשקעווער, וואָס קומען זיך אַמאָל אַהער דורך, ביפראַט איצט, אַסיען-צײַט, אף קיוווער-אָוועס.

דער ראַשקעווער בעסוילעם שטייט ווי ער איז געשטאַנען. געדיכט פאַרוואַקסן, פאַרשטייט זיך, מיט גראָז; דאָס טאַרע-שטיבל — פיר הוילע ווענטלעך, אָן אַ דאַך; טייל מאַציייווס — האַלב אײַנגעזונקענע אין דער ערד, אויסגעקרימטע, פאַרמאָכיקטע, טונקעלער געוואָרענע. נאָר קיין איין מאַצייווע האָט קיינער ניט געטשעפּעט. שורעסווײַז, שורעסווײַז שטייען די ראַשקעווער מאַצייוועס איינע אין דער אַנדערער, גרויע, אַניוועסדיק-נידעריקע, מיט די צוויי לייבן איינער קעגן אַנדערן אויבן, מיט די פּוי-ניקבערס אונטער די לייבן, מיט די אויסגעקריצטע אויסיעס — די נעמען און מײַלעס-טויוועס פון די פאַרשטאָרבענע, וואָס מאַצייווע-שלאָגער האָבן אויסגעשלאָגן טיף אין שטיין אף דאָר-דוירעס. שורעסווײַז, שורעס-ווײַז — באַלד באַם אַרײַנגאַנג אין בעסוילעם ביז העט אַראָפּ אונטן, באַם סאַמע ברעג פונעם דניעסטער.

כ'בין אומגעגאַן צווישן די שורעס מאַצייוועס, איבערגעלייענט באַקאַנטע נעמען, טעג און כאַדאָשים, און ווי די מאַכנעס וואָראָבייטשיקלעך אף די האַלב-נאַקעטע, אָסיענדיק-פאַרגעלטעביימער דאָ און דאָרט בא די קוואָרים, האָבן זיך אין מיר צעזשומעט מײַנע קינדער-יאָרן, די היימישע געסלעך און ליקלעך, ראַשקעווער געשיכטעס און פּאַסירונגען, ווערטלעך און שטעכווערטלעך, כאַסענעס, לעווײַעס, ראַשקעווער גליקן, ייִדן און ייִדענעס אין קאַפּטנס מיט צעפּלויגענע פּאָלעס, אין געלאַטעטע שאַלן איבערן קאָפּ אַריבער, אייביק פאַרשמאַכטע און פאַרצאָרעטע, בידנע און געקריוודעטע, נאָר אייביק פריילעכע, אייביק לעבעדיקע; און די גרויע זשומענדיקע וואָראָבייטשיקלעך אף די האַלב-נאַקעטע אָסיענדיק-פאַרגעלטע צווײַגלעך האָבן מיר עפּעס אויסגעזען ניט גלאַט קיין וואָראָבייטשיקלעך, ניט פּאָשעטע קיין פייגעלעך.

די צענדליקער און הונדערטער אויסגעקריצטע היימישע נעמען אף די מאַצייוועס האָבן זיך איינער דעם אַנדערן אָנגענומען בא די הענט, געדרייט זיך אַרום מיר ראָד אין ראָד, און אַרום זיי, אין אַ גרעסערער ראָד, האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען ראַשקעווער געפאַלענע בימיי היטלער אף די וואָגל-וועגן קיין טראַנסניסטריע, אומגעקומענע אין פאַשיסטישע געטאָס און לאַגערן, און זייערע נעמען זײַנען דאָ אין אַלטן ראַשקעווער בעסוילעם אף קיין מאַצייוועס ניט אויסגעקריצט.

די זעונגען און די דערמאָנונגען האָבן זיך פאַוואָליע אָפּגעטאָן פון מיר. כ'האָב זיך געכאַפּט, אַז איך שטיי אַנטקעגן איינציקן אויהעל אינמיטן ראַשקעווער בעסוילעם. אַ קליין קיוווער-שטיבל, אַ אויהעלכל. פּוי-ניקבער האַגאָען, האַמופּלעג, האַצאַדיק רעב זאַלמענקעלע ניירוי יאָיר. זעונגען און דערמאָנונגען האָבן מיך באַלד ווידער אַ נעם געטאָן אין דער אַרבעט. ווען דער רעבע זאַלמענקעלע איז ניפטער געוואָרן, האָב איך געקערט אַלט זײַן אַ זיבן-אַכט יאָר. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען פאַרוויינט, פאַראָוולט. פונעם הימל האָט אין יענעם טאָג געליאַפּעט אַ רעגן, ווי מיט עמערס. ס'האָבן זיך צעשפּילט די ראַשקעווער שיינע אָסיענדיקע בלאָטעס. אַ פוס ניט אַרײַנצושטעלן און ניט אַרויסצונעמען. כשיוויי-האָיר האָבן געפּויעלט בא דער רומענישער נאַטשאַלסטווע, מע זאָל מיט דער לעווײַע גיין ניט דורך די געסלעך פונעם שטעטל און ניט, ווײַטער, דורך דער מאַהאַלע, ניט אין דער קוואַטשענדיקער טוואַן, ווו ס'איז אומעגלעך אַ טראָט צו טאָן, נאָר אף די שטיינדלעך און סקאַיקעס באַם ברעג פונעם דניעסטער, לעבן דער סאַמע גרענעץ. קינד און קייט, גאַנץ ראַשקעוו איז נאָכגעגאַנגען נאָך זאַלמענקעלעס מיטע. ווײַבער און מיידלעך — פאַרבונדן די קעפּ מיט טונקעלע טיכלעך. מאַנצבלען, עלטערע און ייִנגערע — מיט שוואַרצע פאַרדווייקעטע פּענעמער, מיט וואָכעדיקע פאַרטרויערטע בערד. עס זײַנען נאָכגעגאַנגען קינדער: אַלע כאַדאָרים, די ראַשקעווער טאַלמעטוירע, ווו איך האָב דעמלט אָנגעהויבן לערנען. מיר זײַנען געגאַנגען אויסגעשטעלט צו צוויי אין אַ ריי, און דעם גאַנצן וועג אַלץ איבערגעכאַזערט מיט אונדזערע הויכע דינע קעלכלעך: צדאָ-קאָ טאַ-ציל מי-מאָ-וועס, צע-דעק לע-פאָ-נאָוו יע-האַ-לייך... אפילע דער לערער אונדזערער, דער הינקענדיקער אַבראַמאָוויטש, אַ פרײַ מענטשל, אַ שטיק אַפּיקוירעס, ווי מע פלעג אף אים אין שטעטל זאָגן, איז געגאַנגען לעבן אונדז בא דער זײַט און אונדז אף זײַן גראָבן טיפן באַס אונטערגעהאַלטן. אַנטקעגן, אף יענער זײַט גרענעץ, אין סאָוועטישן ראַשקעוו, האָט מען פלוצעם דערזען דאָ

אַזאַ לאַנגע לעווײַע, האָט אַן אוילעם אָנגעהויבן לויפֿן צום ברעג אַראָפּ. עמעצער האָט פֿון דאָרט אַהער אַריבערגעשריגן: „ווער איז געשטאָרבן?" פֿונדאַנען האָט עמעצער אַהין אַריבערגעשריגן: „רעב זאַלמענקעלע איז ניפֿטער געוואָרן!"

צוריק זײַנען מיר, קינדער, שוין געגאַנגען פּרײַ. איך האָב צווישן אוילעם אָפּגעזוכט מײַן טאַטן. צוריק איז מען שוין געגאַנגען ניט אויפֿן ברעג פֿונעם דניעסטער, נאָר גלײַך דורך דער מאַהאַלע, אין דער טיפֿער בלאָטע, און קיינעם האָט די בלאָטע ניט געאַרט. לעבן גרויסן אײַזוואָר אין דער מאַהאַלע האָט מען זיך אָפּגעשטעלט און באַם קוואַל געוואַשן זיך די הענט. דער טאַטע האָט מיך דערנאָך אָנגענומען באַם הענטל. אַ רעדל מענטשן איז געשטאַנען אַרום אונדז. מ'האָט אַלץ געקרעכצט נאָך זאַלמענקעלען, גערעדט וועגן אים הוילע שוואָכים. איינער האָט געזאָגט: „טאַקע געווען אַ צאַדיק, זיכרוינוי ליווראָכע!.." אַ צווייטער האָט געזאָגט: „ליב געהאַט מענטשן. געווען אַ גרויסער נויעך-לאַבריעס[1]..."

אין איין אויגנבליק האָט דורכגעבליצט פֿאַר מײַנע אויגן זאַלמענקעלעס קײַלעכיק סויבעלן שטרײַמל, זאַלמענקעלעס קײַלעכיק, קינדיש, גראָוו-פֿאַרוואַקסן פּאָנעם; ס'האָט דורכגעבליצט די לעווײַע זאַלמענקעלעס מיט אַלע פּינקטלעכקײַטן, אַלע געוויינען, אַלע רייד און אַלע שוואָכים; און כ'האָב איצט, אין אַזויפֿיל יאָר אַרום, אַנטקעגן זאַלמענקעלעס אויהעל פּראַקטיק אויסגעשטרעקט זיך, קיין ריר ניט געטאָן מיט אַן אייווער, אָפּגעגעבן זײַן אָנדענק אַ פּראַקטיקע טרויעריקע רעגע שטילשווײַגעניש.

אַ מענטש, זאָגט מען, דערזעט אין איין רעגע פֿאַרן טויט דאָס גאַנצע אָפּגעלעבטע לעבן זײַנס. אַזוינס קאָן, אַפֿאָנעם, פֿאָרקומען מיט אַ מענטשן טאָמיד, ניט נאָר פֿאַרן טויט. אַזוי איז מיט מיר געשען אין יענער רעגע שטילשווײַגעניש אַנטקעגן זאַלמענקעלעס אויהעלכל.

ס'האָבן מיר אַ בליץ געטאָן אין מויעך צענדליקער בילדער, מענטשן, געשעענישן, שורעס, קוילעס. פֿאַרוואָסן האָבן זיך געבוצקעט מיט פֿאַרוואָסן. פֿאַרוואָס? — פֿאַרוואָס?, פֿאַרוואָס? און דאָס אַלץ אין איין קלענסטן, אין איין מינדסטן אויגנבליק.

פֿאַרוואָס פֿלעגט דער זיידע זוסיע מײַנער, אַ ייִד — הוילע ערלעכקײַט און יוישערדיקײַט, הוילע כאָכמע און טוירע, „איש טאָם וועיאָשער"[2], ווי עס שטייט אויסגעשלאָגן אויף זײַן מאַצייווע, פֿאַרוואָס זשע פֿלעגט ער דאָס גאַנצע לעבן זײַנס זײַן קעגן ראַשקעווער ראַבאָנישן הויף? פֿאַרוואָס פֿלעגט ער טײַנען: שווינדלער... אָפּנאַרערײַ... פֿאַרבלענדזעניש?.. כ'ווייס ניט, צי דעם זיידע זוסיען איז אויסגעקומען לייענען פּערעצן. נאָר וועגן ראַבאָנישע שטרײַמלעך פֿלעגט ער טאָמיד לאָזן פֿאַלן דאָס זעלבע וואָרט, ווי פּערעץ וועגן שטרײַמל — „אַן אָוווידעזאָרעלע!"

און פֿאַרוואָס איז דער לײַטישער און געשעצטער ראַבאָנישער הויף, דער צאַדיק און גרויסער נויעך-לאַבריעס רעב זאַלמענקעלע דעם זיידע זוסיען דאָס גאַנצע לעבן זײַנס דערגאַנגען די יאָרן? דעם זיידע זוסיען, וואָס האָט קיינמאָל אַפֿילע קיין פֿליג אויף דער וואַנט ניט געטשעפּעט, וואָס האָט ייִנגלווײַז געענדיקט אויף שויכעט און איז קיין שויכעט קיינמאָל ניט געוואָרן, מאַכמעס באַם שעכטן דאָס ערשטע אויף האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן די הענט, דאָס אויף איז טרייף געוואָרן, און דער זיידע זוסיע האָט דערנאָך אַלע זײַנע טעג פֿאַרדינט זיך דאָס אָרעמע שטיקל ברויט מיט שווייס און מיט מי. פֿאַרוואָס האָט דער ראַשקעווער ראַבאָנישער הויף דעם זיידע זוסיען אַרײַנגעלייגט אין כיירעם? פֿאַרוואָס האָט רעב זאַלמענקעלע מיט זײַן קײַלעכיק קינדערש פּאָנעם, אַן אָנגעצונדענער פֿאַר רעציכע, אַ געשריי געטאָן ביפֿניי קאָל אַם ווערידע[3] „זוסיע שייגעץ"? און דער דאָזיקער גוטער שעם איז מײַן זיידע זוסיען נאָכגעגאַנגען ביז אין קייווער אַרײַן, געטריבן אים אין קייווער אַרײַן? כ'געדענק, ווי ער איז אַ ווינטער אָפּגעלעגן אַ פּאַראַליזירטער און דערנאָך ביז אין סאָף פֿון זײַנע טעג נאָכגעשלעפּט אַ פֿאַרשטאַרטשעטן פֿוס און ס'איז אים נאָכגעהאַנגען אַ פֿאַרשטאַרטשעטע האַנט. פֿאַרוואָס?

איז עפּשער דער זיידע זוסיע אַרויס קעגן ראַבאָנישן הויף טאַקע איבערן דאָזיקן נאָמען „זוסיע שייגעץ"? צי דער ראַבאָנישער הויף האָט געוואָרפֿן אויף מײַן זיידע זוסיעס קאָפּ דעם שעם זוסיע שייגעץ, ווײַל דער זיידע זוסיע איז אַרויס קעגן ראַבאָנישן הויף מיטן עמעס — אַרויס קעגן שווינדל, אָפּנאַרערײַ און פֿאַרבלענדזעניש?

---

[1] אַ צוגעלאָזטער צו מענטשן.
[2] אַן אָרנטלעכער און יוישערדיקער מענטש.
[3] פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק.

פאַרוואָסן האָבן זיך געבוצקעט מיט פאַרוואָסן. אין דער איינער רעגע שטילשווײַגעניש אַנטקעגן זאַלמענקעלעס אויהעלכל. אין מויעך האָבן מיר דורכגעבליצט צענדליקער בילדער, מענטשן, געשעענישן, שורעס, קוילעס. און צווישן זיי, פּלוצעם אַ בילד, וואָס כ׳האָב דאָ ניט לאַנג געזען אין אַ ייִסראָעלדיקער צײַטונג. אויך אַ ראָוו. מיט אַ גראָוולעכער שייַן־צעקעמטער באָרד. מיט אַ פּליושענעם קאַפּעליוש אַפן קאָפּ. די אַקסל אײַנגעהילט אין אַ טאַלעס. ביידע הענט אויסגעצויגן אַרויף. און אין די הענט — אַ ביקס, אַן אויטאָמאַטישע ביקס. דרײַ מיידעלעך טוליען זיך איינע אין דער אַנדערער מיט גרויס־צעעפנטע, איבערגעשראָקענע, טרויעריקע, שוואַרצע קאַרשן־אייגעלעך — אַקוראַט, ווי ייִדישע אייגעלעך. ס׳איז מיר געוואָרן אַ ראַכמאָנעס אַף זאַלמענקעלען. דעם צײַטונג־ראָוס שוואַרצער שאָטן האָט זיך אַ צי געטאָן איבער רעב זאַלמענקעלעס אויהעלכל. פאַרטונקלט עס. פאַרשוואַרצט. פאַרקויטיקט.

און עפּשער, ראַכמאָנע ליצלאָן, פאַרקערט, אַנטפּלעקט? עפּשער ציִען זיך צו יענעם שוואַרצן ראָוו מיט דער ביקס אין די הענט שוואַרצע ניט־געזעענע פעדעמלעך גראָד פון דאַנען, פון אָט דעם פרומען ליכטיקן אויהעלכל? עפּשער האָט דער זיידע זוסיע מײַנער, ער איינער, זוסיע שייגעץ אין ראַשקעוו, די דאָזיקע ניט־געזעענע פעדעמלעך געזען, און איז פון דעם סאַם זייערן אומגעבראַכט געוואָרן, אַוועק פאַר דער צײַט אין קייווער אַרײַן?

עפּשערס האָבן זיך געבוצקעט מיט עפּשערס. נאָר די פּאַרכטיקע רעגע שטילשווײַגעניש אַנטקעגן רעב זאַלמענקעלעס אויהעלכל האָב איך שוין אויסשטיין ביזן סאָף ניט געקענט.

כ׳האָב זיך דערווײַטערט אַן אײַנגעהויקערער, און צווישן די שורעס קוואָרים צוריק אָפּגעזוכט דעם זיידן זוסיעס קייווער. אַנטקעגן זיידע זוסיעס מאַצייווע האָב איך קיין ריר ניט געטאָן מיט קיין אייווער, און די טרויעריקע רעגע שטילשווײַגן אַזוי־אָ אויסגעשטאַנען. ניט ווײַל דער זיידע זוסיע איז מײַן זיידע. און ניט אַפילע איבער דער שורע „איש טאַם וועיאָשער” אַנטקעגן מיר. כ׳בין געשטאַנען אַ פּאַרכטיקער קעגן די צוויי ווערטער „זוסיע שייגעץ”, וואָס האָבן געפלאַטערט אַרום און אַרום אין דער לופט.

ווי די פרייַלעך־זשומענדיקע וואָראָביטשיקלעך אַף די האַלב־נאַקעטע אָסיענדיק־פאַרגעלטע בעסוילעם־צווײַגלעך, האָבן איצט געזשומעט אין מיר אָט די איינע צוויי ווערטער. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער אַרום און אַרום ענטפערט מיר אָפּ, ווי מיט כאָר־קוילעס און ווידערקוילעס: זו־סיע שיי־געץ... זו־סיע שיי־געץ...

און אָט דעם שעמטאָוו מײַן זיידנס האַלט איך הייליק.

און די שקאָציִשקײַט מײַן זיידנס זעץ איך פאָר...

דאָס הייליקע שוסטערל

פונוואַנען האָט זיך גענומען צו אַ פּראָסט שוסטערל אַזאַ לעכצעניש נאָך הייליקײַט, אַזאַ לעכצעניש, וואָס האָט אין איינע עטלעכע רעגעס געקאָנט אָנמאַכן אַן איבערקערעניש, איבערקערן אין אים וועלטן?

דאָס שוסטערל איז געזעסן אַף זײַן שוסטער־בענקעלע מיט מײַנעם אַ שוך צווישן די קני, צוגעקרעמפּעוועט די נײַע פּאָדעשווע צום שוך מיט אַ לאַנגער, ווײַסער, זײַדענער דראַטווע, אַלעמאָל צענומען ביידע הענט אין דער ברייט ווײַפל ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט, גלײַך ווי אָט באַלד וועלן ביידע הענט זײַנע אַ פאָכע טאָן, ווי פליגל, און וועלן אים אָט באַלד ערגעץ אַרוף־אַרוף אַוועקטראָגן; אַלעמאָל אַ ווונק געטאָן צו מיר גוטברודעריש־ניי־צאָכנדיק מיט אַן אויג, מיט אַ האַלב וואָנצעלע אונטער דער נאָז; און דאָ־אָ, אַרום דעם שוסטער־וואַרשטאַטל מיט די פּושקעלעך פלעקלעך און צוועקלעך, אַרום דער קופּע שקראַבעס בײַ דער זײַט, צווישן די רייכעס פון איבערגעטריקנטן לעדער און איבערגעזײַערטן פּאַפּ־קלייסטער, האָבן, ווי שוועלבעלעך פון אַ נעסט אונטער אַ סטרעשענע, אַרויסגעשוועבט פונעם שוסטערלס מויל ווערטער וועגן געטער און אָפּגעטער, גלויבן און ניט־גלויבן, עמעסדיקײַטן און פאַלשקײַטן, און די אַלע זאַכן זײַנען דאָ־אָ, אין דעם רומל, ניט פאַרקרימט געוואָרן, נאָר פאַרקערט: אויסגעגלײַכט געוואָרן.

דער מאַנאַלאַג דעם שוסטערלס האָט זיך פֿאַרשריבן אין מײַן זיקאָרן וואָרט בא וואָרט, ווי אַף פּאַפּיר, אָפּגעשפּילט זיך און אָפּגעשפּיגלט זיך אין מיר, ווי עס טרעפֿט בא א גוטן אַקטיאָר, מיט אַלע מינדסטע טנועס און האַוויַעס. כ׳קלאַפּ אים איצטער נאָך אָפּ, שורע בא שורע, אַף דער שרײַבמאַשינקע. כ׳גיב אים איבער, וויפֿל עס ליגט אין מײַנע קויכעס, מיט אַלע פּישטשעווקעס, מיטן גאַנצן טראָפּ, מיט אַלע אויסרופֿצייכנס, אַלע אָפּשטעלעכצן, אַלע דרײַער פּינטעלער...

— אין גאָט גלייב, נאָר גאָט גלייב ניט. דאָס דאַזיקע ווערטל האָב איך שוין געהאַט אַמאָל געהערט ביז דעמלט, נאָר פֿאַרשטיין דעם סייכל דערפֿון, האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען. און פֿון יענעם טאָג אָן, הערט איר, מע מעג אַפֿילע זאָגן פֿון יענע פֿאָר שאָ אָן, פֿון יענער איינער רעגע אָן, בין איך געוואָרן אזא אַפּיקוירעס, אזא גאָטפּרעסער, אז אַפֿילע דאָס-אָ ווערטל האָט מיר אויך אָנגעהויבן ווערן ווייניק. נישטאָ אין וועמען צו גלייבן און נישטאָ וועמען צו גלייבן. ווי איר זעט מיך אַזוי-אָ זיצן אַפֿן בענקעלע מיט דער טופֿליע אײַערער אין דער האַנט און לייגן אײַך א פֿאַדעשווע איינע אין דער וועלט, איר האָט נאָך אין אײַער לעבן מיט אזא פֿאַדעשווע ניט געטראָטן, אזא פֿאַדעשווע אַפֿילע אין כאַלעם ניט געזען...

און מיינט איר, אַשטייגער, איבער וואָס? אַרויסגעלייענט עס עפּשער אין א ביכל, צי עפּשער אָנגעזען זיך מיט די גרויסע אומגליקן אַף דער וועלט, וואָס ער לאָזט צו און שווײַגט און טוט ניט גאָרניט?.. אייסעך וואָס, ניט דאָס. איבער א קלייניקײַט, הערט איר. איבער א קלײנטשיק פּינטעלע, וואָס מע זעט עס אַפֿילע קוים-קוים אָן. א צווייטער וואָלט עס דורכגעלאָזט צווישן די פֿינגער: טע, אויך מיר א זאַך! נאָר ניט פּיַוול, ניט דאָס קע-שענעוער שוסטערל. פּיַוולען דודלט מען ניט. ס׳הייסט, מע דודלט אים יאָ. אוי, דודלט מען אים, פּיַוולען. נאָר ביז אין א צײַט. ביז צו א פּינטעלע. ווי איר זעט מיך אַזוי-אָ זיצן אַפֿן בענקעלע מיט דער טופֿליע אײַערער אין די הענט...

אָנהייבן די מײַסע פֿונעם סאַמע אָנהייב, האַ? איך זע אין אײַערע אייגעלעך, אז איר האָט ליב א מײַסע פֿונקט ווי איך. און נאָך אזא מײַסע. מיט א קעשענעווער שוסטערל, מיט א גאַלעך א רעצייעך, מיט א סייפּערטוירע און מיטן קעשענעווער ראָוו דאַוועדזאָן, דער ראָוו האַקוילעל, ווי מע פֿלעג אים דעמלט רופֿן, פֿון גאַנץ בעסאַראַביע.

איז הערט זשע צו מיט קאָפּ. אין קעשענעוו, אויב איר געדענקט, איז דעמלט גע-שטאַנען אַף שמיטעווסקע א רײַכער האָטעל מיטן נאָמען „פּאַריז". איך פֿלעג זיצן מיט מײַן בענקעלע אַפֿן טראָטואַר אין עק גאַס באַם האָטעל, לייגן א דורכגייער א בלעטל, א רוב-טשיק אַף און אָפּצאַס, פֿלעג זיך ניט מיִעסן אָפּצופּוצן אַמאָל א פֿאַרעצל א פּאָר שטיוול אויך; אָפּפּוצן מיט אזא גלאַנץ און מיט אזא בלישטש, דאָס פֿאַרעצל זאָל זיך קענען אָנזען אין די אייגענע שטיוול זײַנע פֿון קאָפּ ביז פֿיס, נאָר — מיטן קאָפּ אַראָפּ. לעבן דאַזיקן ראָס-קאָשנע „פּאַריז", מיט די צוויי הויכע געדריידלטע טירן און מיט די צוויי לאַנגע לאַקייען בא די טירן, האָב איך געהאַט א פּאָנעם, ווי א פּרישטשיקל אַף אן אויסגעכאַליעטן זאָלט איר מיר מויכל זײַן. כ׳פֿלעג דאָרט אַלע טאָג האָבן אויסצושטיין צאָרעס מיט שלעק. נאָר אַלצ-דינג האָב איך, ווי מע זאָגט, אָנגענומען פֿאַר ליב. אבי אין קעשענע זאָלן זיך הערן א פּאָר קלינגערס. אבי דאָס ווײַב און דרײַקער די שוועלבעלעך מײַנע אינדערהיים זאָלן א גאַנצן טאָג ניט אומגיין מיט אַרויסגעשטרעקטע צונגען און ניט האַלטן אין איין שרײַען „האַמע!", „פּאַפּע!". נאָר ניט וועגן דעם גייט איצט די רייד... דאָס איז אן אַנדער מײַסע...

זיץ איך מיר אַזוי אין א טאָג אַף מײַן בענקעלע פֿאַרטראַכט, קוק אַרויס אַף א פּאָר שקראַבעס, און טו זיך פּלוצעם א כאַפּ, וואַקסט אויס לעבן מיר א לאַנגער לאַקיי מיט זײַנע זילבערנע קנעפּ, גיט זיך א בייג אָן צו מיר און טוט מיר א זאָג בעזע האַלאַשן:

— קום, פּיַווע. מע בעט דיך אַרויף אויבן אין האָטעל.

— מיך? אויבן אין האָטעל?

— יאָ, דיך. לאָז איבער דאָס קלאַפּערגעצײַג דײַנס און קום. ס׳עט עס קיינער ניט טשעפּען.

— ווער בעט מיך אַרויף? און צוליב וואָס בעט מען מיך אַרויף?

— א גאַלעך זיצט און וואַרט אַף דיר. גיי, זאָגט ער, און ברענג מיר אַרײַן דעם ערשטן ייִדן, וואָס דו וועסט טרעפֿן אין גאַס. קום.

— בין איך דאָס דער ערשטער ייִד?

— מאַך ניט קיין פֿוילע שטיק, פּיַווע. ס׳א נייטיקע זאַך. ווייסט באַם געשעפֿט ניט דערלייגן. נו, ריר זיך. געגאַנגען!

ט'האָט ער זיך נאַרוואָס אָנגעבויגן צו מיר און געבעטן מיך: „קום" און אָט שטייט ער שוין קעגן מיר אויסגעשטאַרצט, ווי אַ שטורקאַץ, און באַפעלט מיר: „געגאַנגען!" גייען מיר. איך — פֿאַרנט, ער — הינטן. ער ברענגט מיך אַרײַן אין האָטעל, הייבט זיך אוף מיט מיר אַף מירמלשטיינערנע טרעפּ מיט מעשענע פּאַרענטשעס, פירט מיך קאָרידאָר־אײַן, קאָרידאָר־אויס אַף ווייכע קילימלעך, בלײַבט מיט מיר שטיין לעבן אַ ווײַסער געשניצטער טיר, קלאַפּט פּאַוואָלינקע אָן, די טיר עפנט זיך אוף, דער לאַקיי טוט זיך אַ בייג אײַן אײַנדרײַען, איך טו אַ שפּאַן אַריבער די שוועל, און די טיר פאַרקלאַפּט זיך הינטער מיר.

דער גאַלעך, אויך אַ הויכער, מיט רויטע בעקעלעך און מיט אַ שוואַרץ צעקעמט בערדל, איז אומגעגאַן אין צימער אין הוילן זשילעט. די גאַלאַכישע ריאַסע זײַנע איז געהאַנגען אנטקעגן אַף אַ וועשלקע, לאַנג פון דער סטעליע ביז צום פּאָל אַראָפּ, בלײַשטשענדיק־שוואַרץ, ווי געהענעם־סמאָלע — האָט זיך מיר אין ערשטן אויגנבליק אַ דאַכט געטאָן. דער גאַלעך האָט מיר באַלד אַ נאָמען געגעבן יאַנקל. אפילו רעב יאַנקל. „שרעק זיך ניט, רעב יאַנקל. זעץ זיך אַוועק אָט דאָ־אָ אַפן בענקל, וועלן מיר באַלד צוגיין צו דער זאַך". אַליין איז ער אַרײַנגעפאַלן אין אַ טיפן פאָטעל, איין פוס זײַנעם אויסגעצויגן גלײַך אַפן בעט, מיטן אַנדערן פוס עפּעס אָנגעהויבן אַרויסשאַרן פון אונטערן בעט, און איך בין דערציטערט געוואָרן. אַפן פּאָל איז צווישן מיר און צווישן גאַלעך געבליבן ליגן אַ סייפער־טוירע. אַן עמעסע סייפערטוירע. אין אַ פּליושן מענטעלע, מיט פיר אויסגעטאַקטע הענטלעך אויבן און אונטן. עפּשער ערגעץ געבליבן נאָך אַ סרייפע, צי טאַקע נאָך אַ פּאָגראָם, צי גלאַט עפּשער צוגענומען, אַרויסגעגאַנוועט, טאָמע געמאַכט. דער גאַלעך האָט מיט אַ שמייכעלע אַ זאָג געטאָן צו מיר בעזע האַלאָשן:

— זעסט, רעב יאַנקל, די טוירע אײַערע איז באַ מיר אין געפאַנגשאַפט. און איר דאַרפט זי אויסלייזן.

כ'האָב זיך שטאַרק פאַרכידעשט:

— וואָס מיינט עס „אויסלייזן"? און ווער הייסט עס „איר"?

— איר הייסט איר. דאָס גאַנצע קאָהאָל דײַנס. און אויסלייזן מיינט אויסקויפן. מיט געלט, רעב יאַנקל. מיט פּעטיעמעטיעס.

— און וויפל, אַשטייגער, געלט? — האָב איך אַליין ניט געוווּסט וואָס איך פרעג, אַ דינג געטאָן זיך פּלוצעם, גלײַך ווי אָט צעעפן איך דעם גראָבן בײַטל מײַנעם און לייג דעם גאַלעך אַרויס גלײַך אַפן טיש וויפל פּעטיעמעטיעס ער וועט נאָר אַ זאָג טאָן.

— פיר טויזנטער, — מאַכט ער, — האַלב אומזיסט. אַזויפיל האָב איך נעכטן באַנאַכט פאַרשפּילט אין קאָרטן. מערער מאָן איך ניט.

— און וויפל, אַשטייגער, גיט איר אונדז צײַט?

— פיר שאָ. אין פיר שאָ אַרום פּאָרט די באַן מײַנע אָפּ קיין בוקאַרעשט. אויב איר וועט אין דער צײַט די טוירע אײַערע ניט אויסלייזן, נעם איך און טו זי אַ שמיץ אַרויס דורך דעם־אָ פענצטער גלײַך אַראָפּ אונטן, אינמיטן גאַס, אונטער די קאָפּיטעס פון די פערד און אונטער די רעדלעך פון די בריטשקעס...

די טרעפּ צוריק בין איך ניט אַראָפּגעלאָפן, נאָר פון אויבן ביז אונטן אַראָפּגעקאַטשעט זיך, ווי איך וואָלט מיטאַמאָל אַליין געוואָרן אַ רעדל פון אַ בריטשקע. וואָס טוט מען ווײַטער? וווּהין לויפט מען ווײַטער? אוואַדע צו אים, צום גרעסטן ראָוו אין שטאָט, צו דאָווּעדזאַנען. ס'ערשטע האָב איך געכאַפּט דאָס שוסטער־בענקעלע מײַנס, מיט די פּאָר שטיקלעך געצײַג, מיט די צוויי פּוך־בערשטלעך, מיט האַקל־באַקל, און עס אַוועקגעטראָגן צו דער ייִדענע, וווּ איך לאָז עס אַלע טאָג איבער אַף באַנאַכט. לעבן דעם ראָווס שטוב בין איך געווען אין איינע פּאָר מינוט אַרום. ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן. ווי איר זעט מיך איצטער אַזוי־אָ זיצן אַפן בענקעלע מיט די טופליעס אײַערע אין די הענט.

ביז איך בין אָבער צוגעקומענען צו אים אַליין, צו דאָווּעדזאַנען, האָט געדויערט עפּשער אַ גאַנצע שאָ. דער סעקרעטאַר, צי פּאַשעט דער גאַבע דאָווּעדזאַנס, האָט מיך צוואַנציק מאָל באַטראַכט פון אויבן ביז אַראָפּ, געקוקט אַף די פאַרפאַפּטע שיינע הויזן מײַנע, אָפּגעמאָסטן דאָס נעבעכדיקע שוסטערשע פּענעמל מײַנס, גרויס ווי אַ קולעק, אויסגעהערט דאָס אַלעמאָל פאַרהיקען זיך מײַנס, און מיר געענטפערט, אַז דער ראָוו איז איצט שטאַרק פאַרטאָן און נעמט איצטער קיינעם ניט אוף. האַקיצער, מיט געבעט און מיט געשריי — מ'האָט מיך סאָפּקאָלסאָף אַרײַנגעלאָזט צו אים. און אָט זיצט פאַר מיר דער ראָוו דאָווּעדזאָן אַליין. זיצט מיט דער ווײַסער ברייטער באָרד, מיט אַ פּיצל יאַרמעלקעלע אַפן שפּיץ קאָפּ: דאַפּקע ניט קיין הויכער, דאַפּקע אַ נידעריטשקער, אַ געפּאַקטער, נאָר אַפן פּאָנעם זײַנעם, זעט מען, רוט די גאַנצע שכינע און פון זײַנע אויגן שטראַלט אַרויס הוילע כאָכמע און הוילע

טוירע. און קעגן אים שטייט דאָס אָרעמע שוסטערל, אַן אײַנגעהויקערטס און אײַנגעקאַרטשעטס, און פֿלאַטערט, ווי אַ בלעטל אין ווינט. מאַכט דאָוועדזאָן:

— קומט צו־זיך, רעב ייִד. וואָס איז געשען?.. — גלײַך ווי דער סעקרעטאַר, צי דער גאַבע זײַנער האָט אים נאָך ביז איצטער גאָרנישט ניט דערלאַזשעט.

דערציילט איך אים פֿון אַלף ביז טאָף. אַזוי און אַזוי. אַ סייפֿערטוירע אין געפֿאַנגשאַפֿט בײַ אַ גאַלעך. ער מאָנט אויסלייז־געלט פֿיר טויזנטער. אַניט, זאָגט ער, שמיצט ער זי אַרויס דורכן פֿענצטער אונטער די קאָפּיטעס פֿון די פֿערד און אונטער די רעדלעך פֿון די ברישקעס. קוקט מיך דאָוועדזאָן אַ פּאָר רעגעס אָן, פֿאַרקנייטשט דעם שטערן, נעמט אַרײַן אין דער האַנט די ווײַסע לאַנגע באָרד זײַנע און טוט צו מיר אַ מאַך בעזעס האַלאָשן:

— כע. ס'איז, דאַנקען גאָט, דאָ סייפֿערטוירעס. אין די שולן זײַנען, באָרעכהאַשעם, דאָ גענוג סייפֿערטוירעס.

זאָג איך:

— רעבע, וואָס הייסט גענוג? ס'גייט דען אין גענוג, צי אין ניט־גענוג? ס'גייט דאָך אין דער טוירע, וואָס וואַלגערט זיך אונטערן בעט בײַ אַ גאַלעך אַ רעצייער. מע דאַרף אַלצדינג טאָן, רעבע, מע זאָל זי אויסלייזן...

מאַכט דאָוועדזאָן:

— זאָגט מיר, רעב ייִד, איר זענט עפּשער געקומען לערנען מיך סייכל?.. — און ער האָט אַ רוף געטאָן דעם סעקרעטאַר.

און שוין. דאָס איז דאָס. דאָס איז דאָס גאַנצע פּינטעלע. אַ צווייטער וואָלט עס עפּשער דורכגעלאָזט צווישן די פֿינגער. נאָר ניט פּײַוול, ניט דאָס קעשענעווער שוסטערל. אַ גאַנצן טאָג האָב איך מיר דאָס האַרץ ניט געקאָנט געפֿינען. בין אומגעלאָפֿן אין די גאַסן, ווי אַ ניט־דאָ־געדאַכטער. וואָס מיר שוסטערײַ און ווער מיר שוסטערײַ — ס'לעבן איז מיר ניט ליב געווען. אַפּדערנאַכט בין איך אַרײַנגעפֿאַלן אין שטוב אַ פֿאַרשמאַכטער, מיט אַ פּאָר ווילדע אויגן, אַן איין קלינגער אין קעשענע. גאָלדע מײַנע מיטן קליינוואַרג זײַנען צו צו מיר מיט אַרויסגעשטרעקטע צונגען: עסן... ברויט.... האַמע!.. פּאַפּע!.. טו איך אַ כאַפּ איין קינד אויף די הענט, אַ צווייט קינד אויף די הענט, און טו אַ געשריי צו איר, צו מײַנער: „גאָלדע־סערדצע, אויס!" „וואָס אויס, ווער אויס?" „אויס — זאָג איך — ראַוו, און אויס — זאָג איך — גאָט!" ווי איר זעט מיך זיצן אַזוי־אָ אַפֿן בענקעלע מיט די טופּליעס אײַערע אין דער האַנט.

און אַזוי, פֿון יענעם טאָג אָן — אויס. אויס און אויס. וועט איר מיך פֿרעגן: קעשענעווער שוסטערל, וואָס זשע איז שולדיק גאָט, אַז אַ ראַוו איז דער רוער ווייסט וואָס? וועל איך אײַך ענטפֿערן: ניין און ניין. דאָס קעשענעווער שוסטערל דודלט מען ניט. דעם אייבערשטן זע איך ניט און הער איך ניט. כ'האָב אים קיינמאָל ניט געזען און האָב אים קיינמאָל ניט געהערט. און דעם מעמאַלע־מאָקעם זײַנעם, דעם שייני־לעמעלעך דעם גרויסן ראַוו האָב איך אי געזען, אי געהערט. אוי, האָב איך אים גוט געזען. אוי, האָב איך אים גוט געהערט...

וועט איר מיך ווײַטער פֿרעגן: קעשענעווער שוסטערל, וואָס זשע האָסטו געפֿויעלט דערמיט? מיט וואָס זשע ביסטו געבליבן, האַ? געבליבן אָן דעם און אָן יענעם, אָנעם מעלעך און אָנעם שייני־לעמעלעך, מיט גאָרניט ביסטו געבליבן. וועל איך אײַך ענטפֿערן: ניין און ניין. געבליבן מיט אינגאַנצן — מיט מײַן אייגענער הייליקײַט, ניט מיט זייערער, בין איך געבליבן.

איר ווייסט, וואָס כ'על אײַך זאָגן? אין די צוויי פּאָדעשוועס, וואָס כ'האָב אײַך נאָרוואָס צוגעגייט, האָב איך אויך אַרײַנגעלייגט אַ שטיק הייליקײַט. איר האָט נאָך אַזעלכע פּאָדעשוועס אַפֿילע אין כאָלעם ניט געזען. נאַט, ט'האָט איר זיי פֿאַרטיק און טראָגט זיי געזונטערהייט. איר וועט טרעטן אויף דער ערד מיט הייליקע פּאָדעשוועס, ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן...

לעוו בערינסקי *

מיט צעעפנטע אויגן

ליכט

דאָס ליכט, —
פלעגט מען מיינען, —
צעגייט אין דער לופט, פאַר דער נאַכט
סטײַעט שוין ניט קיין שײַן... און פאַרקערט: דאָס טאָגטעגלעכע ליכט
ווערט אין מעשעך פון טאָג אַלץ געדיכטער,
אַלץ טונקעלער,
שוואַרצער,
אַזוי אַז דער דאַמף פון דער ערד-אַטמאָספער און די וואַסער-קריסטאַלן
הייבן אָן אַזש צו בלישטשען, און די מענטשן זאָגן:
— אַ שטערן!

אָבער זעט: באַם עקוואַטאָר, אין דעם אַפריקאַנישן מידבער
פאַלט ניט אויס אינדערפרי קיין רעגן, קיין איינציקער טראָפּן,
און דאָס ברענגט אונדז אָפּן געדאַנק, אַז ניט אַלע שטערן
אין הימל
זײַנען דאַמף אָדער וואַסער —
וואָס, אייגנטלעך, האָבן באַשטעטיקט אין פאַרשיידענע טקופֿעס
פּטאָלעמיי,
גאַלילײ
און מײַן זיידע סראָל פּיקס, וועלכער פלעג אָפּן מאַרק זיך אָוועקשטעלן באַם טעלעסקאָפּ
און צוביסלעך אויספאָרשן דעם האָריזאָנט —
פאַר דרײַ לײַ!

אין וועג

זי איז געלעגן נאַזנדיק, צעוואָרפן צווײ פיס און צווײ הענט
און צווײ צעפּלעך, ווי קינדער דאָס מאָלן, אָפּ ביידע זײַטן
פון איר פּאָנעם — דעם זאַמדיקן קרײַז.
און אַ ווינטל האָט שוין צעווייעט דעם האַלדז — דעם פּוסטיר פונעם קאָפּ ביז די אַקסל.
נאָר די אויגן — אַ פּאָר צעעפנטע אויגן — האָבן געפינטלט, געקוקט
און געוואַרט, דאַכט זיך, עפּעס פון מיר.

קאָסע, איבערן ערד-פּוסטן קליידל האָט זיך געצויגן
אַ מין אַרכעאָלאָגישע אופשריפט — אַ בערגעלע זאַמד.

כ'האָב זיך אָנגעבויגן און זי אָנגענומען באַ די פינגער,
און זי אופגעהויבן — מיטאַמאָל, ווי מע שטעלט אוף אַ בילד
צו אַ שפּיגל.

נאָר די אויגן — א פּאָר צעעפנטע אויגן — זײַנען קײַלעכיק ליגן געבליבן
און געקוקט, און געפינטלט, און שוין גאָרנישט פון מיר ניט געוואָלט.

כ'האָב זי אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו מיר, מיטן פּאָנעם צום צאָפן,
און זי האָט מיט א זיפץ געלאָזט זיך אין וועג,
אָך,
און מיט יעדן שפּאַן האָט זי עפּעס פארשאָטן, פון איר זאמדיקן קאָנטור פארלאָרן:
אַן אקסל,
א לענד,
א קני —

אזוי אז אינגיכן איז אין דער רוימלעכער שײַן פון דער שקיע
נאָר געהאנגען, באוועגט זיך אין לופט א דורכזיכטלעכע אופשריפט:

אנא פראנק.

דאָס לעבן, דער טויט

אַן אווירע די צײַט, אַן אווירע די לופט, וואָס איך לעב,
דעם אַזאַנאָוון קופּאָל, דעם רוים מיט פארשלאָפענע וועלדער,
די פייזאזשן, וואָס קוקן מיך אַן, אַן אווירע דעם אָטעם,
וואָס כ'נעם צו בא די שטיינער און זאמדן, די פארנאכטיקע פליג
און דאָס ווינטל, מיט וועלכן זי פליט און באשיט מיך מיט זילבער.
אַן אווירע דעם נאָמען, וואָס כ'טראָג: אזא נאָמען וואָלט געקאָנט
דעם בארג אף א צענדליק יאָרטויזנטער מאכן בארימט
צי דעם יאַם, צי דעם בוים באַאָבאַב, צי לעכאָלהאפּאַכעס
א גריכישן גאָט. אַן אווירע מײַן לײַב, וואָס די פיש
צי די פייגל וואָלטן צו שטיקלעך צעשלעפּט פאר זייערע קינדער...

אַן אווירע דאָס לעבן, דעם טויט.

הײזעריקע שלענג

פון די ביימער און ווײַנטרויבן-לאָזעס אין גאָרטן, וואָס הייסט איין-געדי
אָדער ציגענער וואסערקוואל, פון די פעך-אַגוווקסן, דעם געלן באלזאם אף די פּאלמעס,
פון די קאנפער-הענגלעך, די זיסע, ווי זיס פאר שולאמיס איז שלוימע, —
פון די צווײַגן און שטענגלעך, און בלעטער, און בלומען, פון די זאפטיקע גראָזן
הענגען, שטעקן און פאלן אראָפּ מיט א מין פוילן כליאפּ
הייזעריקע שלענג.

פון די פרומע כאלוימעס, וואָס אף דער וואָר האָט געזען זשאנא ד'ארק,
און די רויטלעכע קירכן-ווענט, צעשמעטערטע פונעם שוואבישן פעבל
און פראנקאָנישן פעבל, און דעם פעבל פון טיורינגען און פון שווארצוואלד —
פונעם וואלד-שווארצן פעבל אזויארום, אַך, פונעם פידעלע הויך אין דער האנט
פאגאניניס, און אויך פונעם סטויג מיט מײַן ערשטער געליבטער
נעגליזשע — קריכן לאנגזאם ארויס, מיט א זאמדיקן שאָרך
הייזעריקע שלענג.

פון דעם קאָמפּלעקס „סאַיוז — אַפּאָלאָן”, פונעם זיבעטן, קאָסמישן הימל
האַראָוועס מיט זייַן טוי פאַרן טכיַעס-האַמייסים, פון דר'ערד
און פון יאַם, פונעם נייַעם און אַלטן גאַניידן, פון בירמע
און פון קינסטלעכע הערצער און נירן, פון פּלאַמיקן בלוט —
ציִען שטייַף זיך אַרויס, גליטשן, שלעפּן זיך נאָך מיט אַ כאַרכלען
הייזעריקע שלענג.
די צעבלאָזטע,
צעבייזערטע,
ווילדע,
פאַרקילטע
הייזעריקע שלענג.

זאָלסט ווערן אַן ערד-מענטש

אַ דאַנק, וואָס איך עקזיסטיר, און דערבייַ אין אַ מענטשישער פאָרם!
ווען געוועזן כ'וואָלט אַ יאַם-פיש Anopticus אָן בײדע אויגן,
אין אַ הייל — וואָלט איך טויב און פאַרכאָלעמט אין גרונט זיך געשטופּט,
מיט דער צונג אינעם אַפּפאַל געשנאָרעט, מיט דער פילאָסאָפּעדער לאַנג זיך געגריבלט
אינעם קויט, אַנגעשוואומענעם פון די זעקס קאָנטינענטן,
כ'וואָלט געטרוימט פון אַ הימל, ווו דערטרונקענע לעבן, נאָר קיינמאָל
— ווײ איז מיר! — ניט דערזען כ'וואָלט דאָס זאַנג-פעלד, דעם טייַך מיט דער קו אויפן ברעג,
מיט דער זון פון סוועטלאַנעס מאַגדאַלינישע האָר (און אַז גאָט וועט נאָך געבן —
מיט איר פולער לעוואָנע — דעם בויך!) —
ווי אַ בלאָוער באַלאָן, אויפן דנאָ
זיך אַראָפּלאָזנדיק פון דער הייך, פון די טראַנסאָקעאַנישע וואַסערן,
וואָלט איך דיך באַשווירן, אַדוישעם,
מיט אַ שרעקלעכער קלאָלע: זאָלסט ווערן אַן ערד-מענטש, אַ שווימער
אין די אייבערשטע שיכטן — און קומען צו מיר אויף אַ טאָג...

נאָך דייַן שייַן...

ווען די נאַכט לאָזט אַראָפּ זיך און ס'קלאַפּט דורך די שטערן דער קאָסמאָס,
און איך שטאַרב אַלעמאָל פאַר דערשרעק און פאַר ליבע, — דרעמלסט לייגסטו זיך
שלאָפן, מאַרי.
שלאָפן לייגסטו זיך אָבער
מיטן זוניקן קאָפּ אויפן צאָפן —
און איך קוק אויף דעם אייבערשטן טייל פון דער שוואַרצער פּלאַנעטע.
כ'זע: די ערד דרייט זיך אויס — און דו שלאָפסט שוין קאַפּויער און באַשייַנסט מיר
שלוימעס אינדזלען, אויסטראַליע
מיט דייַנע גאָלדענע האָר.

די פּאָליאַר-גראַוויטאַציע ווירקט אויף דייַן שלאָף, און דו ליגסט שוין
מיטן פּאָנעם אויף מיזרעך — און ווייַזט מיר די ערד ביז לאָ מאַנש.
מאַרס, דער העסלעכער, שטעלט זיך אַנטקעגן — דייַן האַרץ גיט אַ פּאָכע אויף מיזרעך

און א קערעווע זיך צו דער פּױלער לעוואַנע: נאַרד-וועסט;
צו דעם יאַם-שטראָם: זיוד-אַסט... און איך ווענד זיך צו דיר, און איך וואַרף זיך
נאָך דײַן שײַן — מיט די הענט אין דער לופט, מיטן קאָפּ אין די ווענט...

די זון שווימט אַרײַן — טרעטסט אַראָפּ אַפן דיל, און דײַן גוף גיסט זיך אָן מיט לײַב,
און דעם גאַנצן אומענדלעכן טאָג ברענט די זון, שײַנט די ערד, און זי דרייט זיך,
זי דרייט זיך, מאַרי...

וואַרט אויס!

אַך, זוניק און יאָמטעוודיק האָב איך מײַן לעבן פאַרבראַכט —
מיט יונגאַטשקעס, מיט היפּט-שטעט און לידער.
פאַר די אויגן איז דורכגעלאָפן די וועלט — אַ נעאַנאָווע שילד.

און איך קוק זיך אַרום — און ס'ע ברענט איבער מיר אַ געשטערן:
„קומט צו פליען. מיר לעבן און לאַכן און ליבן זיך זיס"...

גלייבט, אַז כ'געפין אים, דעם וועג צו דעם הימלשן מאָרגן.

איך וועל זיך אוועקזעצן שטיל פאַרן טיש און באַטראַכטן
די לאַגע פון מענטשן,
וואָס זעען אין פענצטער דעם נעכטיקן טאָג

און געפינען
(פאַר אײַך ניט פאַרהוילן),
וואָס ס'הייסט לעבן, און לאַכן, און ליבן זיך...
וואַרט נאָר אויס!

אַלצדינג פליסט

געלט פליסט צו געלט, און וואַסער — צו וואַסער...
איר קווילט?
אַ כאָכעם מאַכט גרויסע געלטער פון וואַסער, אַ טיפּעש — וואַסער פון געלט.

זאָל איך וויסן פון צאָרעס, צי כ'וויס, ווו מע נעמט אַף הויצאָעס —
אַף ברויט און אַף בלומען, אַף אַ לעוואָנע פאַר היימלאָזע האַרבסטיקע הינט.

ס'איז גערעכט געראַקליט: אַלצדינג רינט.

אָבער ווו איז מײַן טײַך מיטן גאָלדזאַמד (איך גיב עס אײַך אָפּ),
מײַן יאַם מיט די פּערל, מײַן וואַסער-סלופּ
פון אַ גייזער; מײַן פעלדז אינעם מידבער — דער פעלדז מיט אַ לאָך,
דורך וועלכער — ווען מוישע ראַביינו וועט געבן אַ פּאַך,
אַ קלאַפּ מיטן שטעקן, אַ נערעק אין שטיין און אַ זעץ —
וועט פּלוצעם אַ פּלייץ טאָן די אָזערע, ווי דורך אַ נעץ
(זי שטייט, גיט אַ קוק, פון די ליליעס געלע פאַרסאַמט,
און זעצט זיך צוביסעלעך אָפּ, נאָר אונטרינט ניט אין זאַמד)...

פעניקס

וואָס ווילסטו, ווילדער פויגל אין דער נאַכט,
פון מיר — אַז איך זאָל ווירקלעך זיך צעווייגען
און דורך די טרערן אין די שטערן לייענען
דעם בוך, וואָס פאַר די מענטשן איז פאַרמאַכט?

וואָס שרײַסטו דאָרט, אױף דײַן פאַרקרומטן בוים?
דער רוים איז פּוסט, די צווײַג איז אויסגעבויגן...
איך קאָן נאָר שווערלעך עפענען די אויגן
אין שלאָף — און דיך ארײַנעמען אין טרוים.

אַ גוט-מאָרגן!

אַ גוט-מאָרגן אײַך, מענער און פרויען,
ווי איז דורכגעגאַנגען די נאַכט?

(איך מאַך זיך, אַז איך באַמערק ניט בא אײַך אױפן פּאָנעם
די לופּטיקע שפּורן פון טרערן, וואָס האָבן באַלויכטן
די פינצטערניש, אײַער אומענדלעכן אומעט, דעם מוט).

אַ גוט-מאָרגן אײַך, מענטשן,
ווי געפעלט אײַך דער זוניקער טאָג?

(כ'מאַך דעם אָנשטעל, אַז איך באַמערק ניט דעם קינדערשן שמייכל
אױף די ליפּן, די האָפענונג-פרייד און צוויי אויגן ליכט...).

אָך, אַ שווער שטיקל אַרבעט די נאַכט (וויפל, מיינט איר, אַזעלכע נעשאָמעס
זײַנען נאַנדיק איבערגעשווומען דעם טהאָם
און דערגרייכט דעם זוניקן ברעג?).

אַ גוט-מאָרגן אײַך, גליקלעכע ברידער און שוועסטער...

וו'הין זשע לויפט איר אַוועק?

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס

מוישע נאַדיר

(1943—1885)

אלטער קאַציזנע

(1941—1885)

מ ו י ש ע   נ א ד י ר

צווייערליי מאָראַלן

און זײַן נאָמען איז געווען...

אנטשולדיקט. מיר ווייסן ניט זײַן נאָמען. ער האָט געקענט הייסן יויעל, באָרוך, פּיִוויש, היינריך, דזשיאָוואַני, אָמבראָס, איוואַן אאַוו.

ער האָט געקענט זײַן א ייִד, אָדער א דײַטש, אָדער א פּאָליאַק, אָדער א רוס. דאָס איז ניט וויכטיק. וויכטיק איז, אז עס האָט פּאַסירט — מיט פּראַכט און גלאַנץ — די פאָלגנדיקע מײַסע, מיט וועלכער איך פאַרנעם מיך דאָ — אין דער ברייט, מאַכמעס איך האָב פײַנט זשאַלעווען טאַלאַנט, איינמאָל, זאָגט ער, האָט גאָט געגעבן טאַלאַנט, טאָ זײַ ניט קיין אײַנבערענגער! שפּאָר ניט אָפּעט אָף מאָרגן! אז גאָט וועט העלפן מ'עט לעבן, עט'ן מאָרגן אויך האָבן טאַלאַנט!..

עס איז געווען באַנאַכט. ווו? אין א פּאַרק. פונוואַנען ווייס איך? — איך ווייס. נאָר שלאָגט ניט איבער. אז ניט וועט זײַן שלעכט, ווײַל איך בין זייער אָן אופגערעגטער, אַלע גאַליציאַנער זײַנען אופגערעגט בעשאַס זיי ווערן בייז. לאָזן מיר, אַלזאָ, שטיין דעם וויץ און מיר גייען ווײַטער. אַלזאָ: ס'איז געווען באַנאַכט און — אין א פּאַרק.

לעוואָנע-שטערן?

— וואָדען!

זײַדענע וואָלקנדלעך אין הימלשן רוים?

— אוואַדע.

א טויטע שטילקײַט האָט געהערשט?

— אבסאָליוט!

און זיי זײַנען געווען צוויי — ער און זי?

— געווים.

און איצט, אז מיר ווייסן שוין אַלץ, וואָס מיר דאַרפֿן שוין וויסן, וועלן מיר אָנהייבן גיין קעסיידער, טריט בא טריט און ניט געכאַפּט.

זיצן זיי אַזוי ביידע. ווער זײַנען די ביידע? — ער און זי?   ניין. זי און ער. כא-כא. אָפּגענאַרט אײַך! קורץ, זיצן זיי אַזוי ביידע און זיי פֿילן אָן די לופֿט מיט זייערע זיפֿצן. מאַכט צו זיי די לופֿט: קינדער, הערט אויף מיך אָנפֿילן מיט אײַערע זיפֿצן. ס׳קען שוין מער ניט אַרײַן אין מיר. געזונט אַזוינס! רופֿן זיי זיך גאָרניט ניט אָפּ, מאַכמעס זיי הערן ניט. נאָר ער, דער „באַי", דער באַכער, דער ליבהאָבער, וואָס האָט זיך ביז איצט געשפּילט מיט איר האַנט און געגלעט אירע פֿינגער איבער די גלאַנציקע קעפּלעך מיט גרויס ליבשאַפֿט — האָט זיך אָפּגערופֿן צו איר מיט טרערן, דאַפּקע, אין די אויגן און מיט גרויס — דאַפּקע — גערירטשאַפֿט:

— טײַערסטע, מאַכט ער צו איר, דו מוזט מיך אויסהערן. איך האָב דיר, מאַכט ער, עפּעס צו זאָגן. עפּעס, מאַכט ער, ליגט מיר אָפּן האַרצן, און איך מוז עס, מאַכט ער, אַרויסזאָגן. איך ווייס, זאָגט ער, און גלעט בעשאַסמײַסע אירע גינגאָלדענע לאָקן, איך ווייס, אַז דו וועסט זײַן בייז אָף מיר... איך ווייס, זאָגט ער, אַז איך האָב עס דיר באַדאַרפֿט צו זאָגן פֿריִער. ניט אָפּלייגן ביז איצט — אַכט טעג פֿאַר אונדזער כאַסענע. אָבער כ׳האָב, זאָגט ער, ניט געהאַט דעם מוט דערצו, האָב איך עס אַלץ אָפּגעלייגט אָף שפּעטער. אָבער איצט איז, זאָגט ער, געקומען די צײַט, ווען איך קען לענגער ניט האַלטן אין זיך דעם סאָד און איך מוז...

בא די דאָזיקע ווערטער (אַזוי פֿאַרזיכערן מיר מיט א גאַראַנטיע אָף דרײַ יאָר) איז דער ליבהאָבער געבליבן שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און טרערן, גרויס ווי די שוואַרסטע טראָפּנס רעגן, האָבן אַראָפּגערעגנט פֿון זײַנע אויגן און נאָס געמאַכט דעם רוזש און אַנדערע פּודער (בעסטע קוואַליטעט) פֿון אירע באַקן...

א ווײַלע איז געווען שטיל.

נאָך א ווײַלע איז געווען שטיל.

ענדלעך איז געוואָרן גאָר שטיל.

דאַן האָט זי זיך אָפּגערופֿן צו אים:

— רעד! איך וויל אַלצדינג וויסן...

און ער האָט ווידער אָנגעהויבן גלעטן די אומשולדיקע קעפּלעך פֿון אירע פֿאַרשניצטע פֿינגער און ער האָט געזאָגט:

— ס׳איז מיר שווער צו רעדן דערפֿון... איך ווייס, אַז דו וועסט מיר קיינמאָל ניט מויכל זײַן, אָבער דער עמעס איז בא מיר טײַערער פֿון אַלצדינג. איך מוז דיר זאָגן, מײַן טײַערסטע, אַז איך האָב שוין אַמאָל געליבט אַן אַנדערע... א פֿאַרהייראַטע פֿרוי... אָבער, — דאָ איז ער צוגעפֿאַלן צו אירע קני און געפֿלאַנכעט, ווי א ביבער, — אָבער דו קענסט עס, זאָגט ער, ניט פֿאַרשטיין... דו ביסט יונג און אומשולדיק און דו ווייסט ניט, זאָגט ער, וואָס פֿאַר א קויעך די זינד האָט... און וואָס פֿאַר א רייץ, זאָגט ער, עס ליגט אין דעם פֿאַרבאָטענעם... ווען דו זאָלסט, זאָגט ער, וויסן, וואָלסטו עפּשער, זאָגט ער, ניט געווען אַזוי שטרענג צו מיר...

א ווײַלע איז געווען שטיל. נאָך א ווײַלע איז געווען שטיל. ווידער איז געווען שטיל.

ענדלעך איז געוואָרן גאָר שטיל. און זי האָט זיך אָפּגערופֿן צו אים, גלעטנדיק זײַן פֿאַרקאַמטקײַט מיט פֿאַרגעבונג:

— ס׳אַלרײַט, יויעל (אָדער איוואַן, אָדער אָ׳טול), ס׳אַלרײַט... איך פֿאַרשטיי דיך גאַנץ גוט. דו דאַרפֿסט זיך נישט פֿילן אַזוי דערשלאָגן, הייב זיך אויף פֿון דר׳ערד, טײַערסטער. איך ווייס, וואָס פֿאַר א קויעך די זינד האָט, איך אַליין האָב אויך אַמאָל געשפּילט א ליבע מיט א יונגנמאַן און...

מער האָט זי ניט געקענט רעדן, זי האָט ניט געהאַט צו וועמען צו ריידן, מאַכמעס יויעל, אָדער היינריך, אָדער איוואַן, אָדער מ׳קיעף, האָט געכאַפּט מ׳קאַפּעליוש און איז אַנטלאָפֿן — מיט דעם גרעסטן אַנטלויפֿעניש, וואָס מע קען זיך נאָר פֿאָרשטעלן.— — —

געשרייען פֿון אַלע לעזערקעס: „אַזאַ פֿארך! אַזאַ שטיק ניקס! אַזאַ גאָרניט!.. צו פֿאַרלאָזן א קאַלע אַכט טעג פֿאַר דער כאַסענע! מאַלע, אַז ס׳מאַכט זיך אַמאָל"...

צוריקגעשריי פֿון שרײַבער פֿון אָט די שורעס: „ריכטיק, ווי גאָלד! מאַלע, אַז סע טרעפֿט זיך אַמאָל!.. מ׳איז דאָך ניט מער ווי א מענטש!.. קומט דערפֿאַר איבערצולאָזן א קאַלע און צו אַנטלויפֿן? פֿע!"

אים?

מ'וועט אים דערלאַנגען א פאַרפאַר אין די ציין, אז ער וועט זיך איבערקערן. אים?

דעם הער בערנבערנער וועט מען דערלאַנגען א פאַרפאַר אין די ציין, אז ער וועט זיך איבערקערן. זיך איבערקערן מיט... וויאַזוי קערט מען זיך איבער? ער וועט זיך ניט איבערקערן מיט די פיס ארויף. הער בערנבערנער מיט די פיס ארויף! ס'טולעפל, איינגע־שמירט, און די הויזן פארשארן זיך איבער די שיך, און ס'זעען זיך ארויס די ווייסע זאָקן — די ריינע. ערשט היינט אינדערפרי אָנגעטאָן א פאָר פרישע זאָקן, אז סע שמעקט. ער האָט ליב ציכטיקייט. די קינדער זאָגן אים אלעמאָל: טאַטע, פארגעס ניט ס'ציגארנשפיצל, און גיב אכטונג, טאַטע, זאָלסט זיך ניט פארקילן, טו אָן ס'שאַליקל אפן האלדז, און ער זאָגט: נו־נו, און די עלטערע טאָכטער — בערנבערנערס עלטערע טאָכטער — טוט אים אָן ס'שאַליקל אפן האלדז, פּראַשעט אים אָפּ א פּאָדעם טוטין פונעם זיידענעם בערדל און ווינטשט אים א גוטן טאָג. ס'ווייב זיינס — בערנבערנערס אויסערגעווינלעך ווייב — דער־לאַנגט אים דעם שטעקן מיטן גאָלדענעם הענטל, טוט אים א קוש אין שטערן און זאָגט אים אָן, ער זאָל זיך האַלטן אף דער זון, וועט ער ניט הוסטן. די זון איז קאַלט, דאָס טולעפל איז ווארעם. גייט ער ארום שפּאַצירן איבערן פּארק ארויף־און־אראָפּ, און ער טראַכט:

עלדאַראַדאָ. דאָ־ראַ־דאָ. ראַ־דאָ. ער — א מענטש אן אינטעליגענטער און אָפּגעהיטער, די קינדער ציטערן איבער אים. ס'ווייב בלאָזט אים די טריט, און ער, בערנבערנער, דער אינטעליגענטער מאַן, מיט דעם העברעישן בלאַט „התורן" אין קעשענע, גייט ארום איבערן פּארק און טראַכט: על־דאָ־ראַדאָ און נאָר עלדאָ־ראַדאָ? אלצדינג טראַכט ער. ער איז א טיפער מענטש. א מענטש מיט א צעוויטיקטער נעשאָמע, מיט א שאַרף אויג. אלצדינג, וואָס ער זעט, מאַכט אף אים אן איינדרוק. — אָט, לעמאַשל, זעט איר איצט, ווי סע ברענט א שפּיץ פון א בוים, איינגעטונקען אין זון־גאָלד, — אזוי ווי דער דאָרנבוים אין דער מידבער, וואָס ברענט און ווערט ניט פארברענט. דעם מענטשנס האַרץ איז אויך אזוי: א דאָרנבוים, וואָס ברענט אין דער מידבער פון לײַדנשאַפט — ברענט און ברענט און ווערט ניט פארברענט. ס'איז קאַלט. ער וועט שוין באַלד אהיים גיין. עס קלעמט אים ס'האַרץ. ער האָט ליב מאָסלינעס. ווײַל קיינער דענקט ניט אזוי ווי ער — אזוי ווי בערנבערנער, דער צעראַטפּילנדער מענטש, מיט אן איידעלער נעשאָמע. מיט א האַרץ, וואָס קלאַפּט ווארעם, ווארעם. עפּעס האָט ער זיך אָנגעקלאַפּט אין עמעצן. אהאַ. מ'שטייט אים אין וועג. דער וועג איז פול מיט דערנער. אַ, אנטשולדיקט אים. ער האָט אייך עפּשער א קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקן, וואָס ער טראָגט אונטערן אָרעם. עלדאָ. האַ? ער הערט ניט? ער קריכט ווי א בלינד פערד? צו וועמען רעדט ער עס אזוי, דער יונג? ער, בערנבערנער, טאָר זיך ניט אופרעגן, ווײַל ער פילט זיך נישט גוט. ניט גוט. ווײַב. שאַליקל. סע ווערט קיל. מ'וועט אים דערלאַנגען א פאַרפאַר אין די ציין, אז ער וועט זיך איבערקערן. אים?!

נאָכאַמאָל: מ'וועט אים דערלאַנגען א פאַרפאַר — א האַנט איבער א האַנט ווי א ציילעם, און ביידע פויסטן וועלן אים, בערנבערנערן, דערלאַנגען א פאַרפאַר אין די ציין. אלע טאָג פוצט ער זיך די ציין מיט א בערשטעלע און מיט אזא רויטלעך וואַסערל. וועט מען נעמען די ציין זײַנע און מ'וועט אין זיי דערלאַנגען א פאַרפאַר ארײַן מיט פרעמדע הענט. וועלן זיי דערלאַנגען א קלונג, ווי סע וואָלטן איינגעפאַלן די זילבערנע גלעקער פון א קאַטעדראַלע. טע־דראַ־לע, און זיי וועלן זיך נעמען וויגן. א מענטש מיט לויזע ציין, וואָס וויגן זיך אין ווינט, און אז סע גייט א בלאָז — הייבן זיי אָן צו קלינגען. ווײַל דער יונג האָט אים דערלאַנגט א פאַרפאַר. א פאַרפאַר? א שרעקלעכע ווולגאַריטעט. פאַרפאַר... פאַרפאַרן. ארײַנקריכן יענעם אין מויל ארײַן און דאָס בלוט וועט רינען, ווי פון א געקוילעטן אָקס. וועט אראָפּרינען איבער דער באָרד — דעם בערדל, א פארבלוטיקט בערדל. מיט א פאַרפאַרן טולעפל; אז ער וועט זיך איבערקערן אזוי ווי דער קלאָון אין היפּאָדראָם — מיט די פיס ארויף, און אָנעם היטל. און מענטשן וועלן זיך צעזיפּליפּן אין די טויזנטער, און מ'וועט קוקן אף אים און מ'וועט באַוואונדערן זײַן גוטן געשמאַק. אָבער שטילערהייט וועט ער טראַכטן פון צימערוואַלד און פון עלדאָראַדאָ. — עלדאָראַדאָ איז ניט פילגרירט. פילי־גרירט איז בלויז דאָס זילבערוואַרג פון דער בעצאַלעל־שולע. מישטיינסגעזאָגט, דער מענטש! אינדערהיים: שטעקשיך, א שלאַפראָק מיט טראָלדן, א ווארעם קאָפּעל פארן קאָפּ

(דינע האָר). און די ביכער, וואָס ער לעזט. ס'איז א גוואלד! צום בײַשפּיל — וואָס ניט? לאָז זײַן שעקספּיר! לאָז זײַן וואָס סע וויל! און טאקע פּיליגרירט... וויפל מענטשן ווייסן, אז ס'איז פאראן אזא וואָרט ווי פּיליגרירט?

ער, בערנברענער, ווייסט עס. און א הארץ האָט ער אויך א זעלטענעם. וויפל געלט צעטיילט ער — קימאט — צווישן אָרעמע. ווײַל ער האָט ניט! ווען ער זאָל האָבן, וואָלט ער געגעבן. מ'וועט אים געבן א פּארפּאָר אין די ציין. וועמען? אים? מ'וועט נעמען און אים דערלאנגען א פּארפּאָר, אז ער וועט זיך איבערקערן? — א פּאָטער פון פיר קליינע קינדער. איינע גייט כאסענע האָבן מיט א דאָקטער, די צווייטע איז אליין אויך א שוואכע. ס'ווײַב זײַנס — בערנברענערס פרוי — שטאמט פון ראבאָנים, ער אליין איז נעכטן געווען בא א פּראָפעסאָר, האָט ער אים געזאָגט: צארט געבויט. וועט מען אים נעמען און מ'עט אים דערלאנגען א קנאק איבערן קאָפּ. איבער וועמעס קאָפּ? איבער זײַן אייגענעם קאָפּ, וועט מען אים דערלאנגען א קנאק מיט א שטיק אײַזן — געווען אזא ווונדערבארער מענטש, און די גאנצע שטאָט וועט גיין צו דער לעווײַע. און דער מערדער מיטן שטיק אײַזן אין האנט וועט פאלן אפן קיווער און וועט זיך איבערקערן. א זעלטענע איבערקערעניש. איז ער ארופגעגאנגען צו איר אין שטוב ארײַן און געפרעגט, צי זי איז דאָ אינדערהיים? ער מוז ליבן. ער איז נאָך א יונגער מענטש. ווי אלט איז ער דען? ער וויל נאָך געניסן פון דער וועלט. אים איז אנטקעגן געקומען די מאמע אירע מיטן גלעזערנעם אויג און געזאָגט: זי איז ניטאָ אינדערהיים. האָט ער געזאָגט: א גוטן שאבעס! און איז אוועקגעגאנגען. עס איז געווען דינסטיק, און די פרוי מיטן גלעזערנעם אויג האָט נאָך צוריקגעענטפערט: א גוטן שאבעס, מיסטער, א גוט יאָר!

מיסטער... ער איז א מיסטער — איז ער! עפּשער האָט זי געלאכט פון אים? וואָס איז דאָ פאראן צו לאכן? ער האָט געמיינט צו זאָגן: א גוטן שאבעס — קאָן מען שוין האָבן בא הײַנטיקן יאקרעס אף עסנווארג! סאטירע. און זי האָט אים געענטפערט, ער זאָל אָנטאָן א שאליקל און זיך האלטן אף דער זון. שאבעס אינדערהיים. עך! דאָרט ליגט דער שאבעס אף דער גאנצער שטאָט. דאר-אויבס, נאהיט, עפּלקוואס און דאָס שפּאצירן איבער די האָפּן-פעלדער. גאנצע פעלדער מיט ווייץ לאכן זייער גאָלד צום הימל ארויף. אף אלע וואסערן שווימט דער שאבעס, פון אלע גרינט ער ארויס. דאָ, אז מ'זאָגט „גוט-שאבעס", לאכט מען. פארוואָס? ווײַל ס'איז נאָך 4 טעג צו שאבעס, און זי איז ניטאָ אינדערהיים. עפּשער באהאלט זי זיך? זי באהאלט זיך — פאר וועמען? פאר אים? פאר בערנברענערן באַהאלט זי זיך? פאר דעם צארט געבויטן בערנברענער מיט דער פײַנער ד'אנונציא-באָרד און מיט די געפּערלטע ציין. מ'וועט מיר דערלאנגען א פּארפּאָר אין די ציין ארײַן, אז איכ'ל זיך איבערקערן און איכ'ל מוזן שרײַען גוואלד. „גוואלד!" ס'איז צו שטיל. מ'הערט ניט. „ג-וואל-ד!" דאָס איז שוין א ביסל בעסער, אָבער נאָך אלץ ניט דאָס. „גוואלד — לד!" דאָס איז שוין בעסער, נאָר מירן פּרוּוון נאָכאמאָל. „ג-ווא-ל-ד!" דאָס מוז יעדער דערהערן. די גאנצע שטאָט זאָל זיך שטעלן אף די פיס. דאָס לאנד זאָל זיך וויגן... הא? — נאָכאמאָל זשע: מ'עט נעמען א שוואכן מענטשן, וואָס איז נעכטן געווען בא א פּראָפעסאָר און וואָס זײַן פרוי שטאמט פון ראבאָנים, און מ'עט אים דערלאנגען — א וואָס? — א קנאק, ער זאָל זיך?..

לעמעשקע

געהייסן האָט ער „לעמעשקע", און געווען איז ער א — לעמעשקע. דאָס הייסט: איידער ער איז געוואָרן א לעמעשקע, איז ער געווען א מענטש ווי איך און איר. געגעסן, געטרונקען, גערעדט פּאסקודנע רייד, גענומען א דירעקטן אָנטייל אין מילכאָמע-דעבאטן אאוו. אלץ אזוינע זאכן, וואָס באווײַזן, אז אונדזער צעקראָכענער העלד איז געווען פולשטענדיק געזונט אפן קאָפּ און — פארקערט.

נאָר אמאָל האָט זיך מיט אונדזער ווערטן „לעמעשקע" פארלאָפן א שוידערהאפטע מײַסע. הײַנע: ער האָט איבערגעלעזן עפּעס א ביכל וועגן „די מיליאָנען געפארן, וואָס לויערן אף דעם מאָדערנעם מענטשן". דאָס דאָזיקע ביכל, וואָס איז געווען געשריבן פון א געוויסן

דאָקטער „נעמימאַרויס די קויכעס", האָט גענומען אונדזער לעמעשקען און אים געקוילעט אַן אַ מעסער.

אַנשטאָט דעם דרייסטן יונג, וואָס ער איז פריִער געווען, איז ער פון דעם מאָמענט, וואָס ער האָט איבערגעלעזן דאָס באַקאַנטע ביכל, געוואָרן אַן אבסאָליוטע און פולשטענדיקע לעמעשקע. אַנשטאָט וואָס ער האָט פריִער ניט מוירע געהאַט אפילע פאַר זײַן שוויגער, האָט ער איצט געציטערט פאַר דעם שאָטן פון זײַן אייגענעם ברייטן קאַפעליוש, וועלכער איז בײַ אים געלעגן אַף אַן אויער — מײַסע-טראַכטער!

און אַז לעמעשקע האָט גענומען ציטערן — איז דאָס געווען אַ ציטערניש „איבער דער גאַנצער ליניע".

זײַן שרעק פאַר די לויערנדע געפאַרן האָט ניט געוווסט פון קיין אָפּשטעל און פון קיין גרענעץ. זעכצן שאָ אין טאָג האָט ער געפּלאַטערט אין די פּלודערן פון שרעק פאַר פאַרשיידענע זאַכן, און די איבעריקע אכט שאָ האָט ער — האָט ער אויך געטאָן דאָס איי- גענע.

הויכבאַן? — לאַכט זיך איִס! לעמעשקע וועט ניט פאָרן אַף קיין הויכבאַן. אורזאַך? הויכבאַנען קאָנען אַראָפּפאַלן. אונטערבאַנען? גייט אוועק פונדאַנען! לעמעשקע וועט ניט פאָרן אין קיין אונטערבאַנען — ווו עס קאָן יעדע מינוט און יעדע רעגע פּאַסירן אַ צוזאַ- מענשטויס. טראַם-באַנען? דערמאָנט ניט דאָס וואָרט, איך בעט אײַך! אַ קאָר קאָן אַראָפּ פון די רעלסן אָדער אַרײַנפאָרן אין אַ פּײַערלעש-מאַשין, און לעמײַ איז ער מעכויִעוו זיך אײַנ- צושטעלן ס׳לעבן?

גיין צופוס? קאָן ער אויך ניט, ווײַל עס טרעפן סיבעס. ערשט נעכטן, איינער אַ מאַן איז געפאַלן אין סטריט פון עלעטער-שוואַכע.

און ניט נאָר וועגן פאַרעכץ, נאָר מיט יעדער זאַך אַזוי. לעמאָשל: שלאָפן. ווו קאָן אַזאַ ייִד, ווי לעמעשקע, שלאָפן? אין אַ ביליקן האָטעל? האָט ער מוירע, אַז עס וועט אויסברעכן אַן ערדציטערניש. ווידער, אין אַ טײַערן האָטעל האָט ער מוירע, אַז סע קאָן נאָך אין מיטן נאַכט אויסברעכן אַ פּײַער, אינדערהיים — קאָן אים נאָך עפּעס אַרײַנקריכן אין אויער, איז ער כאָלילע אַ פּאַרטיקער. ווידער אין גאַס — קאָן נאָך פאַרבײַפאָרן דער וואַגאָן מיט די בעזעמס, וואָס קערט די גאַסן, און אוועקערן. און דאָס נעמלעכע מיט עסן: וואָס קאָן אַ מענטש ווי לעמעשקע געניסן? פלייש, אייער און מילך אַנטהאַלטן אין זיך, ווי מיר ווייסן, אַזעלכע קליינע כײַעלעך, וואָס רופן זיך „באַצילן", און וועלכע זײַנען אַ סאַמהאַמאַוועס אפילע פאַר אַ געזונטן מענטשן. ביפּראַט נאָך פאַר אים! ווידער זשע, גרינסן און פּרוכטן און אַנדערע קרײַטעכצער קאָן ער אויך ניט עסן, דערפאַר וואָס זיי אַנטהאַלטן אין זיך אַזאַ מין „זויער- קײַט", וואָס איז שעדלעך פאַרן מאָגן און סע גרײַפּט אָן דאָס האַרץ. בלײַבט איבער: וואַסער.

איז אָבער די קאַשע: וואָס פאַר אַ וואַסער זאָל לעמעשקע טרינקען? טרינקען „ווײַכע" וואַסער, האָט ער מוירע, אַז סע וועט אים אַרײַן אין די געדערן און ער וועט קריגן אַ וואַ- סער-קאָפּ... ווידער, האַרטע וואַסער איז צו טרוקן, — האָט ער מוירע, אַז סע וועט אים דאַרשטן.

וואָלט ער שוין אינגאַנצן געפּאַסט, האָט ער אָבער מוירע, אַז ער איז שוואַך דערצו.

ווי איר זעט זשע, האָט זיך אונדזער לעמעשקע געפונען אין אַ ביטערער לאַגע, און ניט נאָר האָט בײַ לעמעשקען אַרײַנגעטראָטן אַ גרויסע ענדערונג בנוגע צו פיזישע זאַכן, נאָר אויך צו גײַסטיקע. אַזוי, האָט ער, לעמאָשל, איידער ער איז געוואָרן אַן אבסאָליוטע לעמעשקע, זיך געהאַט געליבט מיט אַ מיידל, געזעסן מיט איר קעגן דער לעוואָנע און זיך אופגעפירט ווי אַן עמעסער אידיאָט, — וואָס דאָס איז גאַנץ נאַרמאַל אונטער אַזעלכע אומ- שטענדן. אָבער זינט ער האָט איבערגעלייענט דאָס געוויסע ביכל פון דעם דאָקטער „נעמימ- אַרויס די קויכעס", האָט ער גלײַך „אָפּגעשניטן" מיט זײַן געליבטער. וואָרעם וואָס טויג אים אַ מיידל? וואָס וועט ער מיט איר טאָן? אַ קושן זיך טאָר מען ניט צוליב באַצילן, אַרומ- נעמען זיך איז אויך ניט זייער קיין גלײַכע זאַך, צוליב דעם וואָס מע ווערט אופגערעגט, און דאָס האַרץ הייבט אָן האַסטיק קלאַפּן וואָס דערפון קאָן זיך, מיט דער צײַט, לאַנגזאַם אַנטוויקלען אַ פּלוצלעכער האַרצשלאַג אָדער אַן אַנדער אומגליק, צו וואָס דאַרף ער עס האָבן?

אָט דאָס זײַנען געווען די געדאַנקען פון לעמעשקע, דעם זון פון לעמעשקע, ווו ער איז געשטאַנען און ווו ער איז געגאַנגען, פון אַלע דעכער און פון אַלע פענצטער-שויבן

האָבן צו אים געוווּנקען פֿינגער און געוואָרנט: „היט זיך, לעמעשקע! זײַ פּאָרזיכטיק, לע־מעשקע!"

און דאָס לעבן איז אים געוואָרן ענג, ווי דאָס וועסטל אָף א יִידישן סקיצן־שרײַבער, בייס ער קריגט די בסורע, אז מע גייט אים איבערזעצן אָף פראנצויזיש...

און לעמעשקעס לאַגע איז געוואָרן שווערער און פאַרצווייפֿלטער פֿון טאָג צו טאָג, און גאָט ווייסט, מיט וואָס פֿאַר א שוידערלעכן אומגליק די דאָזיקע געשיכטע וואָלט זיך געווען געענדיקט, ווען עס זאָל אים ניט געווען אײַנפֿאַלן א זעלטענער געדאנק. — הײַנע: אין א שיינעם פרימאָרגן, בייס אַלע אין זײַן הויז האָבן נאָך געשלאָפֿן, איז לעמעשקע שטי־לערהייט אראָפּ פֿונעם געלעגער, זיך אָנגעטאָן דעם שאבעסדיקן פראק מיטן ברייטן קאַפּע־ליוש און, ארומקוקנדיק זיך, צי קײנער זעט ניט, איז ער מיטן טשעמאָדאַן אין האנט ארויס פֿון שטוב און איז אוועק — אָף הײַנטיקן טאָג...

* * *

און אָט דאָס, מײַנע פרײַנט, האָט אים געראַטעוועט.

אַן אנדער סאָרט מענטש

איך בין אַן אנדער סאָרט מענטש.

איך האָב פֿײַנט שפּאַרן זיך מיט מענטשן אפֿילע דאָרטן, ווו איך ווייס, אז איך בין אבסאָליוט גערעכט און יענער איז דורכויס אומגערעכט.

איך האָב ניט האַלט ארופֿצוווינגען מײַן מיינונג אָף א מענטשן אפֿילע דאָרטן, ווו יענער שטייט גײַסטיק נידעריקער פֿון מיר.

איך מעג זיך בארימען, אז עס זײַנען געווען פֿאַלן, ווו מענטשן האָבן מיך אײנפֿאַך רוּיִנירט און איך האָב געשוויגן.

געשוויגן און ניט גערעדט א וואָרט, ניט געזאָגט אפֿילע, אז מ'דאַרף עס ניט טאָן און ס'איז ניט קײן יוישער.

איכ'ל ברענגען בײַשפּילן:

אנומלט באַנאַכט כאַפּ איך זיך אויף, דערזע איך, ווי לעבן מײַן בעט שטייט אַן אומבא־קאַנטער גאַנעוו, פֿון נידעריקסטן טיפּ — נאָר זייער א הויכער און גוט געבויט.

שטייט לעבן מײַן בעט, מיטן רעוואָלווער אין האנט און — הינטער אים שטייט נאָך אײנער מיט א לאַמטערנדל, אויך, א פֿרעמדער און אויך זייער אַן אַטלעטישער יונגערמאַן.

— גוטן־אָוונט! — זאָג איך. — וואָס ווינטשן די זשענטל־לײַט?

— מיר ווינטשן אײַך צו באַגאַנווענען! — האָט דער מאַראַליש־געזונקענער גאַנעוו געענטפֿערט מער מיטן רעוואָלווער, ווי מיט עפּעס אנדערש.

— און דער יונגערמאַן דאָרטן־אַ, מיטן לאַמטערנדל, וועט אײַך העלפֿן?

— יעס. ער האָט אויך א רעוואָלווער. און טאָמער וועט זײַן נייטיק, שטייט פֿון דרויסן נאָך אײנער א באַרימטער מערדער.

טראַכט איך א ווײַלע מיט די הענט אין לופֿטן און זאָג:

— זשענטל־לײַט, איכ'ל זיך מיט אײַך ניט שפּאַרן, צי איר זײַט גערעכט, צי איך. איצט איז איבערהויפּט ניט די צײַט פֿאַר פרײַנטלעכע דיסקוסיעס. עפּשער שפּעטער, דערווײַל קאָן איך אײַך זאָגן, אז איך וועל זיך מיט אײַך ניט אײַנרײַסן, און אײַך לאָזן גאַנווענען, וויפֿל איר ווילט, און ניט אכטנדיק דערויף, וואָס איר זײַט מיר אבסאָליוט פֿרעמדע, רוף איך צו אײַך אויס: פֿרײַנט, קוקט ניט דערויף, וואָס איך בין א ביסל בלאַס און עס ציטערן בא מיר די הענט, נעמט, וואָס איר קאָנט, — איכ'ל אײַך אבסאָליוט גאָרניט זאָגן, איך זאָל אפֿילע ווייסן, אז איר וועט מיך רוּיִנירן.

אָט אזא סאָרט מענטשל בין איך מיר!

א צווייטער פֿאַל, וואָס באַווײַזט אָף ווי ווײַט איך בין פֿרײַנטלעך און נאָכגיביק אפֿילע צו מײַנע ערגסטע סאָנים, איז דער פֿאָלגנדער:

איך האָב זיך געליבט אין א מיידל. וואָס הייסט געליבט? געליבט הייסט, אז איך האָב נאָך איר קראַפּירט. פּאַשעט אויסגעגאַנגען נאָך איר, ווי א ליכט. עס האָט געהאַלטן אַזוי ווײַט, אז איך האָב באַ זיך געהאַט אָפּגעמאַכט, אז בעאָים, אויב זי וועט מיר אָפּזאָגן די ליבע, וועל איך זיך אַראָפּוואַרפן ערגעץ פון א דאַך, צום שוואַרצן יאָר.

אַזוי ווײַט האָט עס געהאַלטן.

דאַרף מען שוין מער?

פונדעסטוועגן, אז עס האָט זיך געמאַכט, אז סע האָט זיך אין איר אײַנגעליבט א צווייטער באָכער און ער האָט אָנגעהויבן אַרײַנגיין צו איר און איר ברענגען בלומען מיט צוקערקעס מיט אַלע זאַכן, האָב איך לאַנג ניט געטראַכט, נאָר אים אָפּגעוואַרט לעבן איר הויז און אים אָנגעזאָגט:

— הער נאָר אויס, דו שמויטעפּונע, דו לאַפּאַצאַן, אויב דו וועסט ניט אופהערן אַרופּצוגיין צו מײַן מיידל, וועסטו אויסריכטן זיך א פינצטער יאָר, דו פּאַסקודניאַק!

אז ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער לאַנג ניט געטראַכט און מיך געמאַכט פּאַר א... קאַליקע.

— ע, טראַכט איך! אז דו ביסט שוין יאָ אַזאַ היצל, אַזאַ מערדער, האָב איך דיר אין דר'ערד... ווײַל איך זיך גאָרנישט באַדערן מיט דיר... און איך האָב זיך צוריקגעצויגן. אָט אַזאַ סאָרט מענטשל בין איך מיר!

צי נעמט, אַשטייגער, אַזאַ פאַל:

איך גיי אַרום אָן אַרבעט און דאַרף א שטעלע נייטיק, ווי ס'לעבן. קום איך אָן ערגעץ אין א שאַפּ, באַ מײַן אַרבעט. און אַזוי ווי איך זעץ זיך נאָר אַוועק באַם מאַשין, קומט צו מיר צו א יונגערמאַן און מאַכט צו מיר:

— מיסטער, איך בין דער שאַפּ-טשערמאַן, און איך בין אײַך מודיע, אז איר קענט דאָ ניט אַרבעטן, ווײַל איר פאַרנעמט ס'פּלאַץ פון א יוניאַן-מאַן.

זאָג איך: איך פײַף אַף אײַער יוניאַן און מיט אײַך איניינעם.

זאָגט ער: מיסטער, מיר אַפּעלירן צו אײַך אין נאָמען פון מענטשלעכקײַט — דער מאַן, אַף וועמענס פּלאַץ איר זענט אָנגעקומען אַרבעטן, איז א טאַטע פון זעקס קליינע קינדער און א קראַנקער מענטש.

זאָג איך: ניט איך האָב אים געהייסן זײַן אַזאַ שטאַרק-באַקינדערטער טאַטע, און ניט איך בין שולדיק אין דעם, וואָס ער איז קראַנק. פון מײַנטוועגן זאָל ער זײַן געזונט ווי א גוי, און איך אַרבעט מיר ווײַטער.

אָפּגעאַרבעט דעם טאָג, קומט צו מיר צו דער באָס און מאַכט צו מיר:

— מיסטער, איר דאַרפט זיך ניט מאַטריעד זײַן קומען מאָרגן צו דער אַרבעט... אײַער אַרבעט טויג ניט! איר פירט נאָר איבער גוטע פּאָדעם...

זאָג איך: ס'איז דאָך דער ערשטער טאָג... מאָרגן וועט זײַן בעסער — איר'ט זען, גיט מיר א שאַנס!...

מאַכט ער צו מיר: איך וויל אײַך געבן קיין שאַנס, און אָט איז... די טיר.

און ער שטופּט מיך אַרויס מיט א מין רעציכע, אז מע זאָל גאָר אָפּגעהיט ווערן!

אז איך בין שוין געשטאַנען אין דרויסן, האָב איך באַ זיך געטראַכט:

נאָך אַלעמען, איז דאָך טאַקע א גאַנס ראַכמאָנעס אַף דעם קראַנקן ייִדן מיט די זעקס קליינע קינדער. לאָז ער בעסער האָבן די שטעלע... מיך וועט דער רוען ניט צונעמען.

אז איך האָב געהונגערט אַזויפיל, וועל איך הונגערן נאָך א פּאָר טעג. איך קאָן ניט צוזען, ווי יענער לײַדט.

אָט אַזאַ סאָרט מענטשל בין איך מיר!

דער „אינטעליגענט"

מײַן נאָמען איז ייִסראָעל לעווין. איך בין א נידעריק-געוואַקסן מענטשל מיט א שוואַכן כאַראַקטער. פאַרהייראַט בין איך ניט — כאָטש איך בין זייער מעקאַנע דאָס פאַמיליען-לעבן.

די אורזאַכע איז א גאַנץ אייַנפאַכע: איך בין א שטיקל מעשוגענער. אז איך פאָר מיטן עלעווייטאָר, דוכט זיך מיר אַלץ, אז אָט-אָט קערט ער זיך איבער, און איך זיץ אימער אַף דער זײַט, ווו עס זײַנען פאַראַן ווייניקער מענטשן, קעדיי עס זאָל ניט אַריבערוואַזשען. פיל מאָל,

ווען איך שטיי לעבן דער „לעבעדיקער רעלסע" אין סאָבוויי, שטופּט עס מיך עפּעס ווי מיט גוואַלד, איך זאָל דאָס אָנרירן מיט דער האַנט. און אַז איך האַלט זיך איין פון צו טאָן עס, איז עס מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג.

געלערנט האָב איך אַ סך. און גרינטלעך געלערנט, און טיף געלערנט. בין גענוי באַקאַנט מיט פילע פילאָסאָפישע סיסטעמען — אַלטע און נייַע. האָב שטודירט פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע איניאָנים. געלערנט פּאָליטישע עקאָנאָמיע. געגריבלט זיך אין דער שיינער ליטעראַטור, געקאָנט אַ סך קלאַסיקער אויף אויסווייניק, און פון דעם אַלעמען — בין איך אויסגעוואַקסן אַ קראַנקער און אומנוצלעכער מענטש.

מייַן באַהויפּטונג: וואָס מער דו ווייסט — אַלץ ווייניקער פאַרשטייסטו: דאָס וויסן איז דער שטראָם, און דאָס ניט-וויסן איז דער קוואַל, פון וועלכן דער שטראָם גייט. איך פאַרגלייַך אויך דאָס וויסן צו קליינע רעטונג-שיפלעך אין אַ האַפן. שטעלסטו אָן צופיל שיפלעך, קענסטו זיי ניט באַוועגן, אין צייַט ווען דו נייטיקסט זיך אין זיי. אָנפלאַנצן אין קאָפּ צופיל געדאַנקען, הייסט שטעלן אין געפאַר דאָס לעבן פון יעדן געדאַנק. דען אויך געדאַנקען זייַנען פאַראַן לעבעדיקע און טויטע.

— מייַנע — זייַנען טויטע געדאַנקען.

די אַלטע עמעסן, זאָג איך, ייִסראָעל לעווין, האָבן שוין זייער פּרוכטבאַרקייַט פאַרלוירן — פון בלויזער אַלטקייַט. און די נייַע עמעסן זייַנען נאָך קליינע קינדער, האָב איך זיך פייַנט מיט זיי צו שפּילן. איך האָב אַלץ מוירע, זיי וועלן מיך פאַרשמירן.

אַמאָל בין איך געווען פאַרליבט. ס'אַ געלעכטער! אַ געלערנטער מענטש — פאַרליבט זיך מיטאַמאָל אין אַ באַשעפעניש, וואָס אונטערשיידט זיך פון אים בלויז מיט אַ קליינינקייַט, און עס האָט ניט אפילע דעם אינטערעס פון אַ שטודיום.

מאָדנע!

מיילע. איך האָב זיך פאַרליבט. אין וועמען מיינט איר, לעמאַשל? אין אַן אַלטער דאַמע מיט גרויע האָר. זאָל איך אַזוי זייַן געזונט, ווי איך זאָג ניט קיין ליגן!

איך האָב זי דערזען אין פּאַרק. פאַרנאַכט. אַ פויגל דאָ און דאָרט. אַ מעשוגענע קאָמבינאַציע פון ליכט-פאַרבן. און שלאַנקע איידעלע ביימער האַלטן די הענט אויסגעשפּרייט און ווילן עמעצן כאַפּן. זי איז געזעסן אויף אַ באַנק מיטן בינאָקל אין האַנט און געלעזן אַ טויטן-רעשימע אין אַ צייַטונג. אירע האָר זייַנען געווען אַזוי אַריסטאָקראַטיש-גראָ, איר פּאָנעם צאַרט, אַ ביסל געראַזעלט און פייַן געקנייטשט פון פיל מאַסאַזשירן.

— ליבע, אַלטע דאַמע! — האָב איך זי אַדרעסירט. — ליבע, אַלטע דאַמע, איך, דער יונגערמאַן, ייִסראָעל לעווין, האָב אייַך ליב אויף אַן עמעס. קיינע אָנשטעלן. זאָ וואָהר מיר גאָט העלפט! — און איך האָב זי אַרומגענומען און געקושט אירע קאַלטע ליפּן.

...עס איז אַרויסגעקומען אַ סקאַנדאַל. זי האָט געמיינט, אַז איך בין ניט בייַ די ריינע געדאַנקען. נאָך איר מיינונג האָב איך זיך באַדאַרפט פאַרליבן אין אַן אומשולדיק מיידל — ווי מייַן טאַטע, אַלעווהאַשאָלעם, האָט געטאָן. אַזוי פירט זיך די וועלט. איך טראַכט אָבער אַנדערש. איך טראַכט: אַז די וועלט איז מייַן סוינע — וויל איך איר טאָן אַפּצולאָכעס.

אַזאַ געדאַנק בייַ מיר!

דערנאָך — איך מיש, דוכט זיך, אייניס מיט ס'אַנדערע, נאָר ס'מאַכט נישט! — דערנאָך, האָב איך געקראָגן אַ באַשטעלונג פון אַ באַקאַנטן זשורנאַל. איך האָב באַדאַרפט שרייַבן וועגן דער שעדלעכער ווירקונג פון אַלקאָהאָלישע געטראַנקען. אַז איך נעם אונטער אַ זאַך, האָב איך עס ליב צו טאָן גרינטלעך. האָב איך אַליין געוואָלט אויסגעפינען די באַרוישנדיקע ווירקונג פון די גיפטיקע מאַשקאָעס. איך זאָל עס קאָנען באַשרייַבן מיט גענויקייַט — ווי עס פּאַסט פאַר אַ מענטש, וואָס איז איבערגעגעבן דער וויסנשאַפט.

ביז דעמלט האָב איך קיינמאָל ניט געהאַט געטרונקען קיין שאַרפע געטראַנקען. איך האָב עס באַטראַכט פאַר אַ שעדלעכער זאַך. אַ מענטש דאַרף לייַדן, און וואָס טיפער ער לייַדט, אַלץ מענטשלעכער ווערט ער...

מייַן אייגענע אָנשווינג!

איך אַליין בין צו זיך זייער שטרענג!

אָפּטמאָל באַליידיק איך זיך, ווי דעם ערגסטן, און פּאַטש זיך זאַגאַר אָן די באַקן.

נאָר איצט איז עס געווען אַ פראַגע פון ערלעכקייַט. אַ ריינע פען האָב איך טאָמיד געהאַט, כאָטש ס'מויל איז בייַ מיר שמוציק. די מייסטע שרייַבשטעלער זייַנען אַזוי.

בין איך אוועק אין א שענק און גענומען א גלעזל בראנפן. פע! א מאָדנער טאַם. אזוי האָב איך טאַקע פארשריבן אין מײַן נאָטיץ-ביכל. האָב איך געפּרווּט נאָך א גלעזל — איז שוין געווען בעסער. א וואַרעמקײַט אין די אינגעווײדן. א שטילע פריילעכקײַט. האָב איך געפּרווּט נאָך איינס און נאָך איינס אאַוו. בין איך געוואָרן אופגעמונטערט, לײַכט... האָב געוואָלט אָפּקויפן באַם שענקער דאָס גרויסע בילד, וואָס איז געהאנגען אפן וואנט איבערן בופעט. אים אָנגעבאָטן עלף טויזנט דאָלאַר, אכוץ פּראָצענט אפן געלט. דרײַ און א האלב פּראָצענט האָט ער ניט געוואָלט. האָב איך אים ארומגענומען און וואַרעם געקושט — אזא ליבלעכער מענטש דער קעלנער! אזוי גיך ווי איך קריג ארײַן דאָס געלט פון מײַן ירושע — גיב איך אים איבער דעם שליסל. און — ס'איז מאָדנע! אנדערע, אז זיי טרינקען, ווערן זיי שיקער און הייבן אָן פאלן פון די פיס. איך בין, ווײַזט אויס, גאָר אן אנדער מין מענטש, איך האלט זיך פעסט, ווי אײַזן. נאָר די פּאָדלאָגע איז עפּעס אזא ווייכע, ווי פון גומי. צו וואָס מאכט מען אזעלכע ווייכע פּאָדלאָגעס? נאָר מיסטאמע איז א סייכל דערבײַ. יעדנ-פאלס — אויב כאסענע האָבן — איז מיטן שענקערס פרוי. איך האָב זיי ביידן מאָדנע ליב. און די פינקלדיקע ברילּיאנטן, וואָס זײַנען די גרייס, ווי גלעזער, גיב איך איר אלע אוועק. הײַ, קעלנער, קום אהערצו מיטן טאַץ און נעם צו די ברילּיאנטן, איידער זיי צעשיטן זיך. איך שרײַ ניט. אדעראבע, איך רעד זייער שטיל. איך ווייס ניט פארוואָס — נאָר עפּעס שעם איך זיך הויך רעדן. נאָך זייער כידעשט מיך, וואָס מע נעמט מיך ארום פון ביידע זײַטן און מע וויל מיך אנידערלייגן. וואָס פאַר א שלעכטס האָב איך דען עמעצן געטאָן? איך, ייִסראָעל לעוויז, וועל איך ניט לאָזן בעשום-אויפן — כאָטש איך בין א דערשלאָגענער מענטש און א גרויסער שוואכלינג! הײַנטיקס מאָל וויל איך זיי ווײַזן, אז זיי זאָלן ניט מיינען דאָס-ע — — זיי זאָלן ניט מיינ-ען, זאָלן זיי ניט. אזעלכע סמארקאטשעס א-ז-ע-ל-כ-ע!!

פאַרשלאָפן א וועלט-אונטערגאַנג

ער איז געווען א שלעפּעריקער, בא יעדער געלעגנהײַט איז ער געשלאָפן. אומעטום: אף אלע גרעסטע פארזאמלונגען, אף אלע קאָנצערטן, אף אלע וויכטיקע צונויפקומונגען — האָט מען געקאָנט זען, ווי ער זיצט און שלאָפט.

און שלאָפן פלעגט ער אין אלע מעגלעכע און ניט מעגלעכע פּאָזעס. ער פלעגט שלאָפן מיט די עלנבויגנס אין דער לופטן און די הענט אפן קאַרק; ער פלעגט שלאָפן שטייענדי-קערהייט, אָנגעשפּארט אין זיך זעלבסט, קעדיי ער זאָל ניט אומפאלן. ער פלעגט שלאָפן אין ביידער, אין גאַס, אין קלויז. ווו ער פלעגט גיין, פלעגן זײַנע אויגן גיסן מיט שלאָף. דער שלאָף פלעגט שטענדיק רינען פון זײַנע אויגן און לאָזן פון זיך א שפּור אומעטום. שכײנים האָבן וועגן אים דערציילט, אז ער האָט שוין פארשלאָפן זיבן גרויסע סרייפעס, און איינ-מאָל — בא א גאָר גרויסער סרייפע — האָט מען אים ארויסגענומען פון בעט א שלאָפנדיקן און אים אוועקגעלייגט אפן טראָטואַר; איז ער אזוי אָפּגעשלאָפן עטלעכע שאָ, ביזוואנען א שפּיטאָל-וואָגן איז געקומען און אים אוועקגעפירט אהין, ווו מע באדאַרף.

מע האָט אויך דערציילט, אז בעשאס דער דאָזיקער ייִד איז געשטאנען אונטער דער כופּע און געזאָגט דעם „הרי את", איז ער בא דעם וואָרט „מקודשת" אנשלאָפן געוואָרן און מע האָט אים געמוזט קלאפּן איבערן קאָפּ עטלעכע שאָ נאָכאנאנד, ביזוואנען מע האָט אים אופגעוועקט, און אז מע האָט אים שוין אופגעוועקט, האָט ער פאַמעלעך אופגעעפנט די אויגן, א זאָג געטאָן דאָס וואָרט „לי", וואָס עס קומט נאָך דעם וואָרט „מקודשת", און איז ווידער אנשלאָפן געוואָרן.

מיר דערציילן דאָס אלצדינג, קעדיי איר זאָלט גלייבן אף אונדזער העלד אויך די פאָלגנ-דיקע מײַסע:

איינמאָל, בעשאס ער האָט זיך געלייגט שלאָפן, איז ער געשלאָפן און געשלאָפן און געשלאָפן; נאָר אין שלאָף האָט זיך אים אויסגעדוכט, אז סע דונערט אין דרויסן, און אז דאָס בעט זײַנס שאָקלט א קאָפּעטשקע; האָט ער אין שלאָף געמיינט — אז סע רעגנט אין דרויסן, איז אים דער שלאָף געוואָרן נאָך מער באטאמט, נאָך מער צום הארצן, האָט ער זיך אפּסנײַ פריש אײַנגעוויקלט אין דער קאָלדרע און איז אנשלאָפן געוואָרן מיט גרויס געשמאק און זעלבסטוואַרעמקײַט.

אַז ער האָט זיך אופגעכאַפּט, האָט ער דערזען ארום זיך אַ מאָדנע לײדיקײט: זײַן פרוי איז ניט געווען, זײַן בעטל איז ניט געווען, זײַן קאָלדרע איז ניט געווען. האָט ער געוואָלט ארויסקוקן דורכן פענצטער, איז ניט געווען קײן פענצטער, דורך וועלכן ארויסצוקוקן. האָט ער געוואָלט אראָפּלויפן די דרײַ שטיגן און שרײַען גוואַלד, האָט ער ניט געהאַט קײן שטיגן, אַף וועלכע אראָפּצולויפן, און קײן לופט אין וואָס ארײַנצושרײַען. האָט ער גלאַט אַזוי געוואָלט ארויסגײן אין דרויסן, האָט ער דערזען, אַז ס׳איז ניטאָ קײן דרויסן, אויסגעַרונען געוואָרן.

א ווײַלע איז ער געשטאַנען, ווי צעטומלט, און ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז; נאָכדעם האָט ער זיך מעיאשעוו געווען: ער וועט זיך לײגן שלאָפן, האָט ער אָבער דערזען, אַז ס׳איז ניטאָ אפילע קײן הוילע ערד, אַף וועלכער זיך צו לײגן שלאָפן. ערשט דעמלט האָט ער צוגעלײגט צוויי פינגער צום שטערן און געטראַכט: אָט, אפּאָנעם, אַז איך האָב פאַרשלאָפן א וועלט-אונטערגאַנג. ס׳א שײן פעקל!

אים איז געוואָרן אומעטיק. ניטאָ קײן וועלט, האָט ער געטראַכט, וואָס זשע וועט ער טאָן אָן א וועלט? וווהין וועט ער גײן ארבעטן? און פון וואָס וועט ער מאַכן א לעבן? ביפראַט איצט, אַז עסנווארג איז אַזוי בראַנד-טײַער און אײער איז 1.20 סענט א טוץ און ווער ווײס, צי זײ זײַנען פרישע, און וואָס וועט ווערן מיט די פינף דאָלאַר, וואָס סע קומט אים פון דער גאַז-געזעלשאַפט? און ווו איז אַהינגעקומען זײַן ווײַב, צום גוטן יאָר? איז מעגלעך, אַז זי איז אויך אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט דער וועלט און מיט די דרײַסיק דאָלאַר, וואָס ער האָט געהאַט אין דער הויזן-קעשענע? און זי איז דאָך פון דער נאַטור, טראַכט ער, ניט געווען קײן אונטערגײערקע — דאָס ווײַב זײַנס. און וואָס וועט ער טאָן, אַז ער וועט זיך וועלן לײגן שלאָפן?.. אַף וואָס וועט ער זיך לײגן, אַז ס׳איז ניטאָ קײן וועלט? און עפּשער וועט אים קוועטשן? און ווער וועט עס אויסענדיקן דאָס פּעקל ארבעט, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן אין שאַפּ? און טאָמער וועט ער וועלן א טעפּעלע זויערמילך, ווו וועט ער נעמען? „פכע! האָט ער געטראַכט, געזען אַמאָל אַזױנס? א מענטש זאָל זיך לײגן שלאָפן מיט דער וועלט אונטערן רוקן, און זאָל אופשטײן אָן א וועלט... הערט א ביסל!״

און ווי אונדזער העלד איז אַזוי געשטאַנען אין די אונטערווײש אין געטראַכט וואָס צו טאָן, איז אים אײַנגעפאַלן, אַז כאַפּט עס דער רוּעך! מײלע. איז ניטאָ קײן וועלט! וואָס זאָל מען טאָן? אונטערגעגאַנגען, איז פאַרפאַלן! וועט ער אוועקגײן אין קינאָ און זיך א ביסל פאַרווײַלן די צײַט. אָבער צו זײַן גרויס איבערראַשונג האָט ער דערזען, אַז אינײנעם מיט דער וועלט זײַנען אויך אונטערגעגאַנגען קינאָ-טעאַטערס מיט אַלעמען.

א שײן כאַסענקעלע האָב איך דאָ אָנגעארבעט! — האָט געטראַכט אונדזער העלד, און זיך גענומען גלעטן די וואָנצעס מיט דער לינקער זײַט פון זײַן האַנט און האָט ווײַטער געטראַכט: א שײן כאַסענקעלע האָב איך דאָ אָנגעארבעט מיט מײַן שלאָף! אַז איך וואָלט ניט געווען פאַפן אַזוי שטאַרק — האָט ער זיך אלײן געזידלט, — וואָלט איך כאָטש געווען אונטערגעגאַנגען גלײַך מיט אַלעמען. אַזוי בין איך כאַלילע אומגליקלעך... און ווו וועל איך באַקומען א טעפּעלע זויערמילך? כ׳האָב האָלט אַלע אינדערפרי צו טרינקען א גלעזל זויערמילך. און מײַן פרוי? ווער ווײסט, מיט ווע־מען זי איז אונטערגעגאַנגען? עפּשער איז זי אונטערגעגאַנגען מיט דעם שנײַדערל פונעם 5-טן שטאָק, וועל איך זי דערהאַרגענען. זאָ וואָהר מיר גאָט העלפט?

ווער ווײסט ווי שפּעט ס׳איז שוין?

באַ די דאָזיקע ווערטער האָט אונדזער העלד געוואָלט א קוק טאָן אַף זײַן טאַשן-זײגערל, אָבער ער האָט עס ניט געקאָנט געפינען, ער האָט געזוכט מיט בײדע הענט אין דער רעכטער און לינקער קעשענע פון דער ריזיקער לײדיקײַט, אָבער ער האָט ניט געקאָנט אָנטאַפּן קײן שום זאַך.

ערשט באַצאָלט צוויי דאָלאַר פאַר א זײגערל און ס׳איז שוין אונטערגעגאַנגען, האָט ער געטראַכט. מײלע, אַז די וועלט איז אונטערגעגאַנגען, האָט ער ווײַטער געפלאָנטערט אין געדאַנקען, — אַרט מיר נישט, ס׳איז ניט מײַן וועלט, אָבער דאָס זײגערל! פאַרוואָס זאָל מײַן זײגערל אונטערגײן? א נײַ זײגערל פאַר צוויי דאָלאַר, און ס׳איז ניט אָנגעצויגן, מע דאַרף עס אָנציִען.

און ווו וועל איך נעמען א טעפּעלע זויערמילך?

כ׳האָב האָלט צו טרינקען א טעפּעלע זויערמילך אַלע אינדערפרי. און ווער ווײסט, צי מײַן פרוי איז ניט אונטערגעגאַנגען מיט דעם שנײַדערל פון 5-טן שטאָק, און איך האָב פאַרשלאָפן אַזאַ גוואַלדיקע וועלט-אונטערגאַנג; מעג ניט קומען אַף מיר א פינצטער יאָר,

א וויסט? גוואלד! ג-וואלד!.. האָט ער גענומען שרײַען. ווו איז געווען מײַן סייכל? פאַרוואָס האָב איך ניט געהאַלטן קיין אויג אויף דער וועלט און אויף מײַן פּרויקע? פאַרוואָס האָב איך זיי געלאָזט אונטערגיין אַזוי יונג? ג-וואַלד!..

און אונדזער העלד האָט זיך גענומען שלאָגן דעם קאָפּ אָן פּוסטקײַט, נאָר אַזוי ווי די פּוסטקײַט איז געווען זייער א ווייכע, האָט עס אים ניט געשאַט, און ער איז געבליבן לעבן צו דערציילן די דאָזיקע געשיכטע.

אלטער קאציזנע

אוילעם=האטויץ

א מײַסע מיט א מענטשן, וואָס איז געזעסן אַליין, אין דער גראָער נאַכט, איבערן שוואַרצן טײַכל און דערפילט, ווי נאַריש עס זײַנען זײַנע איבער דר׳ערד אויסגעשטרעקטע פּיס.

ער האָט עס דערפילט און זיך באַלד צוריק פאַרלאָרן: און אַז זײַן רײַען האָט אים אָפּגעזוכט, האָט עס אים שטאַרק געוווּנדערט, וואָס ער פילט זיך נאָך אויף דער לעבעדיקער וועלט.

ווײַל צוריקגערעדט האָט ער פון עפּעס אַן אָרט, ווו טויט און לעבן האָבן א קנאַפּע מעכיצע; און דאָרט אויף יענעם אָרט האָט ער דאָס רעשט פון זײַן לעבן איבערגעלאָזט, ווי מע לאָזט ווו איבער א פּעקל שוועבעלעך און מע האָט שוין נאָך דעם ניט וואָס אָנצוצינדן אין דער פינצטער.

איז געבליבן א שטיק פּוסטע וועלט אַרום, א פינצטערער כאָלעם פון מײַסע ברײשיס.

אָט האָבן גראָע, פאַרמלאָזע גופים איבער יענער געדיכטער פינצטערקײַט פון וועלדל צעקוועטשט די לעוואָנע, צעגאָסן איר בלייכע, פאַרגעפּלטע פליסיקײַט. אָט נידערן זיי, די גראָע פאַרמלאָזע גופים, אין ענגער געפּרעסטקײַט, מיט בערישער לאַנגזאַמקײַט, אַלץ נידעריקער צו דער ערד אַראָפּ. א פּאַריאַסעמטקײַט, א גאָטלאָזיקײַט שוועבט איבער דער פּוסטקײַט פון דער נאַכטישער וועלט.

נאָר איין פײַערל, א פּיצל פלעמל, האָט זיך נאַריש און אַזעסדיק אײַנגעביסן אין דער פלאַציקער גלײַכקײַט, ערגעץ צווישן שוואַרץ און גראָ, זיך אײַנגעביסן און ווייל נישט אונטערגיין.

און א שווער עטעמענדיק, קוויטשיק-קרעכצנדיק שטיק לעבן וואַלגערט זיך דאָ ערגעץ נאָענט אויף דער פײַכטער ערד, פאַר דעם איינזאַמען מענטשן מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

שטרעקט אויס דער מענטש זײַן האַנט, טאַפּט אַרום זיך און דערטאַפּט א וואַרעמע, פאַרשוויצטע פעל, איבער א ציטערדיקן גוף אָנגעצויגן. ציטערט דאָס האָריקע באַשעפעניש מיט אָפּטע און קורצע האָפּסאָקעס. און מיט יעדן ציטער רײַסט זיך אַרויס א דין-פאַרשטיקטער קלאָג פון זײַן אינגעווייד.

זיפּצט אַף דער מענטש:
— קורטע, אַרעמער הונט איינער.
ענטפערט קורטע מיט א ווייַנעדיק-הוילנדיקן געוועץ און באנעצט אים די האנט מיט א הייסער, גראבלדיקער צונג.
דערפילט דער מענטש אין דער נאכט באם טייַכל, דערפילט ער ביסלעכווייַז זייַן אויסער-לעכן איך: זייַנע ברילן, וואָס דריקן די נאָז, דעם הארטן קאַפּעליוש, וואָס שנייַדט בא די שלייפן, דעם מאנטל, וואָס האָט ארומגענומען זייַן לייַב, ווי א גערעמער, בלעכענער פאנ-צער, ווארעם און פארעדיק, און אויך די קאַלאָשן, וואָס זייַנען שווער פון בלאָטע און וועגן אַף די פיס.
דוכט אים, דעם מענטשן, אז זייַן נעשאָמע האָט געהאלטן אין ארויספליִען פון גוף און איז געבליבן פארשטעקט אין די מאלבושים. זיצט אין די לעבעדיקע מאלבושים א טויטער גוף.
איין קורצע מינוט דענקט וועגן דעם דער מענטש באם טייַכל. איין קורצע מינוט שפּירט ער דאָס דינע רעגנדל, וואָס שפּינט א קאַלט שפּינוועבס הינטער זייַן קאַלנער.
נאָר עס ארט אים נישט.
אַט פארגעסט ער אָן דער נאכט, אָן דעם הונט, אָן דעם טייַכל.
זייַן איך איז צערונען געוואָרן. עס וועבט זיך בא אים נאָר א כאַלעם פון פארגאנגענע שטיקלעך לעבן.
עפּעס א קאַליע-געוואָרענער זייגער אַף אן אַפּגעלייגטן טורעם. עמעצנס אקשאָנעס-דיקע האנט צווינגט אים אויסצוקלינגען איינס נאָך איינס די פארגאנגענע שאָען פון מעסלעס, מיר נישט — דיר נישט, צווישן טאָג און נאכט...
אָט ליגן צווי כאווירים יינגלעך בא דער נאכט אין גאָרטן.
זיי ליגן איינער צום אנדערן צוגעטוליעט. אַף דער אָפענער עסטראדע, ווו מיט א שאָ דרייַ צוריק האָט נאָך געטרומפּלט די מוזיק.
איצט איז ווינטיק און לעוואָנעדיק, און ס'איז הארט צו ליגן.
אָפּן אָפענעם פּלאַץ פאר דער עסטראדע האָבן זיך פארזאמלט הינט, פון דער גאָרער שטאָט און פון קאָל-האמינים הינט, און זיי שפּילן אַף א שטומע הינטישע מיסטעריע. ווערט זי נאָר פון צייַט צו צייַט איבערגעריסן פון איינעמס אומאָנשטענדיקן קוויטש.
און די יינגלעך אַף דער עסטראדע ליגן ארומגענומען און סודען זיך אָפּן אויער:
— זעסטו, שמועל, ווי די וועלט באגייט זיך מיט אונדז? די וועלט שלאָפט זיך געשמאַק, און מיר האָבן ניט ווו דעם קאָפּ צוצושפּארן.
— זאָרג נישט, דאָוויד! די וועלט וועט זיך לאָזן איבערמאכן.
— איבערמאכן, זאָגסטו? א גרויס שטיק ארבעט. און עס לוינט ניט. ביז וואָס-ווען וועלן מיר סייַווי שטארבן פאר הונגער צי פאר קעלט. דעק מיך צו, שמועל, עס פיבערט עפּעס.
שמועל דעקט איין זייַן כאווער אין שיטערן מאנטעלע און האלדזט אים שטייַפער צו דערוואַרעמען.
— ביסט פארביטערט, דאָוויד!
דאָוויד ענטפערט, ניט באלד און פויל:
— פארביטערט, זאָגסטו? נייַן, שמועל, איך בין אלט געוואָרן.
זיי ריידן ניט מער. שמועל דריקט צו צו זיך זייַן פּלוצלינג אלט-געוואָרענעם כאווער און צעווייַנט זיך שטיל.
ער ווייַנט איס ראכמאָנעס צו דאָווידן און צו זיך, וואָס די פרעמדע שטאָט האָט זיי אזוי הארב אופגענומען און שלאָפט זיך דארט רויִק, אויסערן גאָרטן-פּארקאַן, איר באלע-באטישן שלאָף.
שלאָפן באוואקסענע טאטעס מיט פעטע מאמעס אונטער די פארשוויצטע איבערבעטן; שלאָפן יונגע טעכטער, צעוואָרפן אָפּן ווייַסן, בלאנקענדיקן בעט-צייַג, אליין בלאנקענדיקע. לעבן אָן אָפּן ביכל זייַנען זיי איינגעשלאָפן און דערשמייכלען אין כאַלעם דעם ניט-דער-לייענטן סאָף.
די וועלט איז אזוי וואונדערבאר און רייצנדיק. די נייַע שטאָט — א פּארקישעפט לאנד הינטער א זילבערנעם פאָרהאנג.
נעבן זייַן אלט-געוואָרענעם כאווער שפּירט שמועל דעם דויפעק פון דער יוגנט אין אלע זייַנע אייגענע מוסקולן. ער וועט דערגיין, נאָך מאָרגן וועט ער דערגיין די קונץ, ווי

דעם זילבערנעם פֿאַרהאַנג אופֿצוהייבן און אין פֿאַרקישעפֿטן לאַנד אַרײַנצודרינגען. דאָס לאַנד וועט זײַנס זײַן. זײַן וועלט! ער וויינט און ער שעמט זיך, ווײַל ער שפּירט, אַז דאָס וויינט ער אין איבערפֿלוס פֿון לעבנספֿרייד.

און דאָוויד איז פֿאַרקילט. ער קאָן זיך נישט אײַנהאַלטן און צעהוסט זיך. אַ פּאָר דערשראָקענע הינט טוען אַ שופּ פֿון דער עסטראַדע צוריק צו דער קאָמפּאַניע און בלײַבן זיצן מיט אופֿגעשפּיצטע אויערן.

און אָט לויפֿט אַ לאַנגער, אויסגעוואַקסענער באָכער איבער די גאַסן פֿון דער שטאָט, לויפֿט אין אַ צעשמיצטער פֿעלערינע.

פֿליט אים אַנטקעגן דער האַרבסטיקער ווינט און כאַפּט זיך מיט אים ראַנגלען.

פֿליִען אים אַנטקעגן און צו די פֿיס אַראָפּ און פֿאַרבײַ זילבערנע, צאַפּלדיקע פֿישעלעך, גאָלדענע, צעשראָקענע זומערפֿייגל — אַלץ טויטע, האַרבסטיקע בלעטער.

און די גראָע-בלאָע פּלאַכטעס דאָרטן אויבן לויפֿן ערגעץ אײַליק אָן אַ זײַט, עפּענען ווײַסע, פּוכיקע מײַלער און צעלאַכן זיך וועגן אַ פֿאַרבאָרגענער, זילבערנער זון.

זוניקן זיך באַ אַ טונקעלן מויער אַ פּאָר געלעביימער פֿון העלער הויט אינמיטן גראָען טאָג.

און אַז די שיך לאָזן דורך פֿײַכטקײַט פֿון דער ברייט פֿאַרגאָסענער גאַס — זײַנען שטײַפֿער און שטאָלנדיקער די לאַנגע שטאַרקע פֿיס. זיי וועלן אָפּשטויסן דעם ברוק, זיי וועלן אַ שופּ טאָן אין דער הייך, און דער באָכער אין דער צעשפּרייטער פֿעלערינע וועט זיך קענען אַלע נאַטור-געזעצן אַ גליטש טאָן באַרג-אַרויף אויפֿן גלעזערנעם באַרג פֿון ווינט...

דער שוואַרצער קראַוואַט איז צעפֿלויגן, ווי די באַקנבערד, דער ברייטער ווייכער ראַנד פֿון קאַפּעליוש שטייט „דיבאָם", דער ווינט זאָל קענען שרײַבן אויף אים, ווי אויף אַ שילד.

„עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעוואָלוציע!" — שרײַבט אים דער ווינט אויפֿן קאַפּעליוש און אויפֿן שטערן. און פֿון די געדערים הייבט זיך צום האַרצן און צום האַלדז אַרויף אַ געזונטער, קערנדיקער געשריי: „עסטער! עסטערל!"

ער דאַרף שטאַרק די ציין פֿאַרהאַקן, דעם געשריי נישט אַרויסצולאָזן אינמיטן דער גאַס.

צעשפּרייט דער באָכער זײַן פֿעלערינע, טוט אַ שפּאַן איינס-צוויי איבערן ווינטיקן ליטער, און אָט איז ער שוין ערגעץ אויף אַ צווייטן שטאָק איבערן מאַרק-פּלאַץ, אין אַ קליין, כיינעוודיק טעמפּעלע, ווו פֿון זײַן אייגענער נעשאָמע ברענט אַ שטילער ניר-טאָמיד אין ווינקל און ווו יעדע קלייניקײַט איז אַרומגעהויכט מיט אַ רעגנבויגנדיקער אַטמאָספֿער. עסטער שמייכלט צו אים.

— אין גאַס איז אַ רעוואָלוציע, עסטער!

איז זי אַ קליינע, די עסטער. האָט שמאָלע אַקסלען און אַ קאָפּ אַ לאַנגן, אַ ראַבאָנישן, מיט צעשאָטענע ברוינע פּייעס. איז איר ברוינע הויט אויפֿן פּאָנעם קאַרג. מוזן שמייכלען העל פֿון די אָפֿענע דינע ליפּן אַרויס אירע קליינע בלאַנקע ציין. שמייכלט אין אירע אויגן אַ ברוין-רויטלעך פֿײַערל.

ליגט זי איר האַנט אויף שמועלס, אַ בלויזע ביזן עלנבויגן, אַ קינדישע האַנט, אָבער מיט צאַרטע פֿינגער פֿון אַ דערוואַקסענער פֿרוי, אַ האַנט מיט דער מאַטער ראָזקײַט פֿון אַ זוניקער מאַרעל. אינגאַנצן איז זי דורכגעוועבט מיט עפּעס אַ רויִקער, עקזאָטישער זון, און אויך איר שטים איז רויִק, זוניק.

— שמועל, מיר האָבן דערלעבט!..

אַ לאַנגע ווײַלע שטייען זיי נאָענט באַנאַנד, האַנט אויף האַנט און האָבן האַנאָע, ווי עס קלאַפּן זיי די הערצער.

שמועל טראַכט: שטום איז אַ מענטש. זײַן אייגן בליק קאָן אויף זײַן לאָשן צום אויסדרוק ניט קומען. ביפֿראַט, אַז דאָס גליק איז אַזוי גרויס! אַז עס גיסט זיך צוזאַמען מיטן גליק פֿון דער אופֿגעקומענער וועלט!

הערן זיי פֿון גאַס דעם ערשטן געטומל — אַ נײַ געטומל. לויפֿן זיי ראַש צום פֿענצטער און פּראַלן עס אויף. רײַסט זיך אַרײַן אין צימער די ווינטיקע וועלט מיטן ברוך פֿון געשרייען און ווײַטן געזאַנג.

זעען זיי: דער נאַס-אופֿגעבלאָזענער מאַרק אונטן גיסט זיך שנעל אָן מיט מענטשן-געווירבל. סאָכרים פֿאַרהאַקן די געוועלבער, האַלטן צו די לאָדנס און שנאַפּן אינדערלופֿטן מיט די אומרויִק-צעווינטיקטע בערד. פֿון יענער זײַט מאַרק, ווו דער גראָער קאָסטיאָל האָט אופֿגעהויבן צו די גרינע וואָלקנס אַ פּאָר דאַרע הענט און פֿון זײַנע שמאָלע אַקסלען איז נידעריק אַראָפּגעפֿאַלן די געלע פֿעלערינע פֿון שטאָטישן פּאַרק — פֿון יענער זײַט מאַרק

שטראָמט אַ טײַך מיט אָפּגעדעקטע גלאַנציקע קעפּ. איבער יענעם טײַך הוידען זיך רויטע, שווערע זעגלען, באַשפּריצטע מיט גאָלד.

פון דאָרטן, פון דעם טײַך קעפּ מיט די רויטע זעגלען, שטראָמען די געשרייען און געזאַנג.

האָט זיך הויך אַ הייב געטאָן דאָס צימער מיטן אָפענעם פענצטער, בײַ וועלכן צוויי מענטשן שטייען.

האָט זיך הויך אַ הייב געטאָן דער האָריזאָנט. שווימען פון דער ווײַט, פון אַלע זײַטן טײַכן אָפּגעדעקטע, גלאַנציקע קעפּ. שווימט די זינגענדיקע בסורה פון דער ווײַטער, צעגאַנגענער שטאָט.

פון דעם אָנגעפּלאַצטן גרינעם וואָלקן האַלט זיך באַם אויסגיסן די זון אינמיטן מאַרק. דערווײַל איז שוין אונטן פון מענטשן-שטראָם אַ קעסל-גרוב. אַ ברייטע ראָד פון קעפּ שווימט אַלץ ענגער, שפּאַרט זיך אַלץ געדיכטער און שליסט אין אַ פאַרגליווערטן רינג דעם דענקמאָל אינמיטן פּלאַץ. פּלאַטערט אויף די טרעפּ פון דענקמאָל אַ רויטער זעגל מיט גאָלדענע אויסיעס. שטייט אויף די טרעפּ פון דענקמאָל אַ מענטש און האַלט הויך אין דער האַנט זײַן קאַפּעליוש.

שפּילט דער ווינט מיט זײַנע ווײַכע האָר. זײַן אָפענער שטערן — אַ שטיק ווײַסער מאַרמאָר.

שפּילן זײַנע רונדיקע, בוילעטע ברילן מיטן גלאַנץ פון אָנגעפּלאַצטן וואָלקן, ציט צו צו זיך דער גלאַנץ פון זײַנע ברילן אַלע פאַריסענע קעפּ, אַלע אָפענע מײַלער.

האַלטן מענטשן אָפן די מײַלער און ברומען נישט. איז עס שטיל. איז עס אויסטערליש.

כאַפּט עסטער שמועלן בײַ דער האַנט, און איר אייגענע האַנט ציטערט.

— זע! דאָוויד רעדט! ס'איז דאָך דאָוויד!

און זי בייגט זיך האַסטיק און ווײַט דורכן אָפענעם פענצטער אַרויס.

שמועל קוקט אויף עסטערס פּראָפיל, וואָס איז אַזוי ווײַט אין דער אויפגערודערטער ווינטיקער וועלט אַרויסגעפלויגן.

איר צעפלויגענע פּייע פאַרשטעלט זי, און שמועלן דרייט זיך דער קאָפּ. און אָט זעט ער ווידער איר אָנגעצונדן אויג, וואָס טראָגט זײַן רויטלעכן פונק צום רעדנער אונטן.

פילט שוין שמועל ניט מער, ווי אירע ציטערדיקע פינגער קלאַמערן זיך אַלץ שוואַכער אָן זײַן האַנט. און אָט בלײַבט זײַן האַנט אַ פאַרגעסענע.

איז שוין דער גרינער הימל אונטן, און דער אויפגעבראַוזטער מאַרק איז פאַרפלויגן צו דער הייך.

איז די ברייטע ראַם פון פענצטער נאָך ברייטער געוואָרן און אָוועקגעשווומען ווײַטלעך און זיך צעקרימט.

שמייכלט פון דער ראַם אַרויס, צו עמעצן אין דער וועלט אַרײַן — עסטער, אַ פרעמדע עסטער.

זיצט אין איר שמייכל אַ פרוי.

אויף דער פײַכטער באַנק אין שטאָטישן פּאַרק זיצט שמועל און וויגט זיך מיט זײַנע שכיינים — דיביימער צוגלײַך.

פליִען פון זײַן אָפּגעדעקטן קאָפּ וואָגלדיקע, פאַרכאַלעמטע פייגל — טויטע האַרבסטיקע בלעטער, און זיי ווייסן ניט וווהין צו פאַלן, און זיי ווייסן ניט, אַז זיי זײַנען טויט. קרעכצט אַ נאָענטער שטאַם, צעזיפצט זיך אַ ווײַטע אַלייע פון פּאַרק, וועקט אויף די נעענטערע, די גאַר נאָענטע. טראָגט זיך אַריבער דער זיפץ איבער שמועלס קאָפּ מיט אַ געדיכטן בלעטער-געווייַן.

איבער דער ווייכער לעמפּערט-פּעל פון אָנגעפאַלענע בלעטער הייבן אָן צו שפּאַנען גײַסטער, שאַרן מיט זייערע ניט אָנזעעוודיקע פיס. דער פּאַרק שטילט. טריפן נאָך פון דער שוואַרץ-געלער שיטערער נעץ איינצלנע טראָפּנס, הענגט אַזאַ איין טראָפּן אויף שמועלס בלאַסער באַק.

הענגען זײַנע צוויי ווײַסע הענט אָפן שטעקן, שטעקט אין איין האַנט זײַן קאַפּעליוש מיטן דעק אַראָפּ, אומפאַרשעמט אויסגעשטרעקט, ווי בײַ אַ בעטלער.

גייט דער ווינט פון פּאַרק און ברענגט אים אומגעריכט אַ נעדאַווע. איז שמועלס האַרץ פאַרשעמט און אָפּגעקומען, קנייטשט עס זיך אײַן.

אין דעם זיפץ פון אַ ווײַטער אַלייע האָט זיך פאַרפּלאָנטן אַן אָפּגעריסן געזאַנג. האָט

דער זיפֿץ פֿון דער אַלייע שטאַרק דאָס געזאַנג צוגעהאַלטן און ניט אָפּגעלאָזט און פֿאַר-בונדן אין טונקעלן סאַמעט פֿון אַ מענער-כאָר.

דערנעענטערט זיך דער כאָר און שווימט שוין ערגעץ פֿאַרבײַ, הינטער שמועלן, אין אַ נאָענטער אַלייע.

געוויס זײַנען דאָס די זינגער פֿון האַרבסט, מיט אָפּגעדעקטע, צעשויבערטע קעפּ, מיט דרייסטע, באַווינטיקטע פּנעמער און מיט בלויזע, טונקעלע העלדזער, ווי בײַ די שיפֿסלײַט. אין ווײַסע כיטאָנען מיט פּורפּורנע שרײַפּעלעך גייען זיי דאָרט. זיי קוקן דעם האַרבסט אין די גראָע אויגן אַרײַן און טראָגן אים אַנטקעגן אַ האַלבן פֿאַרהילטע זון אויף סאַמעט פֿון געזאַנג, אין די קופּער-אָרעמס פֿון זייער ווילן.

זאָלן זיי דאָרט פֿאַרבײַגיין זייער וועג, זינגענדיקע.

זאָלן זיי צורו לאָזן אַ מענטשן מיט אַן אָרעם געמיט, אויף דער פּײַכטער באַנק אַ ווייִנענדיקן. אַז ער פֿאַרמאָגט גאָרנישט, כּוח אַ ווייִנענדיקע בראָכע אין זײַן בעטלעריש האַרץ. — זײַט ביידע געבענטשט, עסטער און דאָוויד. און דו, שטומער מענטשלעכער ווייִ-טיק, דו זײַ אויך געבענטשט...

פֿון הײַנט און ווײַטער זאָלן זײַן געבענטשט אויך אַלע שטילע ווינקעלעך, ווו אַ גע-פּלאָגט געמיט קאָן זיך אויסבאַהאַלטן פֿאַר מענטשלעכער פֿרייד.

אויף די הויכע בעסוילעם-ביימער אַ קראָישע כאַסענע. דאָרט, צווישן די גראָבע צווײַגן, איבער גלוט פֿון הימל, פֿליִען זיי, היפּן זיי, פּעטע און שוואַרצע, אַרום זייערע פֿינצטער-גע-שוואָלענע נעסטן און טרײַבן רעכילעס און שעלטן אַ וועלט.

פֿאַלן פֿון די אויסגעשטרעקטע ביימער-לאַפּעס, פֿאַלן שיטערע הײַפּעלעך פּוכיקן שניי, איבעריקע נעדאָוועס דעם ווײַסן בעסוילעם.

און אַזאַ שיטערער שניי-שפּײַ פֿאַלט אויף דער באַנק אַראָפּ, ווו שמועל זיצט, — רוקט זיך שמועל האַכנאָעדיק אָפּ, ניט אומקוקנדיק זיך, פֿאַרוואָס און פֿונוואַנען דער שניי איז געפֿאַלן.

ער גאַפֿט צום טאָל אַראָפּ צו מיזרעך, ווו די פֿיאַלעטע פֿאַבריק-קוימענס אויפֿן פּאַן פֿון געשאַכטענע וואָלקנס גאַווערן ברודיקן טינט.

איבערן ווײַסן טאָל ברעכן זיך שוואַרצע שטעגן, און דער טאָל זעט אויס ווי אַ גע-פּלאַצטע שיסל.

שמועלס אויגן פֿילן אַן די געבראָכענע שטעגן פֿון לײדיקן טאָל מיט לאַנגע, אויסגע-צויגענע שורעס געהער, מיט שוואַרצע מאַרשירנדיקע גרופּן מיט פֿאָנען און מיט געזאַנג.

שמועלס כאַלעס איז פֿון יענע טעג, ווען דער טאָל האָט זיך אויסגעבויגן אונטערן אופֿגע-רודערטן מענטשן-געווירבל און די פֿאַבריק-קוימענס האָבן געגלעווערט אין ריינעם הימל, ווי איבעריקע.

איצט איז דער טאָל ווידער לײדיק און דער הימל פֿאַרצויגן מיט רויך. און אַ זייכער פֿון יענע טעג איז פֿאַרבליבן דאָרט, דער אַרומגעצויגענער ציילעם באַם וועג — דאָס אָרט פֿון דער גרויסער האַריגע.

אויך דאָ, אויפֿן בעסוילעם, איז פֿאַרבליבן אַ זייכער. שמועל זוכט און געפֿינט אים פֿאַרן אויג אין דער הויפּט-אַלייע.

ער געפֿינט מער, ווי ער האָט געזוכט, און דאָס מאַכט צונישט זײַן באַוועגונג זיך אויפֿ-צוהייבן פֿון דער באַנק. ער פֿאַלט צוריק מיטן רוקן אויפֿן אָנלען און קוקט צו דער אָפֿענער הויפּט-אַלייע.

דאָרט, ווו די נידעריקע שטיינערנע טומבעס האַלטן זיך בײַ די שווער אָפּגעוויגענע קייטן-הענט אַרום דער גרויסער פּאַרמלאָזער מאַציייווע פֿון רויטן שטיין — דאָרט שטייט אַ קליינע פֿרוי מיט אַ גרויסן שוואַרצן הוט, וואָס פֿאַלט איר אויף די שמאָלע אַקסלען. שטײַף און פֿאַרשטיינערט שטייט זי, אַליין ווי אַ מאַציייווע, די הענט אין די מאַנטל-קעשענעס, ווי צום גוף צוגעבונדן.

און דעם קאָפּ האַלט זי פֿאַריסן צו דער דערהויבענער האַנט מיטן האַמער, וואָס אויף דער רויטער מאַציייווע איז אויסגעקריצט, און צום אײַנציקן גאָלדענעם וואָרט „דאָוויד", וואָס גיט אָפּ צוריק דער נידעריקער זון אירע זײַטיקע, בלוטיקע שטראַלן.

זיצט שמועל אומבאַוועגלעך, ווי אומבאַוועגלעך דאָרט פֿאַר דער מאַציייווע שטייט די פֿרוי.

פֿון עק בעסוילעם, פֿון דאָרט, ווו די אַלטע מאַציייוועס אין פּוכיקע יאַרמלקעס האָבן זיך נידעריק פֿאַרבוקט פֿאַר דער צעגאַסענער זון, פֿון דאָרט שלײַכט זיך אַ דין, ציטעריק

געוויין, שטילע טײַנעס פון אַן אָרעם האַרץ, וואָס איז געקומען אויסגיסן זײַן יאַסעמדיקע פײַן פּאָר אַ נאַענטן, פאַרשניטן בערגל.

צו דעם דינעם, ציטערדיקן געוויין קלעפּט זיך באַלד צו אַ שטים אַן עלטערע, אַ הייזע־ריק גרילצנדיקע, און דאָס געוויין ווערט פאַרטויבט.

שטרענגט זיך אָן די דינע שטים, דער טויטער זאָל זי אויך דערהערן.

שטאַרקט זיך די גראָבע, די סקריפּענדיקע, און איז גוווער. ווערט פון דער דינער שטים אַ פאַרצווייפלטער, היסטערישער, אומופהערלעכער קוויטש. ווערט פון דער גראָבער שטים איין שטיק כאָרכלעניש.

און אַזוי שטײַגן זיי, די קוויטשיק־שפּיציקע און די כאָרכלענדיק־טעמפּע, מיטאַנאַנד, קנײַפּן זיך אײַן און לעכערן דורך דאָס ווײַטע, פאַרשנייטע בערגל מיט אַזעלכע קוילעס, אַז דער טויטער זאָל אָך באַשטימט דערהערן און פאַרשטיין.

די פרוי באַ דער רויטער מאַציווע ציט אײַן דעם קאָפּ אין אירע שמאָלע אַקסלען, בייגט זיך אײַן, ווי אונטערן יאָך פון שווערצן הוט, און לאָזט זיך אײַליק גיין צוריק.

דאַן שטייט שמועל אויף פון דער באַנק און גייט איר אַנטקעגן. זיי גריסן זיך שווײַגנדיק, און זיי גייען לאַנג שווײַגנדיק.

שמועל זאָגט:

— איך בין געקומען זיך געזעגענען מיט דאַווידן. איך פאָר אַוועק.

עסטער נעמט אויף זײַנע רייד מיט אַ בלאַסן ווייטיקדיקן שמייכל.

— אַלע צעפאָרן זיך... אַלע...

טוט אים דאַן אַ ריכט פאָרן אויג אַ טהייסטיקע שײַן, אַ פאַרבלאָנדזשעטער שטראַל פון דער אָפּגעקומענער זון.

„עפּשער וועט זי מיטפאָרן?"

נאָר ער זעט איר בלאַסן, אומבאַהאָלפענעם שמייכל, און אים דוכט: זי מײַדט אויס זײַן בליק, זי איז ווײַט.

פרעגט ער זיך אין האַרצן:

„וואָס איז דאָס? שעמט זיך טאַקע אַ מענטש מיט זײַן אומגליק אויך?"

עפּעס האָט ער זײַן אייגענעם שלימאַזלדיקן איך גאָר פון אויג אַרויסגעלאָזט, ווי ער וואָלט עס געוווען דער גליקלעכער. עפּעס ווערט ער פלוצלינג דרייסט אָפּן כעזשבן פון איר טרויעריקער שעמעוודיקײַט.

— עסטער, הערסט? איך פאָר אַוועק. עפּשער וואָלסטו אויך געפאָרן?

קוקט זי אים אָן. און זײַן פלוצלינגע דרייסטקײַט ווערט צערונען ווי דער שניי, און עס אַנטדעקט זיך פאַר אים זײַן אייגענע, נאַקעטע אומגליקלעכקײַט.

— ווי רעדסטו דאָס, שמועל? איך זאָל אויך פאָרן? און אים לאָזן אַליין?

זי צייַגט אין דער ריכטונג פון דער רויטער מאַציווע.

— מיינסט, אַ טויטער איז ניט איינזאַם?

זי הייבט פלוצלינג אָן מיט אַ ביטערן פאַרטערטן פאָרוואורף:

— אַוועקגעשטעלט אים אַ מאַציווע און אויס. אויס כאַוויירים... אַלע צעפאָרן זיך... צו אַ נײַ לעבן. און איך...

זיי זײַנע ווײַטער געגאַנגען שווײַגנדיק. שפּעטער האָבן שמועלן אָפּגעקלונגען אין האַרצן אירע לעצטע ווערטער, וואָס זי האָט אַרויסגערעדט ווי פאַר זיך:

„ווען זי וואָלט כאָטש פאַרבליבן מיט אַ קינד..."

ער קוקט זי אָן. איר פּנים האָט פאַרגאָסן אַ טונקעלע רויטקײַט. ווײַזט אויס, איר האָט אויך איצט אָפּגעקלונגען אין אירע אויערן דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט.

אָפּן פּאַן פון די נאָדלבײמער וועבט זיך איצט אַ דין, גערדיכט שנייעלע. דער טאָל איז אינגאַנצן פאַרנעפּלט און גראָ.

דרײַ אַלטע ווײַבער אין שמאַטעס אײַנגעהילט, דרײַ בעסוילעם־קלאָגערנס טויכן אַרויס פון דער זײַטיקער אַלייע און קרייצן איבער דעם וועג אין זייערע אויסגעקרימטע, מאַנצבל־שע שיך.

עסטער שטעלט זיך האַסטיק אָפּ און רירט אָן שמועלס האַנט. גיט זיך אים איבער איר פלוצלינגע שרעק.

און די דרײַ אַלטע ווײַבער גייען אײַליק, גאַרגלענדיק, ווי די קראָען, און פאַרשווינדן איבערן וועג. דער שניי האָט פאַרוועבט זייער געדעכעניש.

שמועל טראַכט, אַז דער שניי פאַרוועבט אויך דאָס לעצטע קאַפּיטל פון זײַן טרויערי־קער יוגנט.

זיצט אַ מענטש אַן שרײַבטיש אָנגעלענט, אין אַ שמאָלן פּירעק פון די ווענט, און דעם קאָפּ זײַנעם וויגט ער איןביידע הענט.

ליגט פאַר אים אַן אָפענער בריוו. ליגן צעשאָטענע קאָנווערטן מיט אַ פירמע.

אפן שרײַבטיש — שיך אין אַ צײַל אויסגעשטעלט, ברוינע, איינצלנע שיך-מוסטערן מיט ברייטע, נעגערישע נעז.

הינטער זיי האָט זיך באַהאַלטן פּערעצעס בילד.

אַף דער ביבליאָטעק בא דער זײַט — שיך-מוסטערן, שווארצע, מיט לאַנגע, אויסגעצויגענע, גלאַנציקע נעז, ווי בא די שלײַענס.

אין ביבליאָטעק, הינטער די מאַסיווע, געשליפענע שויבן, אַף אומגעוואָרפענע בענדער, שפּאַצירן אַ פּאָר רעניפערן מיט איידל פאַרכאַלעשטע כאַליעווקעס, מיט אַן אָפּן אויסגעלאַסענעם, קווייטיקן איינגעווייד, די שניר העפקערדיק צעלאָזט, זע מיך — נעם מיך.

וויגט דער מענטש באַם שרײַבטיש זײַן קאָפּ אין ביידע הענט. און פון צווייטן צימער, פון עסצימער, דערלאַנגען אַהער צוויי שטימען, פון אַ מוטער מיט אַ קינד, פון זײַן פרוי מיט זײַן טעכטערל.

זײַנען ביידע שטימען אַזוי רויִק און זיכער, קלינגען זיי אַזוי פּרויִש-מאַניערירט, און דאָס שטימעלע פון דעם קינד מיט זיך נאָכצומאַכן אין אַלע ניואַנסן די מאַניר פון דער מוטערס רייד, און דער פאָטער באַם שרײַבטיש קאָן פעסטשטעלן, אַז עס געלינגט, אַז עס קלינגט שוין גענוג פאַלש.

טראַכט ער:

זיי איז גוט. זיי ווייסן וואָס זיי ווילן. אָט האָבן זיי זיך דאָרט אײַנגעאָרדנט פעסט און זיכער, באַ דעם ברייטן פעלד פון עס-טיש, וואָס איז איצט, נאָך מיטיק, איבערגעדעקט מיטן געהאָפטענעם בלוילעכן טישטעך, דעם היסטאָרישן טישטעך, די שטאָלץ פון דעם יוײַבס בעריעשקײַט. אַכצן כאַדאָשים האָבן דאָך אירע קלאָרע און קורצלעכע פינגערלעך געקישעפט איבער דער האַפטונג אין די פרײַע שאָען, געגלאַנצט מיטן מאַניקיור אונטער דער העלער עלעקטרע אין די לאַנגווײַליקע אָוונטן. און איך קעפל מיט דער אַשקאַליריקער אויפגעבלאָזענער פריזור איז געווען אַזוי פלײַסיק אַראָפּגעבויגן צו דער אַרבעט, אַז פון פאָרנט האָט זיך קוים געזען דאָס שפּיץ נעזל און פון הינטן האָט דאָס ראָזלעכע קערקל מיט די דינע הערלעך געפּאָדערט אַ קוש אין זײַן פוכיקער רונדיקײַט.

זיצן זיי זיך איצט, די מאַמע מיטן טעכטערל, באַם קלאָש מיט שאָקאָלאַדעס, מיט אַ געפּיל פון אַלע דערפילטע פליכטן, און קלינגען מיט די לעפעלעך אין די גלאַנציקע גלעזער טיי.

הינטער זיי דערהייבט זיך, ווי אַ שוץ-מויער, די ריזיקע געבײַדע פון געשניצטן קרעדענס, וואָס פון אַלע זײַנע געשליפענע און אויסגעבויכטע שויבן קוקן אַרויס גלעזערנע און פאָרצעלײַענע קלייניקײַטן, ניט אײַנצופּאַקן, פון אָרט ניט צו רירן.

שמועסן זיי געלאַסן, די מאַמע מיטן טעכטערל. זיי ווייסן, וואָס זיי ווילן, זיי ווייסט, וואָס זיי דאַרפן.

און דאַרפן דאַרפן זיי הײַנט גיין אײַנקויפן מוטערפּערלנע קנעפּעלעך, וועגן דעם איז דאָס געשפּרעך.

און ער, שמועל, באַם שרײַבטיש, מיט די קאָנווערטן פון זײַן פירמע, מיטן הערב פון אַ שוך בא דער זײַט — ווייסט ער, וואָס ער וויל און וואָס ער דאַרף?

אָט זיצט ער אַן זײַן שרײַבטיש אָנגעלענט, אַזוי געפאַלן און ניט זיכער, ווי באַ אַ פרעמד אייגנטום. ער, שמועל ראַבינאָוויטש.

וועמען איז עס אײַנגעפאַלן פלוצלינג אַ ריר צו טאָן פון אָרט זײַן געשניצטן קרעדענס מיט די גלעזערנע קלייניקײַטן?

עסטערן.

אָט ליגט פאַר אים איר אָפענער בריוו. זי איז געקומען צו פאָרן. זי געפינט זיך דאָ ערגעץ נאָענט אַף אַ זומער-ווױנונג. זי בעט ראַכמים, ער זאָל קומען צו איר.

שמועל ראַבינאָוויטש וויגט דעם קאָפּ אין ביידע הענט און צעוויינט זיך פלוצלינג, מיט גאָר אַמאָליקע טרערן, ווי ער האָט שוין יאָרן ניט געוויינט.

ווי אַן אַלטע פלאַש ווײַן וואָלט ער געעפנט.

און זײַן ווײַב, הערט ער, רעדט געלאַסן צו דער דינסט:

— דער הער איז פאַרנומען בא זיך אין קאַבינעט. ער האָט פאַרגעסן זײַן קאָמפּאָט אופצועסן. פרעג אים, צי זאָל מען אים דערלאַנגען דעם קאָמפּאָט אין קאַבינעט אַרײַן. ס'איז דאָך הײַנט ווידער פון ראַבאַרבאַרום. ער האָט עס דאָך ליב!

אוי, דער טאָגטעגלעכער קאַמפּאַט פון ראַבאַרבאַרום און דעם ווײַבס טיפֿע איבערצײַגונג, אַז ער האָט עס ליב!

און זי איז גערעכט אויך: טאָג אין טאָג עסט ער דעם קאָמפּאָט און האָט נאָך קיין מאָל ניט געשלײַדערט דעם טעלער אָן דר'ערד. פֿונוואַנען זאָל זי וויסן?

טאַנצן פֿון רעכטס און פֿון לינקס וואַלד און פֿעלד אין אַ ראַכוועסדיקן קאַדריל. האַלט זיך אין איבערקערן און אוועקפֿליִען דער ווײַס-געשטרײַפּטער הימל. און אַ שטאָלפּערנדיקע מאַכנע קראָען, איינע געבונדן צו דער צווייטער מיט ניט אָנזעעוודיקן דראָט, כאַפּן אַ שווינדלאינדערלופֿטן, זוכן אַ שטייענדיקן באָדן און לאָזן זיך אַראָפּ אויפֿן רויען רויטפֿלייש פֿון צעאַקערטן פֿעלד.

שלעפּט זײַן אַקער אַ געשפּאַנט פֿערדל מיט געבויגענע קני, שאָקלט מיטן קאָפּ שווער-ריטמיש און מעיושעוודיק.

היפּט אַ צווייטס פֿראַנק-און-פֿרײַ איבערן אַקערפֿעלד, היפּט מיט אַ רונד-געבויגענעם האַלדז, דריגעט מיט ביידע הינטערשטע פֿיס. דאָס וויל עס אוועקדריגען דעם נערווייִשן אײַנדרוק פֿון דער לויפֿנדיקער באַן.

און די באַן האָט ראַש פֿאַרקערעוועט, דער וואַגאָן האָט אַ צופּ געטאָן זײַטיק, און שמועל ראַבינאָוויטש שטויסט זיך אָן אַקסל צו אַקסל מיט אַ דרעמלענדיקער פּויערטע.

ער טראַכט, אַז יענע צוויי פֿערדלעך, דאָס געשפּאַנטע און דאָס היפּנדיקע, האָבן זיך צעקריגט איבער זײַן האַרצנס צעאַקערטן פֿעלד.

אַ טאַטע איז ער, אַ מאַן, און אַ סויכער דערצו! נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכן! דעם ווײַבס רעניפֿערן אויף קאַוטסקיס בענדער; פּערעצעס בילד פֿאַרשטעקט הינטער אַ שוך.

זײַן נאָמען און פֿאַמיליע-נאָמען, אַנדערש ווי מיט אַ שוך בײַ דער זײַט דרוקן זיי זיך ניט.

שיך טרעטן איבער אים, איבער זײַן לעבן, פֿון דער גאָרער וועלט שיך, אַזעלכע, וואָס די פֿיס, וועלכע וועלן אין זיי שטעקן, זײַנען נאָך דערווײַל אין אַבסטראַקציע. כאַ-כאַ! ער ווערט צעטראָטן פֿון אַבסטראַקטע פֿיס!

אַ ליגן, אַז ער האָט עס ערשט נאָר דערפֿילט! די גאַנצע צײַט האָט ער עס געפֿילט! אַלעמאָל געפֿילט. נאָר ס'איז אים געווען גלײַכגילטיק. איבלדיק און גלײַכגילטיק.

פּונקט אַזוי, ווי גלײַכגילטיק-איבלדיק עס זײַנען אים יענע צוויי פּאַראַלעלע גאַסן, דורך וועלכע עס קומט אים אויס צו גיין אַהיים אויף מיטיק.

וויפֿל מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן ראָג פֿון די דאָזיקע גאַסן, קלוימערשט די ברילן פֿאַריכטן, און זיך גענומען אויפֿן פֿאַרהער:

— איז ווי זשע ראַטסטו, שמועל? גיין דורך דער גאַס צי דורך יענער?

זײַנען אָבער דעם געפֿרעגטן שמועלן גלײַך און גלײַכגילטיק, לאַנג און לאַנגווײַליק ביידע פּאַראַלעלע גאַסן, און ער קאָן דאָ קיין אייצע ניט געבן.

און גייענדיק דורך איין גאַס, פֿילט ער, ווי דער צווייטער האַלבער שמועל שלעפּט זיך דורך דער צווייטער גאַס און ווי ביידן איז נישט ניכע.

איצט, בײַם וואַגאָן-טרייסל, האָט ער זיך לויט דער אַלטער געוווינהײַט אַ טאָפּ געטאָן מיטן עלנבויגן בײַ דער געשוואָלענער בוזעם-קעשענע מיט וועקסלען און רעכענונגען. האָט ער דערפֿילט, אַז עסטערס בריוו ליגט דאָרט. און צום ערשטן מאָל האָט ער פּלוצלינג אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ פֿון אונטערן באַרג שוכוואַרג.

צעפֿליגלט ער די נאָזלעכער, שעפּט מיט דער פֿולער ברוסט לופֿט פֿון ווינטלדיקן פֿענצטער. פֿאַרדריקט אים בײַם האַרצן, פֿאַרדרייט זיך אים דער קאָפּ פֿון אַזאַ פֿאַרציע לופֿט.

שווינדלען אים פֿאַר די אויגן די קראָען צווישן הימל און ערד, און צווישן זיי טויכן אַרויס פֿרעמד-באַקאַנטע פּנעמער מיט נעז. ייִדן געגאָלטע און ייִדן מיט בערד. ייִדן אין קאַשקעטן און אַזעלכע קאַפּעליושן. און מיט יאַם-שטעקעלעך דרייען זיי אין דער לופֿט און שלעפּן פֿון מויל סטענגעס מיט ציפֿערן. און, פֿאַני ראַבינאָוויטש, יוכט! און, רעב שמועל, כראַם! און שעוראָ און געמזע... און געפּלעקלטע און געניטע... צו אַלדי שוואַרציאָר!..

דרייט זיך אינמיטן פֿעלד זײַן געשניצטער קרעדענס מיט די אָפֿענע טירלעך: האָט ראַכמאָנעס!

צעפֿליִען זיך פֿון די אָפֿענע טירלעך אין אַלע זײַטן גלעזערנע, קרישטאָלענע קליינינקע, פּיצלעך פֿון אַ צעשמעטערטן רעגנבויגן.

און בראַזג! און קנאַק! אָן די שטיינער, אָן די ביימער, אָן די שטאַנגען פֿון טעלעגראַף...

אז עס אַרט אים נישט.

יאָ, עסטערס בריוו וועט ער איבערלייגן אין אַ צווייטער קעשענע. ס'איז אַ כּילעל־האַ־קוידעש.

אוי, דו פאַרשאָלטענער, סאַכרישער עלנבויגן! וואָס לויפסטו נערווייִש צו דער בוזעם־קעשענע, גלײַך די גאַנצע וועלט זאָל באַשטיין פון גאַנאָווים!

ס'איז דאָך אַן אָרנטלעכע, באַיאָרטע פויערטע, די, וואָס זיצט לעבן דיר, וואָס קוקסטו זי אָן, ווען זי פאַלט מיט אַ זײַט צו דײַן אַקסל? זי דרעמלט דאָך ווי אַ קוואָקע, מיט אַ רויט טיכל אַפן קאָפּ. און דרעמלענדיק, האַלט זי שטײַף מיט די געקנופּטע אויסגעהאָרעוועטע הענט איר צעריבן קוישל.

אַ סוואָרע: זי היט זיך אויס פאַר אַ גאַנעוו.

היטן מיר זיך בײדע. אוי, וויפל קאָמישעס ס'איז פאַראַן אַף דער וועלט!

אז די באַן האַלט אײַן איר אימפּעט און פײַפט אים אין אויער, אַז באַלד וועט ער זען עסטערן, ווערט אים אָפּגעבריט דאָס האַרץ. און אַ שוואַכקײַט פאַרגייט אין די הענט און אין די פיס.

ער צווייפלט, צי וועט ער האָבן מוט אַרויסצושטײַגן.

אַלטע וווּנדן אופשנײַדן! — אַ שרעק. אַזויפיל פאַרלאָזענע יאָרן! ווי וועט ער אויסזען אין אירע אויגן? און זי אין זײַנע?

און די פויערטע האָט מיטן פײַף פון אָרט זיך אַ ריס געטאָן, כאַפּט זיך אָן אים, כאַפּט זיך אָן דער וואַנט, פאַלט פון די פיס און קוקט מיט כשאַד אין האַלבן כאַלעם דורכן פענצטער אַרויס, צי זי איז כאָלילע ניט פאַרבײַגעפאָרן, ווו זי דאַרף אויסשטײַגן.

שמועלס אופגערודערט געמיט שטעקט זיך אָן מיט דער פויערטעס אומבאַהאָלפענער צעטומלטקײַט. ער קאָן זיך שוין פון דעם ניט באַפרײַען. ער איז אײַנגעגנייט אין צעטומלטקײַט, ווי אין אַן ענגן בעגעד.

...און אפילע דאַן, ווען ער זיצט שוין בײַ עסטערן אַף דער קליינער, פויערשער ווערענדע, און עפּעס אַ ווילד־פרעמדער הונט טופּעט אַרום און באַשמעקט זײַנע קני — אויך דאַן האַלט זיך אים אין דוכטן, אַז ס'איז עפּעס ניט מיט אַלעמען. ער קוקט עסטערן אין פּאָנעם און טראַכט אַלץ, צי האָט ער ניט אַ טאָעס געהאַט, עפּעס ניט פאַרגעסן וואָס אין וועג. ער האָט אפילע אַ געפיל, אַז דער צוועק פון זײַן פאָרן איז ערגעץ געבליבן אָן אַ זײַט.

ער קומט נאָר צו־זיך, ווען ער דערזעט, ווי בײַ עסטערן ציטערן די אַקסלען, ברייטער און רונדיקער זײַנען זיי.

ער כאַפּט זיך, אַז די גאַנצע צײַט האַלט זי דעם קאָפּ אין די אַקסלען אײַנגעצויגן, ווי אַ דערשראָקן קינד.

אויך איר פּאָנעם, דערזעט ער איצט, איז רונדיקער געוואָרן, רונדיקער און בלאַסער, פאַרלאָרן זײַן אַמאָליקע, דורכזיכטיקע שאָטנדיקײַט.

נאָר דער שאָטן פון אַ שטיק נאַכט איז איר געבליבן הענגען אונטער די אויגן. (עפּעס זײַנען זיי אַמאָל גרעסער געווען!). איז די הויט אונטער די אויגן געקאַרבט און רויטלעך, ווי אַ געוויקס, וואָס האָט קיינמאָל די זון ניט אָנגעזען.

ער דערקענט נאָר איר קאַרגהויטיקן, פרעגנדיקן שמייכל. מאָנט ער אָבער בײַ זײַן געדעכעניש, ווען האָט ער אין איר שמייכל אַזאַ צעשראָקענע פראַגע געזען.

וואָלט זי זיך ניט אַזוי גלאַט געקעמט, וואָלט זי געטראָגן די אַמאָליקע, קיינעוודיק־צעשאָטענע פּייעס, וואָס האָבן איר צוגעגעבן אַ ראַבאָנישן אויסזען...

עסטער, עסטערל...

זאָל ער זי פרעגן, וואָס מאַכט עסטער?

ער שווײַגט שוין צו לאַנג, צו לאַנג גראָבט ער זיך אין זײַן פאַרשיקערט געדעכעניש, ער פילט דאָס. באַלד וועט ער אין שווײַגן באַגראָבן און פאַרלאָרן ווערן אָן אַ זייכער.

— עסטער...

צי האָט ער אויסגעברומט, צי דוכט זיך אים נאָר, אַז ער האָט עס אויסגעברומט — זי לאָזט אים ניט קומען צום וואָרט.

— זאָג, שמועל, וועסט מיר פאָרוואַרפן אַ זינד?

וואָסער זינד? וועגן וואָס רעדט זי?

ער שטרענגט זיך אָן — ווערט זײַן אויג ניכטערער. אַרויס פון קאָפּ דער לעצטער געדויש, ווי די באַן וואָלט אַוועק. וואָס פאַר אַ פלוצלינגע, היסטעריש־פרעכע באַוועגונג זי האָט געמאַכט מיט די פאַרלייגטע הענט אונטער דער ברוסט?

בוילעט זיך אַרויס פון אונטערן גראָען שטאָף איר ברוסט און איר פולער בויך.

דערזעט ער עס — גליטשן זיך אים אויס די אײַנגעשפּאַרטע פיס איבער דער זעמדל־דיקער פּאָדלאָגע.

גיט דער הונט א שיפּ אוועק.

יאָ, ער פאַרשטייט, ער קאָן זי פרעגן, ווען האָט זי כאַסנע געהאַט, ווען ריכט זי זיך אָף א קינד.

ער קאָן אָבער אויך שווײַגן.

ווײַל סאָפּקאָלאָסאָף איז עס אים גלײַכגילטיק, ווי יענע פּאַראַלעלע גאַסן, וועלכע פירן פון זײַן שוך־קראָם אַהיים.

פּילט ער די נאַריש־צעשמייכלטע, ליימענע מאַסקע אָף זײַן פּאָנעם, ניט אָפּצורײַסן.

אַרן אים נישט עססטערס אָפּגעריסענע, שטילע נאָכווײ־טײַנעס וועגן איר פוסט לעבן, וועגן א בענקשאַפט נאָך א קינד.

עס אַרט אים דער ווײַטער פּײַף פון דער באַן, און ער האָט מוירע צו פאַרשפּעטיקן עפּעס וויכטיקס אין שטאָט.

...וואָס? ער איז טאַקע אוועק? וואָס טוט ער אָף דער סטאַנציע? צו דער באַן איז נאָך א גאַנצע שאָ צײַט.

ער וועט אַזוי זיצן און קוקן מיט זײַן ליימענעם שמייכל אַהין, צום באַרג, ווו עס פלעמלט זיך דאָס פענצטערל קעגן דער פאַרגייענדיקער זון.

און עפּשער ברענען דאָרט ליכטעלעך?

ער האָט אַמאָל געהאַט א מאַמען, האָט זי אויך געבענטשט ליכט.

— מאַמע...

ער וועט גיין אַזוי באַרג־אַרוף מיטן זאַמדיקן וועג צו דעם פלעמלדיקן פענצטערל, צו דער מאַמען, וואָס בענטשט ליכט.

וועט ער עפּשער אָפּן זאַמדיקן וועג באַרג־אַרוף געפינען עפּעס פון זײַנע שפּילצײַג, וואָס ער האָט קינדווײַז פאַרלאָרן...

ער גייט און ער געפינט ניט. און בא דעם שטיבעלע אין דער הייך, זעט ער, זיצן דאָרט אָף דער פריזבע דרײַ אַלטע ווײַבער, שטריקן זאָקן און שווײַגן. דאָס פענצטערל איז בלינד. נישטאָ אין שטיבעלע קיין מאַמע, וואָס בענטשט ליכט.

פון פריִען פרימאָרגן אָן זיצט שמועל אָף דער קליינער, פויערישער וועראַנדע, קעגן דער פאַרמאַכטער טיר, און וואַרט געדולדיק, ביז עסטער וועט אופשטיין און אַרויסגיין צו אים.

אין אים און אַרום אים שפּרייט זיך א ריטמישע רויִקײַט.

אַז מע דרייט זיך אַרום א גאַנצע נאַכט איבער א שטאָט, אין יענעם אָרט, ווו בריק און ברעג קוקן זיך אין טהאָם אַרײַן מיט לאַנגע פײַערן, —

אַז מע הערט דעם שטאָט־גערויש אָפּשטאַרבן, אַזוי אַז אָף דער וועלט בלײַבן נאָר וואַכן איך און שטאָטזייגער, —

אַז מע הערט דעם שטאָט־גערויש לאַנגזאַם און ביסלעכווײַז אופשטיין טכּיאַס־האַמייסים, און דעם אייגענעם איך געפינט מען אָפּן זעלבן אָרט, פאַר דער שוואַרצער בריק־נעץ, פאַר־וואָרפן איבערן אויסגעבלייכטן הימל, —

דאַן קאָן מען קלוג ווערן אין איין גאַנצע נאַכט. עס קומען נאָר צו א פּאָר גראָע האָר אָפּן קאָפּ.

— הונט, קום אַהער, הונט, ווי רופט מען דיך?

א היפּשער פּודעל, מיט א פעל ווי פון אָקסידירטן זילבער, שטייט פאַר דער וועראַנדע און קוקט אַרוף צו אים מיט גלאַנציקן בליק דורך די צעקודלטע ברעמען.

שמועל דערמאָנט זיך, אַז דעם זעלבן הונט האָט ער דאָ נעכטן געזען.

דער פּודעל האָט געוואַרט, מע זאָל זיך נאָר ווענדן צו אים. א שפּרונג אָף דער וועראַנדע, צו שמועלן, א הייב זיך מיט א פויערישער גראַציע אָף די הינטערשטע לאַפּעס, און די פּאָדערשטע, ברייטע און באַוואַקסענע, אָנגעשפּאַרט מיט די קורצע פינגער־קישעלעך אָן שמועלס קני.

האָט דער פּודעל אָן אויסזען פון אָן אַלטן, נישט ראַזירטן ניקאָלײַעווער סאָלדאַט, וואָס פון אונטער די גראָע ברעמען גלאַנצט אים די טרײַהײַט אַרויס.

גלעט שמועל דעם הונט איבער די קודלעס.

— וועמעס ביסטו דאָ, גאָטס באַשעפעניש?

— ס׳איז מײַן הונט. קורטע הייסט ער.

אין דער שטיל־געעפנטער טיר שטייט עסטער, אין א העלן מאַרגנראָק, מיט א העלן שמייכל אפן אויסגעמאטערטן פּאָנעם.

אונטער די אַנגעוויינטע אויגן הענגט איר די נאכט.

דער הונט האָט זיך א וואַרף געטאָן צו אירע פיס מיט א טעמפּן קלאַפּ פון זײַנע ביינער אָן דער פּאָדלאָגע.

שמועל ווארט האכנאַעדיק, זי זאָל אים פארגעבן זײַן נעכטיקן אנטלויפן און אויס־שטרעקן א האנט.

און אז איר קליינע, טונקעלע האנט גליטשט זיך פון העלן, יאַפּאַנישן ארבל ארויס, כאפּט זי שמועל דאַרשטיק, דריקט זי צו צום הארצן.

שטייט זי שוין נאָענט לעבן אים, און ער פילט די ווארעמקייט פון איר מוטער־ווערנ־דיקן לײַב.

און ער דערפילט אירע פינגער, אין זײַנע הארטע האָר ארײַנגעקעמט.

זי גלעט אים, ווי ער האָט פריִער געגלעט איר הונט.

— איך האָב געמיינט, דו וועסט שוין מער נישט קומען, שמועל.

ציטערט ער פון איר אָנגעטרערטער שטים.

זײַן קאָפּ איז געניגט צו איר רונדיקן לײַב, וואָס לאָזט אזוי נאָענט שפּירן זײַן ווארעמע נאקעטקײַט דורכן דינעם שטאָף.

דערשרעקט ער זיך, אז די שווערקייט פון זײַן קאָפּ זאָל איר ניט פארשאטן.

נאָר זי האלט שטײַף זײַן קאָפּ אין דינע, ווארעמע אָרעמס און לאָזט אים נישט צו־ריקציִען.

— דו ווערסט שוין גרא, שמולינקע, ווערסט שוין גראָ...

— מאמע מײַנע!

זי הייבט אוף זײַן קאָפּ בא דער קין, פארן הארטן, שפּיציקן בערדל, זי שײַנט אראָפּ צו אים מיט איר ברייט־געוואַרענעם בליק און שמייכל. און מיט שטײַפע דינע ליפּן, וואָס זײַנען צום קושן ניט געווינט, נאָגט זי אויס די טרערן, וואָס האָבן אים פלוצלינג די אויגן פארגאָסן.

דאַן קוקן זיי זיך לאנג אָן און צעשמייכלען זיך און צעלאכן זיך אזוי ליכטיק און קינ־דיש, ווי צום גוטן באשיידט אלע בייזע כאַלוימעס.

— קום, שמולינקע, איך וועל דיר ווײַזן א שיינס!

— גיי נישט, עסטערל, איבער דער פײַכטער לאָנקע!

— עס וועט מיר גאָרנישט זײַן.

און איבערן מאטן זילבער פון דער לאָנקע אקערן דורך אירע דינע פיס א פריש־גרינע בייט.

ער און קורטע גייען איר נאָך.

מיט שרעק קוקט ער, ווי זי לויפט אזוי אופגעמונטערט און לײַכט פון זאמדיקן בערגל צום טײַכל אראָפּ, ווי עס וועקסלען זיך שנעל אירע דינע באָרוועסע פיס איבער די צע־וויגטע ברעטער פון דער קלאָדקע.

עסטערל, פּאָרזיכטיק!

זי צעוויגט בעקיוון די דינע ברעטער איבערן ברייטן גאָלדיקן וואסער. א קער צו אים דעם קאָפּ און לאכט.

— קום, שמולינקע, קום, פאכדן איינער!

זיי זײַנען שוין אפן צווייטן ברעג. האלטן זיך בא די הענט און לאכן פון קורטען, וואָס האָט זיך געלאָזט אף מעסירעסנעפעש אין וואסער ארײַן. קורטע שווימט און פּירכעט און קריכט ארויס אפן זאמדיקן ברעג א דינער, א צוגעקעמטער, נאָר מיט דראָטענע באָרד־און־וואָנצעס.

ער טרייסלט זיך אָפּ. ער איז אומצופרידן, וואָס מע לאכט פון אים.

— און איצט — ווײַטער! — קאָמאנדירט עסטער און לאָזט זיך לויפן.

שמועלן שרעקט איר פּלוצלינגע האסטיקע מונטערקײַט. ער האָט אָבער מוירע זי אופ־צורעגן מיט א באמערקונג.

אין שאָטן פון בארג האָט זיך צעלאכט א וועלט מיט מארגאריטקעס, בארעגנט מיט פארגליווערטע טראָפּנס זון. די וועלט האָט אָנגעטאָן שיקערע ברילן פון א פײַכט־זיסן רו־מיאנעק־רייער. ערגעץ נאָענט האָט אויסגעשאָסן א קוויטש און געלעכטער. א נאקעטער באָכער מיט א נאקעט מיידל שפּרינגען ארויס פון הינטער א קוסט. און, זיך האלטנדיק בא

די הענט און קײַכנדיק פֿאַר געלעכטער, טראָגן זיי אוועק זייערע גלאַנציק-טאַנצנדיקע לײַבער צום זוניקן זאַמדיקן ברעג, צום פֿאַרביקן הויפֿן פֿאַרגעסענע קליידער.

איז עסטער פּלוצלינג שיקער-מיד געוואָרן, און שמועל האַלט זי פֿאַרזיכטיק אין זײַנע אָרעמס און טוליעט זי צו זיך.

ער וואָלט וועלן מיט זײַנע לאַנגע הענט, מיט זײַנע צעשפּרייטע פֿינגער באַדעקן זי אינגאַנצן, פֿאַרשטעלן זי פֿון דער פֿײַכט-זיסער לופֿט, פֿון איר אייגענער אופֿרעגונג און איר פּלוצלינגער מידקײַט.

ער טוליעט זי צו זיך, און אים לויכט דאָס באַוווסטזײַן, אַז דאָס האַלט ער אין זײַנע אָרעמס דעם זין פֿון זײַן גאַנץ צעאַקערט לעבן, דאָס פֿאַרקישעפֿטע בלימל, פֿאַר וועלכער ער האָט אײַנגעשטעלט ביידע וועלטן אין עפּעס א שיקערער יאַהאַנעס-נאַכט.

אַף א האָר פֿון דער רעגע האָט ער פּלוצלינג דערשפּירט הענגען דאָס גליק, פֿון וועלכן ער האָט פֿאַרגעסן צו כאַלעמען, דאָס גליק, וואָס איז אים אומגעריכט געקומען אין די אָרעמס און וואָס איז אַזוי שווער אײַנצוהאַלטן.

ער ציטערט פֿון זײַן אייגענעם שוואַכקײַט-געפֿיל. עסטערס שווערקײַט יאָגט אָן אַף אים א שרעק.

אומזיסט באַשווערט ער זײַנע אָרעמס, זיי זאָלן זײַן ווי פֿון אײַזן. ער פֿילט: זיי ציטערן, ווי אַן אָנגעצויגענע קייט.

דאָס קוקט דאָך אַרוף צו אים אַזוי אומבאַהאָלפֿן דאָס קליינע עסטערל מיטן לאַנגן, ראַבאַנישן פּאָנעם, מיט די צעשאָטענע פּייעס.

און עס ווערן אַלץ ברייטער און אופֿגעריסענער אירע אויגן, און עס קוקט אַרויס פֿון זיי א קינדישע שרעק.

וואָס וועסטו זאָגן, מענטש, ווען דײַן גליק שרײַט, פֿאַרבײַלויפֿנדיק, נאָך שוץ צו דיר? ווען ס'איז אָפּהענגיק פֿון דײַן גוווּרע עס אײַנצוהאַלטן, ווען דו דאַרפֿסט ווערן א גאָט, ניט אַרויסצולאָזן עס פֿון דײַנע הענט?

איר שמייכל איז שוין פֿאַרגליווערט, א שמייכל פֿון איינעם, וואָס האָט געוואָלט בעטן מעכילע און איז פּלוצלינג שטום געוואָרן. האַרט, האַרט און בלינד פֿאַרלען זיך אירע קליינע אַנטבלויזטע ציין.

און ער איז שוין אַליין פֿאַרגליווערט-רויִק. ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט זי נישט אײַנהאַלטן, ווען די ערד ציט זי פֿון זײַנע אָרעמס.

און ער לאָזט זי לאַנגזאַם זיך אַראָפּגליטשן צו זײַנע פֿיס.

אַן אַלטע, דאַרע האַנט האָט זיך אַרײַנגעריסן צווישן זײַנע און עסטערס, אַזאַ טונקעלע, אַז עסטערס האָט אויסגעוויזן גרין, און זײַנע — ווי פֿון קאַלך אַרויסגעצויגן.

האָט די טונקעלע האַנט זיי צעשיידט, און עסטערס איז געפֿאַלן אַפֿן לײַלעך.

— לאָזט אָפּ, יונגערמאַן, פֿאָלגט אַן אַלטן מענטשן, לאָזט זי, פֿייגעלע, אָפּ!

פֿאָלגט ער די זקיינע, און ער טרעט אָפּ אין ערפֿורכט צום ווינקל.

איז דאָס ווײַסע בעט עסטערס גראָ געוואָרן. האָבן עס אַרומגערינגלט דרײַ פֿינצטערע זקיינעס פֿון איין זײַט, דרײַ הויקערדיקע שאָטנס פֿון דער אַנדער זײַט פֿון דער וואַנט. איז זי אין זייער רעשוס.

און די זקיינעס און די שאָטנס ציילן מיט זייער פֿינצטער אויג די פֿערלדיקע ציין אַף עסטערס שטומען שאָטן-פּאָנעם.

גלאָצט אַפֿן טיש איין-איינציק אָנגעשמעלצט ליכט מיט א נאָסן, געלן פֿלאַם, ווינקט דער פֿלאַם אַלץ צו איין פּוסטן ווינקל.

צום נאַסן פֿענצטער האָט זיך צוגעקלעפּט די נאַכט מיט איר גראָען לײַב.

זעט שמועל. ווי לאַנגזאַם עס קנוילט זיך די פּאַרע פֿון דער ראָזלעך-פֿינצטערער קיך. הערט ער, ווי קורטע גראַבלט פֿון דרויסן די טיר, און גראַבלענדיק וויינט ער פֿון בויך אַרויס.

האָט ער א האַלב-טויטע מאַכשאָווע אַרײַנצולאָזן דעם הונט. געפֿינט אים די זקיינע אין האַלב-פֿינצטערן ווינקל און לאָזט אים ניט צורו.

— גייט אַרויס, יונגערמאַן, פֿאָלגט מיך, עס טויג ניט...

פֿונוואַנען נעמט זיך די שוואַרצע יאָמטעוודיקײַט אין דער אַלטער געבראָכענער שטים?

זי נעמט אים בא דער האַנט און זי פֿירט אים.

פֿונוואַנען נעמט זיך בא איר אַזאַ באַפֿעלערישקײַט, בא אים אַזאַ געהאָרכזאַמקייט?

זי פֿירט אים דורך דער פֿינצטערער קיך, הערט ער דאָס געמורמל פֿון פֿײַער אין דער פּליטע, הערט ער דאָס געכאָרכל פֿון זינדיקע טעפּ, שפּיגלט זיך אָפּ אין זײַן מוֹיעך א מעשונעדיקער מאַלצײַט.

בלעך האָט אים א ביל געטאָן, און אים איז אײַנגעפאַלן דאָס האַרץ. אינמיטן קיך האָט ער זיך אָנגעשטויסן אַף עפּעס א ריזיקער קיילע, וואָס דאָ איז זי קיינמאָל ניט געשטאַנען.

איז אין דער קיילע זײַן האַרץ אַרײַנגעפאַלן און פאַרזונקען אין פלוצלינגער שרעק. און די זקיינע לאָזט זײַן האַנט ניט אַרויס.

אין דער געעפנטער טיר רײַסט זיך אַרײַן קורטע ווי א ווירכער, און ווי א קנויל שלײַדערט ער זיך אַרויס פון אונטער שמועלס פיס, נאָך איידער די טיר ווערט צוגעמאַכט.

בלײַבן זיי ביידע אין דרויסן, שמועל און קורטע, און האַלטן זיך אָן דעם קלאַנג פון דער צוגעמאַכטער קליאַמקע.

גוט, ער וועט שוין אַלעמען פאַלגן. די זקיינעס, און קורטען, און די פינצטערע ביימער. אַלע זײַנען קליגער פאַר אים און שטאַרקער. אים, שמועלן, רינט אויס די מאַכט און דער ווילן פון די שפּיצן פון זײַנע פינגער. ער, שמועל, איז א פאַרמישפּעטער, וואָס נעמט איצט אָן אָנטייל אין דער פינצטערער מיסטעריע פונעם אויספירן דעם פּסאַק-דין. דער פאַרמישפּעטער איז אויך אָן אָנטיילנעמער. ער איז דער ייִנגסטער פון די פּריסטער אין דער פינצטערער מיסטעריע, און ער דאַרף אַלעמען פאַלגן.

שטייט ער אין ערפורכט און קוקט, וואָס טוט דאָרט אזוינס קורטע אַפּן לײמענעם בערגל אינמיטן הויף.

דער הונט האָט זיך אײַנגעשפּאַרט מיטן פּיסק אין דער פאַרנעפּלטער לעוואָנע און האַלב אײַנגעקנייטשט די הינטערשטע פיס. נישט ער זיצט, נישט ער שטייט. און זײַן פעל איז אָפּגעשויבערט. און אָט פאַרײַסט ער נאָך העכער דעם פּיסק און שיקט אַרויף צו דער לעוואָנע א לאַנגן פאַרמאַבלדיקן אַלטן, פאַרשימלטן ווייגעשריי, וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל ניט ענדיקן.

גייט דורך דער געשריי דורך שמועלס הויט, און ער אַנטלויפט אונטער א בוים באַהאַלטן זיך. פילט ער: דער בוים שטופּט אים אָפּ פון זיך. כאַפּט ער אַרום זײַן שטאַם פאַרצווייפלט-אַקשאָנעסדיק, ווי דעם פוס פון א טאַליען.

— אוי, פאַרוואָס? זאָג, פאַרוואָס?

און ער לאָזט שוין דעם שטאַם פון די אָרעמס ניט אַרויס. וויגט זיך מיט אים דער בוים, וויגט זיך, שטיל סקריפּענדיק, פליסטערט א סאָד איבער אים און וויל אים פאַרוויגן.

וויגט ער זיך, האַלטנדיק אָן שטאַם, און אַלץ אין אים שטומט. דעם בוימס ראַכמאָנעס זאָגט אים אויס, אַז עסטער איז טויט.

האָט פלוצלינג דאָס קיך-פענצטער אָפּגעשניטן אין דער נאַכט א געלע וווּנד. האָט זיך שמועל דערפילט, דערהערט ווידער קורטעס העספּעד-קלאַג אין הויף. לויפט ער צום געל-אָפּגעשניטענעם קיך-פענצטער מיט א פאַרשפּעטיקטער האָפענונג, און עס הוידעט זיך די ערד אונטער אים און ער פלאָנטערט זיך, ווי אַן אומרויִקער שיף. דערנעענטערט און דערווײַטערט זיך דאָס באַלויכטענע קיך-פענצטער און מאַלט געלדענע רעדער אין פינצטערן אַרום.

געלינגט שמועלן צו כאַפּן דאָס שווערבנדיקע פענצטער, זיך צוקלעפּן מיטן פּאָנעם צו דער שויב.

פאַרזינקען טיף אין דר'ערד זײַנע פיס, און פון דר'ערד אַרויף איבער די פיס, איבערן רוקן צעיאָגן זיך פלינקע שפּינען מיט שטעכיקע, האַריקע פיס.

אין דער קיך האָבן זיך די דרײַ אַלטע מיט ווײַערע שאָטנס אַרומגענומען אין איין פינצטערן זעקסטל אַרום דער הויכער, בלעכענער וואַנע און קישעפן אין דער פּאַרע, וואָס וויקלט זיך איבער איר.

איז איין אַלטע אָפּגעטראָטן פון איר אָרט, אָנגעהאַנגען דאָס צעאַקערט-רויטע פּאָנעם איבער דער פליטע און שלעפּט מיט בראַנדיקן האַנט-געביין א זודיקן טאָפּ.

קוקט שמועל צו דעם אָרט, ווּ די אַלטע איז אָפּגעטראָטן, זעט ער עסטערס פּאָנעם אַרויסטויכן פון דער וואַנע.

קוקט צו אים איר גרין פּאָנעם מיט בלינדע ציין. ציִען זיך צו דעם גרינעם פּאָנעם שוואַרצע דאַרע הענט, בראַנדיקע פענעמער אַף פינצטערע העלדזער, בראַנדיק-דאַרע פּענעמער מיט ווײַסע פּאַסמעס האָר. פאָדערן זיי עפּעס פון עסטערס גרינער שטומקײַט, דראָען זיי און רעדן אין איר טויטקײַט אַרײַן.

זײַנען שמועלס הענט אַליין גרין און שטום, ווי עסטערס פּאָנעם, און ווי א דערוואָרגענער קרעכץ פון א קינד, שלאָגט זיך אָפּ אין אים דער פאַרלאַנג די שויבן אַרויסצוזעצן.

די שפּינען זײַנען באַפאַלן זײַן לײַב, זײ דערגרײכן שוין צו זײַנע האָר אויפן קאָפּ. ווערן פון זײַנע האָר לעבעדיקע שפּינען מיט שטאָלפעדיקע, שטעכעדיקע פיס.

די אַלטע האָט אראָפּגעשלעפּט דעם טאָפּ פון דער פליטע און גיסט לאַנגזאַם דעם בראַנדיקן, גלאַנציקן זוד אין דער וואַנע. עסטער וויגט זיך אין דער וואַנע, פאַרזינקט אין דער פאַרע און טויכט ווידער אַרויס. שוין ניט קיין גרינע, נאָר אַ ראָזע.

אירע ציין האָבן זיך ערשט פאַרהאַקט, און די ווינקלען פון איר אָפענעם מויל האָבן זיך צעקרימט.

גיסט זיך דער גלאַנציקער זוד פון טאָפּ שמועלן אויפן מויעך, עפנט אים דעם מאַרך. פילט ער, ווי זײַן פּאָנעם ווערט ראָז, ווי עס פאַרהאַקן זיך אים די ציין און ווי עס לאָזן זיך אַראָפּ די ווינקלען פון זײַנע ליפּן. שרײַען קאָן ער ניט.

און די זקיינעס ציִען זיך צו דער ראָזער עסטערן מיט די הענט און מיט די אויסגעשטרעקטע העלדזער און מיט די שרײַענדיקע ווײַסע פּאַסמעס האָר פון אונטער די טיכלעך אַרויס.

און אַלע אײנייִנעם שרײַען זײ צו איר און אַלע מיט פאַראַקשנטער אופרודערונג גרײַפן זי אָן.

זעט ער שוין ניט מער, ווי אַ רויטן שטערן אין דער וואַנע, אַ רויטן שטערן, פאַרלאָפן מיט בלויע געשוואָלענע אָדערן. און דער שטערן פאַרשווינדט. די פאַלגעוואָרענע וואַנע גיסט דאָס וואַסער איבערן קאָפּ.

און די זקיינעס זײַנען פּלוצלינג פאַרגליווערט געוואָרן אין אַ שטומער אָנשטרענגונג. שמועלן פאַרשפּאַרט אונטערן האַרצן. ער וואַרט אויף אַ נעס, מיט דער אָנגעשטרענגטקייט פון אַ בלוט-פאַרלאָפענעם, בלוי-באָאָדערטן שטערן.

האָט פּלוצלינג אײנע פון די זקיינעס אין די הענט אַ פּאַטש געטאָן.

האָבן אַלע אָפּגעברומט, אָפּגעזיפצט מיט אַ פינצטער-באַפרידיקטער דערלײַכטערונג, איז די ענגשאַפט פון האַרצן אָפּגעשטאַנען. איז דאָרט געוואָרן שטיל און געראַם און ליידיק.

נאָך גיסט זיך דער זוד איבער זײַן מויעך. נאָך קוקט ער מיט אַ געלעכערטן מאַרך אויף די זקיינעס, וואָס האָבן אין דער פולער וואַנע די לאַנגע בלײכע הענט אַרײַנגעשטעקט. אָבער אויף קיין נעס וואַרט ער שוין ניט. און ווען אַזאַ פּאָר הענט ציִען אַרויס פון דער וואַנע עפּעס קלײנס און פאַרבלוטיקטס, ווייסט ער:

דאָס איז דאָס טויטע, איבערגוואַלד אויפגעמאַנטע רעשט פון עסטערס טויטער, ניט דערטראָגענער בענקשאַפט.

אָט דאָס איז די מײַסע מיט אַ מענטשן, וואָס איז געזעסן בא דער נאַכט איבערן טײַכל און פּלוצלינג דערפילט, ווי נאָריש עס זײַנען זײַנע אויסגעשטרעקטע פיס. איז ער לאַנג געזעסן, ביז די ערד אונטער אים האָט זיך צעווײנט מיט אַ פאַרשטיקטן ציטער און וואָלקנס האָבן אָפּגעלאָזט די שטילקײַט פון זייערע פאַראַקשנטע אָרעמס.

איז דער מענטש אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזט שפּרײַזן צום אײנזאַמען פײַערל, דאָרט בא דער גלײַך-געמאָסטענער פלאַכקײַט צווישן שוואַרץ און גראָ. דאָס איז געווען די באַן-סטאַנציע.

איז דאָרט געשטאַנען דער מענטש און געקוקט, ווי די ווײַטע פינצטערע גרויקײַט האָט געעפנט צוויי גלאָצערס, ווי די שוואַרצע דראַכע האָט זיך אַרויסגעריסן פון וואַלד און ליפט בא דר׳ערד, פון אירע סאָנים צו אַנטלויפן.

האָבן רויט-אָפּגעדעקטע וואָלקנס זיך אײַנגעביסן דער דראַכע אין איר שוואַרצן, פאַרי-סענעם צאָפּ און מיטגעלאָפן. איז זי באַפאַלן פון אַלע זײַטן אַ מאַבל פון רויטע פײַער-פליגן, איז צוגעשוומען די דראַכע צו דער סטאַנציע אויף ליכטנדיקע, נעפלדיקע פליספעדערן און צוריקגעהאַלטן איר אָפּגעהאַקטן אָטעם.

ערשט דאַן האָט זיך דער מענטש דערמאָנט אין דעם הונט און אים אַרומגעזוכט מיט די אויגן אין דער אויפגעוועקטער, אָפּגעדעקטער נאַכט.

האָט ער דערזען דעם הונט צווישן בײדע שטאָלענע שינעס, הינטער די שוואַרצע לאַנג-זאַמע רעדער אונטערן אָפענעם פײַער-בויך פון לאָקאָמאָטיוו.

דאָרט האָט דער הונט זיך האַסטיק אומגעדרייט און געטאַנצט אויף דרײַ פיס. און אָט דרייט ער זיך שוין מיט אַ האַלבן קאָפּ און האָט ניט מיט וואָס צו יאָמערן, און אָט ציטערט ער שוין, ליגנדיק מיטן געפלעקטן בויך אַרויף און מיט פיס, ווי די העלצלעך, אײנדערלופטן.

דרייט זיך ארום דער מענטש אונטער פרעמדע שירעמס, אונטער ראָזן רעגן בא די אילוזיאָן-פּײַערן. ער קוקט זיך אַלץ ארום, צי ארום אים איז דאָ אַ געװנגנדיקע מענטשן-װאנט. און פֿון דעם אָרט, װו די מענטשן-װאנט װערט שיטערער, יאָגט אָף אים אַ פינצטערע איימע אינמיטן דער שטאָט.

ער לאָזט זיך אַרײַנשטראָמען אין „אילוזיאָן". דאָרט זיצט ער פאַרפאַנצערט אין זײַן נאסן מאנטל מיטן אופגעשטעלטן קאָלנער, די הענט אין די אַרבל פאַרוקט און די אויגן צוגעמאכט. װיגט ער זיך אַפן יאַם פון ארומיקן גערודער און עס באַפרידיקט אים דאָס אומרויקע געקלאַפּערײַ פון די שטעקנס אָן דער פּאַדלאָגע. װערט שטיל, עפנט ער די אויגן: פינצטער. מיט אַ דין געקנאַלערײַ, װי מיט אַ טויטן שאָטן פון װײַט-ברומענדיקע פּראָפּעלערן, װאַקסט אוף אַ טויט-בלאָע שאָטן-װעלט אין ענגן קװאדראט. און ארום — אַ פינצטערער װאלד פון פאַרגליווערטע מענטשן-ביימער. די מוזיק האָט פאַרשפּעטיקט, און דעם מענטשן אינמיטן זאָל װערט פלוצלינג ניט גוט, װוען גאַנץ אומדערוואַרט נעמען צו אים די פידלען ריידן.

די פידלען האָבן פרויזש-צאַרטע און אומבאַראַכמאָנעסדיקע הענט. זיי דרינגען ארונטער אונטער זײַן מאַנטל-פאַנצער און באַקומען זיך צו זײַן ליידיק האַרץ.

איז איין פידל ייִנגער און לײַדנשאַפטלעכער. זי טוט איר אוװידע מיט אַ שיקערער פּאַרגעסנקײַט. זי שנײַדט, װי זי װאָלט געקושט. איז די צװייטע פידל געלאַסן און פילװיסנדיק. ליגט אַ געפערלעכער רייץ אין דער צאַרטער זיכערקײַט פון איר מעסער. האַלטן זיי זיך, די שיינע שװעסטער, בא די הענט און טוען באַנאַנד זייער גאַטלאָזע אַרבעט.

און דער מענטש פאַרשטעלט זיך דאָס ליידיקע האַרץ מיט ביידע הענט און אַנטלויפט.

ער טראַכט, אַז קורטע איז קליגער געװען און ער דאַרף זיך בא אים לערנען.

שטייט ער אונטערן רעגן אינמיטן דער ראָז-גלאַנציקער גאַס און קוקט, װעלכער פון די טראַמװײַ-אויגן גליטשט זיך שנעלער אָן.

עס האָט אים אַ שטויס געטאָן איבערן אַקסל.

אַ פערד האָט הויך פאַריסן דעם קאָפ איבער אים און װיל עפּעס אַרויסריידן מיט אַ שטומען אָפענעם מויל. אין עמעצנס אָרעמס װערט ער אַרײַנגעצװוּנגען, װי אין אַ זאַק. עמעץ זאָרגט זיך שטאַרק װעגן אים.

און װידער אַ ליכטיקער זאַל, מיט מענטשן באַזעצט ענג ארום די טישלעך.

די אָרעמס, װאָס האַלטן אים ארומגענומען, לאָזן אים לאַנגזאַם אַראָפּ אָף אַ װייכן שטול, לעבן טישל.

— ס'װעט איבערגיין, פאַני ראַבינאָװיטש, גלייבט מיר. איר זענט איבערגעשראָקן. מיך האָט מען אויך דאָ װען שיר ניט איבערגעפאָרן...

װער איז ער, דער מענטש אין דעם האַרטן קאַפעליוש אַפן שפּיץ קאָפּ, מיטן בלויען קינבאַק, מיט די גראָבע װאָנצעס און דרײַקאַנטיקן פלעמל אין אויג?

װאָס זאָרגט ער זיך אַזוי װעגן אים?

— טרינקט אײַער קאַװע, אָט איז פּוטערקוכן! איך האָב אײַך ארומגעזוכט, פאַני ראַבינאָװיטש, װי מיט ליכט...

אַזוי באַקאַנט איז אים דער מענטש מיט די גראָבע װאָנצעס, מיטן קאַפעליוש אַפן שפּיץ קאָפּ. פאַרװאָס ליכט אים אַ דרײַקאַנטיק פלעמל אין אויג?

און יענער בייגט זיך איבער צו שמועלן איבערן קליינעם טישל און צעשמעלצט זיך מיט די אויגן, און זײַן בלויער קינבאַק צעשפּאַרט זיך פאַר באַגײַסטערונג.

— פאַני ראַבינאָװיטש, צװיי װערטער: איך האָב די טעג באַקומען פון אויסלאַנד אַ פאַרטיע יוכט... אָבער סכוירע, זאָג איך אײַך!

דער מענטש מיט די װאָנצעס קושט זיך די שפּיצן פון זײַן בינטל גראָבע פינגער.

■ ■ ■

ג ע אָ ר ג י   ג ו ל י׳ א

וואָס עס האָבן מיר דערציילט מײַנע פֿרײַנט

(סקיצעס)

א טיגער אין האָטעל

(ניקאָליַי טיכאָנאָוו)

וואָס? א טיגער אין האָטעל? עס קאָן ניט זײַן!

זאָג איך טאקע אזוי: עס קאָן ניט זײַן! עס קאָן דאָך ניט אָט אזוי אינמיצקעדערינען זיך יאווען א טיגער אין האָטעל.

אָבער ער האָט זיך דאפקע יאָ באוויזן! אין יערעוואנער האָטעל. אין יערעוואנער, און ניט ערגעץ-ווו אין אן אנדער אָרט!

אין יערעוואנער? עס קאָן ניט זײַן!

זאָג איך טאקע אזוי: עס קאָן ניט זײַן! עס קאָן ניט זײַן, אז אין יערעוואנער...

אָבער באוויזן זיך האָט ער פּאָרט אין יערעוואנער האָטעל. נו, פּרוּוו זיך פאנאנדער-קלײַבן! דער טײַוול ווייסט עס!

גלײַך טאקע אין פענצטער זיך באוויזן. אין יענעם פענצטער, וואָס גייט ארויס אף דער אבאָוויאן-גאס.

וואָכ? אין פענצטער? עס קאָן ניט זײַן!

זאָג איך טאקע: עס קאָן ניט זײַן. אָט, עס קאָן ניט זײַן, נאָר איך האָב מיט די איי-גענע אויגן געזען. ער האָט מיט די נעגל א שקראבע געטאָן דאָס פענצטער-ברעטל, גע-עפנט דעם פּיסק און א מיאוקע געטאָן. ניין, איר שטעלט זיך פאָר? א טיגער, א לעבעדי-קער טיגער אין פענצטער, וואָס גייט ארויס אף דער אבאָוויאן-גאס!

ס׳איז גרינג צו זאָגן „עס קאָן ניט זײַן”, און אויב איך בין אליין געווען אן איידעס? אָט קלײַב זיך פאנאנדער! דער רוער ווייסט וואָס!

און באוויזן האָט ער זיך ניט פּאָשעט אין פענצטער, נאָר אין פענצטער פונעם צווייטן שטאָק. עס קאָן ניט זײַן? זאָג איך טאקע: עס קאָן ניט זײַן!

אָבער וויִאזוי האָט ער אָנגעטראָפן אהין — אָט דער לעבעדיקער טיגער? דאָס איז דאָך זייער אינטערעסאנט. איז אָט. דרײַ טעג און דרײַ נעכט האָט געכליעשטשעט א גוסרעגן. די וואסערן פונעם סעוואן זײַנען

ארויס פון די ברעגן. די אבאָוויאַן-גאַס איז אין איין אויגנבליק פאַרגאָסן געוואָרן ביז די צווייטע שטאָקן. דאָס באַרג-וואַסער האָט געבושעוועט און געווירבלט. דער אראַקס האָט אין פאַרגלײַך מיט אָט דעם שטראָם אויסגעזען ווי א סמירנע ריטשקעלע.

און דעם טיגער האָט א טראָג געטאָן מיטן שטראָם. לאַכלוטן טראָץ זײַן פאַרלאַנג. עפּשער האָט ער זיך גענומען פון עפּעס א זאָאָפּאַרק, נאָר גיכער פון אַלץ פון א מידבער.

שווימט ער אַזוי, שווימט, די מאָרדע אַרויסגעשטרעקט. וואָדען זאָל ער טאָן, אַן אַנדער ברירה האָט ער? און דאָ — דער האָטעל. דער צווייטער שטאָק. א צעפּראַלט פענצטער. האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַרן בײַשטידל.

עס קאָן ניט זײַן? זאָג איך טאַקע: עס קאָן ניט זײַן!

אָבער גערײטשעט האָט ער דאָך אַף מיר, די ציין געשטשירעט אַף מיר. און געמיאַוקעט אויך אַף מיר. צוויי רײַסציין האָבן דײַטלעך געבלאַנקט, ווי צוויי בליצנדיקע אויטאָפּענעס...

וועט איר זאָגן: „א טיגער אין האָטעל? עס קאָן ניט זײַן!"

ריכטיק, עס קאָן ניט זײַן, אָבער פאָרט האָט ער זיך באַוויזן אין האָטעל. אַפן צווייטן שטאָק. אין יענעם פענצטער, וועלכער גייט אַרויס אַף דער אבאָוויאַן-גאַס.

אָט קלײַב זיך פאַנאַנדער! דער רוער ווייסט וואָס!

טײַנעם צום טאָלומבאַש

(אַלעקסאַנדער פּאַדייעוו)

אָט, קאָסטיע,[1] זיץ איך אַזוי בא דעם דאָזיקן טיש און דערמאָן זיך אַן אַנדער עפּיזאָד, וועגן וועלכן איך קלײַב זיך, אַזוי צו זאָגן, אָנשרײַבן און ס'איז אַלץ קיין צײַט ניטאָ.

געוויס איז עס בייס א מיטיק בא דעם קלאַסיקער פון דער אבכאַזישער ליטעראַטור בא דמיטרי יאָסיפאָוויטש גוליאַ אין זעקס-און-דרײַסיקסטן. איך האָב דעמלט, אַזוי צו זאָגן, אָפּגערוט אין סינאָפּ און אַרומגעקלערט די ווײַטערדיקע אַרבעט איבערן ראָמאַן „אודעהע". ס'איז געווען זוניק און רויִק אַף דער נעשאָמע.

איך געדענק א לאַנגן טיש, אָן א שיר, אַזוי צו זאָגן, מײַכאָלים, און ווײַן.

דמיטרי יאָסיפאָוויטש האָט פּונקט דעמלט באַגעגנט א יונגע פּאָר — זײַן ייִנגערן זון און די שנור. דער מאָלצײַט איז געגאַנגען, ווי דער שטייגער איז, אין אבכאַזישן גײַסט: מיט א טאָלומבאַש אין דער שפּיץ, מיט לאַנגע, גוט אַרגומענטירטע, הייסט עס, דראָשעס און מיט אָן א שיר, מע קאָן זיך אַפילו ניט פאָרשטעלן, אַזוי צו זאָגן, „איזאַבעלאַ".

דראָשעס האָט געהאַלטן דער טאָלומבאַש, דמיטרי יאָסיפאָוויטשעס ברודער. דער באַלעבאָס גופא, ווי אויך זײַנע געסט, זײַנען געווען געשטימט פריילעך, גוטהאַרציק.

און פּלוצעם האָט זיך אַלץ, אַזוי צו זאָגן, געביטן. דער באַלעבאָס איז געוואָרן מאָרעשכוירעדיק, ער האָט עפּעס, הייסט עס, גענומען מוסערן דעם טאָלומבאַש אַף אבכאַזיש. דער טאָלומבאַש האָט זיך זייער פאַרלוירן: דאָס האָט מען געזען לויט זײַן געזיכט. ער האָט זיך ווי דערפילט שולדיק. בא אים האָבן אַפילו די ציין, אַזוי צו זאָגן, פון אופגערעגטקײַט, הייסט עס, געציטערט. דמיטרי יאָסיפאָוויטש האָלט אים אין איין מוסערן, און דער טאָלומבאַש, ווי ס'איז צו זען, קאָן זיך ניט פאַרענטפערן.

וואָס זשע האָט געטראָפן באַם טיש?

[1] קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו.

דער טאַלומבאַש האָט אומגערן אויוער געוועזן אַף דער טראַדיציע. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, הייסט עס, האָט ער זיך באַנאַרישט. יאָ, ער האָט זיך באַנאַרישט. האַגאַם מע האָט אין יענעם טאָג באַערט אין דער מישפּאָכע דעם יינגערן זון און זײַן ווײַב, איז אָבער באַם טיש געזעסן, אַזוי צו זאָגן, אויך דער אַנדערער, דמיטרי יאָסיפּאָוויטשעס עלטערער זון. האָט מען קוידעמקאָל געדאַרפט אויסטרינקען פאַר אים, און ערשט דערנאָך פאַרן יינגערן. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, לויט דער טראַדיציע.

דער טאַלומבאַש, וועלכער האָט שוין געהאַט אויפגעהויבן אַ טאָסט פאַר דער יונגער פּאָר, איז אַרײַנגעפאַלן, הייסט עס, אין אַ שווערער לאַגע. איך וואָלט געזאָגט, אין אַן אויסערסט שווערער לאַגע. ער האָט מיט אַלע קיכעס געפּרוווט זיך אַרויסדרייען, געזוכט אַ וועג אַף אָפּצוטרעטן מיט קאָוועד, אָבער דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, ניט לײַכט. ניט לײַכט, ווײַל דמיטרי יאָסיפּאָוויטש האָט געפּאָדערט פון אים, ער זאָל אָנערקענען זײַן שולד, הייסט עס, אין דער אָנוועזנהײַט פון די געסט.

אָט דער ערנסטער געשפּרעך האָט געדויערט גאַנץ לאַנג. ס'האָבן זיך אַרײַנגעמישט אויך די געסט, אַזוי צו זאָגן, די סאַמע עלטסטע. איך בין געווען אַן איידעס, ווי מיט אַלע פּראַטים, זאַכלעך און איינצײַטיק הייס און אומבעשאַלעמדיק, הייסט עס, איז אַרומגערעדט געוואָרן דער פאַקט פון אויוער זײַן אַף דער טראַדיציע, און מע האָט געוואָלט באַשטימען די מאַדרייגע פון דער דאָזיקער שולד.

דער טאָסט איז, פאַרשטייט זיך, אָפּגעשאַפן געוואָרן. דער טאַלומבאַש האָט זיך געפילט גאָר ניט פייגלדיק.

וועגן דעם דאָזיקן עפּיזאָד וועל איך אָנשרײַבן. ער איז מיר, אַזוי צו זאָגן, צום האַרצן מיט עפּעס אַ פילאָסאָפישער, לעבנסוויכטיקער פאָלקס-כאָכמע. עס איז ניט אַזוי פּאָשעט, ווי דאָס קאָן, הייסט עס, זיך אויסווײַזן אַפן ערשטן קוק. ער זאָגט איידעס וועגן דער ראַפינירטקײַט פון מענטשלעכע באַציִונגען, וואָס מע דאַרף אַזוינס אומעטום זיך דערשלאָגן.

אָבער שרײַבן דאַרף מען וועגן אַזעלכע זאַכן מיט נעשאָמע, אַזוי ווי ס'איז געווען דעמאָלט, מיט פופצן יאָר צוריק, אין די טעג פון דעם, אַזוי צו זאָגן, זאָרגלאָזן לעבן אין סינאַפּ — אָן זיצונגען און רעדעס, אָן דעם אַקאָמפּאַנעמענט פון, אַזוי צו זאָגן, די פּאַרמאַטערטע ביזן טויט סטענאָגראַפּיסטקעס...

די קוואַדראַטור פונעם קרײַז

(אַלעקסאַנדער טוואַרדאָווסקי)

אָן איינצימערדיקע דירע פאַרמאָגט אירע פּליוסן און מינוסן. אַ גרויסע דירע האָט אויך אירע פּליוסן און מינוסן. אָבער פונעם שטאַנדפּונקטן פון גאַסטפרײַנטלעכקייט, וואָס עס האָט אַ שײַכעס צו נאָענטע און ווײַטע קרוווים, פאַרמאָגט אַן איינצימערדיקע דירע גרעסערע מײַלעס. דאָ איז, זאָלט איר וויסן, די זאַך ניט אין עמאָציעס, נאָר אין אַ ריין זאַכלעכן צוגאַנג, אין שליימעסדיקן אוטיליטאַריזם.

אָט זײַנען צו אײַך געקומען צו פאָרן געסט. און לעבן לעבט איר אין איין צימער. מיטן ווײַב, מיטן קינד און אַפילע מיט דער שוויגער. וואָס זשע זאָל מען טאָן?

מע זעצט זיך, אַזויאַרום, צום טיש, מע טרינקט, מע עסט, דערנאָך דאַרף מען זיך לייגן שלאָפן. ווייניק, זאָגט איר, אָרט? דרײַ אַף איין בעט, דרײַ אַף אַ צווייטן. דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע — אין איין ווינקל, דאָס קינד — אין אַ צווייטן, די שוויגער האָט זיך באַקוועם אײַנגעאָרדנט אַפן דיל. דו טוסט אַ קוק, גאַנץ פײַן, ס'איז נאָך אַפילע געבליבן

פרײַ אָרט: הינטער דער שאפע און אונטערן טיש, און לעבן דער טיר קאָן מען אוועקשטעלן א ראסקלאַדושקע.

איצטער לאָמיר א קוק טאָן, וואס עס באקומט זיך אין א פילצימערדיקער דירע — לעמאָשל, אין א פירצימערדיקער.

אָט זײַנען געקומען צו אײַך געסט. אלץ איז ווי ס'באדארף צו זײַן: מ'איז געזעסן, גע-טרונקען, אָפּגעגעסן און עס איז שוין צײַט זיך לייגן שלאָפן.

און דאָ הייבן זיך אָן קאָלערליי מוטשע-נישן און אומבאקוועמלעכקייטן.

אין ארבעטס-קאבינעט ארבעט איר, גע-וויינלעך. ס'געפינען זיך דאָרט די ביכער און אנדערע זאכן. א קאבינעט איז צוליב דעם א קאבינעט, מע זאָל דאָרט ארבעטן און ניט שלאָפן. דעריבער קאָן מען אין קאבינעט דעם גאסט ניט אײַנאָרדענען.

איצטער נעמט דעם קינדער-צימער. דאָרט לעבט דײַן קינד. און ניט אליין — אָפט מיט דער שוויגער. דאָרט איז אלץ צעשטעלט אין דער געהעריקער אָרדענונג. אויך די היגיענע קאָן מען פונעם כעזשבן ניט אראָפּוואַרפן.

ארײַנלאָזן אהער פרעמדע אייצעט ניט די מע-דיצין.

ווײַטער, דער שלאָפצימער. דאָ אנט-שטייט פאר אײַך אן אומפארמײַדלעכע פרא-גע: וואס הייסט ארײַנלאָזן אין אָט דעם אינ-טימען אָרט געסט? ס'איז פּאַשעט ניט אָנשטענ-דיק. אזויארום, פאלט אויך דער שלאָפצימער אָפּ.

פארבלײַבט דער עסצימער. נאָר זאָגט מיר, איך בעט אײַך, צי קאָן מען שלאָפן דאָרט, ווו מענטשן עסן? נו, פארשטייט זיך, מע דארף נעמען אין אכט די סאניטאַר-נאָר-מעס און דעסגלײַכן.

און אין קאָרידאָר וועסטו אויך ניט בא-לייגן די געסט — דאָס וואָלט שוין געווען א באליידיקונג.

ברעכט איר זיך דעם קאָפּ, קעדיי אויס-כעזשבענען פינקטלעך די קוואדראטור פונעם קרײַז. אזוינס אָבער קאָן אײַך אין קאָפּ ניט קומען אין אײַער איינצימערדיקער דירע, ווו עס שלאָפן באקוועם און היימיש די בנײ-באַיס, נאָענטע קרויווים און גלאט גוטע בא-קאַנטע...

א באַלעבאָס אף א שאָ

(מיכאיל סוועטלאָוו)

דאָס איז ריכטיק: איך בין געווען א בא-לעבאָס. עמעס, ניט קיין לאנגע צײַט — אינ-גאנצן איין שאָ. נאָר פאָרט א באלעבאָס!

א שיינע שטוב איז עס געווען. זי האָט געשמעקט מיט פרישער סאָסנע.

און ארײַנגעגאנגען בין איך אין איר ווי אן עכטער באלעבאָס.

כ'האָב זי ארומגעקוקט.

זי איז מיר געפעלן געוואָרן.

יאָ, ס'איז געווען מײַן אייגענע שטוב!

נו, גוט, קלער איך, מע דארף זיך אָפּ-רוען. איך טו א קוק — נארעס. און זיי שמעקן אויך מיט סאָסנע. האָב איך א וואָרף געטאָן אף די נארעס די שינעל און, ווי גאָט איז אַדעס, זיך אויסגעצויגן אף זיי.

סארא פארגעניגן זיך אויסצײַען אף נא-רעס אין דײַן אייגענער שטוב!

און איצטער הערט אויס, וויאזוי איך האָב זי באקומען.

געווען איז בא אונדז אין דער טאנקען-טייל איינער א נאטשאלניק פונעם פאָליט-אָפּטייל. א ביסל א שטרענגער, א ביסל א

ניט-גלייבער, א ביסל א טרינקער, נאָר ביכ-
לאַל גאָרניט קיין שלעכטער מענטש. דאָס איז פאָרגעקומען ערגעץ הינטער האָמעל אין זומער פון טויזנט ניַין הונדערט דריַ-און-פערציקסטן יאָר...

איינמאָל רופט מיך צו אָט דער נאטשאַלניק און זאָגט:

— נו, וואָס, פאַפירענע נעשאָמע, דו פירסט נאָך אַלץ מיט דער פען?

— אזא, — ענטפער איך, — איז די פליכט פון א קאָרעספּאָנדענט פון אן ארמיי-ציַיטונג.

— מע זאָגט, איך לידלעך שריַיבסטו?

— איך שריַיב, — ענטפער איך.

— הער א מיַיסע! — און ער טוט א ווונק צו זיַין בוכפירער, ווי איינער זאָגט — דער מענטש ליַיגט און פאַרקרימט זיך ניט אפילע.

איך האָב זיך שוין גענומען באַליידיקן:

— סיַי איך שריַיב, סיַי איך לייען פאַר די שלאַכטליַיט...

איך זע, דער נאטשאַלניק האָט א קנייטש געטאָן מיט די אקסל — ער גלייבט ניט, קלער איך.

— איך ווייס איינע א ליד, — מאַכט ער צו מיר, — ריכטיקער געזאָגט, א זינגליד. שוין איינמאָל א ליד, און אָט יענע ליד האָט אן עכטער דיכטער אָנגעשריבן. און דו ביסט ווער? אויך, הייסט עס, א פּאָעט?

— וואָס פאַר א ליד? — פרעג איך.

— „קאַכאָווקע", — ענטפערט ער, — הייסט זי. דו ווייסט אזא ליד? אָט דאָס איז א ליד! זי ליגט בא מיר אין סאַמע הארצן! און צי דען בלויז בא מיר? זאָלסטו וויסן, אז אזא ליד אָנשריַיבן קאָן בלויז א דיכטער! פאַרשטאַנען, כאַווער זשורנאַליסט?

איך לאַך. אויך דער בוכפירער לאַכט. און ער זאָגט דעם נאטשאַלניק פונעם פּאָליט-אָפּטייל:

— טאַקע ער איז יענער פּאָעט, און ער האָט אָנגעשריבן „קאַכאָווקע"...

— וואָס? טאַקע יענער? „קאַכאָווקע"?

דער נאטשאַלניק האָט ניט געגלייבט. ער האָט גענומען פאַנאַנדערפרעגן בא איינעם, בא א צווייטן — אויסקלאָרן די זאַך. א גאַנצע אויספאָרשונג געמאַכט.

און ער האָט ענדלעך אויסגעקלאָרט.

און ווי נאָר ער האָט אויסגעקלאָרט, האָט ער גליַיך באַפוילן, די סאַפּיאָרן זאָלן אויסבויען א שטוב. אינעם וועלדל. און זי איבערגעבן אין מיַין פולן רעשוס.

— א פּאָעט טאָר ניט לעבן אין זעמליאַנקע, — האָט ער געזאָגט, — און איר זיַיט א פּאָעט, איר האָט אָנגעשריבן „קאַכאָווקע"!

און מע האָט אויסגעבויט א שטוב.

לויט אַלע קלאָלים.

פון סאָסנע-ביימער.

אין סאָסנע-וואַלד...

בין איך געלעגן אָף דער נאַרע און האָב געקלערט. וועגן פאַרשיידענע זאַכן געקלערט.

א גאַנצע שאָ בין איך געווען דער באַלעבאָס פון א שטוב, און כ'האָב געקלערט.

און פּלוצעם...

פּלוצעם — באַך! — א באַפעל: טייקעף זיך אופהייבן פון די ערטער — און פאָרויס! און מיר זיַינען אוועק...

און די שטוב איז אזוי געבליבן אין יענעם וואַלד.

מיַין אייגענע שטוב.

וואָס אזוינס איז בלוט

(פּראָפעסאָר י. א. קאַסירסקי)

אין א סאַך מיַיסעלעך ווערט דערציילט וועגן מאַים-כאַים, וועגן לעבעדיק וואַסער. ווונדערלעך וואַסער! עס איז בעקויעך מאַכן פון טויט לעבעדיק. איר געדענקט אָט די מיַיסעלעך פון איַיער קינדהייט?

— די זעלבע אייגנשאַפטן האָט אויך אונדזער בלוט. מע רופט עס — די אינערלעכע סוויווע פונעם מענטשלעכן אָרגאַניזם.

וואָס זשע אזוינס איז בלוט?

ס'איז ניט אזוי פּראָסט צו דערציילן אין צווי ווערטער, פון וואָס עס באַשטייט בלוט, וואָס באַטייליקט זיך אינעם אויסטויש פון יעדן קעמערל, פון יעדן געוועב, פון יעדן אָרגאַן, און די פאָדערונגען זייערע זיַינען דאָך אומגעהייער פאַרשיידנאַרטיק. דעריבער דאַרפן אינעם בלוט זיך געפינען די סאַמע פאַרשיידנאַרטיקסטע טיילכלעך. און אזוי איז עס טאַקע.

א מענטש פארמאָגט דורכשניטלעך פינף מיט א האלבן — זעקס ליטער בלוט (איין צוועלפטל, איין פערצנטל פון זײַן וואָג). אף נײַנציק פּראָצענט באשטייט די פּלאזמע פונעם בלוט פון וואסער — פון סאמע געוויינלעך וואסער. דאָס באטײַט, אז אינעם מענטשן צירקולירן איבער די געפעסן שיר ניט פיר ליטער וואסער. און פּאָרט איז דער כעמישער באשטאנד פונעם בלוט זייער און זייער א קאָמפּליצירטער. בלוט אנטהאלט סײַ ווײַסלשטאָף, סײַ דעם אָטעם-פּיגמענט העמאָגלאָבין, סײַ די ניט-ווײַסלשטאָפּיקע אזאָטישע טיילכלעך, און קוילנהידראטן און פעטסן און אָן א שיר פּראָדוקטן פון זייערע פארוואנדלונגען, און צוקער און דעסגלײַכן. נו, פארשטייט זיך, אזאָט, און זוירשטאָף, און קוילנזויער-גאז. און דאָס אלץ, געוויינלעך, אין דער פארייניקונג מיט וואסער. וואָלט ניט געווען קיין וואסער — וואָלט ניט געווען יענע וווּנדערלעכע פליסיקע סוויווע, וואָס רופט זיך בלוט.

אינעם בלוט צירקולירן נאָך הארמאָנען. זיי זײַנען, קאָן מען זאָגן, דער הויפּט-באוועגער פון דעם לעבן. דער אויסטויש פון די דאָזיקע הארמאָנען, די רעכטצײַטיקע מאָביליזאציע פון די הארמאָנען פון גוטס און שלעכטס — פון די שוץ-הארמאָנען, פון די הארמאָנען פון אדרענאלין, פון די הארמאָנען פון היציקײַט און פון פרייד, וואָס זיי ווערן געבוירן אין די זייער וויכטיקע ענדאָקרינישע אָרגאנען, — איך כאזער איבער, זייער אויסטויש און מאָביליזאציע זײַנען לעבנס-וויכטיקע אין דער פיזיאָלאָגיע פונעם בלוט. מע דארף געדענקען, אז די הארמאָנען ווערן גיך און באצײַטנס דערלאנגט צו די פארשיידנסטע טיילן פונעם אָרגאניזם, און קוידעמקאָל צום מויעך, וועלכער וואָלט אָן הארמאָנען ניט געקאָנט עקזיסטירן.

ווי איר פארשטייט אליין, האָט דער מענטש ניט זייער קיין סאך בלוט. פונדעסטוועגן, גייען דורך אין משך פון א מעסלעס אף יעדן געגעבענעם באצירק איבערן לאבירינט פון די בלוט-געפעסן ביז צוויי הונדערט טויזנט ליטער בלוט. און דאָס איז צו פארדאנקען דער אומופהערלעכער, בעעמעס העראָישער ארבעט פונעם הארץ.

כ'וועל אָנרופן נאָך עטלעכע „אסטראָנאָמישע” ציפערן.

די אלגעמיינע צאָל עריטראָציטן — אָט די מיקראָ-לונגען, וועלכע באטייליקן זיך אקטיוו אין די אָקסידיר-פּראָצעסן פונעם מענטשלעכן אָרגאניזם, באטרעפט אינעם בלוט ביז פינף און צוואנציק טריליאָן שטיק. דער אלגעמיינער אויבערפלאך פון אלע עריטראָציטן אנטהאלט דרײַ טויזנט קוואדראט-מעטער. דאָס איז אין אָנדערהאלבן טויזנט מאָל מער, איידער דער אויבערפלאך פונעם מענטשלעכן קערפּער.

די צאָל לייקאָציטן אינעם בלוט איז פינף און פערציק מיליארד, און טראָמבאָציטן, וועלכע באטייליקן זיך אין פארבאקן דאָס בלוט, באטרעפן אָנדערהאלבן טריליאָן. דאָס פארבאקן זיך פונעם בלוט איז אן אומגעהייערע שוץ-אייגנשאפט.

אין טאָקיאָ האָב איך געזען זייער אן אינטערעסאנטן קינאָפילם. אין אים זײַנען וווּנדערלעך באוויזן די אייגנשאפטן פון לייקאָציטן, וועלכע מע קאָן אָן שום גוזמע אָנרופן — וואכזאמסטע גרענעצלער. זייער ארבעט קומט פאָר פולקום אויטאָמאטיש. זיי זײַנען די גאנצע צײַט פארנומען מיט זוכן דעם סוינע, און, געפינענדיק אים, טוען זיי זיך טייקעף א וואָרף אף אים און פרעסן אים אוף. דאָס אלץ איז זייער גוט באוויזן געוואָרן אינעם פילם.

דער באַרימטער פראנצויזישער פיזיאָלאָג קלאָד בערנאר האָט געזאָגט, אז בלוט — דאָס איז דער שפּיגל פונעם אָרגאניזם. ס'איז זייער ריכטיק. אזא פארגלײַך שפּיגלט אָפּ אלץ, וואָס עס קומט פאָר אינעם אָרגאניזם. וועגן אָן א שיר קראנקײַטן אורטיילן מיר לויטן בלוט. ווײַטער.

בלוט איז געווען די ערשטע סוויווע, וועלכע ס'האָט זיך אײַנגעגעבן ארײַנצופירן אינעם מענטשן. בלוט לעבט זיך גוט אײַן, און מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו פאנאנדערקלײַבן זיך אין די גרופּעס פון בלוט. דאָס איז אָבער נאָך ניט אלץ. בלוט און ביין-מארך, וועלכער באטייליקט זיך אקטיוו אינעם בלוטשאפנדיקן פּראָצעס, קאָן מען פארפרירן אף דרײַ-פיר יאָר. פארפרוירענערהייט פארהיטן זיי די וווּנדערבארע ווירקונג זייערע, און בעשאסן איבערגיסן העלפן זיי פונקט אזוי, ווי פריש בלוט און פרישער ביין-מארך.

וואָס מער דו דערלערנסט דאָס בלוט, אלץ מער ביסטו פארכאפּט פון דער גרויסער כאָכמע פון דער נאטור און פון איר וווּנדער — דער רויטער פליסיקײַט, וועלכע רופט זיך בלוט.

סוידעס פון די עטרוסקן

(פּראָפעסאָר ס. ל. אוטשענקאָ)

מיר ווייסן שוין, וויאַזוי ס'האָט אויסגעזען האָמערס טראָיע — עס האָבן זי אויסגעגראָבן די אַרכעאָלאָגן. די לינגוויסטן האָבן געלייזט די רעטעניש פון די עגיפּטישע היעראָגליפן און פון דער באָוולשער פלעקלשריפט. ס'איז אונדז שוין באַוווּסט, ווער עס זײַנען געווען די כעטן און וואָס פאַר א שפּראַך זיי האָבן געהאַט. אָבער עס זײַנען נאָך פאַראַן א סאַך סוידעס אין דער וועלט-געשיכטע. ביז הײַנט זײַנען ניט אַנטדעקט, לעמאָשל, די סוידעס פון די עטרוסקן.

די עטרוסקן, אָדער טוסקן, אָדער, ווי זיי האָבן אַליין זיך גערופן, ראַסענען, — זײַנען זייער א סוידעספול פאָלק. געלעבט האָבן זיי אף דער טעריטאָריע פון דער אוראַלטער איטאַליע. די ערשטע יישובים זייערע, ווי מע דערציילט, זײַנען אופגעקומען נאָך אין עלפטן יאָרהונדערט ביז אונדזער צײַט-רעכענונג. דעם פּעריאָד פון העכסטן אופבלי האָט עטרוריע דערגרייכט אין עטלעכע יאָרהונדערטער אַרום. זיי האָבן געהערשט קימאַט איבערן גאַנצן אַפּענינער האַלב-אינדזל און אַפילע איבער קאָרסיקע.

די שטאָט רוים האָט אין יענער צײַט אויך עקזיסטירט און האָט אויך געהערט צו עטרוריע.

די הויפּט-באַשעפטיקונג פון די עטרוסקן איז געווען ערדאַרבעט. זיי האָבן זיך פאַרנומען אויך מיט האַנטווערקערײַ. א גרויסן שעם האָבן אין דער אוראַלטער וועלט געהאַט זייערע מײַסטערס פון באַאַרבעטן מעטאַלן, מײַסטערס פון שפּיגלען, וואַזעס, קינסטלערישע כפייצים פון גאָלד און פון העלפאַנדביין. בייס די אויסגראַבונגען זײַנען געפונען געוואָרן אַפילע צירונגען פון בײַבאַלטישן בורשטין, וועלכע עס האָבן געבראַכט אַהער, ווײַזט אויס, די פיניקיער.

אין זעקסטן יאָרהונדערט פון אונדזער טקופע האָבן אין עטרוריע עקזיסטירט גרויסע שטעט, לעמאָשל: וויי, צערע, קלוזי, טאַרקוויני.

די עטרוסקישע מעלוכע איז אין יענער צײַט געווען א קלאַסן-געזעלשאַפט, א שקלאַפנבאַזיצערישע. דאָ האָט עקזיסטירט א צאַרישע מאַכט, ס'איז געווען אַן אייגענע אַריסטאָקראַטיע — די אַזויגערופענע לוקאַמאָנען — און א פילצאָליקע דאָרפישע באַפעלקערונג.

די עטרוסקן האָבן געהאַט א שטאַרקע ווירקונג אף דער אַנטוויקלונג פון רוים. די רוימער האָבן איבערגענומען בא זיי א סאַך זיטן, דערונטער די פאַרמעסטונגען פון גלאַדיאַטאָרס. אַזעלכע נעמען, ווי גניי, מאַרג און אַנדערע, שטאַמען אויך פון די עטרוסקן.

די אײַנערלעכע רײַסערײַ האָט אָפּגעשוואַכט עטרוריע. א שטאַרקן קלאַפּ האָבן געגעבן איבער איר די גריכן, וועלכע האָבן געלעבט אין דאָרעם-איטאַליע. ענדגילטיק האָט אײַנגעבראָכן די עטרוסקן דער אופשטאַנד פון די לאַטײַנישע שוואָטים.

און דעמלט הייבט אוף דעם קאָפּ רוים.

רוים צעוואַקסט זיך.

רוים הייבט אָן זײַן אופשטײַג צו דער וועלט-הערשאַפט.

דאָס אַלץ איז אונדז גוט באַוווּסט. אין וואָס זשע באַשטייט, פונדעסטוועגן, די רעטעניש פון די עטרוסקן?

דער ערשטער סאָד: די אָפּשטאַמונג פון די עטרוסקן. דער צווייטער: זייער שפּראַך.

פון די אוראַלטסטע צײַטן ביז אונדזערע טעג עקזיסטירן צוויי ווערסיעס: די עטרוסקן האָבן זיך געיאַזועט פון מיזרעך (פון קליין-אַזיע) אָדער פון צאָפן (דורך די אַלפּן) און — די עטרוסקן האָבן זיך פון ערגעץ ניט געיאַזועט, זיי האָבן דאָ געלעבט פון לאַנגאַנען...

ביז הײַנט-צו-טאָג זײַנען געפונען געוואָרן בא א ניין טויזנט עטרוסקער אופשריפטן. די שריפט בא זיי איז געבויט אָפּן סמאַך פון דער גריכישער. האַגאַם מיר לייענען אַלץ, אָבער פאַרשטיין קאָן מען גאָרניט, ווײַל די אופשריפטן זײַנען געמאַכט אף אָן אַבסאָליוט אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך. א סאַך יאָרצענדליקער האָבן געלערנטע געפּרוּווט לייזן די רעטעניש פון דער עטרוסקישער שפּראַך. עס איז געווען אומבאַהאָלפן אויך די פאַרגלײַכלעכע שפּראַכוויסנשאַפט. אייניקע געלערנטע האָבן אַפילע געפּרוּווט מאַכן א פאַרגלײַך צווישן דער עטרוסקישער שפּראַך מיט דער יאַפּאַנישער...

איך בין איבערצײַגט, אַז די וויסנשאַפט וועט ווען-עס-איז אַנטדעקן די סוידעס פון די עטרוסקן. מעגלעך, אַז אָט די צײַט איז ניט ווײַט. דערמיט איז, אַגעוו, אינטערעסאַנט די אוראַלטע געשיכטע, וואָס זי האָט נאָך א סאַך פאַרשיידענע סוידעס, וועלכע וועלן אָן אופהער צוציִען צו זיך יונגע וויסנגיריקע מויכעס.

די קונסט פון רעדאַקטור

(אלעקסאנדער דימשיץ)

וואָס טוט מיט א קסאוויאַד א פאַנאַטי-שער רעדאַקטאָר? קוידעמקאָל רעדאַגירט ער — וואָס עס זאָל ניט זײַן.

וואָס טוט מיט א קסאוויאַד א קלוגער רעדאַקטאָר? ער רעדאַגירט אויך קוידעמקאָל, נאָר אין טאַך.

ווען עלמאר גרין האָט געבראַכט זײַן גרעסערע דערציילונג „דער ווינט פון דאַ-רעם" אין דער רעדאַקציע פונעם לענינגראַדער זשורנאַל „זוועזדא", האָט ער געוווּסט, אַז די דערציילונג וועט לייענען און מוז לייענען א רעדאַקטאָר.

דער פריילעכער שאַרפזיניקער שרײַבער, דער אויסגעצייכנטער סטיליסט דמיטרי אַסטראַוו, וועלכער האָט אין זשורנאַל „זוועז-דא" רעדאַגירט די פּראָזע, האָט געוווּסט זײַן פליכט: ער דאַרף רעדאַגירן די קסאוויאַדן!

עלמאר גרין איז אין יענער צײַט געווען דער אוטאָר בלויז פון עטלעכע גוטע דערציי-לונגען, וועלכע זײַנען דערשינען נאָך פאַר דער מילכאָמע. ער איז געווען אַפן פראָנט פיר יאָר, דערנאָך האָט ער אָנגעשריבן א גרעסערע דערציילונג (פּאָוועסט).

דמיטרי אַסטראַוו, מײַן פראָנט-כאַווער, האָט גענומען גרינס מאַנוסקריפּט און אָנגע-הויבן לייענען. און וואָס מער ער האָט גע-לייענט, האָט ער זיך אַלץ מער איבערצײַגט, אַז דאָס איז דער סאַמע אויסנעמלעכער פאַל אין דער פּראַקטיק פון א רעדאַקטאָר, ווען עס פאָדערן זיך אַבסאָליוט ניט קיין אויסבעסע-רונגען. און בא אַסטראַוון, דאַרף מען זאָגן, איז דאָס אויג א ריכטיקס, דער רעדאַקטאָרי-שער כוש — אַן אויסשליסלעך שאַרפער. הייסט עס, אַז דער מאַנוסקריפּט איז פולקום גרייט צום דרוק!

אָבער אומקערן אין רעדאַקציע אַן אַב-סאָליוט ריינעם קסאוויאַד, אָן שפּורן פון רע-דאַקטור, איז עפּעס ניט באַקוועם. מע וועט נאָך זאָגן, אַז דער רעדאַקטאָר האָט זיך גע-פוילט לייענען דעם מאַנוסקריפּט און דעריבער גאָרנישט ניט געטאָן מיט אים.

דמיטרי אַסטראַוו, ווי ער האָט זיך אַליין מיר מוידע געווען, איז אײַנגעגאַנגען אַף א קליינער כיטרעקײַט: ער האָט אַנטליִען בא א שאָכן א פלעשעלע טוש און אַקוראַט פאַר-מעקט אין גרינס מאַנוסקריפּט א סאַך ווער-טער און אַפילע גאַנצע פראַזעס. און פון אויבן, איבער די פאַרמעקטע ווערטער און פראַזעס, האָט ער צוגעשריבן די זעלבע ווערטער און די זעלבע פראַזעס...

דערזען זײַן מאַנוסקריפּט, האָט דער שווײַגער גרין געזאָגט:

— ניין!

און ער האָט שוין געוואָלט אָפּנעמען די דערציילונג.

דעמלט האָט אַסטראַוו אים אַוועקגעזעצט אין א באַזונדער צימערל און געבעטן, ער זאָל אופמערקזאַם זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין די רע-דאַקטאָרישע „אויספאַריכטונגען".

אין א שאָ אַרום איז גרין אַרויסגעגאַנגען פונעם צימערל. ער האָט געשמייכלט. פאַר-זיכטיק אַוועקגעלייגט דעם מאַנוסקריפּט אַפן טיש פונעם רעדאַקטאָר, האָט ער געזאָגט:

— יאָ.

און דערנאָך צוגעגעבן:

— אַדאַנק.

און איז אַוועק.

און די דערציילונג איז אײַנגיכן אָפּגע-דרוקט געוואָרן. גרין האָט פאַר איר באַקומען די מעלוכע-פּרעמיע.

דמיטרי אַסטראַוו האָט זיך געפריינט צו-זאַמען מיטן אוטאָר, וועמענס דערציילונג ער האָט אויסרעדאַגירט, ניט פאַריכטנדיק אין איר קיין איין וואָרט.

„רעביוץ טים לופ עגער א קנעדעג׳כ...״

(יאָסיף גרינבערג)

יעדער איינער קען עפּעס. אכוץ, פֿאַר-שטייט זיך, זײַן הויפּט-אַרבעט. אמאָל אַפֿילע עפּעס זייער אָריגינעלס.

איך ווייס א סאַך ליטעראַטן, וועלכע פֿאַרנעמען זיך אין דער פֿרײַער צײַט מיט פֿאַרשיידענאַרטיקע טשיקאַווע זאַכן. איינער, לע-מאָשל, מאָלט, און אַפֿילע זייער ניט שלעכט, א צווייטער שפּילט אין שאַך און האָט א „קאַטעגאָריע״, דעם טיטל פֿון א מײַסטער אָדער גראָסמייסטער, א דריטער וואַזגעט זיך אַפֿן גאָרטן און פֿאַרמאָגט א שעם פֿון אַן אָרי-גינעלן גרינסציכטלער, אָדער ער פֿאַרנעמט זיך מיט באָטאַניק אין גלאָזבאַלן מאַסשטאַב.

איינער מײַנער א באַקאַנטער זאַמלט ווילדע וואַלד-וואָרצלען, וועלכע זײַנען ענלעך אַף מעכאַשייפֿעס, שיידימלעך, מאַלאַכימלעך. אויך פֿישעלעך כאָטש ער אין זײַנע אַקוואַ-ריומס.

א באַוווּסטער דיכטער זאָגט טאָגטעגלעך פֿאָריס דעם וועטער אַפֿן גאַנצן ערדקײַלעך אין א באַליביקן פּונקט זײַנעם. עמעס, קיינער האָט, דאַכט זיך, ניט קאָנטראָלירט זײַנע נע-וויִעס, אָבער קיינער האָט זיי אויך ניט אָפּגע-לייקנט.

איצטער קאָנסטו פֿרעגן: מיט וואָס זשע פֿאַרנעמסטו זיך — יאָסיף גרינבערג? ענט-פֿער איך: מיט גאָרניט. ווײַל איך בין אַף גאָר-נישט ניט פֿעיִק. איך קאָן ניט, לעמאָשל, קייפֿ-לען (אין קאָפּ, אַף אויסווייניק) צוויי פֿירצאָ-ליקע ציפֿערן.

זאָג, דו לייענסט אַף אויסווייניק פּוש-קינס „כ׳געדענק א רעגע, פֿול מיט צויבער״? עפּשער אַן אַנדער ליד זײַנע? לייג איך פֿאָר אָט וואָס: לייען מיר פֿאָר די ליד, און איך וועל איבערכאַזערן יעדעס וואָרט, נאָר פּונקט פֿאַר-קערט. נו, לייען... די ערשטע שורע... איך הער... אַזוי־אַרום...

„רעביוץ טים לופ עגער א קנעדעג׳כ...״

די צווייטע שורע קלינגט אַזוי... איך וועל איבערכאַזערן נאָך דיר:

„טקעלפטנא רימ ראפ נאד כיז טסאָה וד...״

איך בעט ווײַטער... גיכער.

„רעביוז נוא נייש כעלאַמ א יוו נוא...״

און די פֿערטע שורע:

„קעווא כײַלג נוא כיז נזיוואב״.

דאָס איז לידער. מע קאָן אָבער אויך פּראָזע. לייען אַף א קאָל א באַליביקן טעקסט.

נו, כאָטשבי אָט די נאָטיץ אין דער צײַטונג. לייען גיכער, און איך וועל מיט דער זעלבער שנעלקײַט איבערכאַזערן די ווערטער קאַפּויר. איז אָט:

„טראָ עטשרע סאַד טפּמעקעגסיזא...״ מע קאָן נאָך גיכער... „עדנאמאָק רעטלמאַזוג רעד נופ דנאטשאב ניא נסאָלשעגנײַא נעניײַז נעגנוטטסעמראַפּ יד נופ רעגיז יד...״ און אַזוי ווײַטער.

און איצטער קאָנסטו דורכקאָנטראָלירן דעם טעקסט. וואָס? אַלץ איז ריכטיק? איך האַלט אויך אַזוי...

דעם עמעס געזאָגט, ווייס איך ניט, פֿונ-וואַנען עס נעמט זיך צו מיר. נאָך א קלייני-קער האָב איך געלייענט טעקסטן קאַפּויר. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך קאָן איבערכאַזערן אויך לויטן געהער. ניין, ס׳איז ניט געווען קיין שום טרענירונג. אַלץ האָט פּאַשעט זיך באַקומען פֿון זיך אַליין. אָן א באַ-זונדערער אָנשטרענגונג.

אמאָל באַקומט זיך א קאָמישער אַבסורד. און אמאָל — ניט קיין אָנשטענדיק וואָרט. אָבער ניט איך בין אין דעם שולדיק. די ווער-טער זײַנען ווי איבערגעניצוועט אַף דער אַנדערער זײַט.

און איצטער:

„נקידנעראפּ מעד פא רימאָל...״.

א מאָנאָלאָג אין דער כאַרטשעווניע

(אלעקסאנדער קריוויצקי)

שוין פון לֿאנג האָט מיך געצויגן צו אָט דער אבכאזישער כארטשעווניע. איך גיי אויס פאר אירע מעכײַעדיקע מײַכאָלֿים — אדזשיקא, טשאטשא, מאמאלֿיגע, געבראָטן בופֿלֿאקספלֿייש, בארבאריסעווער ראָסלֿ. איך פארגעטער זיי פֿאָשעט! און קעז אויך. די אבכאזישע קיך האָב איך לֿיב, און „איזאבעלֿא” אויך. דו טרינקסט אָט דעם ווײַן, ווי באלֿזאם. און א באלֿעבאָס איז בא אונדז אויך א געשמאקער — מאקסים! צי ווייסט איר, מאקסים, אז אין ווין איז פאראן אזא רעסטאָראן — „מאקסים”?

איך בין געקומען צו פֿאָרן אהער בלֿויז צוליב אײַער קיך. אנדערש וואָלֿט איך געזעסן אין מאָסקווע. איר ווייסט, „אפּעריטיוו דיובאָנע” אָדער „קיר”? מיט קעז „קאמאמבער”. הא? מיט איילֿבערטן. און א הינדעלֿע א-לֿיא דיזשאָן איז אויך נישקאָשע. א זשיגאָ פון שאָפנפלֿייש א-לֿיא ברעטאָן אָדער פילֿע „סאָטע” א-לֿיא באסק. אויך אויסגעצייכנט. איר ווייסט, מאקסים, דאָס אלֿץ דארף מען פארטרינקען מיט קאָניאק. און מיט וועלֿכן קאָניאק? מיט „ענעסי” צי מיט „רעמי-מארטאן”? אָט ערשט ניט לֿאנג האָב איך בא זיך אין מאָסקווע געגעסן א גריביש. איר ווייסט, מאקסים, וואָס עס איז אזוינס גריביש? ניין? נו, דאָס איז שווער צו דערקלֿערן. בעסער וועלֿ איך אײַך זאָגן, מיט וואָס מע פארטרינקט אָט דעם גריביש. אָדער מיט ווײַסע ווײַנען: „פוי”, „מיוסקאדע”, „בארזאק”. אָדער מיט ראָזעווע: „טאוועלֿ”, „זשיגאָנדא”. אין לֿעצטן פאלֿ — מיט רויטן „נאטאָפישאָן”. און סאלֿאמבאָ פארטרינקט מען בלֿויז מיט שאמפאניער „מום”. אָדער נאָך בעסער — מיט לֿיקיאָר „קאוטראָ”...

נו, כאפט זיי דער טײַוולֿ. ניט אין זיי גייט עס. איך בעט אײַך זייער: קארטאָפלֿ בלֿויז „פרי”. ניין, איר ווייסט ניט, וואָס אזוינס איז „פרי”! מאקסים, וואָס הייסט, איר ווייסט ניט? איר עסט ניט „פרי”? וויאזוי זשע לֿעבט איר? אָן קארטאָפלֿ? הער א מײַסע...

וואָס, קיין קארטאָפלֿ איז ניטאָ? וועלֿן מיר זיך באגיין אָן קארטאָפלֿ. און ראקעס האָט איר? מיט ביר? איך וועלֿ אײַך זאָגן, מאקסים, ס'איז שווער אָן ראקעס, ווען ס'איז דאָ ביר. וואָס? אויך ביר איז ניטאָ? אויב אזוי, גיט מיר א פאָר פאָרציעס שאמפיניאָנען אין סמעטענע. ניטאָ קיין שאמפיניאָנען? איר ערגערט מיך, מאקסים. דאָס איז א קאטאסטראָפע.

פונדעסטוועגן וועלֿן מיר בא זיך ניט אראָפפאלֿן. אָט נאט אײַך געלֿט, מאקסים, באם ארײַנגאנג שטייט מײַן מאשין. שיקט עמעצן אפן מארק. אלֿציינס אף אוועלֿכן. זיבן וויאָרסט איז פאר א מאשין קיין פראָבלֿעם ניט. נאָר בעסער, מאקסים, וועט זײַן אָט אזוי: גיט א פאָר טעפעלֿעך, און זאָלֿ מען צופאָרן אין רעסטאָראן „אבכאזיע” און ברענגען א פאָר פאָרציעס באָרשטש און פיר פאָרציעס קארטאָפלֿ „פ-פ-פרי”, שוואָמען אין מארינאד און א לֿאבן ב-ברויט. שווארץ ברויט. און ביר א פלֿעשלֿעך צען. איר האָט טעפעלֿעך? זייער גוט!

און מיר וועלֿן צוווארטן. מיר אײַלֿן זיך ניט. אין א כארטש-טש-טשעווניע זײַנען מיר דאָך געקומען! מיר וועלֿן זיך א קוויק טאָן מיט דער אבכאזישער קיך. איר פארשטייט, מאקסים?

דער האָבי פון א זשורנאַליסט

(יאַן אָסטראָווסקי)

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך אין א צײַטונג איבערגעלייענט א נאָטיץ וועגן דעם, אַז א שילערן פון צענטן קלאַס אין טביליסי האָט אין איין אויגנבליק אונטערגערעכנט די צאָל אויסיעס אין א באַליביק וואָרט. און אָט די שילערן פונעם צענטן קלאַס איז געווען געוואָרן אונטערן אופזיכט מיצאַד דער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע אַלס אַן עמעסער פענאָמען.

— הער נאָר אויס, — האָט צו מיר געזאָגט מײַן פרוי, — אויב זי איז א פענאָמען, וואָס זשע ביסטו?

אדעראבע, רופט אָן א באַליביק וואָרט, ווינטשנסווערט א לאַנג וואָרט, א שווער וואָרט. איך וועל גלײַך זאָגן, וויפל עס פאַרמאָגט אויסיעס.

„מינדעריעריקער"... 13!

„פאַראַלעלעפיפּעד"... אויך 13!

צי קאָן מען ניט עפּעס קאָמפּליצירטער... „אומפאראנטוואָרטלעכקײַט..." 20! „עקסטעריטאָריעלקײַט"... 16! „רעכטפלאַנגיקער"... ווידעראמאָל 13!

און אַצינדער גיט מיר גאַנצע פראַזעס.

„מער אופמערקזאַמקײַט פאַרשיידענע פראַגן"... 30!

איר וועט מיך פרעגן, צי מיר איז צוניץ געקומען ערגעץ-ווו און ווען-ניט-איז אָט די האָבי מײַנע? וועל איך ענטפערן: „יאָ, אין דער רעדאקציע פון דער צײַטונג, ווו איך האָב געאַרעבעט".

דער מעטראַנפּאַזש פרעגט מיך:

— מע דאַרף אין קעפּל ארײַנשטעלן דאָס וואָרט „אָנגעזעענסטער" — וויפל פאַרמאָגט עס אויסיעס?

— 12! — ענטפער איך.

— און דאָס וואָרט „לעבנסגיריקײַט"?

— אויך 12!

און דער מעטראַנפּאַזש קלײַבט רויק צו דעם געהעריקן שריפט צום קעפּל.

אָדער עס פלעגט טרעפן:

— וויפל אויסיעס אנטהאַלט די פראַזע „אַף אים מעג מען זיך פאַרלאָזן"?

— זעקס ווערטער און 21 אויסיעס!

— „אַף אים מעג מען"?

— פיר ווערטער, 11 אויסיעס!

און דער מעטראַנפּאַזש נעמט טראַכטן, וואָס מיט אַוועלכן שריפט אויסזעצן.

מער האָב איך ניט וואָס צו זאָגן...

אין פינף און פערציק יאָר ארום

(יאָסיף פרוט)

עס טרעפן אין לעבן, טײַבעלע, וווּנדערלעכע זאַכן. אַזוינס איז געשען מיט מיר אין פינף-און-פערציקסטן. אין דאַרעם-סאַקסן. אַהין האָט מיך פאַרטראָגן די מילכאָמע.

איך האָב אָנגעהויבן אויסקלאָרן, ווו מיר געפינען זיך. און ארויסגעוויזן האָט זיך, טײַבעלע, אַז ס'איז א פּאָר שפּאַן פון הערבערטסדאָרף. און מיך האָט ווי דורכגענומען מיט עלעקטרישן שטראָם. ווײַל דער דאָזיקער הערבערטסדאָרף ליגט מיר אין דער נעשאָמע נאָך פון דער סאַמע קינדהײַט. א קלייניקײַט, הערבערטסדאָרף!

עס האָט מיר פאַרכאַפּט דער אָטעם, טײַבעלע, איך בין פּאָשעט געוואָרן געפּלעפט:

לעקאָוועד דעם 40-טן יאָרטאָג פונעם ניצאָכן

א. קיטײַעוו. דער אומקער מיט זיג



ו. טאוטיִעוו. מײַ, 1945

א. טקאטשאָוו, ס. טקאטשאָוו. פרילינג, 1945

א. טקאטשאָוו, ס. טקאטשאָוו. זיי האָבן קיין מילכאָמע ניט געזען

א. פלאסטאָוו. שאָלעם אף דער ערד

ב. שאַטילאָוו. באַשיצער פונעם מאָסקווער הימל

ב. אוגאַראָ. לענינגראַד. בלאָקאַדע

דאָ, אין הערבערטסדאָרף, ליגט דאָס געביין פון מײַן פֿאָטער. ער איז געשטאָרבן אפֿן וועג אין דער שווייץ. און מײַן מאַמע האָט דעמלט אַרײַנגעטראָגן געלט ביזן 2000-טן יאָר אײַנגעשלאָסן, אַז מע זאָל נאָכן קייווער אַכטונג געבן.

געלט, טײַבעלע, קאָן מען אַרײַנטראָגן. אָבער די צײַט און די מילכאָמע... אין מילכאָמע, א צווייטע... קימאַט פֿינף און פֿערציק יאָר זײַנען דאָך דורכגעגאַנגען!

עס האָט מיך א צי געטאָן אַהין, קיין הערבערטסדאָרף. איך האָב זיך אָפּגעבעטן פון דעם טײַל, אין וועלכן כ'האָב געדינט, און צוזאַמען מיט צוויי פֿרײַנט מײַנע זיך אַוועקגעלאָזט קיין הערבערטסדאָרף.

איך קום צו פֿאָרן, און עס לאָזט זיך אויס, אַז כ'בין דער ערשטער סאָוועטישער אָפֿיצער אין אָט דער שטאָט. און אפֿן בעסוילעם האָט דעם וועכטער שיִר ניט געכאַפּט א פּאַפּלעקציע פֿון אומדערוואַרטקײַט.

איך פֿרעג:

— נאָך אײן בעסוילעם איז דאָ פֿאַראַן?

— ניין, — זאָגט ער, — הער אָפֿיצער.

— און די בעסוילעם-ביכער האָבן זיך פֿאַרהיט? — פֿרעג איך.

— יאָ, הער אָפֿיצער.

— צי קאָנט איר מיר זאָגן, ווער עס איז דאָ מעקאַבער געוואָרן דעם 30-טן מײַ 1901?

— אוואַדע, הער אָפֿיצער!

און דער וועכטער נעמט אַרויס און אַלטערטימלעכן בוך און געפֿינט שנעל די נייטיקע שורע: דעם 30 מײַ 1901 איז דאָ מעקאַבער געוואָרן אײן מענטש — לעאָניד פּרוט.

— און דער קייווער? — פֿרעג איך. די שטים מײַנע, טײַבעלע, ציטערט.

— וואָס, דער קייווער?

— איז גאַנץ?

דער וועכטער קוקט אין בוך און זאָגט:

— הער אָפֿיצער, ס'איז אָפּגעצאָלט ביזן צווייטויזנטיקן יאָר. וויאַזוי זשע קאָן ער זײַן ניט גאַנץ?

ער פֿירט מיך צו צו א קייווער, און איך לייען אפֿן שטיין: „לעאָניד פּרוט 1876—1901". ריין זאַמד אַרום דעם קייווער און דרײַ רויזנעלעך. פֿרישע. אינדערפֿרי'ִקע. ווי מע וואָלט זיי אומיסטן צו מײַן באַזוך אַוועקגעלייגט.

און דאָ, טײַבעלע, האַלט איך ניט אויס — איך קוק און וויין. טרערן... וויאַזוי קאָן מען זיי אײַנהאַלטן?

— מײַן טאַטע, — זאָג איך, — מײַן טאַטע...

דער וועכטער קוקט פֿאַרכידעשט.

מײַנע כאַווײרים נעמען אַראָפּ די היטלען.

אָט אַזוי, טײַבעלע! אין פֿינף און פֿערציק יאָר אַרום...

יידיש — כ. ביידער

ליטעראַטור-קריטיק ‖ ביבליאָגראַפיע ‖ פּראַגן פון קונסט

זאַלמען ליבינזאָן,
פּראָפעסאָר

דיכטונג פון מוט און ווײ

די טעמע פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע האָט געשאַפן א גאַנצן פּעריאָד אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. לאָמיר קוידעמקאָל באַטראַכטן די שאַפונג פון די דיכטער, וועלכע זײַנען אומיטלבאַר געווען אָפּ די שלאַכטפעלדער, און דאָרט גענומען באַשרײַבן דאָס, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט.

מע זאָגט, אז דער בעסטער קריטיקער איז די צײַט. דאָס, וואָס די צײַט קלײַבט אָפּ, איז אָפּאַנעמעסן ווערטפול. ווען מיר לייענען איצט דורך די קליינע פּאָעטישע ביכלעך, וועלכע זײַנען ארויס אין די פערציקער יאָרן, זעט מען באַשײַמפּערלעך, אז די דאָזיקע דיכטונג האָט אויסגעהאַלטן דעם אויספּרוּוו פון דער צײַט. פאַרשטייט זיך, עס טרעפן זיך לידער צופעליקע, דעקלאַראַטיווע. אנדערש קאָן ניט זײַן. אינגאַנצן גענומען מאַכט די פּראָנט-פּאָעזיע אויך איצט א קאָלאָסאַלן אײַנדרוק. דאָס איז א דיכטונג, וואָס איז בעעמעס פאַרהאַרטעוועט אין די שלאַכטן, א דיכטונג א פּלאַמיקע און א שטאַרק ווירקנדיקע.

ס'איז עפשער איבעריק צו זאָגן, אז די ייִדישע דיכטער זײַנען אוועק אפן פּראָנט ניט אין א שעפערישער קאָמאַנדירונג, נאָר מיטן ווילן צו שלאָגן זיך מיטן סוינע, און אוועק זײַנען אלע, ווער עס האָט געקאָנט טראָגן געווער. קימאַט אלע האָבן זיי זיך מאָביליזירט פרײַוויליק. צווישן זיי זעען מיר די דעמלט שוין באַיאָרטע אהרן קושניראָוו, שמועל ראָסין; מוישע כאַשטשעוואַצקי, עזראָ פינינבערג — פונעם אָנהייב-דאָר סאָוועטישע שרײַבער; בוזי אָליעווסקי, מוישע טײף, מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי, מאָטל גרוביאַן, מאָטל הארצמאַן, שמועל העלמאָנד, יאשע זעלדין — פונעם צווייטן דאָר, און פון דעם דעמלטיקן יונגוואַרג — אהרן ווערגעליס, מאָטל גאָלבשטיין, הענעך שוועדיק און פיל אנדערע. געווען זײַנען זיי אין דער ערשטער ריי שלאַכטלײַט, קימאַט ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט צו פאַרפיקסירן זייערע איבערלעבונגען און באַאָבאַכטונגען, נאָר זיי האָבן זיך ארויסבאַוויזן ווי עכטע פּראָנט-דיכטער, וועלכע האָבן אין די שווערסטע באַדינגונגען, צווישן איין שלאַכט און דעם צווייטן פאַרצייכנט אָפּ בלעטעלעך פּאַפּיר אָדער אין די פּראָנט-בלאָקנאָטן זייערע פּאָעטישע שורעס. „ניטאָ קיין לידער, בין איך ניטאָ" — האָט מיט פולער רעכט געשריבן מאָטל גרוביאַן. ניט אלץ איז דערגאַנגען צו אונדז פון די אומשאַצבאַרע שעפערישע דאָקומענטן, וועלכע וואָלטן געקאָנט נאָך פולער און באַדײַטנדיקער מאַכן די ייִדישע פּראָנט-ליטעראַטור. די אומגעקומענע דיכטער האָבן איבערגעלאָזט אָפּ די שלאַכטפעלדער זייערע געזאַנגען, בלויז מוישע כאַשטשעוואַצקי האָט באַוויזן אָפּשיקן אין „עמעס"-פאַרלאַג א בינטל לידער, געשאַפענע אפן פּראָנט, אָבער ביז זײַן ביכעלע „פון אמאָל און הײַנט" איז ארויס פון דרוק איז ער שוין געפאַלן אין שלאַכט. אויך הענעך שוועדיקס ציקל לידער „ווי געגאַנגען זײַנען מיר..." איז געווען אָפּגעדרוקט אינעם אלמאַנאַך „צום זיג" אין 1944 יאָר שוין נאָך זײַן העלדישן טויט. מאָטל הארצמאַן האָט פאַרטראַכט אין 1942 יאָר א גרויסע פּאָעמע „דער טויט-אורטייל", וועלכע איז נאָך זײַן אומקום צופעליק דערגאַנגען און אָפּגעדרוקט געוואָרן ערשט אין 1970 יאָר אין זײַן זאַמלונג „געזאַנג און שווערד". אין די זאַמלביכער „היימלאַנד" (1943) און „צום זיג" (1944), אין דער צײַטונג „אייניקײַט" זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אייניקע לידער פון די דיכטער-פּראָנטאָוויקעס. דאַכט זיך, אז בלויז עזראָ פינינבערג האָט דערזען זײַן לידער-זאַמלונג „פון שלאַכטפעלד", וואָס איז ארויס אין 1943 יאָר.

אָבער גלײַך נאָכן זיג, אין 1945—1948, גייען איינס נאָכן אנדערן ארויס זאמלונגען פון די דיכטער, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון פאַרשידענע פראָנטן: ארן קושניראָווס „פּאָטער קאָמאַנדיר", דער צווייטער מילכאָמע-בוך פון עזראַ פינינבערגן — „אין ריזיקן פײַער", ארן ווערגעליסעס „ביראָבידזשאַנער דאָר", מאָטל גאָלבשטיינס „מיט ביקס אין האַנט", מאָטל גרוביאַנס „געזאַנג וועגן מוט", מאָטל טאַלאַלאַ-יעווסקיס „ווי א סאָלדאַט".

בא דער מערהײַט לידער איז אָנגעוויזן, ווען זיי זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן. דעם 22 יון 1941 אין בעלסק בא דער סאָוועטיש-דײַטשישער גרענעץ ווארפט אָן עטלעכע שורעס ארן ווערגעליס און דערנאָך מערקט ער אָפּ קימאַט יעדעס מאָל, ווען די אָדער יענע ליד ער האָט פאַרפאַסט — אָנהייבנדיק פון דער אָנגעוויזענער גרויליקער דאַטע און ביז דעם 9 מײַ 1945. עזראַ פינינבערג פאַרעפנטלעכט א ציקל לידער אונטערן קעפל „איידער ס'איז געשען" און זעצט ווײַטער פאָר צו רעדן מיטן לייענער „פונעם ריזיקן פײַער". אדאנק די דאַטעס און די געאָגראַפישע ערטער, וואָס זײַנען אָנגעצייכנט אונטער די לידער, קען מען אופּשטעלן דעם שלאַכט-וועג פון דעם אָדער יענעם דיכטער. בא מאָטל גאָלבשטיין, למשל: קופּיאַנסק, 1941, וואָראָניעזש, סטאַלינגראַד, 1942, דאָרעם-מיזרעכדיקער פראָנט, 1942-1943, סטאַלינדאָרף, קאַלינינדאָרף, 1943, זלינקע, 1944, כאַרקאָוו, 1945. בא מאָטל טאַלאַלאַיעווסקין: סטאַלינגראַד, 1942, ראָסטאָוו, דאָנבאַס, 1943, קאַלמיקער סטעפּעס, 1943, קרים, קאַרפּאַטן, 1944, פּוילן, 1945, טשעכאָסלאָוואַקיע, 1945. די יידישע דיכטער זײַנען געגאַנגען אין איין ריי מיט דער גאַנצער אַרמיי, געטיילט מיט די סאָלדאַטן זייער גוירל, געווען פאַרטרויערט, ווען מע האָט געמוזט אָפּטרעטן פון די היים-ערטער, זיך געפרייט, ווען מע איז אוועק אין אָנגריף און געפּײַערט דעם ניצאָכן. צוזאמען מיטן גאַנצן פאָלק זײַנען זיי אוועק אָף דער מילכאָמע און אַלץ דיכטער פאַרקערפּערן זיי דעם פאָלקס-גוירל. עזראַ פינינבערג זאָגט וועגן דעם:

כ'האָב מיט מײַן פאָלק געטיילט
דעם טיפסטן ווייטיק.

„מיט יידישע לידער האָב איך די וועגן פון היימלאַנד געמאָסטן", — דערקלערט מיט שטאָלץ אויך מאָטל גרוביאַן. דער דיכטער איז געוואָרן א קעמפער אין אייגנטלעכן, פּינקטלעכן זין פונעם וואָרט. „ווי א סאָלדאַט", — האָט מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי אָנגערופן זײַן לידער-זאמלונג. „כאָטש א טרוימער איך בין, נאָר איך בין א סאָלדאַט", — שטרײַכט אונטער ארן ווערגעליס.

א מערקווירדיקע ליד האָט געווידמעט דער ראָליע פונעם דיכטער אפן פראָנט עזראַ פינינבערג. ער האָט זי אָנגערופן „מיטן פאָלק", איינעם מיט „פּאַשעטע און פּראָסטע לײַט" — סאָלדאַטן שפּאַנט ער, און ווען מע פרעגט בא אים, „פונוואַנען און ווער און וואָס איך בין", באהאַלט ער ניט אויס, אז ער איז א פּאָעט, און ער דערהערט אזעלכע ווערטער:

«Очень ценно... Это очень ценно...»

די ליד פאַרענדיקט זיך אזוי:

דער סוינע מיך באהאַלט מיט קנאַלנדיקע פײַערן פון גענעם,
נאָר ס'נעמען הענט מיך גוטע, ווארעמע ארום,
און עמעץ שעפּטשעט שטיל, און עמעץ שעפּטשעט מילד:
„א דיכטער... עס איז ווערטפול"...

צו די יידישע דיכטער, וועלכע האָבן זיך אומיטלבאר געשלאָגן מיטן נידערטרעכטיקן סוינע, איז צוגעפּאַסט די באַוווסטע פראַזע פונעם רוסישן פּאָעט פיאָדאָר טיוטשעוו: „גליקלעך איז דער, וואָס האָט באזוכט די וועלט אין אירע גורליקע רעגעס". די פראָנט-פּאָעטן האָבן געפילט די גרויסע אכרײַעס, וואָס איז אוועקגעלייגט אָף זייערע פּלייצעס: זיי שטעלן מיט זיך פאָר דעם דאָר סאָוועטישע מענטשן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן די עפּאָכע נאָכן גרויסן אָקטיאַבער, געווען מיצאַד אים דערצויגן, אדאנק אים געוואָרן בירגער און שרײַבער. דעריבער זײַנען זיי גרייט אָפּגעבן דאָס לעבן פאַר זייער היימלאַנד. זיי פאַרשטייען, אז דאָס איז א טראַגישער, אָבער אויך א גליקלעכער גוירל. ארן קושניראָוו שרײַבט אין דער ליד „אונדזער דאָר":

אוי, ווען מע זאָגט אונדז צוריק מיט יאָרן,
א וועלכע וועגן דורכגיין שטייט אונדז פאָר,
א וועלכע פרייד, און לייד, און מוט, און צאָרן.
אוי, ווען מע זאָגט עס אונדז צוריק מיט דרײַסיק יאָר...

בעעמעס, פאַרויסזאָגן אין פּראָטים דעם געראַנגל אָף טויט און לעבן האָט מען ניט געקאָנט. די שווידערלעכע ווירקלעכקײַט פון דער גרויזאַמער מילכאָמע האָט איבערגעקערט אַלע פריערדיקע פאָרשטעלונגען, נאָר די סאָוועטישע מענטשן זײַנען ניט אַרײַנגעפאַלן אין ייִעש, זיי האָבן מיט עכטן העלדנמוט באגעגנט די געפאַר, וועלכע האָט באדראָט זייער מוטער-היימלאַנד. „צום שלאַכטפעלד גייט אוועק דאָס לאַנד ראַסיי — און מיר אין ריי, אין סאַמע ריי", — זאָגט עזראַ פינינבערג. ארן ווערגעליס האָט אָנגערופן זײַן בוך, וועלכער איז דערשינען איינגיכן נאָך דער מילכאָמע, —

„ביראָבידזשאנער דאָר". דער דיכטער מיינט מיט דעם ניט נאָר די, וועמען „מאמעס ייִדישע אין לאַנד פון נײַעם בערײשיס" האָבן „דעם פאָלק געשענקט", ניין — ס'איז דער דאָר, וואָס איז אויסגעוואקסן אין דער סאָוועטישער צײַט, דער דאָר פון העלדישע בויער און העלדישע קעמפער. ניט אומזיסט עפנט זיך דער בוך מיטן „געזאנג וועגן יויסעף בומאגין", דעם ארבעטער פונעם ביראָבידזשאנער וועגנער-זאוואָד, דעם לייטענאנט פון דער סאָוועטישער ארמיי, וועלכער האָט איבערגעכאזערט דעם אומשטערבלעכן העלדנטאט פון אלעקסאנדער מאטראָסאָוון. ביראָבידזשאנער דאָר איז דער דאָר סאָוועטישע ייִדן — קעמפער, וועלכע זײַנען געגאנגען אין איין שערענגע מיט אלע סאָוועטישע פעלקער.

די ייִדישע דיכטער באזינגען די פרײַנטשאפט פון די פילצאָליקע פעלקער פונעם סאָוועטן-לאַנד. האנט בא האנט, אקסל צו אקסל האָבן זיי זיך געשלאָגן פאר דעם, וואָס זיי האָבן צוזאמען אויסגעבויט. די אידיי פון פעלקער-פרײַנטשאפט באקומט אין דער ייִדישער דיכטונג א בוילעטן קינסטלערישן אויסדרוק. ארן ווערגעליסעס א שאָכן אינעם ערדשטיבל (אין דער ליד „פרײַנטשאפט") איז א געבוירענער באם „סאמע טיבעט", אינײנעם טיילן זיי „פון כוואָיע די בעט" און כאָטש

מײַן כאווער פארשטייט ניט מײַן ייִדישע ליד,
נאָר גלייביק ער הערט זי מיט נײַגער און קאָוועד,
און ניט די זעמליאנקע אונדז פאנצערט און קאָוועט —
די ווארעמע פרײַנטשאפט באשיצט אונדז און היט.

מאָטל טאלאלאיעווסקי האָט זיך דערפרייט, ווען אין בלינדאזש האָט זײַנער א בען-איר אן אוקראַיִנער פלוצעם דערמאָנט דאָוויד האָפשטיינס א שורע, וועלכע איז פון דער פריִער יוגנט געבליבן בא אים אין זיקאָרן.

ניט איין דיכטער האָט אָנגעוויזן, אז דאָס היימלאנד הייבט זיך אָן פון דער שטוב, ווו דו ביסט געבוירן געוואָרן, פון דער בערעזע, וואָס שטייט לעבן איר, פון דעם ריטשקעלע, וואָס פליסט דאָרטן. זײַענדיק אפן פראָנט, דערמאָנט מען זיך שטענדיק אין די אומפארגעסלעכע יאָרן פון דער קינדהײַט. דאָרט, אין דער טראנשיי, דערמאָנט ארן ווערגעליס דעם קוואל פון זײַן יוגנט. בילדער פון דער קינדערשער פאנטאזיע לאָזן אים ניט אָפּ ווו ער זאָל ניט זײַן און ווי שווער ס'זאָל ניט זײַן דער מילכאָמעשטייגער. דער קאָנטראסט צווישן דער אמאָליקער קינדערשער זאָרגלאָזיקײַט און דער מיליטערישער הארבקײַט טרעפן מיר קימאט בא אלע פראָנט-דיכטער. זעלבסטפארשטענדלעך, אז בא יעדערן איז ער געגעבן אף אן אייגנארטיקן אויפן. מאָטל גאָלבשטיין שילדערט א בילד פון זײַן קינדהײַט, וועלכע דערוועקט אין אים „א געפיל אזא קלאָרן פאר אלץ, וואָס פארגאנגען אף אייביק". „כ'האָב ליב דיך, מײַן קינדהײַט, ביז ווייטיק". ער איז זיך מודע מיט א געוויסן טרויער:

דערפאר אזוי אָפט איך דערמאָן יענע קליאָנען,
וואָס בייגן צום פלויט זיך פון הייפל.
אף זייערע שפיצן — א האלבע לעוואָנע —
א שטיק פון מײַן קינדערשן רייפל.

אזעלכע זיכרוינעס פון דער קינדהײַט גיבן צו אָפּטמאָל די הארבע לידער אן עלעגישן טאָן, וועלכער ווערט פארשטארקט פון א געפיל פון בענקשאפט נאָך דער היים. ארן ווערגעליס האָט דערזען, אז זײַן אָקאָפּ געפינט זיך נעבן „צוויי דעמבן — צוויי ריזן" און אין זיקאָרן שטייט אוף אן אנדער בילד, וויִאזוי אין דער ווײַטמיזרעכדיקער טײַגע וואלגערט ער מיט די האָלצהעקער „א בוים נאָך א בוים". אין סאמע ברען פון די פארביסענע שלאכטן פארכאפּט אים א „בענקשאפט נאָך ביראָבידזשאן". מאָטל גרוביאן דערמאָנט זײַן היים — מינסק, „סײַ די ליים פון מײַן שטוב, סײַ די שטיינער און געסלעך פון פישמארק". אָבער די דאָזיקע באקאנטע ערטער זײַנען בא אים איצט פארבונדן מיט גאָר אנדערע בילדער, מיט „שאָטנס פון מאמעס, געצווימטע הינטער דראָט, מיט אש אין די גריבער אין אלע פון שטאָט, פון ברודערס און שוועסטערס ביינער"...

די אוקראַיִנישע ערד האָט געבוירן ניט ווייניק ייִדישע דיכטער, און זיי שטאָלצירן מיט דעם. „מײַן היים איז אוקראַיִנע!" — רופט אויס מאָטל טאלאלאיעווסקי. און ניט אומזיסט האָט ער פאר זײַן היימלאנד „אין הייסער שלאכט זײַן ייִדיש בלוט פארגאָסן". אף אן ענלעכן אויפן בויט זײַן ליד „אוקראַיִנע, מײַן היים!" מאָטל גאָלבשטיין. ער הייבט אָן מיט בילדער פון טיפּיש אוקראַיִנישער פרידלעכער נאטור, אָבער איצט האָט ער דערזען זײַן היים „אף דער שפּיז א צעבלוטיקטע... און די פעלדער די ווייצענע — צעטראָטן, צעשניטן..." און ער איז אויך שטאָלץ, וואָס ער, דער ייִדישער דיכטער, גייט באפרײַען די אוקראַיִנישע ערד.

די עלעגיש-טראגישע בענקשאפט איז זייער א ווירקנדיקער פאקטאָר, נאָר פונדעסטוועגן א בײַ-מאָטיוו. אין צענטער פון דער אויפמערקזאמקײַט פון די דיכטער-שלאכטלײַט איז די עצעם מילכאָמע, דער פארביטערטער געראנגל, אין וועלכן זיי האָבן אומיטלבאר אָנטיילגענומען. דאָ, אף דער מילכאָמע, האָבן זיי זיך באגעגנט מיט גאָר אן אנדער אטמאָספער, מיט אן אנדער סוויווע, מיט גאָר אן אנדער ווירקלעכקײַט לעגאבע דער, אין וועלכער

זיי האָבן פריִער געלעבט און וועלכע זיי האָבן פריִער געשילדערט. עמעס, זיי האָבן געהאַט פאַרגייער, אין דער ערשטער ריי — אָשער שוואַרצמאַנען, דעם דיכטער, וואָס איז העלדיש געפאַלן אין שלאַכט מיט די ווייַסגוואַרדייער. קימאַט בײַ יעדן דיכטער קומט אוף אָט דער אומפאַרגעסלעכער נאָמען, דאָס העראָיִשע געשטאַלט. „אָשער שוואַרצמאַן בײַ די באָגונער", — רופט אָן זײַן ליד עזראָ פינינבערג, און יעדע סטראָפע אין איר פאַרענדיקט ער מיט די באַרימטע שוואַרצמאַנישע ווערטער: „דער סוינע בײַ די טויערן!". אַרן קושניראָוו באַגעגנט אויפן פראָנט אַ שלאַכטמאַן, וואָס האָט זיך „באַטייליקט אין יענער שלאַכט בײַ קאָראָסטען, אין אויגוסט ניינצן-ניינצן". דערזעענדיק בײַ אים אַ מעדאַל „פאַר סטאַלינגראַד", קומט דער דיכטער צום אויספיר: „ווי העלדישקייט מיט העלדישקייט רופט זיך איבער". שמואל ראָסין האָט פאָרויסגעזען זײַן אייגענעם גורל, ווען ער האָט געשריבן: „ווען די שטורעם-שאָ וועט שלאָגן, איז מײַן איינציקער באַגער, — כ'זאָל ווי דו זיך, אָשער, שלאָגן". וואָקגייענדיק אויפן פראָנט, האָט אויך מאָטל גאַלבשטיין אַרויסגעזאָגט זײַן פאַרלאַנג:

און אויב כ'וועל מיט קויל אין האַרצן
ניט אַדורכגערײַט דאָס וויסטע פעלד,
איז ווי דו, מײַן ליבער אָשער שוואַרצמאַן,
ווי אַ קריגער, ווי אַ דיכטער, ווי אַ העלד...

בעעמעס, אָשער שוואַרצמאַן, זײַן נאָמען, זײַן דיכטונג, זײַן גורל האָט באַפליגלט די ייִדישע דיכטער, די ייִדן-סאָלדאַטן. ער איז נאָכאַמאָל, ווי עס האָט באַמערקט עזראָ פינינבערג, געגאַנגען מיט זיי אין נײַע שלאַכטן.

אָבער דערמאָנענדיק דעם באַוווּסטן ייִדישן פּאָעט, וועלכער איז אומגעקומען אין בירגערקריג, האָבן די דיכטער פון דער נײַער צײַט נישט געקאָנט ניט פילן, אַז די פאָטערלענדישע מילכאָמע האָט פון אָנהייב אָן זיך אונטערשיידט לויט איר כאַראַקטער פון דעם בירגערקריג. די היטלעריסטן האָבן צוגעגרייט אַ מוירעדיקע אַרמיי, אַ באַוואָפנטע מיט דער לעצטער מיליטער-טעכניק, און אומגעריכט געוואָרפן זי אויפן סאָוועטן-לאַנד. די ערשטע רעאַקציע איז דעמאָלט געווען — איבעראַשונג, און גלײַכצײַטיק — אַ געפיל פון זיכערקײַט, אַז די סאָוועטישע אַרמיי וועט געבן אַ ווירדיקן ווידערשטאַנד. מער נאָך — די רויטאַרמייער, וועלכע האָבן דעמאָלט געדינט אויף דער גרענעץ, האָבן זיך געגרויסט מיט דעם, וואָס אויף זיי איז אויסגעפאַלן דאָס גליק צו פאַרטיידיקן זייער היימלאַנד. די דאָזיקע שטימונג האָט גלײַך אויסגעדריקט אַרן ווערגעליס אין די שורעס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן דעם 22 יון, זײַענדיק אויף דער סאָוועטיש-דײַטשישער גרענעץ: „אַ דאַנק פאַר דער ביקס, אַ דאַנק, וואָס באַשיצן דיך טרויסטו מיר אָן". מע האָט זיך נאָך דעמאָלט ניט פאָרגעשטעלט, וואָס פאַר אַ דויערנדיקער און פאַרביטערטער קאַמף שטייט פאָר. נאָר בעהאַדראָגעדיק האָט מען עס געמוזט באַנעמען. און מע קאָן איצט זאָגן, אַז די ייִדישע פּאָעטן, וועלכע האָבן אָנגעשריבן זייערע לידער אומיטלבאַר אויפן פראָנט, האָבן קאָלעקטיוו געשאַפן אַ וואָרהאַפטיקע פאָרשטעלונג פון דעם גרויסן קריג בייס ער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט פונעם צאָפן-יאַם ביזן שוואַרצן יאַם. צוזאַמען האָבן זיי געשאַפן אַ לירישע עפּאָפּייע פון אונדזער פאָטערלענדישער מילכאָמע, אין וועלכער זיי אַליין זײַנען געווען, ווי עזראָ פינינבערג האָט זיך אויסגעדריקט, „אַ רינגעלע, אַ כוואַליעכל".

ווי ס'איז באַוווּסט, האָט קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו אָנגערופן זײַן טרילאָגיע וועגן דער פאָטערלענדישער מילכאָמע „סאָלדאַטן ווערט מען ניט געבוירן". דאָס איז אַן אויסדריקלעך טיטל, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם עצעם מעהוס פונעם קאַמף, וואָס עס האָט געמוזט פירן דאָס פרידלעך-געשטימטע סאָוועטישע פאָלק. איצט איז אָנגענעם צו באַמערקן, אַז אויך אין דער ייִדישער דיכטונג טרעפן מיר זיך מיט אַן ענלעכן מאָטיוו. אַרן ווערגעליס רופט דעמאָנסטראַטיוו אָן זײַן ליד „געהאַט האָב איך מוירע".

אין אָנהייב מילכאָמע אַרײַן אין די שוצגראָבנס
ערשט פון די וואַרעמע היימען —
מיר פלעגן מיט שרעק זיך פאַרקוקן צום פלי פון אַ שפליטער,
און אָפּטמאָל פאַרבייגן דעם רוקן,
באַהאַלטן די קעפּ, ווען אַן אופרײַס פלעגט טרעפן בישכיינעס,
און ליגן פאַרגאַפּט בײַ אַ קוואַל, בײַ אַ בלימל אַ קלײנינקס מיט מוירע —
שוין מער עס ניט זען, ווען דער טויט וועט פאַרצוקן...

דער לעצטער אויסדרוק איז באַזונדערס ווירקנדיק — עפשער דאָס לעצטע מאָל זעט ער דאָס בלימל. אָבער די מילכאָמע, די פאַרביסענע שלאַכטן האָבן געפאָדערט אויך בײַ די דיכטער גאָר אַנדערע אייגנשאַפטן. און ווערגעליס איז שוין מודיִע: „איך דאַרף איצט ניט מילד זײַן, איך דאַרף איצטער שטרענג זײַן...".

דער קריג האָט אויסגעפּרוווט און פאַרהאַרטעוועט יעדן מענטשן. די פּאָעטן-טרוימער זײַנען געוואָרן סאָלדאַטן. אָבער ניט געקוקט דערויף האָבן זיי נישט נאָר ניט פאַרלאָרן זייער מענטשלעכקײַט, פאַרקערט — זי האָט זיך פאַרשטאַרקט. אַרן ווערגעליס זאָגט אפילע — „ס'לײַב פאַרגרעבט ווערט — די נעשאָמע צאַרטער ווערט". אויסערלעך קאָן זיך דאַכטן,

אַז אַזעלכע אײגנשאַפטן — גראָבקײַט און צאַרטקײַט — זײַנען אומפאַרבינדלעך, צאַרטקײַט איז ניט צוגענגלעך פאַר אַ שלאַכטמאַן, אָבער עס רעדט זיך דאָך ניט ביכלאַל וועגן סאָלדאַטן, נאָר וועגן סאָלדאַטן סאָוועטישע, וועלכע זײַנען געווען און געבליבן הומאַניסטן. מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי וואָרנט:

אויב עמעצער זאָגט באַ אַ וואַרעמער קויסע,
אַז ער איז געגאַן מיט אַ שמייכל אין שלאַכט —
שפּײַ אים אין פּאָנעם, טרײַב אים אַרויסעט,
איינס פון די ביידע — ער לײַגט צי ער לאַכט...

אױף דער וואָגשאָל איז אַוועקגעשטעלט דער גורל פונעם היימלאַנד, און דאָ דאַרף זײַן, ווי עס שרײַבט מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי, „דער הייליקסטער פון די געבאָטן" בלויז איינס: „כ'האַרגע דעם פײַנט, כ'האַרגע!"

„שטיי אויף און גיי!" — רופט אויס עזראָ פינינבערג, וועלכער טראָגט אַרײַן אין זײַן „פײַער-וואָרט" נאָך איין זין. דעם דיכטער דאַכט זיך, אַז ער געפינט זיך „דאָרט אױפן שנייִקן שליאַך, אין פאַרשאָלטענער ראָד, אין פאַרקישעפטער ראָד, אויפן פראָסטיקן וועג לעם מיכײַלאָוו דער שטאָט, מיט פאַרגליווערטע הענט און די ציינער פאַרקריצט...". אָבער ס'איז בלויז אַ האַליוצינאַציע, וועלכע דאַרף אָנווײַזן, ווי שוידערלעך שווער איז געוואָרן אויפן פראָנט, וווּ אויף יעדן טריט און שריט האָט געדראָעט דער טויט. מיט גרענעצלאָזן ווייטיק האָט מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי געשריבן:

מיר האָבן אינצווייען אַ שוצגראָב געגראָבן,
אַ שוצגראָב געגראָבן,
געשוועבט איבער אונדז האָבן ווינטן און ראָבן —
נימעסע ראָבן...
מיר האָבן אינצווייען מיט שווייס זיך באַגאָסן,
מיט שווייס זיך באַגאָסן,
און איינער פון אונדז איז געפאַלן דערשאָסן,
אין האַרצן דערשאָסן.

די עצם סטרוקטור פון דער ליד — אַ דערציילערישער נוסעך, דאָס איבערכאַזערן נאָך יעדער שורע די לעצטע ווערטער, די פּייזאַזש-בילדער — ווינטן און ראָבן-קראָען — דאָס אַלץ גיט איבער די טראַגישע שטימונג פון אַ סאָלדאַט, וועלכער פאַרלירט זײַנע שלאַכט-כאַווײרים.

די דיכטער פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע האָבן באַלד אויפגענומען איר אייגנאַרטיקײַט. דערמאָנענדיק יענע „סאָלדאַטן ווײַטע פון קריגן, פון מילכאָמעס פון פאַרצײַטן", ווען מע האָט געקענט דעם סוינעס זען פון דער נאָענט און „מיט דער שפּיז זײַן פינצטער האַרץ דערלאַנגען", שרײַבט אַרן קושניראָוו, דער דיכטער מיט אַ היפּשער מיליטערישער דערפאַרונג (ער איז געווען אַ סאָלדאַט פון דער ערשטער וועלט-מילכאָמע, אַ רויטאַרמייער אין דעם בירגערקריג), אַז איצט האָט דער קריג באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסזען: „שלאַכטן פלאַקערן און ס'שטורעמען אַטאַקעס באַטאָג, באַנאַכט, אָן אָפּרו, אָן ביוואַקעס...".

דער סאָלדאַטישער גורל איז קיינמאָל ניט געווען קיין לײַכטער, אָבער די אַנטיהיטלערישע מילכאָמע האָט זיך געפירט מיט אַ באַזונדערער האַרטנעקיקײַט, און די דיכטער האָבן אין אַ פּאַטעטישער פאָרם געשילדערט די פאַרשיידנאַרטיקע שלאַכטן. עפשער זײַנען אייניקע לידער ניט פאַרפולקומט פונעם שטאַנדפּונקט פון ראַפינירטער קונסט, אָבער זיי גיבן טרײַ איבער די קריגערישע אַטמאָספער פון יענע יאָרן. דאָס זײַנען לידער פונעם פעלד-ביכל, ווי אַרן ווערגעליס האָט באַשיידן אָנגעוויזן. אין דעם ציקל, וועלכן ער האָט אַזוי באַטיטלט, שטייען פאַר אונדז אויף אומפאַרגעסלעכע בילדער פון די פאַרביסענע שלאַכטן. איינע אַ ליד — „דער סאָף פון שלאַכט" — פאַרענדיקט ווערגעליס מיט די באַוווּסטע ווערטער פונעם רוסישן פּאָעט Есть упоение в бою —, און שוין מיט דעם גיט ער איבער דעם אַזאַרט, וואָס קומט אויף אין די געפעכטן. אין אַנדערע לידער גיט ער איבער זייער אַלערלייִקן כאַראַקטער. אָט באַשרײַבט ער „די נאַכט-אַטאַקע", בייס וועלכער „ביקסן-קוילן, ווי די פלאַטערלעך, כאַלאַשעסדיק ציטערן". און אָט איז נאָך אַ בילד: „אַליין אַנטקעגן טאַנק". ווערגעליס שילדערט, ווי „דאָס לעבן, דער נאַטורס געשאַנק", וואָס „איז אין שטאַרקן מענטשן שוואַך פאַרטיידיקט", שטייט אַנטקעגן דעם שטאָלענעם טאַנק, וועלכער ברומט מיט שפּאָט: „היי, נעפעש, ביסט גערירט פון זינען? מיט מיר פאַרמעסטן זיך, מיט מיר?". דאָס לעבן זיגט אָבער...

אין „סאָלדאַטישע פּיס" גיט איבער אַרן קושניראָוו זײַנע איבערלעבונגען אין די טרויעריקע כאַדאָשים, ווען זײַן טייל איז אָפּגעטראָטן אין אָנהייב פון דער מילכאָמע.

טראָגט מיך, טראָגט מיך, מײַנע מידע פּיס,
אַך, ווי שווער און ווי ביטער עס איז אײַך —
אויף מײַרעוו, אויף מײַרעוו גרײַפּט אָן מײַן האַרץ,
און איר מוזט מיך טראָגן אויף מיזרעך.

אַזוי האָט געטראַכט יעדער סאָוועטישער סאָלדאַט, וואָס איז אין 1941—1942 געצוווּנגען געווען אָפּגיין פון דער גרענעץ ביז מאָסקווע און סטאַלינגראַד, ניט פאַרלירנדיק, פאַרשטייט זיך, דעם גלויבן אין ענדגילטיקן זיג.

מוישע טייף באַשרײַבט, וויאַזוי אים איז אויסגעקומען אין אָנהייב פונעם קריג אָנטיילצונעמען אין אויסזוכן דײַטשישע דיווערסאַנטן, וועלכע זײַנען פאַרוואָרפן געוואָרן אין אונדזער הינטערלאַנד:

ווי יעגער, וואָס לאָקערן אַף וועלף,
מיר נישטערן אין סטעפּ אין אומבאַקאַנטן,
די ראָטע האָט באַקומען אַ באַפעל
פאַרטיליקן דעם סוינעס דיווערסאַנטן.

מאָטל גאָלבשטיין רעדט וועגן אַן אַנדער באַפעל, וואָס ער האָט באַקומען — אַוועקגיין אין אויסשפּירונג. בײַ אים געפינען מיר אַן ענלעכן פאַרגלײַך — „איך שפּיר דעם סוינע, ווי מע שפּירט אַ כײַע".

די מילכאָמע האָט געדויערט פיר יאָר. אין מעשעך פון אָט דער צײַט האָט זיך געשאַפן אַ שטאַנדהאַפטיקער סאָלדאַטישער שטייגער. ס'האָבן זיך איבערגעפלאָכטן פרײדן און לײדן. הומאָר האָט אַלעמאָל באַגלייט דעם סאָלדאַט אין זײַן שווערן וועג. דאַכט זיך, אַז מער פון אַלעמען האָט דעם סאָלדאַטישן שטייגער געשילדערט אַרן ווערגעליס. אַ בוילעט בילד פונעם לעבן אונטער קלאַנגען פון אַן אַליאַרם שאַפט ער אין דער ליד „אַ סודע באַם שײַטער". און אָט איז די מיניאַטיור „געמיטלעכער שטייגער":

אַ זייגער אין טראַנשיי.
אַ גלאָז אַף טרינקען טיי.
פון ווײַסן בלעך אַ שיסל,
די כעוורע זעלנער לאַכן:
ס'איז פול די „שטוב" מיט זאַכן,
אַף נאַכט עפּשער פאַרשליסן?..

אָדער שוין אַ „דידאַקטישע" ליד — „ווי צעלייגט מען אַ פײַער", ווען די שוועבעלעך זײַנען נאַסע און עס איז קאַלט —

אין קעסל פאַרפרוירענע קאַשע,
אין פליאַגע — פאַרפרוירענע וואַסער,
עס שווײַגט אין סעקרעט „די מאַקסימקע" —
דער אָפּקילער אירער וויל טרינקען.
בײַ וועמען אַן אייצע דאָ פרעגן?

דער סאָלדאַט איז אַ מענטש אַ געניטער, און ער געפינט אַן אויסוועג. ווערגעליס ברענגט זײַן ענטפער:

אַן עמער מיט שניי מיר פאַרדעקן
מיט פעלצן — אָט ערשט פון דער פלייצע.
דעם אָפּקילער גיבן מיר טרינקען,
אין אייגענעם דאָרשט מיר פאַרגעסן...

מיר זעען בײַ ווערגעליסן דאָס בילד פון אַ געוויינלעכן מילכאָמע-טאָג, ווען נאָך אַ שלאַכט האָט מען באַקומען אַ מעגלעכקײַט אָפּצורוען, פרײַער אָפּעטעמען: „עס איז גוט אַזוי — אָן קאַסקעס און אָן שטיוול, אַלע רימענדלעך צעבונדן און צעלאָזט...". ענלעכע זשאַנער-בילדער טרעפן מיר קימאַט בײַ אַלע דיכטער. מאָטל גרוביאַן פאַרצייכנט:

קאַלט אין שינעל איז באַנאַכט,
קריך איך אַרויס פון אָקאָפּ,
וויגט זיך אַ בלווילעכער דאַך
צעשטערנט איבער מײַן קאָפּ.
טאַנץ איך אַף געפרוירענער ערד,
שטיוול אָן שטיוול איך שלאָג.
צינד איך אַ שוועבעלע אָן
פאַרדריי אַ מאַכאָרקע-ציגאַר.

שילדערנדיק אַזעלכע פּראָטים פונעם טאָגטעגלעכן סאָלדאַטישן שטייגער אַף דער מילכאָמע, שאַפט דער דיכטער אַ בילד פון יענע שווערקײַטן, וועלכע זײַנען אויסגעפאַלן אַף די פּלייצעס פון די סאָלדאַטן.

ס'איז געווען טאַקע זייער אַ ביטערער מאַצעוו. די דיכטער שילדערן די מילכאָמע ווי אַ ביז גאָר שווערע, אויסמאַטערנדיקע אַרבעט. און ניט נאָר דערפאַר, וואָס מילכאָמע איז פאַרבונדן מיט אַ געפאַר פאַרן מענטשלעכן לעבן. די עצעם שטייגער-עקזיסטענץ איז אַן אומדערטרעגלעכע. מאָטל טאַלאַלײַעווסקי האָט עטלעכע לידער געגעבן אַ טיטל „רעגנס". אין איינער פון זיי „אום ווינטער אַ רעגן" לייענען מיר:

אוי, ווען דו ווייסט, וויפל אײַזערנע קלאָלעס
שוועבן איצט אויף אַף די פראָנטישע וועגן,
און ניט ווײַל ס'דערמאָנט זיך דאָס גוטס דאָס
אַמאָליקס,
ניין! ווײַל אום ווינטער עס כליופּעט אַ רעגן.
עס כליופּעט אַ רעגן אַף בערג און אַף טאָלן,
ס'פּלייצט פונעם הימל אַ פאַרטיקע בלאָטע.
פון לאַנגע שינעלן פאַרקאַטשעט די פּאָלעס,
שפּאַנט אינעם פלייץ אונדזער גרויע פּעכאָטע,
גרוי ווי דער הימל, וואָס ווערט ניט געלײַטערט...

ניט געקוקט אַף די אומגעהײַערע שוועריקײַטן, האָט יעדער סאָלדאַט געוווּסט — און די דיכטער שטרײַכן עס אונטער, אַז איצט מוז מען אַלע מאַנגלען פאַרשווײַגן און אויספילן דעם היילעקן כויוו — ראַטעווען דאָס היימלאַנד פונעם פאַשיסטישן סוינע. דעריבער איז דער הויפּט-טאָן פון דער דיכטונג — אַ קעמפערישער.

און באַנאַנד מיט קעמפערישע שלאַכט-לידער באַגעגענען מיר ניט ווייניק ליריש-צערטלעכע. און דאָס איז לײַכט צו דערקלערן. מיר האָבן זיך געשלאָגן מיטן סוינע פאַר אונדזער פרײַ היימלאַנד, פאַר אונדזער פאָלק, פאַר אונדזערע פרויען און קינדער, פאַר די געליבטע. אַפילע אין די צײַטן פון די סאַמע האַרבע שלאַכטן איז געוואָרן וואַרעמער אַף דער נעשאָמע, ווען מע פלעגט זיך דערמאָנען אין די אייגענע, וועלכע זײַנען געבליבן אינדערהיים, אין הינטערלאַנד. אַף די פראָנטן האָבן אונדזערע דיכטער געשאַפן אויסגעצייכנטע ליִרישע לידער, אין וועלכע זיי האָבן באַזונגען די נאַטור, די ליבע. „דער איינציקער-איינער", ווידמעט עזרא פינינבערג זײַן ליד — אַ לײַדנשאַפטלעכע דערקלערונג אין טרײַער ליבע:

מייַן ליבשאַפט איז רייַך נאָך, מייַן ליבשאַפט איז
מאַכטפול.
פאַרצאָרנט, פאַרבלוטיקט און ווייפול און נאַכטפול.
כ׳בין אויף פונעם גרוב אַפן שנייִקן שלאַכטפעלד:
דו ביסט דאָך מייַן איינציקע־איינע!

עכטע ליבע דולדעט ניט קיין מעליצע, זי איז ציטעריק געצערטלט. פינינבערג דערמאָנט זיך, וויאַזוי ער און זייַן געליבטע האָבן זיך „באַהעפט אָן כופּע-קידושן אויף זוניקן לעבן, אויף גליקלעכער רו-שייַן”, און איצט איז ער „פון שלאַכטפעלד געקומען — שטיל דיך אַ קוש טאָן, מייַן טייַערע איינציקע-איינע”.

אין „ליבע צו ווייַב און צו קינד” דערקלערט זיך אויך אַרן קושניראָוו. די דאָזיקע ליבע ווערט בייַ אים „אַ קוואַל אַזאַ ריינער און פרייַער, אַ קראַפט אַזאַ פעסטע און טרייַע”. די ליבע גיט צו דעם דיכטער-שלאַכטמאַן „מוט און קויעך”.

„ליבע אין טראַנשיי”, — אַזוי האָט אָנגערופן אַ ציקל לידער אַרן ווערגעליס. צי איז נאַטירלעך אַזאַ באַהעפט? דער דיכטער באַגרינדעט אים און וויקלט אָריגינעל פאַנאַנדער די אומגעוויינלעכע טעמע, וועלכע באַקומט בייַ אים אַ טראַגישן כאַראַקטער. פריִער איז באַם לירישן העלד די ליבע געווען „מיט זוניבערקייַט באַהויכט”, „אַצינד איז זי אַרייַן אין טיפע גריבער, אויף האַרטער ערד אין כאַקי-העמד זי ליגט”. דער ציקל „ליבע אין טראַנשיי” גייט איבער, אין טאָך גענומען, אין אַ טראַגישער פאָעמע. די געליבטע, וועלכע איז נאָרוואָס געווען אין ערדשטיבל, „איז אין אויסשפּיר אוועק, און פאַרפאַלן”. וויפל צאַר לייגט אַרייַן דער דיכטער אין די שורעס, ווען ער טיילט מיט וועגן דעם טויט פון זייַן געליבטער! —

כאַווײרים מייַנע! זעלנער פונעם שטרייַט!
די פינף און צוואַנציק יאָר פון אונדזער יוגנט —
זיי ווערן הייַנט געפּרוווט מיט נאָך איין טויט.
די ערשטע ליבע אונדזערע זיך שפּיגלט
ניט אינעם פרישן קלאָרוואַסער פון טייַך,
ניט אין אַ טראָפּן טוי פון פייַכטע גרעזער,
נאָר אין צעגליטן אייַזן פון דער ביקס.

פאַר ווערגעליסן איז בכלל כאַראַקטעריסטיש אַ פילאָסאָפישער באַנעם פון דעם געשילדערטן. אין יעדער געשעעניש געפינט ער אַן אויסדרוק פון אַ געוויסער געזעצמעסיקייַט, פון אַן אַלגעמיינעם פּראָצעס. עס גייט אַן אומבאַראַכמאָנעסדיקער געראַנגל. קאָרבאָנעס זייַנען אומפאַרמייַדלעך, דער ציקל פאַרענדיקט זיך מיט שטייַפע שורעס:

די פינף און צוואַנציק יאָר פון אונדזער יוגנט
פאַרהאַרטעוועט זיך אינעם פלאַם פון טויט.

טויט, טויט, טויט. יעדער שריט אויף דער מילכאָמע איז באַגלייט מיט קאָרבאָנעס, און צווישן זיי — זעקס מיליאָן ייִדן. די ייִדישע דיכטער האָבן געוווּסט וועגן דער גרויסער טראַגעדיע, וואָס דאָס פאָלק האָט איבערגעלעבט, און ווו זיי זאָלן ניט זייַן, האָבן זיי ניט געקאָנט ניט טראַכטן וועגן דעם שוידער, וועלכער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זייערע אויגן אין די באַפרייַטע געגנטן. קימאַט אין יעדער שטאָט, אין יעדן שטעטל — רויִנען, גריבער. „דער סאַמע וואָלקן איבער זיי איז אַשיקגרוי”, — שרייַבט מאָטל גרוביאַן. בייַ פינינבערגן לייענען מיר: „ווו איך שטיי און ווו איך גיי — גייט מיר נאָך דאָס בלוט, גייט מיר נאָך דער וויי”. אין אַן אַנדער ליד בייַ אים:

איך פיל ניט קיין אוקראַיִנע,
קיין רייַסן, קיין ליטע,
בלויז איינס מיך באַגעגנט:
דאָס פעלד פון דער שכיטע.
קיין ייִדישער קלאַנג ניט.
קיין ייִדישער אָטעם.
מיליאָנען — באַגראָבן,
מיליאָנען — פאַרשאָטן.

אין פעברואַר 1945 איז מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי מיט זייַן מיליטער-טייל אַרייַן אין וואַרשעווע...

אין פעוורואַל 1945 איז מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי מיט זייַן מיליטער-טייל אַרייַן אין אָשווענטשים און גלייַך פּאָעטיש פאַרפיקסירט זייַנע אייַנדרוקן:

אוי, ווו נאָר איך טו זיך אַ קער,
צו וועמען איך זאָל זיך ניט ווענדן —
בלייכע פאַרדאָרבענע פּנעמער,
וויסט און פאַרמאַטערט.

נאָך אַן אַלגעמיינעם איבערבליק קומט אַ קאָנקרעט בילד, פון וועלכן עס קלעמט דאָס האַרץ:

אָט זע איך אַ פּיצעלע קינד.
פון ליפּן, וואָס קאָנען ניט זויגן,
אַ בלוטיק שטרעמעלע רינט.

„אומדערהערטע לײדן” — הייסט בייַ מאָטל גרוביאַנען אַן אָפּטייל אין זייַן בוך „געזאַנג וועגן מוט”. דאָס זייַנען לידער, אָנגעשריבענע מיט וויי, מיט בלוט. פיל פון זיי זייַנען אַרויסגערופן פון אומשטענדן, וועלכע האָבן געטראָפן מיט מישפּאָכע-אייגענע פונעם דיכטער — „מייַן שוועסטער”, „דער מאַמעס זייגערל”, „דאָס פינגערל”, „שלאָף, מייַן ייִנגעלע” און אַנד. מאָטל גרוביאַן באַווייַזט, ווי די געפּייַניקטע פלעגן צומאָל אויך נעקאָמע נעמען. אַזאַ איז די ליד „קאַלעניו-קאַלע”:

אוי, ניט צום טאַנצן אַ שער
האַלטן קאַלע-מיידלעך איינע די אַנדערע
אונטערן אָרעם,
דאָס האָט מען געבראַכט זיי צו די גריבער אַהער,
צעשטעלט בייַ די אָפענע קוואָרים.

אָבער ס׳האָט זיך געפונען איינע, וועלכע איז אַרויס פון דער שערענגע און „דאָס בלוט

פונעם פײַנט" האָט מען „בא די פיס פון א העלדיש מיידל געפונען".

די דיכטער האָבן באזונגען רעאַלע העלדן.

ארן ווערגעליס שאפט א דערהויבענע און אין דער זעלבער צײַט א רעאַליסטישע פּאָעמע וועגן יויסעף בומאגינען, דעם העלד פון סאָוועטנפארבאנד, וועלכער שטאָלצירט מיט דעם, וואָס ער, „א ייִד פון יענער זײַט סיביר", איז געוואָרן א רוסישער סאָלדאט. די זעלנער פון זײַן ווזוואָד כידעשן זיך, ווי ער איז „היימיש מיטן קריג און מיט דער ארבעט". ער אליין, יויסעף בומאגין, ווארפנדיק זיך אף דער אמבראזור פונעם פײַנטלעכן דאָט, טראכט פאר זיך: „ווי א ברודער בין איך ענלעך אף מאטראָסאָוון דעם העלד, און ווי א זון בין איך געראָטן אין באר-קאָכבען". ביידע פארגלײַכן זײַנען זייער וויכטיק אין דער סטרוקטור און אינעם אידייִשן אינהאלט פון דער פּאָעמע. דער העלד בא ווערגעליסן איז פארברידערט מיטן רוסישן פאָלק און פילט זיך אלס יורעש פון די לעגענדארע העלדן פון דער ייִדישער געשיכטע.

דער איבערוף פון דוירעס איז שטארק כאראקטעריסטיש פאר דער ייִדישער דיכטונג פון דער מילכאָמע-צײַט. אין דער קליינער פּאָעמע „כאנע מיט די זיבן זין" שילדערט מוישע כאשטשעוואצקי די העראָישע אופירונג פון דער מוטער, וועלכע איז אופגעצוווּנגען צו זען דעם טויט פון אירע זיבן זין. דער דיכטער פארענדיקט די פּאָעמע מיט א היסטאָריש-פילאָסאָפישן פערז:

> עס יאָגן די דוירעס, עס בײַט זיך דער דין,
> נאָר ס'פלייצט אלץ און פלייצט אין די יאמען
> דאָס בלוט פון די זיבן מארטירער, די זין,
> באנאנד מיטן בלוט פון דער מאמען.

ארן קושניראָוו איז אין יאָר 1941 אוועק פרײַווילִיק אין דער פאָלקס-אָפּאָלטשעניע, האָבנדיק א היפשע מיליטערישע דערפארונג. מע האָט אים באלד באשטימט אלס קאָמאנדיר פון א ראָטע. ווי זאָרגעוודיק ער האָט זיך באצויגן צו זײַנע רויטארמייער, באווײַזט אָנשוילעך זײַן ליד „פאָטער קאָמאנדיר". אין זײַן ראָטע איז באנאכט אָנגעקומען א „פּאָפּאָלנעניע" — „ייִנגלעך, אכצניאָריקע און צארטע". ער, דער באיאָרטער דיכטער, דארף פאר זיי איצט זײַן א קאָמאנדיר און א פאָטער, און בא אים קלעמט דאָס הארץ, ווען ער טראכט וועגן דעם גוירל, וואָס עס שטייט זיי פאָר, — „דער שווערער אָל פון מענער און סאָלדאטן. דער שטאָלצער כויוו פון קריגער און באשיצער". עפשער וועט ער זיי מוזן שוין הײַנט באנאכט ווארפן אין שלאכט, פון וועלכער ניט אלע וועלן זיך אומקערן. דער פּאָעט שרײַבט:

> אויב איך וועל אויסמײַדן א קויל אָדער א שפליטער,
> ווי ווייטיקדיק כ'וועל וועלן און ניט קענען
> דערמאָנען ניט דעם שמייכל, ניט די נעמען
> פון יענע, וועלכע וועלן דאָ שוין פעלן.

אין אן אנדער אויפן דריקט אויס זײַן הומאניסטישע וועלט-אַנשויונג עזרא פינינבערג. אין דער באלאדע „פארבלוטיקטע ביכער" פלעכטן זיך איבער צוויי סוזשעטישע ליניעס: א יונגער לייטענאנט איז נאָך א פארווונדונג ארויסגעגאנגען אין מאָסקווע צום דיכטער און דערציילט, וויאזוי ער האָט נאָך א שלאכט געפונען „אין א הויף פון א צעשמעטערטער ביבליאָטעק" זײַנעם א בוך לידער, „אים אופגעהויבן פונעם בלוט און פונעם אש, כ'האָב אים ארײַנגעלייגט אין קאָמאנדירישן אין גרויסן טאש, און בין מיט אים אין שלאכט אוועקגעגאנגען". דאָס דערציילטע האָט דערמאָנט דעם פּאָעט א צופאל, וועלכער האָט מיט אים אליין געטראָפן אף דער מילכאָמע, ווען ער האָט אויך „געראטעוועט א בינטל ביכער" און אוועקגעשלעפט זיי צו זײַן פאָלק. אין וועג האָט אים באגעגנט דער גענעראל און מיט א שמייכל א ריף געטאָן אים — „טאָווארישטש קניגאָנאָשא", און ער, דאָס אייניקל פונעם באוווסטן ייִדישן מויכערספאָרימניק, איצט א שלאכט-קאָמאנדיר — גרויסט זיך מיט אזא כאראקטעריסטיק.

מוישע טייפס סוזשעטישע ליריק איז אויסגעהאלטן אין א פאָלקלאָרישן נוסעך. מײַסטעריש פלעכט טייף איבער די הײַנטצײַטיקע מילכאָמע-בילדער מיט געשטאלטן, וואָס שטאמען פונעם פאָלקלאָר. דער געוואגטער ארטילעריסט מיילעך לעווין איז אן אייניקל פון אן אלטן קלעזמער. די האנדלונג אין דער באלאדע „דעם קלעזמערס אייניקל" קומט פאָר ערעוו דער לעצטער שלאכט פאר בערלין. דער גענעראל האָט ארויסגערופן מיילעכן — ער איז דאָך א פידלער — זאָל ער גלײַך שאפן אן אָרקעסטער: „איך וויל אין בערלין, ווען מירן ארײַן, זאָל שפּילן מוזיק, זאָל פריילעך זײַן". אָבער ווי קען מיילעך שפּילן א פריילעכס, אז זײַן גאנצע מישפּאָכע איז פארשניטן, ער האָט דאָך „געשוווירן, געגעבן א וואָרט, בא זיך אין דער היימשטאָט, אף יענעם אָרט, אז קאָלזמאן עס לעבט נאָך דער לעצטער פאשיסט, בין איך ניט קיין פידלער, אן ארטילעריסט". נאָך דער שלאכט, ווען מע האָט גענומען די פאשיסטישע הויפּט-שטאָט, האָט דער גענעראל אונטערגעטראָגן מיילעכן א פידל, און בא די בראנדענבורגער טויערן האָבן זיך דערהערט קלאנגען פון א פריילעכס.

די פאָרם פון א פאָלקס-מײַסעלע האָט מוישע טייף אויסגענוצט אין זײַן מערקווירדיקער פּאָעמע „דאָס גאָלדענע עפּעלע". די

ייִדישע פֿאָלקסליד וועגן דעם כּאַלעם פֿון אַן אָרעם שנײַדערל דערציילט דאָ א סאָלדאַט באַם שײַטער אין וואַלד, און צום סאָף פֿירט דער דיכטער זייער אָרגאַניש אַרײַן א רעאַל געשטאַלט פֿון א ייִדישן שנײַדער, וועלכער איז אַנטלאָפֿן פֿון געטאָ און דערגאַנגען צו דער סאָוועטישער אַרמיי. און צוליב אים שפּילט די רוסישע האַרמאָניקע דאָס באַוווּסטע „יאַבלאָטשקאָ", סאַמעט קעפּעלע, קײַקל זיך אַף גאָרער וועלט, גאָלדן עפּעלע". פֿאַרשיידענע עלעמענטן — רעאַליסטישע בילדער פֿונעם מילכאָמע-שטייגער, מאָטיוון פֿון ייִדישן און רוסישן פֿאָלקלאָר זײַנען אין דער פּאָעמע מײַסטעריש צונויפֿגעשמאָלצן.

ענלעכע פֿאָלקלאָרישע מאָטיוון נוצט אויס אויך מאָטל גרוביאַן. זײַנע מילכאָמע-לידער טראָגן אַן עפּיש-דערציילערישן כאַראַקטער. דער באַלאַדישער סטיל פֿילט זיך אין דער ליד „א וויגע אין שטעטל". אין א סימבאָלישער פֿאָרם שילדערט דער דיכטער די גרויסע טראַגעדיע פֿונעם אומקום:

וויגט זיך א וואַסער, שטראָמט און דערציילט:
באַ זײַן טאָכטער דער קערפּער פֿון קאָפּ אָפּגעטיילט.
דו יאָג זיי, פֿאַרטרײַב זיי, די שווערע מאַכשאָוועס...

עטלעכע באַלאַדעס האָט אויפֿן פֿראָנט אָנגעשריבן מאָטל גאָלבשטיין. „די באַלאַדע וועגן דעם בריוו" דערמאָנט דאָס באַרימטע ווערק פֿון געטע „דער וואַלד-קיניג". אָבער גאָלבשטיין האָט דעם סוזשעט צוגעגעבן א הײַנטצײַטיקן כאַראַקטער. ס'איז געוואָרן א באַלאַדע וועגן א רויטאַרמייער, וועלכער „יאָגט קעגן ווינט", קעדיי צו באַגינען ברענגען א וויכטיקע מיטיילונג אין שטאַב. דעם באַפֿעל האָט ער אויסגעפֿילט — אין שטאַב האָט דאָס פֿערד געבראַכט דעם בריוו, אָבער מיטן טויטן רײַטער...

פֿון מאָטל האַרצמאַנען זײַנען צו אונדז דערגאַנגען אויסצוגן פֿון א טראַגישער פּאָעמע „דער טויט-אורטייל". ס'איז א זייער לײַדנשאַפֿטלעך ווערק וועגן דעם גערangל מיט די פֿאַשיסטישע כאַיאָלעס אינעם ערשטן מילכאָמע-יאָר. דער דיכטער איז געפּלעפֿט פֿון די גרויזאַמע שלאַכטן און ווענדט זיך צו דער גאָרער וועלט:

דערהערט און פֿאַרנעמט, אַלע הימלען און ערדן,
דעם הייסן געשריי פֿון מײַן בלוטיקן האַרצן,
פֿאַרנעמט, ווי עס קלינגען די הייליקע שווערדן
פֿון אײַז־אָקעאַנען ביז יאַם ביזן שוואַרצן.
דאָרט שטויסן צונויף זיך צוויי וועלטן אויף שפּיזן...

באַנאַנד מיט אַזאַ דערהויבענעם סטיל זײַנען פֿאַראַן אין דער פּאָעמע קאָנקרעטע מילכאָמע-בילדער. א צוג מיט טעפּלושקעס, אין וועלכע ס'פֿאָרן עוואַקויִרטע. א שוואַנגערע פֿרוי אין א ווינקל. פּלוצעם — „א זעץ פֿון א באָמבע און א קנאַל פֿון קאַנאָנען... און אָט ליגט די מוטער אַף שטיקער צעשמעטערט, נאָך איידער איר קינד איז געבוירן געוואָרן". אָבער פּאַטעטיק דאָמינירט אין מאָטל האַרצמאַנס פּאָעמע. דער דיכטער איז דערשטוינט פֿון דער גרויסער טראַגעדיע, אָבער ער פֿאַלט ניט אַרײַן אין ייִעש, פֿאַרקערט, רופֿט דאָס פֿאָלק אויפֿצוהייבן זיך צוזאַמען מיט אַלע פֿעלקער פֿונעם לאַנד: „דײַן גוווּרע באַווײַז און דײַן גרויסע אַקשאָנעס..." צום אונטערשייד פֿונעם לײַדנשאַפֿטלעך-פּאַטעטישן נוסעך פֿון האַרצמאַנס פּאָעמע איז דער נוסעך פֿון ווערגעליסעס פּאָעמע וועגן יויסעף בומאַגינען אין גרונט א רעאַליסטישער. די סאָוועטישע אַרמיי איז שוין אַרײַן אין דײַטשלאַנד, אָבער פֿאַרביסענע שלאַכטן שטייען נאָך פֿאָר. אין אָנהייב פֿון דער פּאָעמע איז בולט דער קאָנטראַסט צווישן בליִענדיקן שטילן פֿרילינג און דער האַרבער מילכאָמע-אַטמאָספֿער. אַף די דאָזיקע סטיל-עלעמענטן — פּאַראַלעלן און קאָנטראַסטן — איז געבויט די גאַנצע פּאָעמע. עס ווערט קעגנגעשטעלט די פֿריִערדיקע אַרבעט פֿון יויסעף בומאַגינען אין דער ביראָבידזשאַנער טײַגע און די איצטיקע — אויפֿן פֿראָנט. יאָ, יאָ, — באַהויפּטעט דער דיכטער, — דער קריג איז אויך מי, אָבער זי איז א האַרבע... „פֿון אָט דער מי ניט וואַקסן אויס קיין ווענט".

אין צענטער פֿון דער פּאָעמע איז אַוועקגעשטעלט דער העלדנטאַט פֿונעם געוועזענעם פּראָסטן אַרבעטער. דאָס איז אַן אויפֿטו א געזעמעסיקער פֿון א סאָוועטישן מענטשן, און אין דער זעלבער צײַט א העראָיִשער. אין פֿינאַל, ווענדט זיך דער דיכטער צו דער יונגער געגנט, וואָס האָט אויסגעכאָוועט דעם העלד, און דער רעאַליסטישער נוסעך גייט איבער אין א דערהויבענעם:

— נעם, געגנט ייִדישע, בומאַגינס רום און פֿיר אים
אַרײַן מיט קאָוועד אין לעגענדעס פֿון דײַן שטאַם,
ס'זאָל יויסעף זײַן דער יונגער שיר־האַשירים
פֿון אַלטן פֿאָלק זײַנעם אין שטאָט ביראָבידזשאַן.

„דאָס געזאַנג וועגן יויסעף בומאַגין" איז, דאַכט זיך, די איינציקע קאָנסעקווענט העראָיִשע פּאָעמע, וועלכע די ייִדישע דיכטונג האָט געשאַפֿן גלײַך נאָך דער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע. אין אַנדערע עפּישע ווערק פֿלעכטן זיך איבער העראָיִק און טראַגיק. ווערגעליס מײַדט אויס די טראַגיק. ער האָט געשטעלט פֿאַר זיך אַן אַנדער ציל — באַזינגען דעם ייִדישן סאָלדאַט, וועלכער האָט אַרײַנגעטראָגן זײַן בײַטראָג אינעם זיג איבער דעם פֿאַשיסטישן סוינע. יויסעף בומאַגין איז באַגאַנגען זײַן העלדנטאַט, ווען ס'האָט זיך שוין געפֿילט דער אָנקומענדיקער ניצאָכן.

אין יענער צײַט בײַט זיך דער טאָן פון דער ייִדישער מילכאָמע-דיכטונג, ער ווערט א מער מונטערער. אויך פריִער, אין די ערשטע שווערע יאָרן, האָבן די דיכטער געגלייבט אינעם ענדגילטיקן זיג. אָבער איצט, ווען דער ניצאָכן איז שוין זיכטבאר, זײַנען מיר געוואָרן „עלטער און מוטיקער", — ווי עס שרײַבט ארן ווערגעליס אין דער ליד, וואָס איז דאטירט מיטן 1945 יאָר; עזראָ פינינבערג רופט אָן דעם צווייטן טייל פון זײַן זאמלונג „אין ריזיקן פײַער" — „טריִומפאלע טויערן"; „איך גיי אף בערלין", — זאָגט מיט שטאָלץ מאָטל טאלאיעווסקי. „א גרוס דיר, זיג!" — רופט אויס ארן קושניראָוו. „כ'בין געקומען!" — פירט אונטער א סאכאקל מאָטל גאָלבשטיין.

צו אונדזער גרויסן ווייטיק, האָבן ניט אלע ייִדישע דיכטער, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן מיטן סוינע, געקענט פײַערן דעם ניצאָכן. די רעשימע פון די אומגעקומענע האָב איך געבראכט אף די ערשטע זײַטלעך פונעם ארטיקל. צום סאָף וויל איך זיי נאָכאמאָל דערמאָנען: שמועל העלמאָנד, שמועל ראָסין — זיי זײַנען געפאלן אין די ערשטע כאדאָשים פון דער מילכאָמע, הענעך שוועדיק — אין 1942 יאָר. אזוי איינער נאָכן אנדערן, און ווײַטער נוץ איך אויס ווערגעליסעס ליד „קייווער-אָוועס": „א קייוועור — כאשטשעוואצקי, נאָך א קייוועור — הארצמאַן, און זעלדין דער מאטראָס פארגראָבן ליגט אין שניי... מײַן פרײַנט אָליעווסקי קומט צו אונדז ארויס פון יענע ווײַטקייטן, ווו ס'ווערט דער מענטש פארלאָרן"...

זייער איבערגעריסענע ליד קלינגט נאָך הײַנט און וועט בעליסאָפעק קלינגען אין דער צוקונפט. „דיכטער שטארבן, נאָר די דיכטונג וועט ניט שטארבן קיינמאָל", — האָט געשריבן אין יענער צײַט הענעך שוועדיק.

די ייִדישע מילכאָמע-דיכטונג איז, ביכלדעריש גערעדט, א ריטשקעלע, וואָס האָט זיך ארײַנגעגאָסן אינעם אָקעאן פון דער נאציאָנאלער סאָוועטישער ליטעראטור. וועגן דער דאָזיקער דיכטונג קען מען זאָגן מיט די ווערטער, וועלכע עזראָ פינינבערג האָט געווידמעט דעם אייגענעם גוירל:

א רינגעלע, א כוואליעכל —
איך בין ארײַן אין צאָרנדיקע שטראָמען,
אין דער לעבעדיקער עפּאָפּייע,
אין דער עפּאָפּייע פון מילכאָמע.

דאָרט, אף די שלאכטפעלדער, איז געשאפן געוואָרן די קינסטלערישע עפּאָפּייע וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אין איר שאפונג האָבן אָנטיילגענומען אויך די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער — דיכטער און פּראָזאיִקער, וועלכע האָבן אומיטלבאר געקעמפט קעגן דעם פאשיזם.

גריגאָרי באָנדאַרעווסקי,
פּראָפעסאָר

דער עמעס וועגן די געהיימע פאַרבינדונגען פון פשא מיטן קריגערישן „יִשׂראל"

אין שײַן פון דער הײַנטצײַטיקער אומגעבונג שטעלן פאָר מיט זיך א באַזונדערן אינטערעס די מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, וועלכע ס. גרין ברענגט אין זײַן בוך „דער אויסוואל איז געמאַכט. געהיימע פאַרבינדונגען פון פשא מיטן קריגערישן יִשׂראל". דעם אווטאָר האָט ארויסגעהאָלפן זײַן דורעהאַפטיקע ארבעט אין די ארכיוון פון דער צענטראַלער אויסשפּיר-פאַרוואַלטונג פון פשא, אינעם פּענטאַגאָן און אין מעלוכע-דעפּאַרטאַמענט. דאָס גיט אים א מעגלעכקײַט טיפער זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין די טרײַבקרעפטן פון דער נאָענטמיזרעכדיקער פּאָליטיק פון די פאַראייניקטע שטאַטן און אין דער ציוניסטישער אַגרעסיע אויפן אַראַבישן מיזרעך. דאָס פערטע קאַפּיטל פונעם בוך, וואָס טראָגט א גאַנץ אייגנאַרטיקן נאָמען „דאָס אָפּשטעלן די הילף אין 1953: א מאָשל פון אונדזער צײַט", איז געווידמעט דעם ערשטן ערנסטן קריזיס אין די אַמעריקאַניש-יִשׂראלדיקע באַציִונגען, וועלכער איז געווען א פּויעל-יוצע פון די פּיראַטישע אַקציעס פון די ציוניסטישע יִשׂראל-רעגירער אין דער איריגאַציע-בויונג אינעם בעקן פונעם טײַך יאַרדן און פון דעם באַנדיטישן אָנפאַל פון די יִשׂראלדיקע מיליטערלײַט אויפן פּאַלעסטינער דאָרף קיביא, וועלכער האָט פאַרורזאַכט פילצאָליקע קאָרבאָנעס.

די פּראָבלעם פון דער איריגאַציע-בויונג אין די בעקנס פונעם טײַך יאַרדן און פון איר וויכטיקסטן בײַטײַך יאַרמוק האָט ארויסגערופן אין אָנהייב פון די פופציקער יאָרן א שטאַרקן אינטערעס אין דער וועלט, ווײַל איר ריכטיקע לייזונג וואָלט דערפירט צו דער באַוואַסערונג פון גרויסע מאַסיוון מידבאָריעס אין דאָרעם-ליוואַן, אין דאָרעם-מײַרעוו פון סיריע, אין מײַרעוו-טראַנסיאָרדאַניע און אין צאָפן-מיזרעך פון יִשׂראל. מיט אָט דער פראַגע האָט זיך פאַרנומען די נאָענטמיזרעכדיקע אַגענץ בא דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס אויף צו העלפן די פּאַלעסטינער פּליטים. א גרויסע אַקטיווקײַט אינעם רעאַליזירן די דאָזיקע פּראָיעקטן האָט ארויסגעוויזן אייזנהאַוערס אַדמיניסטראַציע, ווײַל דאָס האָט געעפנט צוציִענדיקע פּערספּעקטיוון פאַר די אַמעריקאַנישע מאָנאָפּאָליעס, וועלכע האָבן געשטרעבט ארײַנצודרינגען אין דעם סטראַטעגיש וויכטיקן ראַיאָן פונעם נאָענטן מיזרעך, וואָס איז ביז אהער געווען א מאָנאָפּאָלישע ווירקונגס-ספער פון ענגלאַנד און פראַנקרײַך. קעדיי צו פאַרפעסטיקן זייערע פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינע און אין דעם בײַליגנדיקן רעגיאָן, האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן זיך דערשלאָגן, מע זאָל באַשטימען דעם אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַט ר. באַנטש אַלס פאַרמיטלער אין פּאַלעסטינע אָנשטאָט דעם דערמאָרדעטן לויט שאַמירס באַפעל פ. בערנאַדאָט. אַן אַנטשיידנדיקער איז געווען דער אײַנפלוס פון פשא אויך אויף דער גרופּע באַאָבאַכטער אין פּאַלעסטינע צו קאָנטראָלירן, וויאַזוי עס ווערט אָפּגעהיט דער וואָפנשטילשטאַנד אין פּאַלעסטינע. פאַקטיש האָבן די אַמעריקאַנער קאָנטראָלירט אויך דעם בודזשעט פון דער נאָענטמיזרעכדיקער אַגענץ פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס.

ניט באַגרענעצנדיק זיך דערמיט, זײַנען די פאַראייניקטע שטאַטן ארויסגעטראָטן אַלס איניציאַטאָר פון דער דרײַצדאָדימדיקער דע-

---

פאָרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 3 פאַר ה. י.

קלאַראַציע פון די רעגירונגען פון ענגלאַנד,
פראַנקרײַך און פּשא, װעלכע זײ האָבן פאַר-
עפנטלעכט דעם 25 מײַ 1950 מיטן ציל צוּיי-
גענען פאַר זיך דאָס רעכט צו קאָנטראָלירן די
באַציִונגען צווישן די אַראַבער און ייִסראָעל,
די אויסערלעכע פאַרבינדונגען פון די אַראַ-
בישע לענדער און די מאָנאָפּאָליע אַף באַזאָרגן
זיי מיט געווער. די סאָוועטישע רעגירונג האָט
פאַרורטיילט די דרײַצדאָדימדיקע דעקלאַראַציע
אַלס ברוטאַלע אַרײַנמישונג פון די אימפּע-
ריִאַליסטן אין די איניאָנים פון די נאָענטמיז-
רעכדיקע לענדער.

שטרעבנדיק אויסצונוצן די אָפּשוואַכונג
פון די פּאָזיציעס פון ענגלאַנד אַפן נאָענטן
מיזרעך אין רעזולטאַט פון דעם, וואָס עס איז
נאַציִאָנאַליזירט געוואָרן די ענגליש-איראַנישע
נאַפט-קאָמפּאַניע אין אַפּרעל 1951, ווי אויך
פון דער מיצרישער רעוואָליוציע אין 1952
און פונעם מאָרד אין 1951 פון דעם עמיר פון
טראַנסיאָרדאַניע אַבדאַלאַך — אַ באַשײַמפּער-
לעכער ענגלישער קרעאַטור, האָט די אַמערי-
קאַנער דיפּלאָמאַטיע אָנגעהויבן אַ ברייטן פּיל-
פּלאַנעוון אָנגריף אַפן נאָענטן מיזרעך.

אַ באַשטאַנדטייל פון די דאָזיקע פּלענער
איז אויך געווען די אויבנדערמאָנטע איריגאַ-
ציע-בויונג אין די בעקנס פון די טײַכן יאַרדען
און יאַרמוק. וועגן דער ענגער פאַרבינדונג
צווישן דעם יאָרדאַנישן פּראָיעקט און די
נאָענטמיזרעכדיקע פּלענער פון פּשא דערמאָנט
ניט ס. גרין אין זײַן בוך, און דעריבער קאָן
ער ניט דערקלערן, פאַרוואָס די „זעלבסטשטע-
קײַט" פון ייִסראָעל אין אָט דער פראַגע האָט
אַרויסגערופן אַזאַ שאַרפע רעאַקציע אין וואַ-
שינגטאָן.

אָנהייבנדיק פון מאַרט 1951, האָבן די
אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטן און אויסשפּירער,
וועלכע האָבן זיך געפונען אין ייִסראָעל און
אין ליוואַן, געשיקט אַליאַרמירנדיקע דעפּעשן
אין דער צענטראַלער אויסשפּיר-פאַרוואַלטונג
און אין מעלוכע-דעפּאַרטאַמענט, אין וועלכע
עס זײַנען אויספירלעך באַלויכטן געוואָרן די
פאַקטן פון ברוטאַלער פאַרלעצונג מיצאַד די
ייִסראָעלדיקע מאַכט-אָרגאַנען די באַדינגען
פונעם וואָפנשטילשטאַנד, וועלכער איז אונ-
טערגעשריבן געוואָרן אין 1949 צווישן ייִס-
ראָעל, טראַנסיאָרדאַניע, ליוואַן און סיריע.
שיקנדיק פיל מאָל בוי-אָטריאַדן מיט טראַק-
טאָרס און בולדאָזערס אונטער דער וואַך פון
טאַנקען אין די דעמיליטאַריזירטע זאָנעס אַף
די גרענעצן מיט די דרײַ אַראַבישע לענדער,
האָבן די ייִסראָעל-רעגירער געפּרווט שאַפן
איריגאַציע-אײַנריכטונגען, וועלכע זאָלן אָפּ-
פירן די וואַסערן פונעם יאַרדען און פון זײַנע
בײַטײַכן אַף זייער טעריטאָריע. אַ באַזונדערס

ערנסטער קאָנפליקט האָט אויסגעבראָכן אין
סעפּטיאַבער 1953, ווען די ייִסראָעלדיקע מי-
ליטערישע בוי-איינהײַטן האָבן אָנגעהויבן
דורכלייגן אַ היפּשן איריגאַציע-קאַנאַל אינעם
ראַיאָן פון דער בריק בנאָט יאַקאָוו, וועלכער
האָט געדאַרפט אָפּפירן די וואַסערן פונעם
יאַרדען קיין ייִסראָעל. דאָס האָט אַרויסגערופן
שטאַרקע פּראָטעסטן אין דער אַראַבישער
וועלט און אין די פירנדיקע אינסטאַנצן פון
דער וועלט-אָרגאַניזאַציע, ווײַל די בריק
בנאָט יאַקאָוו האָט זיך געפונען אין דער דע-
מיליטאַריזירטער זאָנע אַף דער גרענעץ מיט
סיריע, און, הייסט עס, אין „דער פאַראַנט-
וואָרטלעכקײַט-ספער" פונעם אָרגאַן, וועלכער
גיט אַכטונג נאָכן אָפּהיטן דעם וואָפנשטיל-
שטאַנד אין פּאַלעסטינע.

איבער די אויבן-אָנגעוויזענע סיבעס האָט
דער מעלוכע-דעפּאַרטאַמענט פון פּשא גע-
האַלטן פאַר נויטווענדיק, לויט אייזענהאַוערס
פּערזענלעכער אָנווײַזונג, אַרײַנמישן זיך. דער
אַמעריקאַנער געזאַנדטער אין טעל-אוויוו האָט
אָנגעפרעגט אַן אויפקלערונג בא דער ייִסראָעל-
רעגירונג און אין אַ גאַנץ קאַטעגאָרישער
פאָרם געבעטן אָפּשטעלן די בויונג פונעם
קאַנאַל. אַף די צוויי אָנפראַגעס פונעם מעלו-
כע-דעפּאַרטאַמענט איז קיין ענטפער ניט גע-
קומען. די איינציקע ענדערונג איז באַשטאַנען
אין דעם, וואָס די ייִסראָעלדיקע בוי-אָטריאַדן
האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן אַפן קאַנאַל באַנאַכט.

אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט דער מע-
לוכע-סעקרעטאַר דאַלעס דעם 18 סעפּטיאַבער
1953 דערקלערט דעם ייִסראָעלדיקן גע-
זאַנדטן, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג שטעלט
אָפּ אַלע מינים הילף, ביז וואַנען עס וועט ניט
פאַרקאָנסערווירט ווערן די בויונג פונעם קאַ-
נאַל. דעם 15 אָקטיאַבער האָט די וועלט-
עפנטלעכקײַט זיך דערוווּסט וועגן אַ נײַעם
שוידערלעכן פאַרברעכן פון די ציִעניסטישע
אַגרעסאָרן — אַ טאָג פאַר דעם האָבן בא 300
ייִסראָעלדיקע סאָלדאַטן זיך אַרײַנגעריסן אין
יאָרדאַנישן דאָרף קיביִא, וואָס געפינט זיך אין
דער דעמיליטאַריזירטער זאָנע. שיסנדיק פון
אויטאָמאַטן און מינענוואַרפערס, האָבן זיי
דערהאַרגעט 53 אײַנוווינער, דאָס ראָוו פרויען
און קינדער, אויפגעריסן 41 הײַזער און אַ שול.

דער פאַרברעכן האָט אַרויסגערופן אַן
אויפברויז פון צאָרן אין דער גאָרער וועלט. די
פּראָציִעניסטישע היסטאָריקער און פּראָפּאַגאַנ-
דיסטן האָבן געטאָן און טוען אַלדאָס מעגלע-
כע, קעדיי פאַרשווײַגן דעם מאַסן-מאָרד, אָדער
אונטערטראָגן אים אין דער פאָרם פון אַ מין
„נעקאָמע-אַקציע". די אויטאָרן פון די „עסייען
וועגן דער געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק",
וועלכע זײַנען דערשינען אין 1972 אין טעל-

אוויוו אַף רוסיש, באַהויפּטן, אַז קיביִא איז צעשטערט געוואָרן קלוימערשט דערפאַר, וואָס זי האָט „געדינט אַלס שטיצפּונקט פאַר די דיווערסאַנטן".

די דאָקומענטן, וועלכע ס. גרין ברענגט, און די מאַטעריאַלן פון ל. ראָקאַשעס בוך „דער הייליקער טעראָריזם פון ייִסראָעל" וואַרפן צום ערשטן מאָל אַ שייַן אַף דער געשיכטע פון אָט דעם פאַרברעכן.

עס ווייַזט זיך אַרויס, אַז צום אָנהייב פון 1953 האָבן דער שעף פונעם גענעראַל-שטאַב פון ייִסראָעל מ. מאַקלעף און דער שעף פון דער אָפּעראַטיווער פאַרוואַלטונג מוישע דאַיאַן, וועלכער האָט נאָרוואָס באַקומען דעם טיטל גענעראַל, אַליאַרמירט, אַז לויט זייער מיינונג איז געפאַלן די קאָמפּעטענץ פון דער ייִסראָעלדיקער אַרמיי. וועגן דעם זאָגן איידעס, ווי זיי האָבן באַהויפּטעט, די ניט-גענוגנדיק עפעקטיווע אָנפאַלן אַף די אַראַבישע בייִגרעניץ-דערפער, — די אַרמיי-טיילן האָבן זיך אומגעקערט, פאַרורזאַכנדיק גרויסע פאַרלוסטן און ניט פאַרניכטנדיק קיין גענוגנדע צאָל „דיווערסאַנטן". דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ ספּעציִעלע „איינהייט 101", קעדיי פירן קריגס-אַקציעס באַנאַכט און רוינירן ווין-הייַזער. אַלס קאָמאַנדיר פון אָט דער איינהייט איז באַשטימט געוואָרן דער מאַיאָר אַריִעל שאַראָן.

דער באַנדיטישער אָנפאַל אַף קיביִא האָט געדאַרפט ניט נאָר אָנשרעקן די אַראַבער, נאָר אויך זייַן „אַ קאַמפּס-טרענירונג פון דער „איינהייט 101". אַזאַ איז געווען דער דעביוט פונעם קינפטיקן „קאַצעוו פון סאַבראַ און שאַטילאַ" שאַראָן, וועלכער האָט פאַרנומען אין 1982 יאָר דעם פּאָסט פון שוץ-מיניסטער אין שאַמירס רעגירונג, און אין 1984 איז ער געוואָרן אין דער רעגירונג פון „נאַציִאָנאַלער איינהייַט", בעראָש מיטן לידער פון די סאָציִאַל-ציִוניסטן פּערעס, מיניסטער פון אינדוסטריע און האַנדל.

אַ טאָג פאַר דער פאַרניכטונג פונעם דאָרף קיביִא — דעם 14 אָקטיאַבער 1953 — האָט מ. שאַרעט, וועלכער האָט דעמאָלט אויסגעפילט די פליכטן פונעם פּרעמיער-מיניסטער, באַקומען בעשאַס דער זיצונג פונעם מיניסטאָרן-קאַבינעט פון ייִסראָעל ניט קיין אָפיציִעלע אינפאָרמאַציע וועגן דעם, אַז אַפן אַנדערן טאָג איז אָנגעמערקט די באַנדיטישע אַקציע. פאַרבייַטנדיק בען-גוריִאָנען, וועלכער האָט אַף צוויי כאָדאָשים זיך אָפּגעזונדערט אינעם קיבוץ סדע באָקער, האָט שאַרעט פאָרגעלייגט פ. לאַוואָנען, אַף וויפל ער האָט פאַרביטן בען-גוריִאָנען אַפן פּאָסט פון שוץ-מיניסטער, ער זאָל אָפּשאַפן אָט דעם אָנפאַל. פאַרופנדיק זיך אַף בען-גוריִאָנס באַפעל האָט לאַוואָן קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט עס צו טאָן. די פּרווון אייַנצושטעלן אַ טעלעפאָן-פאַרבינדונג מיט בען-גוריִאָנען האָבן צו קיין זאַך ניט דערפירט.

און דעם 15 אָקטיאַבער איז דער פאַרברעכן פאַרווירקלעכט געוואָרן. אין עטלעכע שאָ אַרום האָט בען-גוריִאָן דערקלערט, אַז קיין שום באַפעל וועגן פאַרניכטן קיביִא האָט ער ניט אָפּגעגעבן, און די ייִסראָעלדיקע אַרמיי האָט ניט געהאַט קיין שייַכעס צו אָט דער אַקציע, וועלכע איז קלוימערשט „אַ נעקאָמע-אַקט פון די אייַנוווינער פון אַ קיבוץ בענעגייע די אַראַבישע דיווערסאַנטן".

דעם אָנפירער פון דער אויסערן-פּאָליטיק פון פּשאַ דאַלעסן און דעם פּרעזידענט אייזנהאַוערן איז געווען קלאָר, אַז אויב די אַמעריקאַנישע רעגירונג וועט דאָס פאַרשווייַגן, בייס די גאַנצע אַראַבישע וועלט איז אויפגעבראַכט, וועלן די פּלענער פון וואַשינגטאָן, וועלכע האָבן פאָרויסגעזען באַדייַטנדיק צו פאַרשטאַרקן די אַמעריקאַנישע פּאָזיציעס אַפן אַראַבישן מיזרעך אַפן כעזשבן פון ענגלאַנד און פראַנקרייַך, פאַרווירקלעכט ווערן אַף אַ דורכפאַל. דעריבער האָט דער מעלוכע-דעפּאַרטאַמענט דעם 18 אָקטיאַבער 1953 ניט נאָר שאַרף געטאַדלט דעם פאַרברעכן אין קיביִא, נאָר אויך אָפיציִעל געמאָלדן וועגן דעם, אַז אַמעריקע שטעלט אָפּ די הילף ייִסראָעל, וועגן וואָס איר רעגירונג, ווי מיר האָבן שוין איבערגעגעבן דערמאָנט, איז צו וויסן געגעבן מיט אַ כוידעש פאַר דעם אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּיראַטישן פּרווו צו אָפּפירן די וואַסערן פונעם יאַרדן.

לויט אַ סיגנאַל פון טעל-אוויוו זייַנען די ציִוניסטישע קערפּערשאַפטן אין פּשאַ טייקעף אַריבער אין אַ קאָנטער-אָנגריף. בעמעשעך פון אַ וואָך צייַט האָבן די קאָנגרעסמענער און סענאַטאָרן, ייִדן לויט דער נאַציִאָנאַליטעט, באַמבאַרדירט מיט טעלעגראַמעס דעם ווייַסן הויז. אייַנצייַטיק האָבן זיך אַקטיוויזירט אין אָט דער פראַגע דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָנגרעס, די ציִוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע, דער אַמעריקאַנער ייִדישער פּאַלעסטינער קאָמיטעט, די מאַסן-אָרגאַניזאַציע „האַדאַסאַ".

אייזנהאַוער איז אָבער ניט אָפּגעטראָטן. דעם 29 אָקטיאַבער 1953 האָט צום ערשטן מאָל געמוזט נאָכגעבן די ייִסראָעל-רעגירונג. זי האָט מיטגעטיילט דעם מעלוכע-דעפּאַרטאַמענט, אַז זי שטעלט אָפּ די בויונג פון די איריגאַציע-אייַנריכטונגען און פונעם קאַנאַל. נאָך מער, זי האָט זיך פאַרפּליכטעט אַף ווייַטער מיטצואַרבעטן מיטן זיכערהייַט-ראַט אין פּראַט פון רעאַליזירן דעם פאַנאַנדערגעאַרבעטן מיצאַד דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַריי-

ניקטע נאציעס פלאן פון אן איריגאציע-בויונג אין די בעקנס פון די טײַכן יארדן און יארמוק. אין דעם זעלבן טאָג האָט דאלעס געמאָלדן וועגן דער באנײַונג פון דער הילף ייִסראָעל.

אָט דער עפיזאָד שטעלט מיט זיך פאָר א היפשן אינטערעס. ווי באוווּסט, איז אין דער הײַנטצײַטיקער פובליציסטישער ליטעראטור פארשפרייט די מיינונג וועגן דער אלמעכטיקײַט פון די ייִסראָעלדיקע לאָביס אין פשא. אין א ריי פאלן פארשפרייט די דאָזיקע באהויפטונג די אמעריקאנישע פראָפאגאנדע, וועלכע איז פארינטערעסירט צו פארמאסקירן די אגרעסיווע האנדלונגען פון פשא אפן נאָענטן מיזרעך מיט דערקלערונגען וועגן דעם, אז זיי ווערן פארווירקלעכט אונטערן דרוק פון די פראָ-ייִסראָעלדיקע לאָביס. די דאָזיקע פאָזיציע אנטשפרעכט אויך די אינטערעסן פונעם צווישנפעלקערלעכן ציִעניזם. אין דער זעלבער צײַט באשטעטיקט אָבער לאכלוטן ניט אָט דער טעזיס די האנדלונגען פון דער אייזנהאוער-אדמיניסטראציע אין 1953, ווען די אינטערעסן פון פשא און ייִסראָעל זײַנען זיך פאנאנדערגעגאנגען. ווי ס'וועט באוויזן ווערן ווײַטער, זאָגט איידעס וועגן דעם זעלבן אויך די פאָזיציע פון פשא בײַס דער ענגליש-פראנצויזיש-ייִסראָעלדיקער אגרעסיע קעגן עגיפטן אין 1956.

דאָס פינפטע קאפיטל פון ס. גרינס בוך ווערט מיט רעכט אָנגערופן „די פארשווערונג קעגן שאָלעם". אָבער קעדיי אָפשאצן ווי געהעריק די פאקטן און טײַמים, וואָס ווערן דאָ באהאנדלט, דארף מען זיך פאנאנדערקלײַבן אין דעם ערנסטן פאָליטישן קריזיס, וועלכער האָט ארומגעכאפט די הערשנדיקע קנופיע פון ייִסראָעל אין דער צווייטער העלפט פונעם 1953 יאָר. דער קריזיס איז פארבונדן געווען מיט דער וואקסנדיקער ראָליע פון דער אגרעסיווער מיליטערישער קליקע פון דער מעדינע אינעם פאָרמולירן די אלגעמיינע פאָליטיק און באזונדערס די קריגס-פאָליטיק פון ייִסראָעל. דער גענעראל-שטאב האָט אָן צערעמאָניעס זיך ארײַנגעמישט אין דער לייזונג פון די פינאנציִעלע, עקאָנאָמישע און אויסערן-פאָליטישע פראָבלעמען, פאָדערנדיק, ס'זאָלן פארגעזעצט ווערן די אגרעסיווע אקציעס קעגן די שכיינים, קאטעגאָריש דערווידערנדיק קעגן באליביקע פארשלאָגן, געריכטעטע צו רעספעקטירן די פארשטענדיקונג וועגן וואָפנשטילשטאנד פון 1949 וועגן לינדערן די שפאנונג אינעם רעגיִאָן.

די אויסברייטערונג פונעם אײַנפלוס פון די מיליטערלײַט האָט זיך אָפגערופן אף דער וואקסנדיקער רעאקציִאָנערישקײַט אין דער אינערן-פאָליטיק, אף דער פארפאָלגונג פון אנדערשדענקענדיקע, אין דער ערשטער ריי, פון דעם לינקן פליגל פון מאפאי און פון דער פארטיי מאפאם. ווי עס זאָגן איידעס זש. דעראָזשי און אי. קארמעל אין זייער סענסאציִאָנעלן בוך „די געהיימע געשיכטע פון ייִסראָעל", האָט די שארפע קאָנקורענץ אין די 50-ער יאָרן צווישן די פינף ייִסראָעלדיקע ספעציִעלע אמטן, וועלכע האָבן זיך באשעפטיקט מיט שפיִאָנאזש און דיווערסיעס אין אויסלאנד און נאָכגעשפירט נאָך אנדערשדענקענדיקע בא זיך אין דער מעדינע, זיך פארענדיקט דערמיט, וואָס מע האָט באשטימט איסער הארמעלן — בען-גוריִאָנס טאלמיד — אלס הויפט-קאָאָרדינאטאָר פון דער טעטיקײַט פון אלע ספעציִעלע אמטן, וועלכער איז פערזענלעך פאראנטוואָרטלעך בלויז פארן פרעמיער-מיניסטער. דאָס האָט געבראכט דערצו, אז שוין אין אָנהייב 1953 האָט מען אין די דירעס פון די לינקע פאָליטישע טוער אײַנגעשטעלט מיקראָפאָנען. זומער 1953 האָט אויסגעבראָכן א גרויסער פאָליטישער סקאנדאל אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס מיקראָפאָנען האָט מען געפונען אין די קאבינעטן פון די מאפאם-אָנפירער, וועלכע זײַנען דעמלט ארײַנגעגאן אין דער רעגירונגס-קאָאליציע.

דאָס אלץ, צוזאמען מיט דער פארשארפונג פון די באציִונגען מיט די פארייניקטע שטאטן אין רעזולטאט פון די פיראטישע אקציעס אין די איריגאציע-איניאָנים און פונעם באנדיטישן אָנפאל אף קיביִא, האָט ארויסגערופן א שארפן רעגירונגס-קריזיס, וועלכער האָט דערפירט אין דעקאבער 1953 צו דער דעמיסיע פונעם „פאָטער פון דער נאציע" בען-גוריִאָנען. א געצוווּנגענער צו באפרײַען דעם שטול פון פרעמיער-מיניסטער, האָט בען-גוריִאָן געטאָן אלדאָס מעגלעכע, קעדיי זיך דערשלאָגן, אז מע זאָל נאָמינירן אף אָט דעם פאָסט זײַן נאָכפאָלגער ל. עשקאָל. אָבער נאָך א שטורמישער זיצונג האָט דער צענטראל-קאָמיטעט פון מאפאם זיך ארויסגעזאָגט לעטויוועס דעם אויסערן-מיניסטער מ. שארעט. דערפאר אָבער האָט בען-גוריִאָן זיך דערשלאָגן, אז אלס שעף פון גענעראל-שטאב זאָל נאָמינירט ווערן מ. דאיאן און אלס שוץ-מיניסטער — פ. לאוואָן.

אָט די צוויי נאָמינירונגען האָבן געדארפט פארבלאָקירן די האנדלונגען פון מ. שארעט, וועלכער האָט, זײַענדיק נאָך אויסערן-מיניסטער, ארויסגערופן א שטארקע אומצופרידנקײַט בא די ייִסראָעלדיקע מיליטערלײַט מיט זײַן פארהעלטניסמעסיק פאָרזיכטיקער פאָליטיק, באזונדערס מיט דער טאדלונג פון די סיסטעמאטישע אינוואזיעס פון דער ייִס-

ראַלדיקער אַרמיי אויף דער טעריטאָריע פון די אַראַבישע מעלוכעס. אין איר בוך „די ראָל פון דער מיליטערישער קנופּיע אין דער פאַרמירונג פון דער מעלוכישער פּאָליטיק אין יִסראָעל" ברענגט די סאָוועטישע פאָרשערן אי. ד. זוויאַגעלסקאַיאַ די אַרויסזאָגונג פונעם אַראַבישן היסטאָריקער כ. קישטײַני: „דער ציל פון מ. שאַרעטן איז געווען, אַז יִסראָעל זאָל אַרײַנגענומען ווערן אין דער מישפּאָכע פון די מעלוכעס אין דעם ראַיאָן... ער האָט געפירט א ווייניקער אַגרעסיווע פּאָליטיק און זיך געסטאַרעט דערגרייכן א וואָסער־ניט־איז פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבישע רעגירונגען". אונטערשטרײַכנדיק, אַז שאַרעט איז, פאַרשטייט זיך, געווען א ציִוניסטישער טוער, באַטאָנט אי. ד. זוויאַגעלסקאַיאַ, אַז, ניט אָפּזאָגנדיק זיך צו דערגרייכן א מיליטערישן פאָרצוג פון יִסראָעל איבער די אַראַבישע לענדער, האָט ער „גערופן אויסנוצן ניט נאָר, און צומאָל ניט אַזוי ריין מיליטערישע מעטאָדן, און דאָס איז אַרײַן אין א ווידערשפּרוך מיט בען־גוריאָנס ליניע". די קריגס־אַקציעס, וועלכע דער יִסראָעלדיקער גענעראַל־שטאַב האָט פּלאַנירט קעגן די אַראַבישע לענדער, — שטרײַכט די פאָרשערין ווײַטער אונטער, — האָבן „נישט נאָר ניט האַרמאָנירט מיט שאַרעטס סכעמע, נאָר זי אונטערגעריסן און פּאַקטיש דיסקרעדיטירט יעטווידן מעגלעכן פון זײַן זײַט שריט אין אָט דער ריכטונג".

די פאַקטן און דאָקומענטן, וועלכע ס. גרין ברענגט, באַשטעטיקן די דאָזיקע גרונטלאַגע. זיי דערמעגלעכן אויך — וואָס עס איז באַזונדערס וויכטיק — צו דעמאַסקירן דעם פּרעצעדענטלאָזן לויט זײַן ציניזם און כוצפּע מעטאָד, מיט דער הילף פון וועלכן די עמעסע באַלעבאַטים פון יִסראָעל האָבן טאָרפּעדירט שאַרעטס פּאָליטיק.

דער דאָזיקער מעטאָד איז אָנגעווענדט געוואָרן באַלד נאָך דעם, ווי דער יִסראָעלדיקער גענעראַל־שטאַב האָט באַקומען אַן אינפאָרמאַציע ניט נאָר וועגן שאַרעטס פּלענער צו פאַרבעסערן די באַציִונגען מיט די אַראַבישע לענדער, נאָר אויך וועגן די געהיימע קאָנטאַקטן מיט די געזעלשאַפטלעכע און מעלוכישע טוער פון עגיפּטן, וועלכע זײַנען אײַנגעשטעלט געוואָרן מיט דער הילף פון פאַרמיטלער אין מעשעך פון 1954 יאָר. אין דעם בוך פון די סאָוועטישע געלערנטע יע. מ. פּרימאַקאָוו און אי. פּ. בעליאַיעוו „עגיפּטן. די צײַט פונעם פּרעזידענט נאַסער" ווערט אָפּגעמערקט, אַז אין 1954 — אָנהייב 1955 האָבן א ריי פּאָליטישע טוער און דיפּלאָמאַטן אונטערגענומען ענערגישע באַמיִונגען, קעדיי אײַנשטעלן דירעקטע קאָנטאַקטן צווישן נאַסערן און שאַרעטן. צו זיי געהערן דער פּרעמיער־מיניסטער פון מאַלטע ד. מינטאָף, דער געזאַנדטער פון אינדיע אין קאַיר ק. פּאַניקאַר, דער געוועזענער אַקטיווער מיטגליד פונעם קאָמיטעט איבער די פּליטים־איניאַנים, וועלכן רוזוועלט האָט געשאַפן בײַם דער מילכאָמע, אײַראַ הירשמאַן און דער אָנגעזעענער מיטגליד פונעם ענגלישן פּאַרלאַמענט ר. אַרבאַך, וועלכער האָט בעמעשעך פון עטלעכע כאָדאָשים געמאַכט א רײַזע צווישן קאַיר און טעל־אַוויוו, קעדיי זיך דערשלאָגן, ווי ס. גרין האָט פעסטגעשטעלט, אַז נאַסער זאָל באַוויליקן דעם פּראָיעקט פון אַן עגיפּטיש־יִסראָעלדיקער פאַרשטענדיקונג פון זיבן פּונקטן, וועלכע ס'האָט פאָרגעלייגט שאַרעט. אָבער דאָס אַלץ איז באַוווּסט געוואָרן אין פיל יאָרן אַרום. דער יִסראָעלדיקער גענעראַל־שטאַב האָט אין דער זעלבער צײַט באַקומען אַן אינפאָרמאַציע וועגן די דאָזיקע פּלענער און אונטערהאַנדלונגען אַדאַנק דער אַקטיווקײַט פון זײַנע געהיימע אַגענטן און אַדאַנק די אײַנגעשטעלטע, ווי ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן, מיקראָפאָנען. אַכוץ דעם, האָט שאַרעט צוויי מאָל — אין מײַ און אין סענטיאַבער 1954 — געפאָדערט פון דער קנעסעט א האַסקאָמע אויף צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט עגיפּטן.

די דאָקומענטן, וועלכע ס. גרין האָט געפונען, זאָגן איידעס וועגן דעם, אַז בען־גוריאָנס קרעאַטורן בעראָש מיט דאַיאַנען האָבן ניט נאָר שפּיאָנירט נאָך יעדן טראָט פון זייער פּרעמיער־מיניסטער, נאָר אויך אונטערגענומען קאָנקרעטע מיטלען, קעדיי מאַכן פאַר אומעגלעך א באַלדיקע פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבישע לענדער. צוליב אָט דעם ציל זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן, מיט דער סאַנקציע פונעם שוץ־מיניסטער לאַוואָן, אינוואַזיעס אויף דער טעריטאָריע פון עגיפּטן, יאַרדאַניע, סיריע, פּראָוואָצירט געוואָרן קריגס־קאָנפליקטן. אין יאַנוואַר 1954 האָט דאַיאָן פאָרגעלייגט א גרופּע מיניסטאָרן סאַנקציאָנירן א ריי אינוואַזיעס אין עגיפּטן מיט אָן אָפענעם ציל — פּראָוואָצירן א מילכאָמע צווישן ביידע לענדער. אין סאָף פעברואַל 1954, ווען אין סיריע האָבן אייניקע אַרמיי־טיילן אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן דער דיקטאַטור פונעם פּרעזידענט שישעקלי, האָט לאַוואָן, וועלכער האָט געשטרעבט פאַרפעסטיקן זײַן אויטאָריטעט צווישן די מיליטערלײַט, פאָרגעלייגט אָנהייבן א בליצקריג קעגן סיריע. ער האָט זיך געסטאַרעט דערווײַזן, אַז דאָס וועט דערמעגלעכן צו דעמאָנסטרירן פאַר וואַשינגטאָן די וואַקסנדיקע מעכטיקײַט פון יִסראָעל, און דאָס וועט צווינגען די פּאָליטיקער פון פּשאַ זיך אַריענטירן ניט אויף דעם דעמלט זיך גרייטנדיקן באַג־

דאָדער פאַקט, נאָר אַף אַ מיליטערישן אַליאַנס מיט ייִסראָעל. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַט די אַלע אַוואַנטיוריסטישע פּלענער האָט אַלזײַטיק געשטיצט בען-גוריאָן, וועלכער האָט פאָרמעל זיך געפונען אין דעמיסיע.

שאַרעט האָט נאָך ניט באַוויזן זיך דערשלאָגן אַ באַשלוס פונעם קאַבינעט וועגן פאַרבאָטן צו רעאַליזירן די דאָזיקע פּלענער, ווי דאַיאַן און בען-גוריאָן זײַנען אַרויסגעטראָטן מיט אַ נײַעם פאָרשלאָג — שאַפן אין דאָרעם-ליוואַן אַ קריסטלעכע מעלוכע, פאַרוואַנדלענדיק זי אין אַ מין אייגנאַרטיקן בופער צווישן דעם מוסולמענישן ליוואַן און סיריע, פון איין זײַט, און ייִסראָעל — פון דער אַנדערער זײַט. בען-גוריאָן האָט זיך געסטאַרעט דערווײַזן, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צײַטווײַליקער אָפּשוואַכונג פון סיריע האָט זיך געשאַפן „אַ היסטאָרישע מעגלעכקײַט" צו צעגלידערן די קריסטן און מוסולמענער אין ליוואַן און מיטווירקן צו שאַפן אין אַט דעם לאַנד „אַן אַטמאָספער פון בעהאָלע און בירגערקריג". העזיוס שאַרעטן און זײַנע אָנהענגער האָט זיך דעמלט אײַנגעגעבן צו פאַרמײַדן די רעאַליזירונג פון אָט דעם פּלאַן, איז די ייִסראָעלדיקע מיליטאַריסטן אויסגעקומען ביכלאַל אָפּלייגן זײַן רעאַליזירונג אַף 18 יאָר. די טראַגישע געשעענישן אין ליוואַן (1984—1982) זאָגן איידעס וועגן דעם, אַז בען-גוריאָנס נאָכפאָלגער בעראָש מיט שאַראָנען האָבן זיך געסטאַרעט רעאַליזירן זײַנע אָנווײַזונגען.

דער נײַער קוק אַפן אַזוי-גערופענעם „לאַוואָן-איניען" פונעם 1954 איז מעגלעך געוואָרן אַדאַנק די דאָקומענטן, וועלכע ס. גרין האָט געפונען. עס ווערט קלאָר, אַז די אָרגאַניזאַטאָרן פון אָט דער פּראָוואָקאַציע — די אָנפירער פונעם ייִסראָעלדיקן גענעראַל-שטאַב און פון די ספּעציעלע אַמטן — האָבן געשטרעבט ניט נאָר פאַרשאַרפן די באַציִונגען צווישן עגיפּטן מיט ענגלאַנד און פּשא, ווי מע האָט געהאַלטן ביז איצט, נאָר זיי האָבן אויך געשטעלט פאַר זייער וויכטיקסטן ציל צו שאַפן אַ סיטואַציע, בא וועלכער ס'זאָל אויסגעשלאָסן ווערן יעטווידע מעגלעכקײַט צו פירן אונטערהאַנדלונגען און אַפילע אײַנשטעלן דירעקטע קאָנטאַקטן צווישן עגיפּטן און ייִסראָעל.

אין דער ערשטער העלפט פון 1954 האָבן זיך נאָך מער פאַרשאַרפט די באַציִונגען צווישן די פירנדיקע טוער פון דער נײַער ייִסראָעל-רעגירונג. ניט קעשורע איז געווען די לאַגע גופע אינעם מיליטערישן אַמט, ווו דער שוץ-מיניסטער לאַוואָן האָט אָן אויפהער זיך געקריגט מיט בען-גוריאָנס הויפּט-קרעאַטור — דעם נײַעם שעף פון גענעראַל-שטאַב מוישע דאַיאַן און דעם גענעראַל-דירעקטאָר פונעם מיניסטעריום שימען פּערעס. פּערעסן — דעם קינפטיקן פּרעמיער-מיניסטער — האָט לאַוואָן גערופן „סיסטעמאַטישער ליגנער". דער קאָנפליקט צווישן דעם דאָזיקן דרײַלינג איז אַנטשטאַנען נאָך אין דער מיט פון 1952, ווען פּערעס און דאַיאַן האָבן פאָרגעשלאָגן לאַוואָנען, ער זאָל אָרגאַניזירן אַ מין איבערקערעניש און באַזײַטיקן פון דער מאַכט די אַלטע ציִעניסטישע גוואַרדיע. לאַוואָנען האָט מען פאַר דעם צוגעזאָגט, אַז ער וועט באַקומען דעם פּאָסט פון וויצע-פּרעמיער. האַלטנדיק, אַז די אומגעבונג איז ניט קיין גינסטיקע און האָפנדיק שפּעטער ווערן בען-גוריאָנס יורעש, האָט לאַוואָן אויסגעגעבן די פאַרשווערער. זיי האָבן אָבער ניט געליטן פון רעפּרעסיעס.

כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס איינער פון די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון דעם דעמלטיקן פּרעמיער-מיניסטער ע. אוריעל האָט אים פאָרגעלייגט ליקווידירן די פּאַרלאַמענט-פאָרם פון פאַרוואַלטונג און אײַנשטעלן אַ דיקטאַטור. ווײַזט אויס, אַז אין 1952 זײַנען אין די ייִסראָעלדיקע הויכע פענצטער פאָרגעקומען טיפע קריזיס-פּראָצעסן, וועלכע זײַנען נאָך ביז איצט ניט אויסגעפאָרשט געוואָרן, ווײַל קיין דאָקומענטן וועגן דעם האָבן זיך ניט פאַרהיט. בען-גוריאָן האָט אָפּגעוואָרפן אוריעלס פאָרשלאָג. דערבײַ האָט ער אים ניט נאָר ניט באַשטראָפט, נאָר באַשטימט אים אינגיכן אַפן ערשטן וויכטיקן דיפּלאָמאַטישן פּאָסט אין אַפריקע — אַלס געזאַנדטן אין גאַנא.

די קאָנפליקט-סיטואַציע צווישן די אָנפירער פונעם שוץ-מיניסטעריום האָט זיך פאַרשאַרפט אין רעזולטאַט דערפון, וואָס דאַיאַן און פּערעס האָבן מוירע געהאַט פאַר די ווײַטערדיקע פּלענער פון לאַוואָנען, וועלכער האָט פּרעטענדירט צו פאַרבײַטן אין דער צוקונפט בען-גוריאָנען אַלס לידער פון מאַפּאַי און אַלס פּרעמיער-מיניסטער. ניט געקוקט אַף די פריערדיקע פּלענער פון אַן איבערקערעניש, האָבן דאַיאַן און פּערעס דעריבער אַרויסגעוויזן בען-גוריאָנען זײַן לאָיאַלקײַט און זיי האָבן אָן אויפהער קורסירט צווישן טעל-אוויוו און דעם קיבוץ סדע באָקער, ווו עס האָט געלעבט דער „פאָטער פון דער נאַציע".

די סטירעס צווישן שאַרעטן און בען-גוריאָנען, צווישן לאַוואָנען און דאַיאַנען זײַנען געקומען צום אויסדרוק אין דער אַלץ וואַקסנדיקער קאָנקורענץ צווישן די ספּעציעלע אַמטן. אין קעגנזאַץ צו די באַשלוסן פונעם קאַבינעט און פון דער קנעסעט, האָט לאַוואָן סאַנקציאָנירט דעם אָפּזאָג פונעם אָנפירער פון דער מיליטערישער אויסשפּירונג (אַמאַן) פּאַלקאָווניק ו. גיבלי זיך אונטערצואָרדענען דעם קאָאָר-

דינאַטאָר פון אַלע ספּעציעלע אַמטן פון ייִס־
ראָעל א. האַרעלן און אַפילע אינפאַרמירן אים
וועגן די אַמערסטן דעליקאַטע האַנדלונגען פון
זײַן מיניסטעריום. אַזויאַרום, האָט דער פּרע־
מיער־מיניסטער שאַרעט, וועלכן האַרעל האָט
זיך אונטערגעאָרדנט, ניט געקאָנט באַקומען
קיין אינפאָרמאַציע פון אַ מיליטערישן אויס־
שפּיר־כאַראַקטער.

אין דער זעלבער צײַט האָט די הויפּט־
קערפּערשאַפט פון „אַמאַן" — די טרויעריק־
באַרימטע „אײנהײַט 131" — זיך באַשעפטיקט
מיט דיווערסיע־טעטיקײַט און מיט פּסיכאָלאָ־
גישער מילכאָמע אין די אַראַבישע לענדער
און פאַרענדיקט אין יוני 1953 די צוגרייטונג
פון אַ קאָמפּלעקסנער דיווערסיע־אַקציע אין
עגיפּטן. זי האָט אָרגאַניזירט סרייפעס און אויפ־
רײַסן אין די קינאָ־טעאַטערס פון קאַיר און
אַלעקסאַנדריע, וועלכע האָבן געהערט צו די
ענגלענדער, און אין אַ אַפריקאַנישן קולטור־
צענטער אין קאַיר. וועגן דער דאָזיקער אַקציע
האָט מען נישט צו וויסן געגעבן ניט נאָר שאַ־
רעטן און האַרעלן, האַגאַם די סאַנקציע פונעם
פּרעמיער־מיניסטער איז געווען אַן אַבליגאַ־
טאָרישע, נאָר אויך דעם שוץ־מיניסטער לאַ־
וואָן, וועמען ס'האָט זיך אונטערגעאָרדנט דער
אָנפירער פון „אַמאַן" פּאַלקאָוויניק גיבלי.

קעדײַ פאַרווירקלעכן די פאַנאַנדערגעאַר־
בעטע מיצאַד דער „אײנהײַט 131" דיווערסיע־
אַקציע, וועלכע איז אָנגערופן געוואָרן „אָפּע־
ראַציע סוסאַנע", זײַנען קיין עגיפּט געשיקט
געוואָרן צוויי ניט גרויסע דיווערסיע־גרופּעס
בעראָש מיטן אַלטן מיטאַרבעטער פון „אַמאַן"
אַווראָם דאַר, וועלכער האָט געהאַט אַן ענ־
גלישן פּאַס אויפן נאָמען פון דזשאָן דאַרלינג
און איז פאַרמעל געווען דער פאַרשטייער פון
דער ענגלישער פירמע פון עלעקטרישע מאַכ־
שירים. אין יוני 1954 האָט אין קאַיר זיך אָנ־
געשלאָסן צו דער אַרבעט פון דער דיווער־
סיע־גרופּע אויך אַן אַנדער אַקטיוויסט פון דער
„אײנהײַט 131" אורי על־אַד, וועלכער האָט
געהאַט אַ פּאַס אויפן נאָמען פון פּאַול פראַנק, —
אַ פאַרשטייער פון דער מײַרעוו־דײַטשישער
פירמע פון עלעקטרישע מאַכשירים, אַ געווע־
זענעם מיטגליד פון עס־עס.

אין אָנהייב יולי האָבן די אָנטיילנעמער
פון דער „אָפּעראַציע סוסאַנע" באַקומען דעם
באַפעל, וועלכער איז אײַנגעשלאָסן געוואָרן
אין דער אוידיציע „פּאַר שטוב־באַלעבאָסטעס"
פון דער ראַדיאָסטאַנציע „קאָל ייִסראָעל" און
איז געווען פאַרשיפרירט אין דער פאָרם פון
אַ מאָדערנסטן רעצעפּט אויף צוגרייטן ענגלישן
קעקס (די אַדמיניסטראַציע פון „קאָל ייִסראָעל"
האָט שפּעטער באַקומען אַ גרויסע צאָל בריוו
פון אויפגעבראַכטע שטוב־באַלעבאָסטעס, וועל־
כע האָבן קאַליע געמאַכט ווערטפולע פּראָ־
דוקטן, קעדײַ אָפּבאַקן דעם אַבסאָליוט ניט־
עסבאַרן קעקס).

דעם 2, 14, 23 און 24 יולי האָבן די
דיווערסאַנטן דורכגעפירט קליינע אויפרײַסן
פון זעלבסטגעמאַכטע באָמבעס אין דרײַ קי־
נאָ־טעאַטערס פון אַלעקסאַנדריע און קאַיר, אין
דער געבײַדע פונעם אַלעקסאַנדריער פּאָסט־
אַמט און אין די געבײַדעס פון דער אַמערי־
קאַנער אינפאָרמאַציע־אַגענץ אין ביידע שטעט.
אין מעשעך פון עטלעכע טעג האָבן די עגיפּ־
טישע זיכערהײַט־אָרגאַנען אַרעסטירט 11
מענטשן — אַלע אָנטיילנעמער פון דער „אָפּע־
ראַציע סוסאַנע". דערן און על־אַדן האָט זיך
אײַנגעגעבן אַוועקפליִען קיין אייראָפּע, אויס־
נוצנדיק די אויסלענדישע פּאַסן.

אין דעקאַבער 1954 האָט אײנעם מילי־
טערישן טריבונאַל פון קאַיר זיך אָנגעהויבן אַ
געריכט־פּראָצעס איבער די דיווערסאַנטן. צוויי
אַמערסטן אַקטיווע אָנטיילנעמער פון דער
„אָפּעראַציע סוסאַנע" און ביידע אַנטלאָפענע
אָנפירער זײַנען פאַרמישפּעט געוואָרן צום
טויט דורך אויפהענגען. די איבעריקע — צו
פאַרשיידענע טפיסע־טערמינען.

דער דורכפאַל פון דער „אָפּעראַציע סו־
סאַנע", דער געריכט־פּראָצעס אין קאַיר, דער
האַרבער אורטייל האָבן צוגעצויגן די אויפ־
מערקזאַמקײַט צו די דאָזיקע געשעענישן און
אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אויפרעגונג אין ייִס־
ראָעל. אויסנוצנדיק די אָפּוועזנהײַט פון אַ
וואָרהאַפטיקער אינפאָרמאַציע וועגן אָט דער
אָפּעראַציע, האָט די ציִעניסטישע פּרעסע פאַ־
נאַנדערגעוויקלט אַ טומלדיקע קאַמפּאַניע אין
פאַרבינדונג מיט דעם „אַנטיסעמיטישן גע־
ריכט־פּראָצעס איבער אומשולדיקע קאָרבאָ־
נעס".

אין דעקאַבער 1954 איז אין ייִסראָעל
געשאַפן געוואָרן, לויט דער אָנווײַזונג פונעם
פּרעמיער־מיניסטער שאַרעט, אַ ספּעציעלע
אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וועלכע האָט באַקו־
מען אַ נאָמען נאָך אירע אָנפירער — די אָל־
שאַנאַ־דאַרי־קאָמיסיע. איר אויפגאַבע איז גע־
ווען — אויספאָרשן אַלע אומשטענדן פון דער
„אָפּעראַציע סוסאַנע". אין דער ערשטער ריי
האָט זיך געפאָדערט פעסטשטעלן, ווער עס
האָט זי סאַנקציאָנירט און וויאַזוי ס'האָט דער
עגיפּטישער פּאָליציי זיך אײַנגעגעבן אין אַ
קורצן טערמין געפינען אַלע אָנטיילנעמער.
אין ייִסראָעל האָט מען אויף אַ קאָל גערעדט
וועגן אַ מעגלעכן פאַראַט. אַ באַזונדערע גע־
פאַר האָט געדראָעט דעם שעף פון „אַמאַן"
פּאַלקאָוויניק גיבלי, באַ וועמען ס'זײַנען שוין
פון לאַנג געווען קאַליע די באַציִונגען מיט די
אָנפירער פון דער „אויסשפּיר־געמיינשאַפט".

גיבלי האָט מיט דער הילף פון פעלשונ-
גען געשאפן די ווערסיע, אז אף דער „אָפּע-
ראציע סוסאנע" האָט געגעבן די סאנקציע
לאוואַן. דאיאַן האָט טייקעף אוועקגעיילט אין
סדע באַקער און אינפאָרמירט בען-גוריאָנען,
אז עס איז פאראן ניט קיין שלעכטע מעגלעכ-
קייט אראָפּצוווארפן דעם שוץ-מיניסטער. בען-
גוריאָן האָט מיט באפרידיקונג פארשריבן אין
זיין טאָגבוך, אז די טעראָריסטישע אקציע אין
עגיפּטע איז „א רעזולטאט פון לאוואַנס פאר-
ברעכערישער נארישקייט".

אָבער לאוואַן, ווי עס זאָגן איידעס די
אויטאָרן פונעם בוך „די געהיימע געשיכטע
פון יִשׂראל", איז פעסט באשטאנען אף זיינס,
טייַנענדיק, אז ער האָט ניט סאנקציאָנירט די
„אָפּעראציע סוסאנע". ביידע צדדים זיינען
אריבער צו שארפע באשולדיקונגען. גיבלין
האָט אָפן אונטערגעהאלטן דאיאַן און ניט-
עפנטלעך בען-גוריאָן. שילדערנדיק די אומ-
געבונג אין יענע טעג, האָט דער פּרעמיער-
מיניסטער פארשריבן אין זיין טאָגבוך: „איך
האָב קיינמאָל ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן,
אז מיר זיינען פעיִק דערגרייכן אזא אָנשרעקנ-
דיקן צושטאנד פון פארגיפטיקטע באציִונגען,
אין רעזולטאט פון וועלכע עס זיינען אופגע-
שווומען שרעקלעכע אינסטינקטן פון סינע,
נעקאָמע און קעגנזייטיקער גענארערייַ"...

די מיטגלידער פון דער אָלשאנא-דאָרי-
קאָמיסיע האָבן דיַיטלעך געפילט, אז דאָס איז
א שמוציקער איניען. אָבער דעמאַסקירן גי-
בליס פאלסיפיקאציעס האָבן זיי ניט געקאָנט.
דעריבער האָבן זיי דעם 12 יאנוואר 1955
דערלאנגט דעם פּרעמיער-מיניסטער אַן אויס-
פיר, אין וועלכן עס ווערט, צווישן אנדערס,
געזאָגט: „מיר זיינען ניט איבערצייַגט, אז
פאָלקאָוויק גיבלי האָט ניט באקומען פון לא-
וואָנען קיין באפעלן. אין דער זעלבער מאָס
זיינען מיר אויך ניט איבערציַיגט, אז דער שוץ-
מיניסטער האָט אָפּגעגעבן באפעלן, ווי עס
באהויפּטעט גיבלי".

אָנשפארנדיק זיך אף אַט דעם אומקלאָרן
באשלוס פון דער קאָמיסיע, האָט לאוואַן אין
א בריוו צו שארעטן געפאָדערט אראָפּנעמען
פון די פאָסטנס דעם שעף פון „אמאַן" גיבלי,
דעם שעף פון גענעראל-שטאב דאיאַנען און
דעם גענעראל-דירעקטאָר פונעם שוץ-מיניס-
טעריום פּערעסן. שארעט האָט מוירע געהאַט
פאר אַן ערנסטן קאָנפליקט אין דער ארמיי,
און ער האָט אָפּגעזאָגט לאוואַנס פאָדערונג.
דעמלט האָט לאוואַן דערלאנגט דעם פּרע-
מיער-מיניסטער אין אָנהייב פעוראל א מעל-
דונג וועגן דעמיסיע. דעם 17 פעוראל 1955
איז שוץ-מיניסטער געוואָרן... בען-גוריאָן. ער
האָט גלייך געשטעלט אונטער זיין קאָנטראָל

ניט נאָר דעם גענעראל-שטאב, נאָר אויך אלע
ספּעציעלע אמטן. אין 8 כאָדאָשים ארום האָט
ער ווידער פארנומען דעם שטול פון פּרע-
מיער-מיניסטער.

אין סאָף 1954 זיינען פאָרגעקומען גע-
וואָרן די פּרוּוון צו אָנקניפּן דירעקטע קאָנ-
טאַקטן צווישן יִשׂראל און עגיפּטן. די אוי-
טאָרן פון דער „געהיימער געשיכטע פון יִש-
ראל" באַטאָנען, אז אין יאנוואר 1955 האָט
שארעטס א געהיימער פאָרשטייער אין פּא-
ריזש זיך געטראָפן מיט נאסערס עמיסאר —
זיי האָבן באהאנדלט די פראגע וועגן א מעג-
לעכער באגעגעניש פון די אָנפירער פון ביידע
לענדער. אָבער דער „לאוואָן-איניען", ווי מע
האָט אָנגעהויבן רופן דעם גאנצן קאָמפּלעקס
פראגן, פארבונדענע מיט דער דיווערסיע אין
עגיפּטן, האָט אראָפּגעריסן די מעגלעכקייט
פון דער באגעגעניש.

די סאָוועטישע געלערנטע יע. מ. פּרי-
מאַקאָוו און אי. פּ. בעליאַיעוו באהאנדלען אין
זייער בוך „עגיפּטע: די צייט פונעם פּרעזי-
דענט נאסער" אויך די טעטיקייט פונעם שוין
אויבנדערמאָנטן איירא הירשמאַן, וועלכער
האָט זיך געסטאַרעט פארבעסערן די עגיפּטיש-
יִשׂראלדיקע באציִונגען. אין אָנהייב פעוראל
1955 האָט ער געהאַט א לענגערע באגעגע-
ניש מיט נאסערן, נאָך וועלכער ער איז טיי-
קעף ארויסגעפלויגן קיין טעל-אוויוו, כּדי
קאָנפערירן מיט דער יִשׂראלדיקער אָנפירער-
שאפט. ער האָט אָבער פארשפּעטיקט. אפן
שטול פון שוץ-מיניסטער איז שוין ווידער גע-
זעסן בען-גוריאָן, וועלכער האָט דערקלערט:
„נאסערן איז ניט לאנג פארבליבן צו זיצן אין
זאָטל".

אזוי האָט זיך פארענדיקט מיט א דורכ-
פאל, אין רעזולטאט פון „לאוואָנס איניען",
אויך אָט דער לעצטער פּרוּוו. דעם 28 פעוו-
ראל 1955 — אין 10 טעג ארום נאָך בען-
גוריאָנס אומקערן זיך אינעם שוץ-מיניסטע-
ריום — האָט די יִשׂראלדיקע ארמיי דורכ-
געפירט איר בלוטיקע אינוואזיע אין אזא-פּאַס,
אין רעזולטאט פון וועלכער עס זיינען דער-
הארגעט געוואָרן 40 עגיפּטישע סאָלדאַטן און
אָפיצערן און ס'האָבן נאָכאמאָל זיך איסערסט
פארשארפט די עגיפּטיש-יִשׂראלדיקע בא-
ציִונגען. פאָרויס האָט שוין ווידער געשווינדלט
דער פינצטערער שאָטן פון א דרייַצדאָדימדי-
קער אגרעסיע קעגן עגיפּטן.

אזא איז דיווירקלעכע געשיכטע פון
דעם „לאוואָן-איניען", פונעם אראָפּרייַסן
די צוגרייטונגס-אונטערהאנדלונגען, וועלכע
וואָלטן אין סאמע אָנהייב דערפירט צו א פּאָ-
ליטישער איינרעגולירונג צווישן עגיפּטן און
יִשׂראל. די נייַע פארשארפונג פון דער

נאָענטמיזרעכדיקער סיטואציע האָט אין דער נאָענטער צוקונפט געבראכט צו א ריי אראביש-ייִסראָעלדיקע מילכאָמעס. דער אָנגעזעענער ספּעציִאליסט איבער די נאָענטמיזרעכדיקע פּראָבלעמען פּראָפעסאָר מ. ראָדינסאָן האָט אין זײַן בוך „ייִסראָעל און די אראבער" אָנגעוויזן, אז דער „לאוואָן-איניען" האָט מיטגעווירקט, עס זאָל זיך אומקערן צו דער מאכט בען-גוריִאָן און זײַן קליקע, וועלכע האָט געשטרעבט צו פירן א נאָך מער אגרעסיווע אָנגרײַפערישע פּאָליטיק.

די דאָקומענטן, וועלכע ס. גרין האָט געפונען אין די ארכיוון פונעם מעלוכע-דעפּארטאמענט און פון דער צענטראלער אויסשפּיר-פארוואלטונג, דערמעגלעכן ענטפערן אויך אויף דער פראגע וועגן דעם, אויף וואָס פאר אן אופן האָבן די אָרגאניזאטאָרן פונעם „לאוואָן-איניען" זיך געקאָנט דערשלאָגן זייער ציל. דעם 17 פעווראל 1961 האָט דער דירעקטאָר פון דער צענטראלער אויסשפּיר-פארוואלטונג אלען דאלעס צוגעשיקט דעם נײַעם פּרעזידענט פון פשא קענעדי א געהיימען מעמאָראנדום, געווידמעט דער געשיכטע פונעם „לאוואָן-איניען". אין אים ווערט אָנגעוויזן: „שארעט האָט צוגעגעבן א גרויסע באדײַטונג אָט דעם קאָנטאקט, מיט דער הילף פון וועלכן ער האָט געהאָפט דערשלאָגן זיך א דויערהאפטן שאָלעם צווישן די אראבער און די ייִדן... נאָכן געריכט-פּראָצעס איבער די ייִדישע דיווערסאנטן אין קאיִר האָט דער אנטוישטער נאסער, אן איבערצײַגטער אין דעם, אז די טעטיקײַט פון דער גרופּע דיווערסאנטן האָט דעמאסקירט די פּרוּוון פון ייִסראָעל אָפּצונארן אים, באפוילן איבערצורײַסן אלע קאָנטאקטן מיט טעל-אוויוו... שארעט האָט פארגעלייגט לאוואָנען אָנגעבן אין דעמיסיע, ווײַל ער איז געווען איבערצײַגט, אז מיט זייער טעטיקײַט האָבן זיי דערפירט צו א דורכפאל פון זײַנע אָנגעהויבענע אונטערהאנדלונגען".

דער מעמאָראנדום פונעם דירעקטאָר פון דער צענטראלער אויסשפּיר-פארוואלטונג איז באשטימט געוואָרן בלויז פארן פּרעזידענט פון פשא. ער באשטעטיקט, צווישן אנדערס, אויך נאסערס אויפריכטיקע שטרעבונג צו א פּאָליטישער אײַנרעגולירונג. די פילצאָליקע דאָקומענטן פונעם מעלוכע-דעפּארטאמענט, וועלכע ס. גרין האָט געפונען,ווארפן פולקום אָפּ דעם פאלשן טעזיס, אז נאסער האָט קלוימערשט געשטרעבט ניט נאָר צו א מילכאָמע מיט ייִסראָעל, נאָר אויך צו ליקווידירן די מעדינע.

מע דארף ענטפערן אויף א גאנץ וויכטיקער פראגע: פארוואָס האָבן די אווטאָרן פון פילצאָליקע ביכער וועגן ייִסראָעל, עגיפּטן און די נאָענטמיזרעכדיקע פּראָבלעמען ביז דער לעצטער צײַט געוויינלעך אונטערגעשטראָכן, אז די אָרגאניזאטאָרן פונעם „לאוואָן-איניען" און פון דיווערסיע-אקטן אין עגיפּעט אין יאָר 1954 — די ייִסראָעלדיקע ספּעציִעלע אמטן — האָבן געשטעלט פאר זיך בלויז דעם ציל צו פארשארפן די באציִונגען צווישן די מיִרעווידיקע מעלוכעס און עגיפּטן? די זאך באשטייט אין דעם, וואָס די אווטאָרן פון די אָנגעוויזענע אָפּהאנדלונגען האָבן נישט געהאט אין זייער רעשוס ניט די געהיימע דאָקומענטן פון דער צענטראלער אויסשפּיר-פארוואלטונג און פונעם מעלוכע-דעפּארטאמענט, ניט קיין מאטעריאלן פון די ייִסראָעלדיקע ספּעציִעלע אמטן. אפילע די אויספירן פון די קאָמיסיעס, וועלכע האָבן שטודירט דעם „לאוואָן-איניען", זײַנען נאָך ביז איצט ניט פארעפנטלעכט געוואָרן.

ס. גרין, וועלכער האָט צום ערשטן מאָל באקומען אין זײַן רעשוס די געהיימע דאָקומענטן, האָט געשטעלט די פראגע וועגן דעם, אז דער איקערדיקער טאך פונעם „לאוואָן-איניען" איז געווען — אראָפּרײַסן די אונטערהאנדלונגען מיט עגיפּעט, באזײַטיקן שארעטן פון דער מאכט. אין צוזאמענהאנג דערמיט איז ס. גרין געקומען צום אויספיר, אז די אָנטיילנעמער פון די ייִסראָעלדיקע דיווערסיע-גרופּעס, וועלכע זײַנען טעטיק געווען אין יאָר 1954 אין קאיִר און אלעקסאנדריִע, האָבן איבערגעגעבן אין די הענט פון די עגיפּטישע מאכט-אָרגאנען „די ייִסראָעל-רעגירונג אָדער לעכאָלהאפּאָכעס א טייל פון אָט דער רעגירונג".

קעדיי דערגיין צו אָט דעם אויספיר, האָט ס. גרין אנאליזירט אלע מאטעריאלן וועגן די פילצאָליקע פאזעס פונעם „לאוואָן-איניען", וועלכע האָבן געהאט אָן אָרט אין א סאך יאָרן ארום נאָך דעם, ווי דער שלימאזלדיקער שוץ-מיניסטער איז אוועק אין דעמיסיע. אָבער בלויז דאָס קעגנשטעלן די דאָקומענטן, וועלכע ס. גרין האָט באקומען, מיט די פאקטן, וואָס דעראַזשי און קארמעל האָבן ארויסגעבראכט אין זייער בוך „די געהיימע געשיכטע פון ייִסראָעל", גיט א מעגלעכקײַט ניט נאָר צו באשטעטיקן ס. גרינס אויספירן, נאָר אויך א פּרוּוו טאָן צו באלײַכטן די קאָמפּליצירטע סכעמע פונעם מעכאניזם, וועלכער האָט געלאָזט אין גאנג די דיווערסיע-גרופּעס פון דער מיליטערישער אויסשפּירונג פון ייִסראָעל אין עגיפּטן. ווײַל ניט דער אופרײַס פון עטלעכע זעלבסטגעמאכטע באָמבעס אין די עגיפּטישע קינאָ-טעאטערס און ניט די צוויי קליינע סרייפעס אין די אמעריקאנישע קולטור-צענטערס, וועלכע מע האָט פארלאָשן אין עטלעכע מינוט ארום, האָבן טאָרפּעדירט די ערנסטע צוגרייטונג צו די עגיפּטיש-ייִסראָעלדיקע אונטערהאנדלונגען. האָבנדיק פאר זיך די מא-

טעריאַלן פונעם געריכט-פּראָצעס איבער די דיווערסאַנטן, איז נאַסער געקומען צום אויספיר, אַז שאַרעט פירט מיט אים אַ צווייענדיקע שפּיל. אין דער זעלבער צײַט האָט דער האַרבער אורטייל איבער די דיווערסאַנטן פאַרקאָמפּליצירט אויך שאַרעטן די צוגרייטונג צו די אונטערהאַנדלונגען מיט עגיפּטן.

ס'איז שוין אָפּגעמערקט געוואָרן, אַז די אויספאָרשונגס-קאָמיסיע פון אָלשאַנאַ-דאָרי האָט ניט געקאָנט קומען צו באַשטימטע אויספירן בנוגע דער שולד פונעם שעף פון „אַמאַן" פּאָלקאָווניק גיבלי און פונעם שוץ-מיניסטער לאַוואָן. די מאַטעריאַלן פון דער קאָמיסיע זײַנען פאַרסעקרעטעוועט געוואָרן, און לאַוואָן האָט געמוזט אָנגעבן אין דעמיסיע.

קעדיי זיך דערשלאָגן אַזאַ רעזולטאַט, האָט גיבלי, ווי שוין געזאָגט, געפעלשט די דאָקומענטן, וועלכע האָבן זיך פאַרהיט אין דער „איינהײַט 131", און זיך דערשלאָגן אַן אַנאַלאָגישע פעלשונג פון די דאָקומענטן, וועלכע זײַנען פאַרהיט געוואָרן בײַם אַנטלאָפענעם פון עגיפּטן אָנפירער פון די דיווערסאַנטן אורי על-אַד. גיבלי האָט אויך געצוווּנגען על-אַדן, ער זאָל געבן פאַלשע באַווײַזן דער קאָמיסיע.

צום אָנהייב פון 1955 האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם „לאַוואָן-איניען" זיך דערשלאָגן זייער גרונט-ציל. פאַרנעמענדיק דאָס אָרט פונעם געשענדעטן לאַוואָן אין שוץ-מיניסטעריום, האָט בען-גוריאָן פאַראַליזירט שאַרעטס אויסערן-פּאָליטישע טעטיקייט און זיך דערשלאָגן זײַן דעמיסיע. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ צוגרייטונג צו אַ גרויסער מילכאָמע מיט עגיפּטן. די מיליטערישע אויסשפּירונג „אַמאַן", וועלכע איז קאָמפּראָמעטירט געוואָרן איבערן דורכפאַל אין עגיפּטן, האָט אָנגעוואָרן אַ היפּשן טייל פון איר אויטאָריטעט. ס'איז אַנטשפּרעכיק געשטיגן דער אײַנפלוס פון „מאָסאַד" און פונעם קאָאָרדינאַטאָר פון דער טעטיקײַט פון אַלע ספּעציעלע אַמטן האַרעל, וועלכער איז געווען אונטערגעוואָרפן אומיטלבאַר דעם פּרעמיער-מיניסטער. אָבער אין דער מעדינע האָט מען אַלץ שטאַרקער געפאָדערט צו געפינען און באַשטראָפן די ווירקלעכע שולדיקע אין דער דיווערסיע-אַקציע אין עגיפּטן און באַזונדערס אין איר דורכפאַל.

ס'איז ניט געווען קיין צווייפל אין דעם, אַז דער פאַלסיפיקאַטאָר פון די דאָקומענטן, וועלכע האָבן דערפירט צו לאַוואָנס דעמיסיע, — דער שעף פון דער מיליטערישער אויסשפּירונג גיבלי — וועט שווײַגן, ווײַל ער האָט דאָך ריזיקירט מיט זײַן קאָפּ, און פונדעסטוועגן האָט בען-גוריאָן אים אַריבערגעפירט אויף אַן אַנדער שטעלע, אַרויסשיקנדיק אים פון טעל-אַוויוו. ס'איז אָבער פאַרבליבן דער אָנפירער פון דער דורכגעפאַלענער אָפּעראַציע אין עגיפּטן אורי על-אַד, וועלכער האָט לויט גיבליס באַפעל געשפּילט אַ היפּשע ראָל אין דער פאַלסיפיצירונג פון די דאָקומענטן און אינעם אָפּנאַרן די אויספאָרשונגס-קאָמיסיע. טאַקע אים האָט מען באַשלאָסן צו מאַכן פאַר אַ קאַפּאָרע-הינדל, קאָמפּראָמעטירן און אַרײַנזעצן אים הינטער די גראַטעס. דעריבער האָט על-אַדן אַרויסגענאַרט אין 1957 פון עסטרײַך, וווּ ער האָט צײַטווײַליק געלעבט, דער אויספאָרשונגס-אָפּטייל פון „שין בעט", דורכפירנדיק אַפילו די אויספאָרשונג, אינקרימינירט אים אַ באַשולדיקונג, אַז אין עגיפּטן איז ער געווען אַן אַגענט — אַ צווילינג און האָט אויסגעגעבן דער עגיפּטישער פּאָליציי אין יול 1954 אַלע אָנטיילנעמער פון די צוויי דיווערסיע-גרופּעס, וועלכע זײַנען טעטיק געווען אין קאַיר און אין אַלעקסאַנדריע. דעריבער, הייסט עס, איז די אָפּעראַציע דורכגעפאַלן, און אַלע אירע אָנטיילנעמער, אויסער, פאַרשטייט זיך, על-אַדן און דעם פאַרבונדענעם מיט אים דאַר, זײַנען אויגנבליקלעך אַרעסטירט געוואָרן, האָגאַם דער ייִסראָעלדיקער קריגס-טריבונאַל האָט ניט געקאָנט דערווײַזן די שולדיקײַט פון על-אַדן, האָט מען פונדעסטוועגן אים פאַרמישפּעט אויף 10 יאָר טפּיסע. עמעס, ניט פאַר פאַראַט, נאָר פאַר וועלן איבערגעבן דער אויסלענדישער אַגענטור אַבסאָליוט געהיימע דאָקומענטן פון דער „איינהײַט 131". אַפילע דאָס, וואָס על-אַד האָט קיינמאָל ניט געזען אין די אויגן די דאָזיקע דאָקומענטן און, ווי ס'איז דערוויזן געוואָרן, ניט געהאַט קיין צוטריט צו זיי, האָט ניט געענדערט דעם ווערדיקט.

ס'וואָלט זיך געדאַכט, אַז די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם „לאַוואָן-איניען" האָבן ווידער זיך דערשלאָגן זייער ציל — מע האָט געפינען דעם שולדיקן אינעם דורכפאַל.

אָבער אין 1960 האָט פּלוצעם אַ קנאַל געטאָן אַ דונער. דער געוועזענער שעף פון דער „איינהײַט 131" האַמבורגער, וועלכער איז אָפּגעגאַנגען פון די אויסשפּיר-אָפּעראַציעס און זיך פאַרנומען מיט אַ רעוועכדיקן ביזנעס אין עפּיאָפּיע, האָט דערציילט דעם האַנדלס- און אינדוסטריע-מיניסטער פּ. סאַפּירן די גאַנצע עפּאָפּיי פון על-אַדן און, וואָס ס'איז באַזונדערס וויכטיק, די געשיכטע פון דער פעלשונג אין די דאָקומענטן פון דער מיליטערישער אויסשפּירונג און פון דער „איינהײַט 131", וועלכע איז געמאַכט געוואָרן לויט גיבליס באַפעל, קעדיי דערווײַזן לאַוואָנס שולד.

פּ. סאפּיר, וועלכער האָט געשפּילט א
היפּשע ראָל אין דער אָנפירערשאַפט פון דער
פּאַרטיי מאפּאי און זיך בלאָקירט מיטן דעמל-
טיקן אויסערן-מיניסטער גאָלדע מעיר אין
דעם זיך אָנגעהויבענעם קאַמף פאַר בען-גורי-
אָנס יערושע, האָט באַשלאָסן אויסנוצן אין די
אינטערעסן פון זײַן גרופּירונג האַמבורגערס
אנערקענונג. דאָס דערקלערט זיך אויך דער-
מיט, וואָס סאַפּיר און גאָלדע מעיר זײַנען אַק-
טיוו ארויסגעטראָטן קעגן פּערעסן, ווען ער
איז געוואָרן נאָך לאַוואָנס דעמיסיע דער
שטעלפאַרטרעטער פונעם שוץ-מיניסטער און
האָט אַרײַנגענומען אין זײַנע הענט די שנעל
וואַקסנדיקע אײַנקויפונגען פון מאָדערנסטן
וואָפן, הויפּטזאַכלעך אין פראַנקרײַך.

באַקומענדיק די נייטיקע ידיעות פון
האַמבורגערן, האָט לאַוואָן אין אן אולטימאַטי-
ווער פאָרם געפאָדערט פון בען-גוריאָנען, ער
זאָל איבערקוקן זײַן מיינונג. די קאָמיסיע פון
זיבן מיניסטאָרן אונטערן פאָרזיץ פון ל. עש-
קאָלן איז געקומען צום אויספיר, אז לאַוואָן
איז אַבסאָליוט ניט שולדיק. ניט געקוקט אַף
בען-גוריאָנס שאַרפע דערווידערונגען, האָט
דער מיניסטאָרן-קאַבינעט אין זײַן פולן באַ-
שטאַנד באַשטעטיקט די אויספירן פון דער
קאָמיסיע. דאַן האָט בען-גוריאָן, אויסנוצנדיק
זײַן ווירקונג, ווי אויך אייניקע נײַע גאַנץ
צווייפלהאַפטע דאָקומענטן, וועלכע דאַיאַן
האָט אים געבראַכט, איבערגעגעבן די פראַגע
דעם פּלענום פון צענטראַל-קאָמיטעט פון מאַ-
פּאַי. נאָך דער שטורמישער זיצונג איז דער
פּלענום געקומען צום אויספיר, אז לאַוואָן איז
ניט שולדיק אין די דיווערסיע-אָפּעראַציעס,
אָבער אַזוי ווי ער האָט מיט זײַנע האַנדלונגען
אין 1960 פאַרקאָמפּליצירט די לאַגע אין דער
פּאַרטיי, איז צוועקמעסיק צו באַפרײַען אים
פונעם פּאָסט פון גענעראַל-סעקרעטאַר פון
דער היסטאַדרוט. שפּעטער איז דער דאָזיקער
באַשלוס איבערגעקוקט געוואָרן לטובת
לאַוואָנען.

דער „לאַוואָן-איניען", וועלכער איז גע-
ווען ענג פאַרבונדן מיטן פּאָליטישן קאַמף אין
מאַפּאַי, האָט דערפירט צו דעם, אז אין 1963
האָט בען-גוריאָן ענדגילטיק דעמיסיאָנירט, און
אין 1965, נאָך די ניט-גינסטיקע פאַר דער
פּאַרטיי רעזולטאַטן פון די קנעסעט-וואַלן —
צו א שפּאַלטונג פון מאַפּאַי. בען-גוריאָן, דאַ-
יאַן און פּערעס האָבן געשאַפן א נײַע פּאַר-
טיי — ראַפי, וועמענס פּאָזיציע איז לויט די
מיליטערישע און אויסערן-פּאָליטישע פראַגן
געווען נאָענט צו דער פּאָזיציע פון כרות.

דער פאַרענדיקטער, וואָלט זיך געדאַכט,
„לאַוואָן-איניען" האָט אָבער געדויערט. אין
1968 האָבן קיין ישׂראל זיך אומגעקערט די
געוועזענע אָנטיילנעמער פון דער „אָפּעראַציע
סוסאַנע", וועלכע מע האָט אויסגעביטן נאָך
דער מלחמה פון 1967 אַף עגיפּטישע
קריגסגעפאַנגענע. קעדיי זיי זאָלן ניט אויס-
פּלאַפּלען עפּעס איבעריקס, האָט מען זיי גע-
נומען אין דער אַרמיי, וווּ זיי האָבן באַקומען
מיליטערישע טיטלען. פון איצט אָן וואָלט א
באַליביקע אינפאָרמאַציע וועגן דער פאַרגאַנ-
גענהײַט באַטראַכט געוואָרן ווי אויוער זײַן די
מיליטערישע שוווּע. און פונדעסטוועגן האָבן
קלאַנגען וועגן דעם, אז מיטן „לאַוואָן-איניען"
איז עפּעס „ניט ריין", ווידער אָנגעהויבן זיך
פאַרשפּרייטן. באַזונדערס האָבן זיי זיך פאַר-
שטאַרקט נאָך דעם, ווי מע האָט באַפרײַט אי-
נעם סאָף 1968 אורי על-אדן.

אַריבערפאָרנדיק אין די פאַראייניקטע
שטאַטן, האָט ער אָנגעהויבן זאַמלען מאַטע-
ריאַלן פאַר זײַן בוך „די דעוואַלוואַציע פון
קאָוועד", וועלכער איז, ניט געקוקט אַף דער
קעגנערשאַפט פון דער מאָסאַד-אַגענטור,
דערשינען אין 1976 אין טשיקאַגאָ (מיט דער
מיטאַווטאָרשאַפט מיט דזש. קריטשן). דער
דאָזיקער בוך, געווידמעט דער טעטיקײַט פון
די ישׂראלדיקע ספּעציעלע אַמטן, האָט באַ-
קומען א הויכע אָפּשאַצונג מיצאַד ספּעציאַ-
ליסטן. צווישן די געהיימע דאָקומענטן, וועל-
כע די איראַנישע סטודענטן האָבן פאַרכאַפּט
אין נאָיאַבער 1979 בײַסן שטורעם פון דער
אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע אין טעהעראַן, איז
געווען א ביז גאָר דעליקאַטער דאָקומענט,
וועלכן ס'האָבן צוגעגרייט אין מאַרט 1979
ספּעציאַליסטן פון דער צענטראַלער אויסשפּיר-
פאַרוואַלטונג: „די אויסלענדישע אויסשפּירונ-
גען און זיכערהײַט-דינסטן: ישׂראל". אין
דער באַמערקונג צו אים ווערט אונטערגע-
שטראָכן, אז דער וויכטיקסטער קוואַל פאַר
דער צוגרייטונג פון אָט דעם אַנאַליטישן
איבערזיכט איז געווען על-אדס בוך.

פאַנאַנדערקלײַבנדיק געגנוי די געשיכטע
פון דער צוגרייטונג און פונעם דורכפאַל פון
דער „אָפּעראַציע סוסאַנע", דערמאָנט על-אד,
וויאַזוי, לעבנדיק אין קאַיר מיט א פּאַס אַפן
נאָמען פון פּאַול פראַנק און אויסגעבנדיק זיך
פאַר א געוועזענעם מיטאַרבעטער פון עס-עס,
האָט ער אין יול 1954 אונטערגעהאַלטן גע-
שעפטס-פאַרבינדונגען מיטן אָנפירער פון דער
עגיפּטישער קאָנטער-אויסשפּירונג פּאָלקאָווניק
אָסמאַן נוריאַן. ווען מע האָט אָנגעהויבן אַרע-
סטירן די ערשטע אָנטיילנעמער פון דער
„אָפּעראַציע סוסאַנע", האָט נוריאַן מיטגע-
טיילט „פּאַול פראַנקן", אז די דעמאַסקירונג
פון דער אַגענטור-קייט איז מעגלעך געוואָרן
דערפאַר, ווײַל אין אָט דעם איניען האָט אים
געהאָלפן זײַן „קאָלעגע" אין טעל-אביב. בײַס

על-אד איז געווען אין עסטרײַך אין 1956,
האָט אן אַנגעזעענער מיטארבעטער פון „אמאן"
אים דערציילט, אז אין 1954 האָט ער גע-
דארפט ארויספליִען קיין קאיִר, קעדיי אקטיוו
אַנטיילנעמען אין דער „אָפּעראציע סוסאנע".
אָבער אין דער לעצטער רעגע האָט ער זיך
ארויסגעדרייט דערפון, ווײַל ער האָט באקומען
איבערצײַגעוודיקע דערווײַזן, אז ארום אָט דעם
איניען ווערט געפירט א צווייענדיקע שפּיל.
ענדלעך האָט על-אד, בײַס זײַן וויזיט אין פשא,
זיך באגעגנט מיטן געוועזענעם אָנפירער פון
דער „איינהײַט 131" פּאָלקאָווניק בען-צור,
וועלכער האָט, לויט גיבלי'ס באפעל, געפירט
אין 1954 די אונטערהאנדלונגען מיט אים, על-
אדן, בענעגייע פארניכטן די דאָקומענטן
ארום די ערשטע דיווערסיע-אקציעס און גע-
פאָדערט, לויטן אופטראָג פון דעם זעלבן גי-
בלי און פון זײַנע שעפן, אז על-אד זאָל געבן
דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע פאלשע באווײַזן.
אין זײַן בוך „די דעוואלוואציע פון קאָ-
ווער" ברענגט על-אד בלויז די דאָזיקע פאקטן,
אָפּהאלטנדיק זיך פון ענדגילטיקע אויספירן.
אָבער אין אן אויספירלעכן שמועס מיט ס.
גרינען, וועלכער איז פאָרגעקומען אין 1982,
האָט על-אד זיך ארויסגעזאָגט גאנץ איבער-
צײַגעוודיק, אז די אָרגאניזאטאָרן פון אָט דער
פּראָוואָקאציע זײַנען געווען די אָנפירער פון
דער „קאָנקורירנדיקער" מיט „אמאן" מאָסאד-
אויסשפּירונג און דער קאָאָרדינאטאָר פון די
ספּעציעלע אמטן אי. הארעל, וועלכער איז
געווען ענג פארבונדן מיט דאיאנען און פּע-
רעסן. אנאליזירנדיק אלע צוטריטלעכע אר-
כיוו-דאָקומענטן, שליסט זיך ס. גרין פולקום
אָן צו על-אדס אויספירן. אצינד קאָן מען,
ענדלעך, שטעלן א פּונקט אפן „לאוואָן-אי-
ניען".

די בען-גוריאָן-פּערעס-דאיאן-גרופּירונג
איז געגאנגען אף אלץ, קעדיי דערשטיקן
דעם אומדרייסטן פּרווו פון דער לינקער גרו-
פּירונג פון מאפּאי בעראָש מיט שארעטן צו
דערשלאָגן זיך אין סאמע אָנהייב א פאר-
שטענדיקונג מיט עגיפּטן און א פּאָליטישע אײַנ-
רעגולירונג אפן נאָענטן מיזרעך, אַנשטאָט
פירן מילכאָמעס.

דער „לאוואָן-איניען" האָט זיך אַנגעהויבן
אונטערן אקאָמפּאנעמענט פון אווטאָמאטן-
און מינענװארפער-זאלפּן מיצאד דער „איינ-
הײַט 131", ווען זי האָט פארניכטעט, לויט
דאיאנס באפעל און אונטער שאראָנס אָנפי-
רונג, פרויען און קינדער פון קיביִא. ער האָט
באקומען א העמשעך אין די בונקערס פון
דער „איינהײַט 131", ווו ס'איז פאנאנדערגע-
ארבעט געוואָרן, לויט דער „רעקאָמענדאציע"
פונעם שעף פון דער אָפּעראטיווער אָפּטיילונג
פונעם גענעראל-שטאב דאיאן און אונטערן
אופזיכט פון דעם שעף פון אמאן פּאָלקאָווניק
גיבלי, די „אָפּעראציע סוסאנע". ווען גיבלי
האָט זיך דערוווּסט, אז זי ווערט פּלאנירט אין
דער צײַט, ווען זי איז שוין דורכגעפאלן, האָט
ער געגעבן זײַן האסקאָמע אף דורכצופירן זי,
ווײַל זי האָט דאָך געדארפט פארשארפן די
באציִונגען פון עגיפּטן מיט ענגלאנד און מיט
די פארייניקטע שטאטן און פארהאלטן דעם
צוריקצוג פון די ענגלישע מיליטער-קויכעס
פונעם לאנד, וואָס עס האָט אנטשפּראָכן די
אינטערעסן פון דער רעגירנדיקער ציִעניסטי-
שער קנופּיע פון ייִסראָעל.

אָבער נאָך אין דער צײַט, ווען ס'איז גע-
גרייט געוואָרן די „אָפּעראציע סוסאנע", איז
אנטשטאנען א יעזויִטישער געדאנק אויסצונוצן
זי אף צו דערגרייכן די ווײַטגייענדיקע און
פילפלאנעווע צילן. דער רעכטער פליגל פון
מאפּאי, בעראָש מיט דאיאנען און פּערעסן און
דעם „פאָטער פון דער נאציע", האָט געדארפט
טאָרפּעדירן שארעטס איניציִאטיוו זיך צונויפ-
ריידן מיט נאסערן און איינצײַטיק ארויסשלאָגן
פונעם זאָטל סײַ לאוואָנען, סײַ שארעטן.

דעריבער האָבן די דאָזיקע „לייבאָריסטן"
געדארפט ניט קיין דערפאָלג פון דער „אָפּע-
ראציע סוסאנע", וועלכע וואָלט פארשארפט די
באציִונגען פון עגיפּטן מיט די פשא און ברי-
טאניע און וואָלט מעגלעך מיטגעהאָלפן, אז
קאיִר זאָל אונטערשטיצן שארעטס איניציִא-
טיוו, נאָר א סקאנדאליעזן דורכפאל פון דער
אָפּעראציע מיט א פּאָליטישן געריכט-פּראָצעס
אין עגיפּטן.

אזא איז דער אָפּשטאם פונעם „לאוואָן-
איניען", וועלכער האָט מיט דער צײַט אָנגע-
נומען „אן עפעקט פון א בומעראנג", ווײַל ער
האָט דערפירט צו בען-גוריאָנס דעמיסיע, צו
א צעשפּאלטונג פון מאפּאי, צו א דעמאסקי-
רונג פון די שענדלעכע סעקרעטן פון די ייִס-
ראָעלדיקע ספּעציעלע אמטן. באדעקנדיק מיט
אייביקער שאנד די פּאָליטיק פונעם ציִעניס-
טישן איסטעבלישמענט, אראָפּרײַסנדיק די
מעגלעכקײַט פון א פּאָליטישער אײַנרעגולי-
רונג אפן נאָענטן מיזרעך, האָבן די
רעגירער פון ייִסראָעל ארײַנגעשלײַדערט די
מעדינע אין א ווירבל פון בלוטפארגיסנדיקע
מילכאָמעס מיט די אראבישע לענדער, הא-
סטיק פארשארפט דעם עקאָנאָמישן און פּאָלי-
טישן קריזיס פון דער מעדינע און איר אוי-
סערן-פּאָליטישע איזאָלירונג.

(סאָף קומט)

די רעאַקציאָנעלע יידישע פרעסע פאַלט אָן סיסטעמאַטיש אַף דער צײַטונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט „ביראָבידזשאַנער שטערן“, שטייענדיק אַליין אַף פּאָזיציעס פון נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט, קלעריקאַליזם און שאָוויניזם.

לאָמיר אַרײַנקוקן אין די שלוס־זײַטן פון עטלעכע נומערן „ביראָבידזשאַנער שטערן“, ווו עס דרוקן זיך געוויינלעך מוידאָס, מיטיילונגען און אַנדערע אינפאָרמאַציע.

25 פעברואַל — 11 מאַרט קאָנצערט־זאַל
די געגנטלעכע פילהאַרמאָניע פירט דורך גאַסטראָלן פונעם פּאָפּולערן אַנסאַמבל
„מענטשן און ליאַלקעס“
25, 26, 27, 28 פעברואַל 1, 2, 3 מאַרט
„שטעלט אָפּ די מוזיק“
(סאַטירישע פאַנטאַזיע)
4, 5, 6, 7, 8, 9, 10, 11 מאַרט
„מיט ברייט געעפנטע אויגן“
„ספּאָרטיווע פּאַנאָראַמע“
(עקסצענטרישער איבערזיכט)
צוויי ספּעקטאַקלען אין איין אָוונט
קינסטלערישער אָנפירער פונעם אַנסאַמבל לאַנגיד כאַיט
אָנהייב 18.30 און 21 אַזייגער.
עס ווערן אָנגענומען באַשטעלונגען אַף קאָלעקטיווע באַזוכן.
פראַגעס דורכן טעלעפאָן 85־72־6.

געגנטלעכע ביבליאָטעק אַף שאָלעם־אַליכעמס נאָמען
קאָנצערט־זאַל
די געגנטלעכע פילהאַרמאָניע פירט דורך קאָנצערטן
פון יידישע לידער
סאָליסטקע פון דער לעטלענדישער מעלוכישער פילהאַרמאָניע
אַדע סוועטלאָווא
פּאַרטיע פאָרטעפּיאַנאָ — וולאַדימיר כאַכלאָוו
אָנהייב 17.00 אין קאָנצערט־זאַל פון דער געגנטלעכער פילהאַרמאָניע, 16.00 — אינעם לייענזאַל פון דער געגנטלעכער ביבליאָטעק.
די קאַסע אַרבעט פון 10 ביז 19 אַזייגער.

זיסי ווייצמאַן
לאָמיר אַלע

איבער גאָרער
בונטער וועלט
הענגט א הימלשער
געוועלב.
זעען אויס די שטערן
דאָרט,
פונקט ווי זעמדעלעך
פון גאָלד.
ווילסט, ווייסן דעם כעזשבן?
מיילע!
נעם און פרווו זיי
איבערציילן...

וואַקסן ביימער
אין דעם סאָד
און זיי שושקען זיך
בעסאָד
מיט די בלעטער —
גרינע צינגלעך,
פונקט ווי מיידעלעך
און יינגלעך.
ווילסט, ווייסן דעם כעזשבן?
מיילע!
נעם און פרווו זיי
איבערציילן...

איך און דו
און ער —
מיר אַלע
לאָמיר, קינדער,
פאַרן שאָלעם
האַנט בא האַנט
זיך שטעלן זיכער,
ווי א וואַנט —
שוואַרצע, ווײַסע,
רויטע, געלע...
נעם און פרווו אונדז
איבערציילן!

682200, שט. ביראָבידזשאַן, לעניג־גאַס, 34 „א“, טעלעפאָנען: 22־66־6, 16־69־6.

ביראָבידזשאַנ יאַמטעוודיקער.
געמעל פונ אַ. עסקינ.

צו קענטעניש די מיטגלידער פונעמ זשורנאַליסטנ־פאַרבאַנד פונ פססר

דעמ 11 דעקאַבער האַיאָר וועט אינעמ קאָנפערענצ־זאַל פונ דער רעדאַקציע פונ דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערנ" פאָרקומענ אַ באַריכט־אונ וואַל־פאַרזאַמלונג פונ דער געגנטלעכער זשורנאַליסטנ־אָרגאַניזאַציע.

אָנהייב 18 אַזייגער.

דער ביראָבידזשאַנער קולטור־פּאַלאַצ לאַדט איינ די ליבהאָבער פונ פאָלקס־לידער אינעמ פאָלקלאָר־אַנסאַמבל.

אינ דער פּראָגראַמ פונ די פאַרנעמונגענ פונעמ אַנסאַמבל — יידישע אונ רוסישע פאָלקס־לידער, פאָלקלאָר־לידער אונ טענצ פונ די פעלקער פונ אונדזער לאַנד.

טעג פונ די פאַרנעמונגענ פונעמ אַנסאַמבל: מאָנטיק — 19.30, שאַבעס — 15.30.

פראַטימ דורכנ טעלעפאָנ 6.62.80.

די ביראָבידזשאַנער ביוראָ פונ רייזעס אונ עקסקורסיעס

לייגט פאָר דורכמאַכנ רייזעס לויט די מאַרשרוטנ:

ביראָבידזשאַנ — קעשענעװ (5 טעג) — אָדעס (10 טעג) — קיעוו (5 טעג) — ביראָבידזשאַנ: 4—23 פעוראַל.

ביראָבידזשאַנ — לענינגראַד — ביראָבידזשאַנ: 20 פעוראַל — 1 מאַרס.

ביראָבידזשאַנ — יוזשנאָ־סאַכאַלינסק — ביראָבידזשאַנ: 8—10 מאַרס: 7—9 אַפּרעל.

ביראָבידזשאַנ — קאַלינינגראַד — טאַוראַגי — קלײַפּעדע — ביראָבידזשאַנ (איבער די שטעט פונ בײַבאַלטיק): 29 מאַרס — 13 אַפּרעל.

אַ קײַזישער אַוויאַמאַרשרוט איבער מיטלאַזיע — אַלמאַאַטאַ (3 טעג) — פרונזע — פערגאַנע — סאַמאַרקאַנד — דושאַנבע — אַשכאַבאַד — בוכאַרע — טאַשקענט (2 טעג) — אַלמאַ־אַטאַ: 2—18 אַפּרעל.

אַנ אַײַזנבאַנ־מאַרשרוט פונעמ טוריסטיש־עקסקורסיע צוג איבער פּאָלגנדיקע שטעט כאַבאַראָווסק — נאָוואָסיבירסק — אָמסק — סווערדלאָווסק — קאַזאַנ — גאָרקי — קאָסטראָמאַ — נאָווגאָראָד — פּסקאָוו (2 טעג) — ווילניוס — מינסק — ברעסט — לוואָוו — קיעוו — וואָלגאָגראַד (2 טעג) — כאַבאַראָווסק: 2—29 אַפּרעל. די רײַזע אינ קופּעוואַגאָנענ.

זיכ ווענדנ: 682200, ביראָבידזשאַנ, שאָלעמ־אַליכעמ, 1, צימער 5.

טעלעפאָנ 6*49*32.

עסט געזונטערהייט

מײַכאָלימ פונ דער יידישער קיכ

עסיק־פלייש

אָפ אײַנ פּאָרציע דאַרפ מענ פאָלגנדיקע פּראָדוקטנ:

רינדנ־פלייש — 167 גראַמ, באָלעכאָמפּעטס — 10 גראַמ, ציבעלעס — 25 גראַמ, טאָמאַט־פּאַסטע — 20 גראַמ, צוקער — 10 גראַמ, גאַרניר — 150 גראַמ.

די אָנגעשניטענע פּאָרציעס שטיקלעכ פלייש בראָט מענ אָרומ, מע גיט צו פעפער, אָנגעשניטענע קליינינקע שטיקלעכ ציבעלעס, טאָמאַט־פּאַסטע, מע באַגיסט מיט הייסער יויכ אָדער וואַסער אונ מע טושעט אָפ אַ שוואַכנ פײַער אַ שאָ צײַט. דערנאָכ גיט מענ צו צעדרויבלטע סוכאַרעס, עסיק, צוקער אונ מע זעצט פאָר טושענ ביז עס ווערט פאַרטיק דאָס פלייש. צומ סאָפ פונעמ טושענ לייגט מענ לאָרבער־בלעטער. בײַמ דערלאַנגענ דעמ געריכט באַגיסט מענ דאָס פלייש אונ דעמ גאַרניר מיט סאָוס.

גאַרניר: קאַשע, קאַרטאָפל, קירבעס, קאַבאַקלעכ, באָקלאַזשאַנעס, באָגאַסענע מיט פּעטס.

וו. פּאָכליאָפּקינ.

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור

ראַן, לייזער
(1909)

— קינסטלער. געבוירן אין שטעטל גריווע, לעטלאַנד, אין א מישפּאָכע פון האַנטווערקער. אין 1915 אריבערגעפּאָרן צוזאַמען מיט די עלטערן קיין פּאָלאָצק, ווײַסרוסלאַנד. נאָכן פאַרענדיקן די זיבניאָריקע שול געקומען קיין וויטעבסק, ווו זיך געלערנט אין דער אָרטיקער קונסט־סטודיע. אין די יאָרן 1932—1936 געאַרבעט אין ווײַסרוסישן מעלוכע־פאַרלאַג (מינסק), אילוסטרירט ביכער אָף רוסיש, ווײַסרוסיש, יידיש. בײַם דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע געלעבט אין מאָסקווע, געווען א קינסטלער אין צענט־ראַלן שטאַב פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג. פון 1944 — אין מינסק. זיך באַטייליקט אין פיל רעפּובליקאַנישע און אלפאַר־באַנדישע אויסשטעלונגען. צווישן די וויכטיקסטע אַרבעטן — „א ווײַספּוילישער פּאָגראָם אין 1919", „נײַס פון פּעטראָגראַד", „יאַקוב קאָלאַס הערט אָפּן מארק פּאָלקס־שאַפונג". עסטאַמפּן אָף דער טעמע „מינסקער געטאָ", „יידישע שרײַבער" (פּאָרטרעטן פון מענדעלע מויכער־ספאָרים. י.־ל. פּערעץ, שאָלעם־אַליײכעם, דאָוויד בערגעלסאָן, דער ניסטער, איזי כאַריק, שמועל האַלקין, איציק פעפער, פּערעץ מאַרקיש, ש. אַנסקי, מוישע־לייב האַלפּערן אאַ.). ראַן איז דער אויטאָר פון די סקולפּטורן אין בראָנזע „קלעזמאָרים אין געטאָ", „ביזן לעצטן אָטעם" („יאַנוש קאָרטשאַק"), א דענקמאָל די קינדער, וואָס זײַנען אומגעקומען אָף דער מילכאָמע. אייניקע זײַנע ווערק זײַנען געווען פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד". פיל געפינען זיך אין דער ווײַסרוסישער קונסט־גאַלעריי, אין פאַרשיידענע סאָוועטישע און אויסלענדישע מוזייען.

ווערק (אין „סאָוועטיש היימלאַנד"): קינסטלער לייזער ראַן. „מיט די קינדער ביזן לעצטן אָטעם" (צום 100־טן געבורטסטאָג פון יאַנוש קאָרטשאַק); פון דער סעריע „יידישע שרײַבער" (פּאָרטרעטן פון מענדעלע מויכער־ספאָרים, יִצכאָק־לייבוש פּערעץ, שאָלעם־אַליײכעם); פונעם אלבאָם „מינסקער געטאָ" („פייגל", „צו די פּאַרטיזאַנער", „הילף", „עס גייען די מערדער"). 197[illegible], נום. 1.

ראַפּאָפּאָרט, שלוימע
(1913—1980)

— פּעדאַגאָג, קולטור־טוער. געבוירן אין שטעטל אַסטראָוונע, וויטעבסקער געגנט. נאָכן ענדיקן די וויטעבסקער געגנטלעכע סאָוועטיש־פּאַרטייִשע שול, געאַרבעט אלס קולטור־טוער אין א ריי יידישע שטעטלעך פון ווײַסרוסלאַנד. אין 1928 פּאָרט ער אריבער קיין לענינגראַד, ווו ער איז א זאַוואָד־אַרבעטער. אין 1936 שיקט אים דער לענינגראַדער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי זיך לערנען קיין מאָסקווע אין דער שול פון פּראָפּאַגאַנדיסטן אָף יא. מ. סווערדלאָווס נאָמען. שפּעטער ווײַלט מען אים אויס אלס סעקרעטאַר פון קראַסנאָגוואַרדייסקער ראַיקאָם פון דער פּאַרטיי אין לענינגראַד. אין אָנהייב פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע פאַרענדיקט ער די מיליטער־פּאָליטישע אקאַדעמיע אָף וו. אי. לענינס נאָמען און נעמט אָנטייל אין די שלאַכטן. נאָך דער מילכאָמע ווערט ער אויסגעוויילט אלס סעקרעטאַר פון דעם וואָלכאָווער ראַיקאָם פון דער פּאַרטיי (לענינגראַדער געגנט). אונטערריכט אין לענינגראַדער הויכשולן פּאָליטעקאָנאָמיע. אין דער ליטעראַטור דעביוטירט מיט א ליד אין דער וויטעבסקער צײַטונג „שטערן" אין 1924. האַגאַם ער איז קיין פּראָפעסיאָנעלער דיכטער ניט געוואָרן, פאַרעפנטלעכט ער אין די 70־ער יאָרן א ריי לידער אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" און אין „ביראָבידזשאַנער שטערן".

ווערק (אין „סאָוועטיש היימלאַנד"): טרוימען, 1973, נום. 8; א בריוו און אַנד. לידער, 1972, נום. 1; א ליבע־מיניאַטיור, 1974, נום. 3; ס'דאַרף דער הימל זײַן ריין און אַנד. לידער, 1978; נום. 3.

ראַדאַק י.
(דאַטעס אומבאַוווּסט)

— פּעדאַגאָג, אויטאָר פון לערנביכער פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. געדרוקט אַרטיקלען איבער פראַגן פון פּעדאַגאָגיק אין א ריי פּעריאָדישע אויסגאַבעס און פּעדאַגאָגישע זאַמלביכער.

ווערק: (צוזאַמען מיט כ. לויצקער, מ. ג. געלבמאַן, א. האָלדעס, פ. שאַמעס) שפּראַך און ליטעראַטור. כאַרקאָוו, צענטרפאַרלאַג, 1931; (צוזאַמען מיט א. אַבטשוק, מ. מיזשיריצקי) ליטעראַטור. לערנבוך פאַרן 5־טן לערניאָר. כאַרקאָוו—קיִעוו, אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, 1932; (צוזאַמען מיט א. געלמאַן) שפּראַך. לערנבוך פאַרן 5־טן לערניאָר, דאָרט, 1932; די זעלבע, שפּראַך, לערנבוך פאַרן 6־טן לערניאָר, דאָרט, 1932; די זעלבע, גראַמאַטיק, ערשטער טייל: מאָרפאָלאָגיע. לערנבוך פאַר דער מיטלשול, 5־טער לערניאָר. דאָרט, 1933; די זעלבע, גראַמאַטיק, ערשטער טייל: מאָרפאָלאָגיע. 5־טער קלאַס. צווייטע אויסגעבעסערטע אופלאַגע. דאָרט, 1934; די זעלבע, גראַמאַטיק. צווייטער טייל: סינטאַקסיס. לערנבוך פאַר דער מיטלשול, 6־טער און 7־טער לערניאָר. דאָרט, 1933; די זעלבע, דער זעלבער לערנבוך, צווייטע אויסגעבעסערטע אופלאַגע. דאָרט, 1935; די זעלבע, פערטע אופלאַגע. דאָרט, 1936; ליטעראַטור אין פ.ז.ש. (אין זאַמלבוך „לערנאַרבעט אין שול". כאַרקאָוו—קיִעוו, אוקרנאַצמינדפאַרלאַג, 1933.

ДЛЯ ИЗУЧАЮЩИХ ИДИШ

Урок XXVIII

פאר די, וואָס לערנען ייִדיש

לימעד XXVIII

Содержание: I. Грамматика: Существительное и его определители.
II. Словообразование: суффиксы существительных.
III. Упражнения и тексты.

אינהאלט: **I. גראמאטיק: דער סובסטאנטיוו און זײַנע באשטימונגס־ווערטער.**
II. וואָרטבילדונג: סופיקסן פונעם סובסטאנ־טיוו.
III. איבונגען און טעקסטן.

§ 49. Наряду с глаголом самая большая, многочисленная часть речи в еврейском языке — **существительное** [«дэр субстантив»]. Существительное обозначает какой-либо **предмет, лицо или явление,** т. е. все то, к чему можно поставить вопрос «кто это?» или «что это?». Существительные могут обозначать живые существа (человек, птица), неодушевленные предметы (стол, дом), материалы и вещества (сукно, железо), качества (честность, храбрость), отвлеченные понятия (диалектика, истина), действия и состояния (работа, бег, сон) и т. п.

§ 50а. Наиболее общим и ярким признаком существительного в еврейском языке является наличие артикля: определенного [дэр, ди, дос, дэм], неопределенного [а] или [ан], отрицательного [кэйн], например:

1) **Сестра** пишет **отцу письмо.**
2) У меня **нет времени.**

1) די שוועסטער **שרײַבט** דעם טאטן א בריוו.
2) **איך האָב ניט** קיין צײַט.

Артикли произносятся в предложении без ударения.

§ 50б. Неопределенный артикль [а], [ан] исторически произошел от слова, означающего **«один»**, и употребляется **только с существительными в единственном числе.** Этот артикль означает «один из...», «какой-то», «какой-нибудь» и употребляется там, где речь идет об **одном** (любом) из ряда однородных предметов. Например:

Дай мне **карандаш!**

ג׳יב מיר א בל׳ײַער!

Говоря так, вы просите дать вам **какой-нибудь** карандаш, **один из** карандашей, **любой** карандаш.

Неопределенный артикль **не изменяется** ни по родам, ни по падежам. Он только признак **единственного числа** и придает существительному значение **неопределенности любого, одного из многих** однородных предметов.

Однако заметьте!

I. Слово [а] входит в состав устойчивых словосочетаний **[во́с фар а]** — «что за...», **[а сах]** — «много», **[а би́сл, а би́сэлэ] — «немного»,** «немножко», **[а по́р]** — «несколько», «пара», которые употребляются и с множественным числом существительных.

1) **Что за книги** читаешь?
2) Лучше **немного** (несколько, пару) хороших соседей, чем **много** плохих **родственников** (поговорка).

1) וואָס פאר א ב׳יכער **ל׳ייענסטו?**
2) **בעסער** א ביסל (א פּאָר) גוטע **שכ׳יינים, איי־דער** א סאך **שלעכטע** קר׳ויוים (**שפּריכוואָרט**).

II. П е р е д ч и с л и т е л ь н ы м и (больше одного) слова [а] имеет значение «около», «приблизительно», «примерно»:

Этот зал может вместить около пятисот зрителей.

דער דאָזיקער זאל **קאָן ארײַנעמען** א פינף הונ־דערט **צ׳ושויער.**

§ 50в. Определенный артикль произошел от слова, означающего «этот». Поэтому он употребляется преимущественно с названием предметов, о которых уже шла речь, и собеседник знает, о каком именно предмете идет речь.

«Дай мне карандаш!»

גיב מיר דעם בלײַער!

Говоря так, вы просите дать вам не любой карандаш, а именно «этот» (или «тот»), будучи уверены, что собеседник знает, о каком именно карандаше идет речь. (Например, вы показываете на карандаш, или — на столе только один карандаш и т. п.).

Определенный артикль употребляется в единственном и во множественном числе, причем в единственном числе имеет формы **[дэр, дос, дэм, ди]**. Во множественном же числе — во всех падежах **неизменяемую форму [ди]**.

З а м е т ь т е! Слова [дэр, ди, дос, дэм] употребляются не только в значении артикля, но и как местоимения со значением «он, она, оно, они», «этот, эта, это, эти», «тот, та, то, те». В этом значении они произносятся с **ударением**, а на письме выделяются знаком ударения или шрифтом, например:

(1) Вся публика разошлась:
(2) **этот** (один) сюда, а **тот** (другой) туда.

(1) **דער גאנצער עולם איז זיך צעגאנגען:**
(2) ד'ער **אה'ער און** ד'ער **אה'ין.**

Слово [дэр] в начале этого предложения — определенный артикль и отдельным словом на русский язык не переводится. Слово [дэр] во второй части — указательные местоимения «этот — тот»; ср. также:

дословно: (1) Ничего на свете я так не желал иметь, как ножик, собственный ножик, (2) (я хотел бы), чтобы ножик лежал в кармане, (3) и когда я захочу, (4) чтобы я **его** доставал оттуда, (5) и, что бы я ни захотел, (6) чтобы **он** мне резал (строгал)» (Шолом-Алейхем)

(1) **„קיין זאך אף דער וועלט האָב איך אזוי ניט געג'ארט צו ה'אָבן ווי... א מעסערל, אן אייגן מעסערל.** (2) **דאָס מעסערל זאָל ליגן אין קע־שענע,** (3) **און ווען איך וויל,** (4) **זאָל איך** דאָס **ארויסנעמען,** (5) **און וואָס איך וויל,** (6) **זאָל** דאָס **מיר שנײַדן"** **(שאָלעם־אליכעם).**

(7) **Эта** гора высокая, а **та** гора ниже.

(7) ד'ער **בארג איז א הויכער, און** י'ענער **בארג איז נידעריקער.**

§ 50г. Отрицательный артикль *[кэйн]* остается во всех числах и падежах без изменений.

1) У меня нет книги (ед. число)
2) У меня нет книг (мн. число)

1) **איך האָב ניט קיין בוך.**
2) **איך האָב ניט קיין ביכער.**

З а м е т ь т е! Слово [кэйн] перед названиями стран, городов, населенных пунктов имеет значение предлога «в» и отвечает на вопрос «куда?».

Он едет в Москву (во Францию, в Польшу).

ער פאָרט קיין מאָסקווע **(קיין פר'אנקרײַך, קיין פוילן)**

דאָצענט ש. סאנדלער

mas. A year earlier, a collection of his humorous tales and skits, "From Me To You", had been brought out in Kiev. M. Nadir died in 1943. Marking the birth centenary of this original writer, the magazine is publishing a number of his short stories.

A deep impression was made on contemporary Jewish literature by Alter Katsizne, prose writer, poet and playwright. He was born in Vilnius into a working-class family, lived and worked mainly in Warsaw, and was known for his progressive ideals, embodied in countless works. Very popular were his novel "The Strong and the Weak", the dramas "Prometheus", "Gurdus", "Shvartsbord" and others. He translated Alexander Blok's "The Twelve" into Yiddish, edited the progressive newspaper "Fraind" and published an original magazine "My Talking Film". A. Katsizne was killed in 1941 by the fascist executioners. "Sovietish Heimland" is publishing a short story by A. Katsizne.

We are introducing our readers to a cycle of short stories by the well-known Russian writer, Georgy Gulia, "What My Friends Told Me", with illustrations by N. Lisogorsky.

Our section "Literary Criticism" features an article by Doctor of Philology Zalman Libinzon of Gorky, "The Poetry of Courage and Pain", dedicated to the works of Soviet Jewish poets that were written during Great Patriotic War.

"Jewish war poetry," writes the author, "is, to use a metaphor, a stream running into the ocean of our multinational Soviet literature. This poetry can be summed up in the words that front-line poet Ezra Fininberg used to describe his own destiny:

"I have gone down in a living epic
As the most modest of lines. ."

Publicism in our issue is represented by a continuation of the article by Professor G. Bondarevsky of Moscow about S. Greeen's book, "The Choice is Made. Secret relations of the USA with militant Israel".

The issue ends with the regular features "Chronicle", "Material for a lexicon of Soviet Jewish Literature", "An Aid to those lerning Yiddish" and others.

Supplement:
Zalman Libinson. "The Fate of a Song"

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 6, June 1985

This year is notable for the 800th anniversary of the historic victory over the Polovtsi by the combined Russian army under Igor Svyatoslavovich, prince of Novgorod-Seversky. The event was recorded in a work of genius, "The Lay of Igor's Host," written by an unknown author, found 190 years ago by count Musin-Pushkin and published by him in 1800. It has been translated into many foreign languages. The well-known Jewish poet Aron Kushnirov translated it into Yiddish in 1938, and it is with his version that we are opening our June issue of "Sovietish Heimland".

June is the month when the Great Patriotic War began between the Soviet people and the German fascist invaders. Continuing the discussion, commenced in our May edition, of the fortieth anniversary of the victory over the enemy, we are printing a number of new items.

"Nine Days in May" is the title of a chronicle of the events that preceded the signing of the act of capitulation by Hitler's Germany in 1945. The publication has been prepared by Alexander Nemov of Moscow.

The feat of Guardsman Alexander Matrosov, who blocked the embrasure of an enemy pill-box with his body, was followed in the Great Patriotic War by over 330 soldiers in the Soviet Army. The story of four of them—Abram Levin, Tev'ye Raiz, Efim Belinsky and Iosif Bumagin— is told in an article by S. Verkhovsky of Moscow, member of the Commission of the Soviet Committee of War Veterans to Commemorate the Fallen.

We are publishing further chapters of the novel, "The Heirs", by Samuil Gordon of Moscow. The events in this part of the book take place mainly in the post-war period. The leading character, a construction engineer named Simon Freidin, continues the search for his sons who disappeared during the war and are the heirs of the Freidin family. The search for one of them is rewarded with success, but the fate of the others is still unknown.

Prose in the current issue is also represented by a selection of new short stories by Ikhil Shraibman of Kishinev.

Our poetry section contains verse cycles by Boris Mogilner and Lev Berinsky, both of Moscow.

Two memorable literary dates are noted in the current issue in honour of M. Nadir and A. Katsizne. Moishe Nadir (the literary pseudonym of Itskhok Raiz) was born in 1885 in Naraevo, East Galicia. At the age of 15 he and his parents emigrated to the USA, where he soon began to publish verse, humorous pieces, skits, satirical playlets and pamphlets. A communist writer, he spent many years working for the progressive Jewish press. In 1928 a six-volume edition of his works was brought out —short stories, novellas, verse, long poems and dra-

сценки, памфлеты. Писатель-коммунист, он долгие годы сотрудничает в прогрессивной европейской прессе. В 1928 году выходит в Нью-Йорке шеститомное собрание его сочинений — рассказы, новеллы, стихи, поэмы, драмы. Годом раньше в Киеве был выпущен сборник его юмористических рассказов и фельетонов «От меня — к тебе». Умер М. Надир в 1943 году. Отмечая 100-летие со дня рождения этого самобытного писателя, журнал публикует ряд его рассказов.

Глубокий след в современной еврейской литературе оставил прозаик, поэт и драматург Алтэр Кацизне. Родился он в Вильнюсе в рабочей семье, жил и творил главным образом в Варшаве, известен своими прогрессивными идеями, воплощенными в многочисленных произведениях. Большую популярность имели его роман «Сильные и слабые», драмы «Прометей», «Гурдус», «Шварцборд» и др. Он перевел на еврейский язык «Двенадцать» А. Блока, редактировал прогрессивную газету «Фрайнд», издавал оригинальный журнал «Мой говорящий фильм». Погиб А. Кацизне в 1941 году от рук фашистских палачей. «Советиш геймланд» публикует рассказ А. Кацизне.

Журнал знакомит читателей с циклом новелл известного русского писателя Георгия Гулиа «Что рассказали мои друзья» (рисунки художника Н. Лисогорского).

В рубрике «Литературная критика» печатается статья доктора филологических наук Залмана Либинзона (г. Горький) «Поэзия мужества и боли», посвященная произведениям советских еврейских поэтов, написанным в годы Великой Отечественной войны.

«Еврейская военная поэзия, — пишет автор, — является, образно говоря, ручейком, влившимся в океан многонациональной советской литературы. Об этой поэзии можно сказать словами, которые поэт-фронтовик Эзра Фининберг посвятил собственной судьбе:

«В живую эпопею
Входил и я скромнейшею из строк...»

Публицистика в номере представлена продолжением статьи проф. Г. Бондаревского (Москва) о книге С. Грина «Выбор сделан. Секретные отношения США с воинствующим Израилем».

Номер завершается традиционными рубриками «Хроника», «Материалы для лексикона советской еврейской литературы», «В помощь изучающим идиш» и др.

Приложение к номеру:
Залман Либинзон. «Судьба песни»

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 6, июнь, 1985

В нынешнем году исполняется 800 лет со дня исторической битвы объединенного русского войска под водительством новгород-северского князя Игоря Святославовича с половцами, отображенной в гениальном эпосе «Слово о полку Игореве». Написанное неизвестным автором, это произведение древнерусской литературы было найдено 190 лет назад графом Мусиным-Пушкиным и опубликовано им в 1800 году. Оно переведено на десятки языков мира. Известный еврейский поэт Арон Кушниров напечатал свой перевод на идиш в 1938 году.

Публикацией «Слова о полку Игореве» в переводе А. Кушнирова открывается июньская книжка «Советиш геймланд».

Июнь — месяц, когда началась Великая Отечественная война советского народа против немецко-фашистских захватчиков. Продолжая разговор о сорокалетии победы над врагом, начатый в майской книжке, журнал печатает новые публицистические материалы.

«Девять дней в мае» — так называется хроника событий, предшествовавших подписанию акта капитуляции гитлеровской Германии в 1945 году. Публикация подготовлена Александром Немовым (Москва).

Подвиг гвардии рядового Александра Матросова, закрывшего своим телом амбразуру вражеского дзота, повторили во время Великой Отечественной войны более 330 воинов Советской Армии. О четырех из них — Абраме Левине, Тевье Райзе, Ефиме Белинском и Иосифе Бумагине — рассказывается в очерке члена комиссии Советского комитета ветеранов войны по увековечиванию памяти погибших воинов С. Верховского (Москва).

В номере публикуются дальнейшие главы романа Самуила Гордона (Москва) «Наследники». События в этой части романа относятся в основном к послевоенному периоду. Главный герой, инженер-строитель Симон Фрейдин, продолжает поиски своих пропавших в годы войны сыновей, наследников рода Фрейдиных. Поиски одного из них увенчались успехом, судьба других пока еще неизвестна.

Проза номера представлена также подборкой новых рассказов Ихила Шрайбмана (Кишинев).

В поэтической рубрике печатаются циклы стихов Бориса Могильнера и Льва Беринского (Москва).

Две памятные литературные даты отмечаются в номере: М. Надира и А. Кацизне. Мойше Надир (литературный псевдоним Ицхока Райза) родился в 1885 году в Нараеве, Восточной Галиции. В возрасте 15 лет он переезжает вместе с родителями в США, где вскоре начинает печатать стихи, юморески, фельетоны, сатирические

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал
На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, А. Тверской, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 923-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан
Корректор Х. Островский

Сдано в набор 29.03.1985 г. Подписано к печати 18.05.1985 г. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 932.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1985 г.

Цена 70 коп.
70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

Слово о полку Игореве (к 800-летию гениального русского эпоса).
По следам событий. А. Немов. Девять дней в мае. С. Верховский. Бессмертие.
С. Гордон. Наследники (роман, продолжение).
И. Шрайбман. «Узбекистан-42» (из новой книги).
Стихи Б. Могильнера, Л. Беринского.
Новые переводы. Г. Гулиа. Из рассказов моих друзей.
Памятные литературные даты. М. Надир, А. Кацизне (к столетию со дня рождения).
Литературная критика. З. Либинзон. Поэзия мужества.
Публицистика. Г. Бондаревский. Правда о тайных связях США с воинствующим Израилем (статья, продолжение).
Материалы для лексикона советской еврейской литературы.
В помощь изучающим идиш.
Резюме на русском и английском языках.

1985

№ 6